סאָוועטיש היימלאנד

1

1966

אין נומ. 2 פון אונדזער זשורנאל וועלן זיַין געדרוקט:

■

יעכיעל פאַליקמאַנס נײַע גרעסערע דערציילונג „מײַגלעקלעך״.
דער צווייטער טייל פון הירש דאַבינס ראָמאַן „דער קויעך פון לעבן״
(דער ערשטער טייל איז געווען געדרוקט אין די נומ. 2 און 3 פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ פאַרן 1963 יאָר).
טעוויע גענס „דערציילונג פון דער קינדהייט״.

■

אין נומ. 11 „סאָוועטיש היימלאַנד״ פאַרן 1965 האָבן מיר שוין מיטגעטיילט, אַז אין טשערנאָוויץ און קעשענעוו זײַנען פאָרגעקומען באַגעגענישן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ מיט די לייענער. אין נומ. 2 וועט איר געפינען אַ בעאַריכעסדיקן באַריכט וועגן דער באַגעגעניש אין טשערנאָוויץ.

■

אין דעם נומער איז ברייט פאָרגעשטעלט דער אָפּטייל „טריבונע פון לעבן״:
שמועל גאָרדאָנס פאַרצייכענונג „שטעטלעך״ (רײַזע־בילדער), נאָכעם אײַזמאַנס פאַרצייכענונג „פרײַנטשאַפט״ (וועגן ביראָבידזשאַן), די פאַרצייכענונג „דאָס איז געשען אין טאַגאַנראָג״ (וועגן די יאָרן פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע, וועגן דעם העלדנמוט פון סאָוועטישע מענטשן; דער אַווטאָר פון דער פאַרצייכענונג דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד הענריך האָפמאַן איז בייס דער מילכאָמע געווען אַ מיליטערישער פליִער).

■

אין אָפּטייל פון פּאָעזיע זײַנען אָפּגעדרוקט לידער פון די דיכטער מייער כאַראַץ, יאָסל לערנער, עפראַיִם רויטמאַן, מאָטל טאַלאַליעווסקי, פּיניע קיריטשאַנסקי, ליובע וואַסערמאַן, אווראָם קאַצעוו.

■

אין אָפּטייל „ליטעראַטור און קונסט״ וועט איר געפינען כאַיִם ליויצקערס אַ גרעסער אַרטיקל וועגן איציק קיפּניסעס שאַפן, מאַטעריאַלן צום שאָלעם־אַליי‌כעם־יאָר (יאַנקל יאַקיר — „שאָלעם־אַלייכעם אין מאָלדאַוויע״), ז. וועַנדראָפס רעפליקע „וועגן הײַנטצײַטיקײַט און אַלטצײַטיקײַט״ און אַנדערע.

■

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פון פּסס״ר

זעקסטער יאָרגאַנג

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

יאַנוואַר

1

1966

אינהאַלט

זײַט

נײַ־יאָר־באַגריסונג 3

שײַע שקאַראָווסקי. אַדעס (ראָמאַן). צייכענונגען פון ה. אינגער 4

אונדזערע געסט — ייִדישע דיכטער פון אַרגענטינע. יאָסל גאָלדבערג. אונדזער טאָג. עסטער רימער. לעבן. — ראַיווינעס. — ליבע. — געווייס. — די בין. ראָכל מינצעס. וואָס ווערסטו זײַן, אַז דו וועסט זײַן גרויס?.. — פּערל־שנירלעך. — ניט צעשטערט דאָס פּראָסטע גליק... — אויף אַרגענטינער ערד 81

שירע גאָרשמאַן. ניט ווײַט פון דער בויונג (דערציילונג) . . 86

וולאַדימיר דאַנקאָ. א בינטל לידער 99

מאָטל גרוביאַן. גאַנצפּרי. — א פאַרמעקטע ליד. — דאָס אַנטלאָפענע ייִנגל. — טאָג. — דאָס געטאָ־קינד. — מײַן לעמאָנע. — א ליד. — ווען כ'בין אַן אָדלער. — פון אַלע נאַשערײַען. — אין א הייסן טאָג (לידער) 102

רעפאָעל גאָלדענבערג. אין זעקסטן „א" (דערציילונגען) 106

אַבראַם גאָנטאַר. א זעונג. — א געמעל. — נאָך א רעגן. — לופטשלעסער. — אַפּסנײַ. — „אין שאָטן פון ווייִעס באַהאַלט זיך דאָס אויג..." — „אַזוי איז אײַנגעשטעלט..." — אויף דער טולפּאַנען־גאַס. — איך האָב ניט מוירע פאַרן טויט (לידער) 110

טריבונע פון לעבן

הערשל פּאָליאַנקער. אין וועג (פאַרצייכענונגען) 114

ליטעראַטור און קונסט

הערש רעמעניק. נאָטע לוריע (נאָטיצן צו זײַן זעכציקסטן געבורטסטאָג) 125

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 130

50־טער יאָרצײַט פון שאָלעם־אַליינעמען

כאַים רײַזע. שאָלעם־אַליינעמס אַפאָריסטיק 133

בריוו פון שאָלעם־אַליינעמען. צוגעגרייט און קאָמענטירט — כ. נאַדעל 141

אַבע פינקעלשטיין. ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער אין די יאָרן 1955—1964 149

יורי דמיטריִעוו. מיט דער מאָס פון גערעכטיקייט . . . 157

כראָניק 109, 159

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אַשעראָוויטש, אי. באַרוכאָוויטש, א. גאָנטאַר, מ. טייף, נאָטע לוריע, מ. לעוו (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), ב. מילער, י. פאַליקמאַן, ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

העֶן אַף פאַרשיידענע לעשוינעס קלינגען ווינטשעוואַניעס אין דער אומבײַט־שאַ צווישן דעקאַבער און יאַנוואַר, הערט זיך אויך צווישן זיי אונדזער נײַ־יאָר־ווונטש.

ווי עס פירט זיך, אַז עס גייט אַוועק נאָך אַ יאָר, שאַצט מען אָפּ ניט נאָר דאָס אָנגעזאַמלטע און דערגרייכטע אין דער ווירטשאַפט, נאָר אויך דאָס געשאַפענע אין דער קונסט, אין דער ליטעראַטור. איז טאַקע פריידיק, וואָס צום פילנאַציאָנאַלן סאָוועטישן ליטעראַטור־סאַכאַקל טראָגן מיר הײַנט צו דעם באַשיידענעם, אָבער וואָגיקן צושטײַער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דאָס 1966 וועט זײַן דער ערעוו פון דער גרויסער דאַטע — 50 יאָר אָקטיאַבער, — וואָס דאָס סאָוועטישע פאָלק, די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהײַט וועט אָפּמערקן מיט אַ געפיל פון שטאָלץ פאַרן XX יאָר־הונדערט, וועלכער האָט אין ווי און מוט געשאַפן די סאָציאַליסטישע ציוויליזאַציע: דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, די יונג־באַנײַטע וועלט פון סאָציאַליסטישע און פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער.

פאַר דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, גלייבן מיר, וועט דאָס דאָזיקע ערעוו־יאָר זײַן אַ יאָר פון נײַע שעפערישע גרעפּטעמעניש־ן און, נאַטירלעך, אַ יאָר פון נאָך גרעסערע אויפגאַבן. דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און זײַנע פילצאָליקע אַוטאָרן ווילן טאָן אַלץ, קעדיי איר, טײַערע לייענער אונדזערע, זאָלט באַקומען ווערק, וואָס וועלן דערציילן סײַ וועגן דעם דורכגעגאַנגענעם וועג, סײַ וועגן די ראַכוועסן, וואָס אונדזער לעבן שפּרייט פאַר אונדז.

מיר ווינטשן אײַך פרייד און גליק אין דעם נײַעם 1966 יאָר.

אַ גוטן נײַ־יאָר אײַך,
טײַערע לייענער פון
„סאָוועטיש היימלאַנד"!



שײַע שקאַראָװסקי

אָדעס

צװישן די װערק, װאָס „סאָװעטיש הײמלאַנד“ פּובליקירט צום 50־טן יאָרטאָג פון דער גרױסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעװאָלוציע, װעט זיכער פאַרנעמען זײַן װירדיק אָרט שײַע שקאַראָװסקיס ראָמאַן „אָדעס“. דער ערשטער בוך פון דער דאָזיקער טרילאָגיע איז דערשינען אין 1938, דער צװײטער — אין 1940, דער דריטער בוך, װאָס האָט זיך געדרוקט האַרט פאַר דער מילכאָמע, איז צום לײענער, לײדער, ניט דערגאַנגען. ס'האָט זיך אָבער פאַרהיט אין קסאַװיאַד אַ װאַריאַנט, װעלכן מיר פאַרעפנטלעכן דאָ. מיר האַלטן דערבײַ פאַר מעגלעך ניט איבערדערצײלן דעם סיפּער־האַמײַסע פון די ערשטע צװײ ביכער. דערמיט װילן מיר באַטאָנען דעם זעלבשטענדיקן װערט און די סוזשעטישע גאַנצקײַט פון דעם שלוס־טײל, װאָס שילדערט די באָלשעװיסטישע אונטערערד אין די ערשטע יאָרן פון עם בירגערקריג, װען אָדעס איז אַ צײַט געװען אין די הענט פון די דעניקינצעס.

דער אױטאָר פון „אָדעס“ שײַע שקאַראָװסקי איז געבױרן געװאָרן דעם 26 סעפּטיאַבער 1891 אין בעלאָצערקאָװ אין דער מישפּאָכע פון אַ ייִדישן לערער. אין משך פון פיל יאָרן איז ער געװען אַן אַקטיװער מיטאַרבעטער פון דער סאָװעטישער פּעריאָדישער פּרעסע אין ייִדיש, רוסיש און אוקראַיִניש, װוּ ער האָט פאַרעפנטלעכט סײַ אַ רײ קינסטלערישע װערק, סײַ אױך אַ גרױסע צאָל געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און ליטעראַרישע אַרטיקלען אונטער די פּסעװדאָנימען אישין, ש. הירש, שיראָקי אאַ.

אין 1921 איז דערשינען ש. שקאַראָװסקיס ערשטע זאַמלונג דערצײלונגען „רעגעס“, דערנאָך קומען די ביכער „מעראַן“, „אין שניט פון צײַטן“, „נאַכעס פון קינדער“, די צװײ דערמאָנטע ביכער פון דער טרילאָגיע „אָדעס“, אַ זאַמלונג אַרטיקלען „קריטיק“ און פיל אַנדערע.

געשטאָרבן איז שײַע שקאַראָװסקי דעם 23 מײַ 1945.

דער „ליפּט“ אַרבעט

דרײַ מעסלעס נאָכאַנאַנד איז געגאַנגען אַ גוסרעגן. אויפן קויאַלניק[1] זײַנען די ליימענע ברעגן צעשווענקט געוואָרן, די דיקטענע בײַדלעך באַם ברעג זײַנען טיף פאַרקראָכן אין גרונט, און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַ טשאַטע שוואַרצע ראָבן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. די כמאַרע, וואָס האָט פאַרצויגן דעם הימל, איז געווען געדיכט, פּונקט ווי אין טיפן האַרבסט, און פונעם פאַרנעפּלטן יאַם האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט.

נאָר געווען איז ערשט אָנהייב סענטיאַבער. אַלע האָבן דאָ, אויפן קויאַלניק, געוווסט, אַז אין שטאָט, שוין פונעם פּערעסיפּ[2] אָן, איז דער הימל נאָך אַלץ אַ בורשטין-לויטערער און ס'שטייען דאָרט ליכטיקע און זוניקע טעג. פון אָט דעם באַוווסטזײַן איז באַ אַלעמען געווען אָנגעזאָלעט אויפן האַרצן, און ס'האָט מער ווי געוויינלעך געיִבלט פונעם טערפּקן און זויערן רייעך פון די קויאַלניקער הייל־גריבער, וואָס האָבן איצט אויסגעזען מאָרעשכוירעדיק־פאַרלאָזט.

איבער דער צערונענער בלאָטע האָט איינזאַם אַרומגעשליאָמפּערט אין אַ פאַרשמאָלצעווען רעגנמאַנטל און אין טיפע קאַלאָשן דער באַקאַנטער קויאַלניקער טאָטער אַבדול. ער האָט צוליב היימלעכקײַט אונטערגעזונגען אין דער הייך די טפילעס, וואָס ער פלעגט געוויינלעך שעפּטשען אין דער שטיל, שעפּנדיק די הייל־בלאָטע פון די גריבער. ווי נאָר די דעניקינצעס האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט, איז אַבדול אַרויסגעקראָכן פון זײַן בײַדל און, פרום פינטלענדיק מיט די אויגן, זיך אַרויסגעשטעלט באַם ברעג. דער טאָטער האָט זיך אומגעקערט צו זײַן אַלטער פּראָפעסיע, וואָס איז מיטאַמאָל באָטל געוואָרן באַ דער הערשאַפט פון די באָלשעוויקעס: ער האָט ווידער גענומען אָפּשפּרעכן די בלאָטע פונעם לימאַן.

אין מעשעך פון די דרײַ מעסלעס, וואָס דער רעגן האָט געגאָסן, איז אויפן קויאַלניקער לימאַן ניט געווען קיין איין באַלן זיך לאָזן אין שטאָט אַרײַן. די נידעריקע הײַזקעס מיט די פאַרהאַנגענע פענצטער האָבן זיך ווי אײַנגעאַקשנט:

„מאַלע וואָס אין שטאָט איז טרוקן און זוניק. ביז דער רעגן וועט ניט אויפהערן, לאָזן מיר פונדאַנען קיין איין פאַרשוין ניט אַרויס“.

דער קויאַלניק איז אויסגעשטאָרבן. אויפן באַרג, קעגנאיבער דעם יאַם, האָט די אָקאָרשט אָפּגעפאַרבטע שילד פון דעם אָפּסנײַ געעפנטן פּריוואַטן פּאַנסיאָנאַט „יוזשנאַיאַ פּאַלמיראַ“[3] גע־

[1] אַ פאָרשטאָט אין אָדעס; [2] אַ שטאָט־ראַיאָן; [3] דאָרעם־פּאַלמירע.

טריפט מיט מוטנע טרערן פון די אראָפּגעשווענקטע קאָלירנדיקע בוכשטאַבן. דער טאַטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, דעם קאָפּ פאַריסן אין דער הייך, באַטראַכט די שילד, ווי דאָס וואָלט געווען אַ לעבעדיקער מענטש, וואָס האָט זיך אַפּן בארג פאַרקליבן און ביטער געוויינט. דער טאַטער האָט פרום געשאָקלט מיטן קאָפּ, געקוקט אַף דער שילד, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועט אויך ער, דער דאָזיקער יאַדערדיקער פאַרשוין מיט דעם ווײַבערשן אויסזען און מיט די שיטערע קנאָבל־הערעלעך אַפּן געזיכט, טייקעף אָנהייבן ביטער צו וויינען.

פונעם לימאַן האָט זיך פּלוצעם דערטראָגן עמעצנס אַ נאָגנדיק־צעצויגן קאָל:

— בייגל, פרישע בייגל!

דער טאַטער האָט זיך אָפּגעקערט פונעם בארג און, טיאָפּקענדיק מיט די קאַלאָשן איבער דער ליים, זיך געלאָזט אהין, פונוואַנען ער האָט דאָס קאָל דערהערט. ס'איז אים אַנטקעגן גע־גאַנגען אַ נידעריקער באָכער מיט אַ פאַרשמאַכט און אומרויִק פּאָנעם. דער באָכער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אראָפּגענומען פונעם קויש, וואָס ער האָט געטראָגן אַף דער האַנט, דעם נאַסן זאַק. דער טאַטער האָט, סלינענדיק, גענומען איבערטאַפּן מיט די פינגער די בייגל און אויסגע־קליבן איינעם. ס'האָט אים האַנאַע געטאָן, וואָס דער בייגל איז טרוקן און ווירקלעך פריש. האָט ער געקלאַפּט דעם באָכער איבער דער פּלייצע, און ווען יענער איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, האָט ער, ווי דערמאָנענדיק זיך אין עפּעס, אים נאָכגעשריִען:

— זאָג נאָר, גאָלובטשיק[1], אין אָדעס איז טרוקן?

ניט אויסקערעווענדיק זיך, האָט דער באָכער באַשטעטיקט:

— יאָ, טרוקן...

דער טאַטער האָט אַ ביס געטאָן דעם בייגל און, סלינענדיק, ווײַטער געפרעגט באַם אוועק־גייענדיקן באָכער:

— און די דעניקינצעס שטעלן ווירקלעך אײַן אָן אָרדענונג אין אָדעס?

— ווירקלעך, — האָט ווידער באַשטעטיקט דער באָכער, עטוואָס אונטערגעהויבן דעם קויש און שמײַדיק אוועק איבער דער בלאָטע, עגבערנדיק די שטילקײַט פונעם קוואַלניק מיט זײַן נאָגנ־דיקער שטים:

— בייגל! פרישע בייגל!

פונעם ערשטן טאָג האָבן אין די מעבלירטע צימערן „ניל" זיך באַזעצט אַ סאַך פּערעסיפּער באַלמעלאָכעס, וואָס זײַנען אהער געקומען אַפּן סעזאָן צו באַדינען די קוראָרטניקעס. אייניקע פון זיי האָבן איצט באַשטימט איבערצוזײַן דאָ דעם ווינטער. ווער ווייסט, וואָס עס קאָן נאָך פּאַרקומען אין אָדעס, אַז די מאַכט בײַט זיך אַזוי אָפט, אַזוי פּלוצעמדיק און איבעראַשנדיק.

ערשט נעכטן, דאַכט זיך, איז מען געווען מיטגלידער פון פּראָפּאַריין, באַזוכט אין „קאַרטאָ" די מיטינגען. דאַכט זיך, אַז ס'קלינגען נאָך אין די אויערן דעם זיידן טימאָפּייס ווערטער:

— אינגיכן וועט דער פּראָלעטאַריאַט פון גאָר דער וועלט אראָפּוואַרפן פון זיך די קייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער קנעכטשאַפט...

ערשט נעכטן, דאַכט זיך... און איצט הערשט אינעם היימישן פּערעסיפּ אַ מוירע, וואָס באַגלייט, ווי אַ שאָטן. איז מען אַנטלאָפן פון דער מוירע, פונעם הונגער־געשפּענסט אהער, אַפן קויאַלניק. די בורזשויען וועלן דאָך איצטער, באַ דעניקינען, זיך אַ לאָז טאָן אהער, אַפן קויאַלניק, פאַרנעמען די פרײַגעוואָרענע דאַטשעס, וועט זײַן באַ וואָס פאַרדינען און אליין וועסטו זײַן ווײַט פון די איימעדיקע פּײַפערײַען, וואָס טראָגן זיך איבערן פּערעסיפּ, ווי בייזע, שטעכיקע ווינטן.

מע האָט זיך באַזעצט צו עטלעכע מישפּאָכעס אין אַ צימערל און די טירן באַם אַרײַנגאַנג אין „ניל" באַקלעפּט און באַשלאָגן מיט מעלדונגען און שילדלעך פון שוסטערס, בלעכערס, נייטערקעס, מאַסאַזשיסטקעס, זייגערמאַכערס. אין לאַנגן פינצטערלעכן קאָרידאָר איז געשטאַנען אַ ווילדער הו־האַ, אַ פאַרטישקעוועט געוויין פון קינדער.

יאַסקע איז אַרוף אַף די טרעפּ פון „ניל" און אָפּגיך אַ נישטער געטאָן מיט די אויגן צווישן די שילדלעך. נייטערקעס, וואָס נעמען אָן אַרבעט, וווינען דאָ אַ היפש ביסל. בלײַבט אים נאָר צו פאַרגעדענקען די נומערן פון זייערע צימערן און אָנקלאַפּן אין יעדן צימער, וועט ער שוין בע־מײַלע צו זיי אויך טרעפן, צו דערווערעלען מיט ליובען.

וואָס קאָן דאָ אויסזען ניט נאַטירלעך? אַ קליין, שמאָל צימערל, אַ בעטל באַ דער וואַנט, אַפּן טישל אַ שפּיגעלע, און באַ דער צווייטער וואַנט זינגערס אַ ניי־מאַשין. צוויי מיידלעך — נייטער־

[1] בוכשטעבלעך: טײַבעלע, דאָ — טײַערער.

קעס האָבן זיך דאָ באַזעצט און וואַרטן אַף באַשטעלונגען. אין דער נאָדל האָט מען דורכגעסילעוועט א ווײַסן פּאָדעם, אוועקגעלייגט לעבן דער מאַשין אַן אַלטן צעפּליקטן מאָדע־זשורנאַל, און ווער עס וויל, זאָל אַרײַנקומען אהער, נעמען אין די הענט דעם זשורנאַל און באַטראַכטן די שטאַלטנע פּאַריזשער פּרויען, די אויסגעפּוצטע מאַנעקענען.

יעדן טאָג קויפן די מיידלעך דעם „יוזשני ראַבאָטשי"[1], וואָס האָט בא די דעניקינצעס ווידער אָנגעהויבן דערשײַנען. הײַנט האָבן זיי שוין דאָרט איבערגעלייענט די לעצטע נײַס וועגן דעם, אַז:

„...דער דעלעגאַט פון דער ליוצערנער סאָציִאַליסטישער קאָנפערענץ, דער אַמעריקאַנער סאָציִאַליסט דזשאָן קעלי האָט מענאַדעוו געוועזן הונדערט טויזנט רובל לעטויוועס דעם קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן „פאַראַטן די געבאָטן פון מאַרקסן".

די מיידלעך קוקן זיך איבער, ווי זיי זאָלן פרעגן איינע בא דער צווייטער:

„אָבער לאַכן מעג מען?" — און ווי זיי זאָלן ביידע גלײַך באַשטימען: „דאָס יאָ, לאַכן מעג מען, אַדעראַבע, — דאָס וועט בא קיינעם קיין שום כשאַד ניט אַרויסרופן", — צעלאַכן זיי זיך הויך און געשמאַק.

דווירעלע רוקט זיך צו צו ליובען און זאָגט איר:

— ווי הייסט ער דאָרט, דער אַמעריקאַנער „סאָציִאַליסט"? דזשאָן קעלי? מע וואָלט באַדאַרפט פרעגן בא רינגערן, צי האָט ער מיט אים ווען־ס'ניט־איז זיך געטראָפן.

אין דרויסן גייט נאָך אַלץ דער רעגן. בא דער שוועל שטייט אַן עמער מיט וואַרעמער רעגן־וואַסער. ליובע גיסט אַרײַן די וואַסער אין שיסל און נעמט זיך וואַשן דעם קאָפּ. זי צעפּלעכט די צעפּ אירע, און בא דער שלאַבעריקער שײַן ווײַזט זיך איר אויס, אַז זיי זײַנען טינקעלער געוואָרן.

— מיר ווײַזט זיך אויס, — זאָגט ליובע, — אַז מיר וווינען שוין דאָ א סאַך יאָרן.

דווירעלע הייבט זיך אוף פונעם אָרט, גייט צו צו ליובען און זאָגט איר שטיל, ווי זי זאָל זי אין עפּעס פאַרזיכערן:

— אַזוי איז עס טאַקע. מיר וווינען שוין דאָ א היפּש ביסל יאָרן. נו, א יאָר צוויי, דרײַ. אַלע יאָר קומען מיר זומער־צײַט אַפן קויאַלניק און נייען קליידער פאַר די דאַמען. אַזעלכע, ווי מיר, אין אונדזער לאַגע, דאַרפן איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אײַנכאַזערן, אַז דאָס, וואָס מיר זײַנען איצט, זײַנען מיר שטענדיק געווען...

דווירעלע ווערט באַגײַסטערט, ווען זי הייבט אָן אינסטרוקטירן ליובען, וויִאַזוי עס דאַרפן זיך פירן און האַלטן מיידלעך פון באָלשעוויסטישן אונטערערד. עמעס, לעצטנס דערווידערט ליובע קעגן איר טאָן, א טאָן פון א דערציִערן.

דאָס פענצטער פונעם צימערל גייט אַרויס אין א ברודנעם הויף. און אַז מע עפנט עס אוף, איז ניט איבערצוטראָגן דעם פאַרדומפּטן, זויערלעכן רייעך פון די לימאַנער בלאָטעס. אַרומבלאָנקען אין דרויסן איז אויך ניט קיין זאַך. פונקט קעגן „ניל" דרייט זיך אַרום א דעניקינישער פּאַטרול. ביז אָט די רעגנס פלעגן נאָך דווירעלע מיט ליובען זיך ווען־ניט־איז באַטאָג אַרויסכאַפּן אין דרויסן, אַף די פענצטער פלעגן זיי אַרופציִען געדיכטע ווײַסע וואָלן. ס'האָט געהייסן: „אין סענטיאַבער איז נאָך די זון אין אָדעס שטאַרק הויך, און מיידלעך היטן זיך פאַר זומער־שפּרענקעלעך". אין קאָרידאָר האָבן זיי ביידע א צונעמעניש געקראָגן „די פאַרשלייערטע קאַלעס".

אין דעם טאָג, ווען זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן אַפן קויאַלניק, איז צו זיי געקומען נעכאַמע פונעם פּערעסיפּ. זי האָט גלײַך געמאָלדן:

— דעם „ליפּט" וועט איר האַלטן דורך מיר. איך וועל צו אײַך אַפן קויאַלניק אויך טרעפן...

איז שוין באַלד דרײַ וואָכן אַוועק, און דער „ליפּט" אַרבעט ניט. די צײַטונגען זײַנען פול מיט מיטיילונגען וועגן אַרעסטירטע, דערשאָסענע, געהאַרגעטע, און זיי, ביידע מיידלעך, זײַנען אָפּגעריסן פון די כאַווירים. נעכאַמע קומט ניט אַרײַן, קיין באַשטעלונגען האָבן זיי ניט, זיי זײַנען ווי אַף אַן אינדזל. דווירעלע שטעקט אַרײַן אין דער מאַשין א שטיקל צײַג, דרייט מיט דער האַנט די ראָד. זי זאָגט:

— זאָל זי קלאַפּן, די מאַשין, זאָל מען מיינען דאָ, אין „ניל", אַז באַשטעלונגען פעלן אונדז ניט...

אַפן האַרצן איז טרויעריק. ליובען האָט זיך שוין אַפילע געכאַלעמט, אַז נעכאַמען האָט מען אַרעסטירט, אַז מע האָט זי געפירט באַנאַכט פון פּערעסיפּ צו דער טשומקע, אַז מע האָט זי דאָרט אין טורמע פאַרפּײַניקט. דווירעלען האָט זי וועגן דעם ניט דערציילט. זי האָט געוואָלט זיך

---

[1] „דער אַרבעטער פון דאָרעם" — א נאָמען פון א צײַטונג.

ארויסגאַנוועגן פון דער כאַווערטע און אוועק צו נעכאַמען אַפן פּערעסיפּ. האָט אָבער דווירעלע, ווי אַנשטויסנדיק זיך, זי געוואָרנט:

— ס'איז אוואַדע אַ שווערער אויספּרווו פאַר אונדז ביידע, נאָר אַליין טאָרן מיר זיך ניט לאָזן צו נעכאַמען. ס'קאָן ניט זײַן, אַז דער „ליפּט" זאָל אַזוי לאַנג ניט אַרבעטן.

■

אין קאָרידאָר האָט זיך צעטראָגן אַ נאָגנדיקער ניגון:

— בייגל, פרישע בייגל!

אַז יאָסקע איז אַרײַנגעגאַנגען צו די מיידלעך אין צימער, האָט געקלאַפּט די ניי־מאַשין. ער האָט הינטער זיך צוגעמאַכט די טיר און זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער שוועל. ליובע האָט אַ פאַר־גאַפטע געקוקט אויף אים, באַוווּנדערט ניט אַזוי זײַן אומגעריכטן וויזיט, ווי די מאָדנע אויסגע־רעכנטקייט פון יעדער באַוועגונג זײַנער: אָט דאָס, וויאַזוי ער לאָזט לאַנגזאַם און פּאַרזיכטיק אַראָפּ דעם קויש, זוכט אויס פאַר אים אַן אָרט אינעם שמאָלן צימערל, ווי ער נעמט אַראָפּ דעם נאַסן זאַק פון די בייגל.

ערשט ווען ער האָט זיך צוגעזעצט אַפן בעטל, האָט ליובע ווי זיך דערמאָנט און אויסגע־שריִען:

— אוי, יאָסקע!

זי איז אָפּגעטראָטן אויף אַ פּאָר טריט, צוגעפאַלן צו דווירעלעס ברוסט, פאַרניורעט דעם קאָפּ און זיך צעוויינט. דווירעלע האָט ברייט צעעפנט די אויגן, וואָס זײַנען אויך אָנגעלאָפן מיט טרערן, געגלעט ליובעס קאָפּ און, אײַנהאַלטנדיק דאָס געוויין, זיך געבעטן:

— שטילער, שטילער!

זי האָט זיך אופגעהויבן, דערלאַנגט יאָסקען אַ האַנטעך:

— נאַ, וויש אויס דעם שווייס, — און נאָכשפּירנדיק, ווי יאָסקע פאָלגט זי, האָט זי זיך אָנגעבויגן צום קויש, ארויסגענומען אַ בייגל און אים דערלאַנגט:

— נאַ, עס, מעגסט זיך דערלויבן אופעסן אַ בייגל...

יאָסקע האָט געביסן דעם בייגל, וואָס איז געווען נאַס ניט פונעם רעגן, נאָר פון דער שווע־סטערס טרערן.

■

אינדערפרי האָבן די אײַנוווינער פונעם „ניל" אופגעציטערט פון אַ האַרצרײַסנדיקן געשריי. אין קאָרידאָר פונעם ערשטן שטאָק איז אַרײַנגעלאָפן אַ יונג מיידל. אַ צעכראַסטעטע און אַ צע־שויבערטע. דאָס לינקע אויג איז געווען פאַרלאָפן מיט בלוט. דער אַרבל פונעם גאַנצן קאָפּטל איז נאָכגעהאַנגען און אַנטבלויזט איר צעבלוטיקטע האַנט, אויף וועלכער עס זײַנען נאָך געווען קאַנטיק שפּורן פון עמעצנס שטאַרקע ציין, טיף פאַרקריצטע אין לײַב. דאָס מיידל האָט, ווי אַ בלינדע, געשאַרט מיט די הענט אין טונקעלן קאָרידאָר, געזוכט אַן אָרט אויף זיך צושפּאַרן און מיט שרעק געקוקט אויף די מענטשן, וואָס זײַנען זיך צונויפגעלאָפן. געקוקט לאַנג און שטום און פּלוצעם זיך צעוויינט אויף אַ קול:

— ער וועט מיך הארגענען, אַבדול, דער טאַטע מײַנער.

מע איז געשטאַנען אַרום איר אין אַ קרײַז, גענעצט טיכלעך און איר צוגעלייגט צום אויג. זי אַליין האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. נאָכדעם האָט מען זי אַרײַנגעפירט אין ערשטן צימער און אַוועקגעלייגט אויף אַ בעטל. זי איז געלעגן אויסגעצויגן די פיס און די הענט, און ווען ניט דאָס שוואַרצאַפּל פונעם רעכטן אויג, וואָס האָט זיך בעהאָלעדיק באַוועגט הין־און־צוריק, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז עס ליגט דאָ אַ טויטער קערפּער.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און עמעצנס קרעפּטיקע הענט האָבן ראַשיק צעפּראַלט די פאָ־דערשטע טיר. אין קאָרידאָר האָט זיך אַרײַנגעריסן אַבדול, אָנגעטאָן אין אַ וואַטאָוון קאַמזויל און מיט אַ קאָליריקן שאַרף אויפן האַלדז. די פיס זײַנע האָבן זיך געפּלאָנטערט אין די טיפע קאַלאָשן, ביז אַרויף פאַרקלעפּטע מיט ליים. אַבדול האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט פאַר זיך, ווי ער וואָלט וועלן זיך דורכלייגן אַ וועג צווישן דעם אוילעם, וואָס איז אַרויס אין קאָרידאָר, נאָר אָנגעשטויסן זיך אין די מענטשן, ווי אין אַ וואַנט, איז ער אָפּגעטראָטן אויף אַ פּאָר שפּאַן, אַראָפּגעלאָזט די הענט און מיט אַ געמאַכטן שמייכל, דרייענדיק די עקן פונעם שאַרף, שטיל־בעטנדיק זיך געווענדט צו אַלעמען:

— ווּ איז דאָס מיידל מײַנס?
פונעם צימערל, ווּ ס׳איז געלעגן דאָס מיידל, האָט זיך גלײַך דערהערט א דינער געשריי:
— ס׳איז ער, ער, ער...
אבדול האָט זיך א ריס געטאָן און איז ארײַן אינעם צימערל. דער אוילעם האָט זיך טייקעף א לאָז געטאָן נאָך אים. ער האָט זיך געוואָרפן ווידער שלאָגן דאָס מיידל. נאָר סאָפּקאָלסאָף האָט מען אים פאר די פיס ארויסגעשלײַדערט אין דרויסן און נאָכגעוואָרפן אים די אומגעלומפּערטע גרויסע קאלאָשן זײַנע.
אינגיכן האָט שוין דער גאנצער אונטערשטער שטאָק געוווּסט, אז אבדול האָט געשלאָגן דאָס מיידל זײַנס דערפאר, וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּטראָגן עפּעס זײַנס א פּעקעלע אָף באַוואָסעלסקע. מער האָט מען דאָ דאָס טאָטערישע מיידל וועגן גאָרנישט ניט אויסגעפרעגט. אלע־מענס געזיכטער זײַנען מיטאמאָל געוואָרן פארמאָרעשכווירעט. מע איז זיך צעגאנגען איבער די צימערן, פונוואנען ס׳האָט זיך ווידער באלד דערהערט א געמורמל און שטילע אומעטיקע געזאַנ־גען. אין א צײַט ארום האָט דאָס מיידל זיך אופגעהויבן פונעם בעטל. מע האָט איר פארבונדן דאָס צעמאזיקטע אויג, און זי איז מיט פּאָרזיכטיקע טריט, ווי מוירע האָבנדיק אָף עפּעס אָנטרעטן, אוועק פונדאנען. אין קאָרידאָר איז געוואָרן איימעדיק־פּוסט.

■

דווירעלע איז געזעסן בא דער מאשין און האסטיק געשטעפּט. ליובע האָט איר דערלאנגט דעם „יוזשני ראבאָטשי" און איר אָנגעוויזן אָף איינער א נאָטיץ:
— נא, לייען איבער.
ניט איבערײַסנדיק דאָס שטעפּן, האָט דווירעלע, ווי די געוווינהײַט אירע איז געווען, אָף א קאָל איבערגעלייענט:
„...דער שעף פונעם פּאָליטישן אָפּטייל באם שטאב פונעם קאָמאנדיר פון דעם מיליטער אין נאָוואָראָסייסקער קאנט קירפּיטשניקאָוו האָט מיטגעטיילט די רעפּאָרטיאָרן, אז די אָדעסער געגנטלעכע קאָמוניסטישע אָרגאניזאציע איז ענדגילטיק ליקווידירט און זי איז אינגאנצן ארײַנ־געפאלן אין די הענט פון דער קאָנטרראזווּעדקע..."
דווירעלע האָט אוועקגעוואָרפן די צײַטונג:
— די קאָנטרראזווּעדקע האָט א צווייענדיקן מיין — בארויקן די בורזשואזיע און אונדז אָנשרעקן!
דעם „אונדז" האָט דווירעלע ווי אומגערן באטאָנט, א פריילעכן קוק געגעבן אָף ליובען און גענומען נאָך האסטיקער שטעפּן. דורכן טונקעלן פענצטער האָט פון דער הייך ארײַנגעקוקט די זון. דאָס צימערל איז מיטאמאָל פארפולט געוואָרן מיט הויפנס גאָלדענע, שײַנענדיקע און שארפע שטראלן.
רינגערס בריוו האָט דווירעלע פארניכטעט באלד, ווי זי האָט אים דורכגעלייענט, נאָר פארגעדענקט האָט זי יעדע שורע, אפילע וויאזוי די אויסיעס, געשריבענע מיט א בלאָוון בלײַ־שטיפט, זײַנען געווען אויסגעשטעלט. מאָדנע, קרומע אויסיעס, וואָס האָבן זיך געקייטלט איינע מיט דער צווייטער, ווי מיט בריקן. ליובע קאָן שוין אויך דעם גאנצן בריוו אָף אויסווייניק, און ווען מע זאָל זי אפילע פון שלאָף אופוועקן, וואָלט זי אים איבערגעכאזערט וואָרט בא וואָרט.
געשריבן האָט רינגער שטארק פארשטעלט און געפּלאָנטערט, און דאָך האָט דווירעלע פאר זיך טייקעף אויסגעקלאָרט אלץ, וואָס אין בריוו איז געזאָגט, און נאָכדעם עס אויסגעלייגט ליובען אזוי קלאָר און העל, ווי אָט די פלוצעמדיקע שײַן, וואָס האָט מיט גרויס פרײַנטשאפט א גאָס געטאָן צו זיי אין צימערל.
רינגער האָט געשריבן:
„...דער טאטע פילט זיך שוין בעסער. ער גייט שוין אפילע אָפּט ארויס אין דרויסן, נאָר אָף די פיס פילט ער זיך נאָך שוואך און מוז נאָך טראָגן די שווערע ווינטערדיקע שטיוול. נאָר איך מיט דער מאמען האָפן, אז גאָר אינגיכן וועט ער זיך זען מיט אײַך, און אבי דער „ליפט" בא אײַך אין הויז זאָל אָנהייבן ארבעטן, וועט ער זיך אופהייבן צו אײַך אפן פינפטן שטאָק..."
פאר ליובען איז געווען אומגעריכט, וואָס דווירעלע, ווי נאָר זי האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, איז איר ארופגעפאלן אפן האלדז און זי לאנג און לײַדנשאפטלעך געקושט אין קאָפּ, אין שטערן, אין די אויגן, אין די הענט.
— דער „ליפט" ארבעט, — האָט זי הייס געשעפּטשעט.
איצט, נאָך רינגערס בריוו, איז שוין פארביידן לײַכטער געוואָרן דאָס וואַרטן אָף נעכאמען. זיי האָבן שוין אָף זיכער געוווּסט, אז הײַנט־מאָרגן וועט מען אָנקלאָפּן אין טיר און אָף דער

שוועל וועט זיך באוויַזן נעכאמע און ערנסט, ווי מיט א פרעמדער שליכעס געשיקט, זיי מעלדן דעם פּאראָל: „איר ווערט איַינגעלאַדן אַף א גלעזל טיי"... און מיט דעם זעלבן ערנסט וועלן זיי ביידע גליַיך אָפּענטפערן: „מיט גרויס פאַרגעניגן" — און עס אומבאַדינגט צוויי מאָל איבער־כאַזערן.

נאָכדעם וועט שוין נעכאמע זיצן צווישן זיי אינמיטן, אזא טיַיערע, לאַנג געגאַרטע.

— דערוויַיל דאַרפן מיר מאַכן פון דער פּרימאַרגנדיקער געשיכטע אונדזער אויספיר, — זאָגט דווירעלע.

א רעגע וויַיזט זיך ליובען אויס, אז דער דאָזיקער „אויספיר" האָט זיך בא דווירעלען באַקומען צו טרוקן, ווי אַף אן אָפּיציעלער זיצונג. נאָר א קוק טוענדיק אַף דער כאַווערטע פון א זיַיט, האָט זי דערזען, אז דווירעלעס פּאָנעם שיַינט, אפילע די זומער־שפּרענקעלעך זיַינען ווי פאַרשווּנדן.

— דער אויספיר, — האָט דווירעלע גענומען דערקלערן, — באַשטייט אין דעם, וואָס איצט ווייסן מיר שוין, אז אויך אַפן קויאַלניק האָט זיך די קאָנטרראַזוועדקע אירן א מענטשן און אז דער טאָטער אבדול איז א שפּיק...

— יאָ, יאָ, אזוי איז עס טאַקע, דער גאַנצער קאָרידאָר ווייסט עס שוין...

דווירעלע האָט, ווי אומצופרידן, וואָס מע שלאָגט זי איבער, עטוואָס א צוק געטאָן מיט די אַקסל:

— אָט דאָס איז גראָד ניט אזוי גוט, וואָס אַלע ווייסן. מע זאָל עס כאָטש ניט צעפּויקן, אַניט וועט אים די קאָנטרראַזוועדקע פאַרביַיטן אַף אן אַנדערן.

זי האָט א ווונק געטאָן צו ליובען, און אז יענע איז צוגעגאַנגען נעענטער, האָט דווירעלע גענומען האַסטיק שטעפּן און אונטערן גערויש פון דער מאַשין דיַיטלעך, ווי ציילנדיק די ווער־טער, געזאָגט:

— דעם טאָטערס מיידל האָט ניט געוואָלט גיין אין איר טאַטנס שליכעס. דאַרפן מיר זיך דערשלאָגן, זי זאָל אויספירן אונדזערע א שליכעס...

■

אַנשטאָט נעכאַמען איז צו די מיידלעך אַפן קויאַלניק געקומען אַנושקאַ. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און אריַינגעקומען א געלאַסענע. די קליינע אויגן, ווי שטענדיק, צוגעזשמורעט. אַפן קאָפּ א פּלאַטשיק ברוין היטעלע מיט א גרויען פעדער.

— איר ווערט איַינגעלאַדן אַף א גלעזל טיי!

די מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט. ליובע האָט דעם קאָפּ איַינגעבויגן, ווי זי זאָל עפּעס זוכן אַפן דיל. די פּאָר רעגעס ביז דעם ענטפער האָבן געדויערט לאַנג־לאַנג, און זיי זיַינען געווען ביז גאָר אָנגעשטרענגט. דווירעלע האָט ניט אָפּגעריסן איר שאַרפן דורכדרינגלעכן בליק פון דער אריַינגעקומענער.

— מיט גרויס פאַרגעניגן, מיט גרויס פאַרגעניגן!

אַלע דריַי זיַינען געשטאַנען שוויַיגנדיקע, ווי געוואָלט פאַרלענגערן דעם שטילן נאַכעס, וואָס האָט ארויסגעקוועלט פון זייערע אויגן.

די אומבאַקאַנטע האָט אויסגעשטרעקט די מיידלעך די האַנט:

— אַנושקאַ.

און גליַיך האָט זיי אַלע דריַי באַהערשט א געפיל, ווי זיי וואָלטן שוין געווען פון יאָרנלאַנג באַקאַנט. אַנושקאַ איז געזעסן צווישן דווירעלען און ליובען און זיי דערציילט, אז ס'איז פאַראַן א כשאַד, אז נאָך נעכאַמעס וווינונג שפּירט מען נאָך. האָט מען געמוזט אַף א צייַט אָפּשטעלן דעם „ליפט" מיט איר. נעכאַמע האָט איבערגעגעבן אין „רויטן קרייַץ" זייער אַדרעס, און מע האָט באַשטימט: ליובע ווערט צוגעפּעסטיקט צום „רויטן קרייַץ" אַפן פּערעסיפּ, און דווירעלע דאַרף זיך מעלדן אין שטאַב.

— איך ביז אָנגעפּאַקט מיט פּאַראָלן, — האָט שמייכלענדיק געזאָגט אַנושקאַ, — ס'וועט סטיַיען פאַר איַיך אויך.

זי האָט א שפּאַן געטאָן איבערן צימער. זיך אָפּגעשטעלט פאַרן שפּיגל און פאַריכט דאָס היטעלע, וואָס איז צו פאַרקראָכן אין דער רעכטער זיַיט.

— איז ווי לעבט איר דאָ, מיידלעך, אַפן קוראָרט?

— אָן א שטאָך ארבעט, — האָט דווירעלע זיך צעלאַכט. זי איז פלינק אראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט און גענומען שמיַיען איבערן צימער. — כ'האָב גאָר פאַרגעסן, אַנושקאַ, קערסט אוואַדע זיַין הונגעריק!

— אײַ, אײַ, — האָט אנושקא זיי געשטראָפט, — אז סע קומט צו אײַך פון אזוי ווײַט, אזש פון מאָסקאָווסקע, א מומע, פארגעסט איר זי גאָר מעכאבעד זײַן.

ליובע האָט געגרייט דעם אָנבײַסן, דווירעלע האָט צוגעראמט, אנושקא האָט איבערגעשטעלט די זאכן אין צימער.

— מע דארף, אז אין צימער בא יונגע מיידלעך זאָל זײַן צוגעפוצט. באם שפּיגל דארף שטיין א פלעשל אָדעקאָלאָן, און דאָ אפן טישל דארפן שטיין בלומען, און דאפקע געשענקטע. ס׳איז ניט קיין כּיִעוו, אז אונדזערע זאָלן פירן א פארשלאָסן לעבן, ס׳מוז אמאָל ארײַנקומען א באָכער אויך, מע דארף זיך אפילע ניט שרעקן, אויב סע טשעפּעט זיך צו א דעניקינישער אָפיצער. אדעראבע...

■

באנאכט איז אין „ניל“ פאָרגעקומען אן אונטערזוכונג. די קאָנטרראזוועדטשיקעס זײַנען ארומגעגאנגען אינעם פינצטערן קאָרידאָר פונעם ערשטן שטאָק, לאנג זיך געפּלאָנטערט צווישן די אָנגעשטעלטע זאכן, איבערגעקערט די עמער מיט וואסער, וואָס זײַנען געשטאנען אף די טאָפּטשאנדלעך לעבן די טירן. זיי האָבן זיך הויך געזידלט, געזוכט א לעמפּל צו מאכן ליכטיק. אז דאָס איז זיי ניט אזוי גיך געלונגען, האָבן זיי אלע מיטאמאָל, ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט, זיך צעשריִען:

— קאָמענדאנט! ווו איז דער קאָמענדאנט?..

אין „ניל“ איז קיין קאָמענדאנט ניט געווען. פונעם אייבערשטן שטאָק איז אראָפּגעלאָפן דער באלעבאָס פונעם פאנסיִאָנאט מיט א ליכט אין דער האנט. די קאָנטרראזוועדטשיקעס האָבן זיך צעשאָטן איבערן קאָרידאָר און גענומען רײַסן די טירן פון די צימערן. מע האָט אלעמען אופגעוועקט און צונויפגעטריבן אין קאָרידאָר. האלב־נאקעטע זײַנען געשטאנען די אײַנוווינער פון „ניל“, געציטערט פון אומגעריכטן איבערפאל, קלאפנדיק פאר קעלט און פאר שרעק מיט די ציין.

די קאָנטרראזוועדטשיקעס האָבן יעדן איינעם דערלאנגט מיטן פויסט אין ברוסט, נאָענט צום קאָפּ אונטערגעטראָגן די ליכט, מיט א קיוון אזוי נאָענט, אז די האָר זאָלן זיך צוסמאליען, און דערנאָך אומצופרידן אָפּגעשטויסן אים פון זיך:

— צום טײַוול, ניט דיך מיינט מען עס!

ס׳האָבן געכליפּעט די קינדער אף די הענט פון די מוטערס. די דערוואקסענע זײַנען געשטאנען, ווי היפּנאָטיזירט.

דווירעלע האָט ווילינגעריש זיך צוגעשפּארט צו דער טיר און געבעטן בא די מענער פארייכערן. מע האָט אף איר געקוקט מיט שטעכיקע בליקן. דערנעבן איז געשטאנען ליובע און גלײַכגילטיק זיך צוגעפּודערט.

די אונטערזוכונג האָט געדויערט א גאנצע נאכט. פון די צימערן האָט מען ארויסגעשלײַדערט די בעבעכעס, פארשיידענע שטוב־זאכן און דאָס אלץ צונויפגעוואָרפן אין איין קופּע. ס׳האָט אויסגעבראָכן א געוויין. א קליינינקער זייגערמאכער מיט אן אויסגעצופּט בערדל האָט זיך געוואלגערט בא די פיס פון די קאָנטרראזוועדטשיקעס און זיך געבעטן:

— גאָספּאָדא, וואשע בלאגאָראָדיע, ס׳איז פרעמדע זייגערס, זיי זײַנען בא מיר בלויז אף צו פאריכטן.

האָט מען אים אָפּגעשטויסן און געשפּאסט איבער אים:

— וועסט קומען מאָרגן אף נאָוואָסעלסקע, 64. דאָרט וועסטו פארענדיקן דײַן ארבעט, זשיד.

דאָס וואָרט „זשיד“ איז געזאָגט געוואָרן שטיל און מיט צײַנקריצעניש, און דאָך האָט עס אָפּגעהילכט, ווי דער קלאנג פון א גלאָק. אוקראִינער, ייִדן, רוסן — אלע האָבן אין דעם דאָזיקן וואָרט דערפילט א דערקלערונג צו דעם, וואָס עס טוט זיך דאָ אין דער צאָרעדיקער, צעבויטעטער, שרעקפולער נאכט, אין דעם אופגערודערטן קאָרידאָר פונעם פאנסיִאָנאט „ניל“. דאָס געוויין האָט אופגעהערט. אלע זײַנען געשטאנען פארקלעמט אין דער שטילקײַט, וואָס האָט ביז גאָר גענאָגט יעדערנס הארץ.

די קאָנטרראזוועדטשיקעס זײַנען מעוולוול געוואָרן פון דער פלוצעמדיקער שטילקײַט. איינער פון זיי האָט אויסגעשאָסן אין דרויסן ארויס, און אף דער שוועל האָט זיך באוויזן אבדול, וואָס האָט טייקעף אופגעהויבן איבער אלעמענס קעפּ אן אָנגעצונדענעם לאמטערן.

דער עלטסטער פון די קאָנטרראזוועדטשיקעס האָט גענומען זידלען דעם טאָטער:

— דײַנע סימאָנים טויגן אף קאפּאָרעס, ס׳איז א ליפּע...

אבדול איז געשטאנען אינעם וואטאָוון קאמזויל, זיך אינדרײַען פארנייגט און פרום געשעפּטשעט, ווי אָפּגעשפּראָכן א גוט־אויג, נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעגלײַכט און זיך א לאָז געטאָן

מיטן לאמטערן פּאָרויס. ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א געפילדער און א געשריי. נאָך איידער אבדול איז צו עמעצן צוגעטראָטן, האָט שוין יענער געשריִען:

— ס'א ליגן, ס'א ליגן, ניט איך...

אבדול האָט אָנגעכאַפּט איינעם א לאנגן און אויסגעדארטן באָכער, וואָס איז געשטאנען בא דער וואנט אין אַן אויבערמאנטל, וועלכן ער האָט אין איילעניש ארופגעוואָרפן אף דעם אונטערשטן וועש.

די אויגן באַם באָכער זײַנען פאר שרעק און ווייטעק פארגלעזערט געוואָרן. אבדול האָט אים געשלעפּט צום שעף פון די קאָנטרראַזוועדטשיקעס:

— אָט דאָס איז ער, אָט דער זשיד־קאָמוניסט האָט אגיטירט קעגן מאָביליזאַציע...

— לאָז אָפּ, — האָט באַפוילן דער שעף, גענומען באַם טאַטער פון די הענט דעם לאַמטערן, הויך א הייב געטאָן איבערן באָכערס קאָפּ, און אלע האָבן דערזען אַן אײַנגעשרומפּענעם גוף, וואָס נאָר אלפּי־נעס האַלט ער זיך אף די פיס.

לאנגזאם און צעצויגן האָט דער שעף אָנגעהויבן דעם אויספרעג:

— פאַמיליע?

— לעוויט.

— נאָמען?

— איצקאָ.

— עלטער?

— 23 יאָר!

דער שעף האָט באַפוילן:

— פירט אים אוועק.

און צוגעגעבן אזוי, אז אלע זאָלן הערן:

— מאָרגן וועט ער מאכן א שפּאציר אף דער אליי פון די געהאנגענע.

די אליי פון די געהאנגענע

אף דער לאנגער און אומעטיקער מאָסקאָווסקער גאס שפּאַנט ליובע. זי איז אָנגעטאָן ווי א שטוב־מיידל. א פּויעריש מיידל, וואָס האָט זיך „פון שטוב ארויסגעכאַפּט" אף עטלעכע מינוט צו דער נאָענטער קראָם. די בלאָנדע האָר שלאָגן זיך ארויס פון אונטער איר טיכל און פארדעקן קימאַט דעם גאנצן שטערן. דאָס קליידל קורץ, גרוי, מיט זוימען, און אף די פיס גרויסע מענער־רישע שיך. ס'איז קלאָר — א דאָרפיש מיידל, וואָס ארבעט דאָ אין שטאָט בא באַלעבאַטים און וואָס פאָלגט א גאנג.

ליובע האָט צײַט זיך ארומצוקוקן. ערשטנס, איז דאָס איר ביז גאָר נייטיק, און, צווייטנס, איז זי שטארק נײַגעריק צו וויסן, ווי זעט אויס פּערעסיפּ בא די דעניקינצעס. לאָזן זיך אלע מאָל אראָפּ די רויטע זאָקן אירע איבער די שיך, און זי מוז זיך אָנבייגן, בלײַבן שטיין אף איין אָרט, פאַריכטן די זאָקן און בעמיילע כאַפּן א קוק אין די זײַטן.

מע זעט קיינעם ניט. פּערעסיפּ איז ווי אויסגעשטאָרבן. די פאָרהענגלעך פון די הײַזער זײַנען אראָפּגעלאָזט. פּערעסיפּ איז פארזונקען אין א מאָדנעם נאָכמיטיק־שלאָף. עס רייכערן די קוימענס פון „ראפּיט" און פון געגנס זאוואָד. נאָר צוקומען אהין איז שווערלעך. די זאוואָדן זײַנען ווידער פארצוימט מיט דראָט, פון ביידע זײַטן טויער שטייען קוילנוואָרפערס.

אין דער וויטרינע פון דער כינעזישער וועשערײַ „ליאַאיאַן" איז ארויסגעהאנגען א פּלאַקאַט: „פארשרײַבט זיך אלע אין דעם קרימער פארטיזאנישן אָטריאד, וועלכער האָט גענומען אָדעס!"

ליובע איז געשטאנען באַם פענצטער פון דער וועשערײַ, און דאָס הארץ אירס האָט שטארק געשלאָגן. אָט איז איר ערשטע יאַווקע אפן פּערעסיפּ. וועגן דעם פּלאַקאַט האָט געזאָגט אנושקאַ.

אין „ליאַאיאַן" נעמט מען אָן באַשטעלונגען אף וואַשן און פּרעסן. זי, דאָס דאָרפישע מיידל, דארף הײַנט דאָרטן באַקומען דאָס געוועש פאר אירע באַלעבאַטים. ליובע באַטראַכט אופמערקזאַם די וועשערײַ, דעם ארײַנגאנג, ווי זעט אויס דאָס דערבײַיִקע הויז. זי ציילט איבער, וויפל הײַ־זער איז ביז צום ראָג. זי פארקריצט אין זיקאָרן די קלענסטע סימאָנים, זי געדענקט אנושקעס אָנזאָג:

— מיר דארפן שטענדיק האָבן אין אויג סאַמע דאָס, וואָס ווארפט זיך ניט גלײַך אין די אויגן.

און נאָך האָט אנושקאַ זי געלערנט:

— ווען דו קומסט אפן אָרט, אומבאַדינגט מאַך א „שלייף" און פארפּלאָנטער דעם שפּור.

ליובע האָט לאַנג געפּלאָנטערט אין די פּערעסיפּער הינטערגעסלעך. זי איז ארויס אפן מארק־פּלאַץ, דאָס איינציקע אָרט אפן פּערעסיפּ, ווו עס האָבן זיך געזאמלט מענטשן.

ס׳איז געווען ניט קיין אײַנלויף. מע איז געשטאַנען ווײַט איינער פון אנדערן, הויפּטזאכלעך פרויען. ס׳האָט אויסגעוויזן, ווי ערגעץ דאָ אין דער נאָענט קומט פאָר א סרייפע, און דאָס קוקט מען אויס, ווען וועט מען שוין פארלעשן. קיין שפּור פון פײַער און רויך איז אָבער ניט געווען צו זען. די מענטשן שטייען, ווי פארגליווערט.

איז וואָס קאָן דאָס זײַן?

ליובע פארשטייט, אז ווי דער נײַגער זאָל זי ניט אונטערטרײַבן, איז דאַפקע אף דעם אָרט דארף זי פארלאנגזאמען אירע טריט. מעג טאַקע זײַן א דאָרפיש מיידל, נאָר דאָ דארף זי זיך האלטן באַגלײַך מיט אלע. זי פארהאלט דעם שפּאַן, גייט צו קיינעם ניט צו, זי זוכט מיט די אויגן דאָס אָרט, פונוואַנען עס טראָגט זיך אן אויסערגעוויינלעך שטיקנדיקער פארדומפּטער רייעך...

מיטאמאָל האָבן זיך איר אונטערגעהאקט די פיס. זי האָט זיך אָנגעבויגן, געפּרוווט, ווי זי האָט עס פריִער געטאָן, זיך פאָרען מיט די זאָקן. זי האָט אָבער דערפילט, אז די הענט זײַנען איר פארגליווערט.

זי האָט זיך אָנגעטאָן א קויעך און זיך אויסגעגלײַכט.

אינמיטן מארק־פלאַץ זײַנען אף פיר טעלעגראַף־סלופּן געהאנגען מענטשן מיט אנטבלויזטע קעפּ און נאַקעטע פיס.

א גרויל האָט, ווי א קאַלטער שטראָם, דורכגענומען ליובען. זי האָט געפילט, אז אָט ווערט זי פארפרוירן, גלײַך ווי מע זאָל זי בעקיוון, מיט אן אכזאָריעסדיקער לאנגזאמקײַט אראָפּלאָזן אין אן אײַז־ברונעם. זי האָט גלײַך דערקענט איינעם פון די געפאנגענע — דאָס איז איציק לעוויט, דער אויסגעדארטער באָכער, וועמען די קאָנטרראזוועדטשיקעס האָבן אוועקגעפירט בײַס דער אונטערזוכונג אין „ניל“.

שוידערלעך האָבן אויסגעזען די בארמינענס. געשוואָלענע, בלויע, מיט ארויסגעסטארטשעטע גוילעמדיקע אויגן, און די האָר בא זיי אלעמען האָבן איין קאָליר פון אש, ווי מע זאָל אף אלע באַגלײַך ארופּצײַען איינע און די זעלבע פּאַריקן.

און דאָס, וואָס שטאָטישע לײַט קאָנען זיך ניט דערלויבן צוליב הארץ־שוואכקײַט אָדער פון גרויס שרעק, דאָס מעג טאָן א פּאָשעט דאָרפיש מיידל. ליובע איז נאָענט צוגעגאנגען צו די אופגעהאנגענע, זי איז געגאנגען פון איין סלופּ צום צווייטן, און א געפיל איז געווען בא איר, אז ס׳גייט מיט איר גאנץ פּערעסיפּ, גאנץ נעמיראָוו, גאנץ אָדעס, אלע פרײַנט און כאווירים, וואָס זי האָט אין איר יונג לעבן געהאט, ס׳גייט נאָך די אייגענע יוגנט אירע. דעם פּעטער וועלוולס קעלער־שטוב, מאריעם דער בעקערנס מאנסארדע־צימערל, דער הויף אף סטאראָפּאָרטאָפראַנקאָווסקע, נומ. 10, דער ליבער לערער אירער, דער נעמיראָווער קאָמפּאָזיטאָר לעמפּערט. זיי זײַנען דאָ א סאך מיט איר אפן פּערעסיפּער מארק־פּלאַץ, באאוולטע, געפּײַניקטע. און אויך דאָ, ווי אין אלע אנטשיידענע מאָמענטן פון איר לעבן, האָט ליובע דערפילט, אז עס גייט איר אָפּ דער פידל. זי וואָלט אף אים איצט אויסגעשפּילט ניט דעם וויטעק פון די געהאנגענע, נאָר עפּעס א נײַעם, א מונטערן געזאנג, וואָס רופט צום לעבן, צום קאמף, צו נעקאָמע.

די דעניקינצעס טרײַבן בעקיוון אהער אפן מארק־פּלאַץ צונויף די באַפעלקערונג. לעבן די סלופּעס מיט די געהאנגענע איז צוגעקלעפּט א מעלדונג:

— קוקט און פארגעדענקט.

נאָר וויינען איז דאָ אפן פּלאַץ ניט דערלויבט. דעם ערשטן טאָג איז דאָ געווען א שרעקלעכע יעלאָלע. ס׳האָבן געוויינט אלט און יונג. פּערעסיפּ האָט זיך א וויג געטאָן אין א געוויין, וואָס האָט ווי א שלאַקסרעגן פארפולט אלע גאסן און הינטערגעסלעך. האָט מען אפן פּלאַץ געבראכט אן אָרקעסטער, און בא די ערשטע קלאנגען זײַנען זיך אלע צעלאָפן, ווי א גליִענדיקער האָגל זאָל שמײַסן אין רוקן.

נאָר א געוויינלעך נאריש דאָרפס־מיידל מעג זיך אויסוויינען. וועמען ארט עס, אז טרערן שווענקען איר מיידלש געזיכט, פאר וועמען איז דאָס א נײַס, אז פּאָשעטע מיידלעך גייען אָפּט אינמיטן שליאך און וויינען?

ליובע האָט איבערגעריסן דעם „שלייף“ און אוועקגעשפּאנט אײַליק, ניט אומקוקנדיק זיך, צו דער וועשערײַ „ליאַאיאַן“. דער פּלאקאט איז געהאנגען אף זײַן אָרט, קיין באַלאָגים זיך צו פארשרײַבן אין דעם „פּארטיזאנישן אָטריאַד, וואָס האָט פארנומען אָדעס“ איז ניט געווען. דער־נעבן איז קיינער ניט געשטאַנען, זי איז ארײַן אינווייניק, און נאָך איידער זי האָט דעם פּאראָל געזאָגט, האָט זי דערפילט א גוואלדיקן דאָרשט, די צונג איז געווען טרוקן, צוגעקלעפּט צום גומען.

— דער באַלעבאָס איז אומצופרידן, איר האלט צו לאַנג דאָס וועש!

— ניט געווען קיין זייף!

מע האָט ליובען אַרײַנגעפירט אין הינטערשטן צימערל, זי האָט צעבונדן דאָס טיכל און געבעטן:

— אַ טרונק וואַסער!

■

אין דער וועשערײַ „ליאַאַן“, אין הינטערשטן צימערל, איז געזעסן דער פּערעסיפּער ראַיאָנער „דרײַלינג“ און באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דער פאָרשטייענדיקער ראַיאָנער קאָמיוגישער קאָנפערענץ. די יוגנט־גרופּע אַפן „ראַפּיט“ פאַרשטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג. געפינט מען אַף די ווערקשטעלן צעטעלעך, אַף וועלכע ס׳איז מיט אַ בלײַשטיפט אָנגעשריבן: „די שפּיל ווערט פאָרגעזעצט“. אַלץ מער עלטערע אַרבעטער ווערן דאָרט אויך אַרײַנגעצויגן אין דער דאָזיקער „פּאָטשט“, וואָס פאַרבײַט אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג.

די דירעקטיוו פונעם געגנטקאָם איז אַ גאַנץ קלאָרע: זיך גרייטן צו דער אַלשטאָטישער פאַרזאַמלונג. אַפריִער דורכפירן ראַיאָנישע קאָנפערענצן פון קאָמיוג, דערנאָך — פון די פּאַרטייִ־מיטגלידער, ניט אויסמײַדן די פּראָפאַריינען, די איינצלנע קלובן, וואָס עקזיסטירן נאָך, אַפילע די „אַנטיבאָלשעוויסטישע אַרמיי“ פונעם אינזשעניִער קירסטאַ.

אַפן ברייטן טיש אין צימער ליגן אויסגעלייגט פּעקלעך מיט פּאַרטיק וועש, פאַרפּאַקט אין דער דעניקינישער צײַטונג „יעדינאַיאַ רוס“[1]. די לאָדנס פונעם איינציקן פענצטער, וואָס גייט אַרויס אין הויף, זײַנען פאַרשפּאַרט פון אינווייניק. אין הויף דרייט זיך אַרום וואַם כאַ־לין, וואָס האַלט אופזיכט אַפן זודיקן קעסל, אין וועלכן עס קאָכט זיך דאָס וועש. דער הויף איז אַ נידעריק פּאַרצוימטער, און מע קאָן פונדאַנען זען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין געסל.

די פראַגע וועגן ליובען איז אַ באַזונדערע. זי האָט ניט קיין שײַכעס צו דער פראַגע וועגן דער ראַיאָנער קאָמיוגישער קאָנפערענץ. נאָר ווײַבאַלד מע האָט ליובען אַרײַנגעפירט אַהער, איז מען מיט איר זיכער, מעג זי דאָ אָפּוואַרטן, ביפּראַט, אַז די באַהאַנדלונג גייט שוין צום סאָף.

ליובע באַטראַכט די, וואָס זיצן דאָ אין צימער, האַרט לעבן איר. ס׳איז איר שווער אין דער טונקלקײַט אויסטיילן איינצלנע שטריכן פון זייערע געזיכטער. זי פּרוּווט פאַר זיך אופשטעלן דאָס אויסזען פון דעם, וואָס רעדט. זי גייט נאָך מיטן געדאַנק נאָך זײַן קאָל, אַ פרישס, אַ האָפערדיקס, ווי בײַ איינעם, וואָס האָט זיך לאַנג ניט אַרויסגעזאָגט פאַר קיינעם און וואָס וויל איצטער אָנזעטיקן זײַן דאָרשט נאָך אַ לעבעדיק וואָרט.

די ווערטער קלינגען קורץ און אָפּגעהאַקט:

— קיין איינעם, אויסער די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, ניט רופן... באַזאָרגן אַ נאָטיץ פאַר דער צײַטונג...

ליובע פילט, ווי די קעלט טרעט פון איר אָפּ. אַ וואַרעמקײַט צעגיסט זיך איבער די אייוורים. פון הויף דערטראָגט זיך אַ שטילער ניגן פון דעם כינעזער. ס׳עפנט זיך די טיר, און דעם כינעזערס שאָטן שלענגלט זיך אַרײַן אין צימער. ער מאַכט אַ קרײַז אַרום טיש, גייט צו צום פענצטער און עפנט אַ האַלבן לאָדן. פון דער פּלוצעמדיקער העלער שײַן רײַבן אַלע די אויגן, ווי פון שלאָף. יעדערער פונעם „דרײַלינג“ גייט צו צו ליובען און דערלאַנגט איר די האַנט, פעסט און וואַרעם. גאָרניט זאָגנדיק, שטעלן זיך צוויי פלינק אַרויס פון דער וועשערײַ. ליובע בלײַבט מיט דעם, וואָס האָט זי אַרײַנגעפירט אַהער אין צימער, — אַ הויכער, ברייטפּלייציקער און גוטמוטיקער. קורץ געשוירענע גערדיכטע, שוואַרצע וואָנצן, קענטלעך אַ גריך. ווען ער זאָל אַפן קאָפּ איצט אָנטאָן אַ ווײַס היטעלע, וואָלט ער געווען פּונקט ווי אַ בעקער. אַזעלכע טרעפט מען אין אָדעס אַף יעטווידער גאַס. און אַ טעווע האָט ער בייסן ריידן צו שמייכלען, דער שמייכל טרעט ניט אָפּ פון זײַן רונדן רויטן געזיכט.

— מיך רופט מען זאַכאַר. מיר דאַרפן זײַן פינקטלעך. איר קאָנט דאָ אין וועשערײַ פאַרברענגען נאָך פינף מינוט, ניט מער, איז הערט אויס...

ליובען האָט ווי אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן די העלע ווײַסקײַט פון זײַנע ציין. דער גריך האָט גערעדט גיך און דאָך אויסדריקלעך. די ווערטער זײַנען געווען קלאָר און געטאָקט.

— אין „ליאַאַן“ באַקומט איר איין מאָל אין דרײַ טעג די באַשטעלונג פון אײַער באַלעבאָס — פאַרפּאַקט וועש. נאָר איידער איר גיט עס אים אָפּ, צעבינדט איר עס און נעמט אַרויס דאָס געלט. דער „רויטער קרייץ“ פאַרטרויט אײַך: איר פאַרטיילט דאָס געלט און דאָס וועש די

[1] „דאָס איינהײַטלעכע רוסלאַנד“.

כאַווײרים. אדרעסן פון די נויטבאַדערפטיקע, צײַטונגען און יעדיִעס, ווען און ווו עס וועט פאָר־קומען די קאָנפערענץ — אַלץ באַם „טעכניקער". מער ווייס איך ניט. אײַער „ליפט" איז דער זעלבער — אנושקא.

ער האָט ארויסגענומען דעם זייגער, געהאַלטן א רעגע אַף דער דלאָניע, ווי אָפּגעווויגן, ווי־דער האָבן א פינקל געטאָן די ווײַסע ציין זײַנע, ער האָט דערלאַנגט ליובען דאָס פּעקל, אָן עפן געטאָן די טיר און זיך העפלעך פאַרנייגט...

■

פון „ליאַאָיאַן" איז ארויסגעגאַנגען א דאָרפיש מיידל מיט א פּעקל וועש אונטערן אָרעם. זי שטייט אַפן אונטערשטן טרעפּל און פאָרעט זיך לאַנג מיט דעם זאָק, וואָס האָט זיך אראָפּגעשאַרט ביז די שיך. עפּעס שרײַט צו איר דער סאָלדאַט פון דער קעגנאיבערדיקער דעניקינישער וואַכטע. ליובע גלײַכט זיך אויס, זי מאַכט זיך, ווי ניט זי מיינט מען. און גייט גלײַך אַפן סאָלדאַט. פון־דערווײַטנס נאָך לייענט זי איבער די שילד פון דער וואַכטע. זי שטעלט זיך אָפּ לעבן סאָלדאַט, און צו זײַן גרויס צופרידנקײַט בייגט זי זיך ווידער אָן און פאָרעט זיך מיט די זאָקן. דער סאָל־דאַט לאַכט הויך און געשמאַק, רוקט הין און צוריק די ביקס, וואָס הענגט אַף זײַן אַקסל, און באַמיט זיך זאָגן ליובען עפּעס קיצלדיקס.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן ליובעס אַרבעט אַפן פּערעסיפּ, אירע קורצע, שטענדיק אײַליקע באַגעגענישן מיט אנושקען, וואָס האָט שוין עטלעכע מאָל געביטן איר וווינונג אַפן פּערעסיפּ און וואָס איז לעצטנס שוין איינגאַנצן אריבער אין שטאָט. מיט דער אַרבעט פונעם „רויטן קרייץ" האָט שוין דאָ אָנגעהויבן אָנפירן ליובע. זי האָט זיך באַזעצט אַפן ראָג פונעם מיל־געסל.

אינמיטן צימערל, פונקט ווי אַפן קויאַלניק, שטייט זינגערס ניי־מאַשין, צו וועלכער ליובע האָט זיך דערווײַל נאָך ניט צוגערירט. אָן אָרעם, עלנט מיידל, א נייטערקע איז שווער הײַנטיקע צײַטן קריגן באַשטעלונגען.

ווער נייט עס איצטער קליידער דאָ, אַפן פּערעסיפּ? און אויב עמעצער נייט שוין יאָ, איז צי וועט ער גאָר פאַרבלאָנדזשען אהער, אין אָט דער „אַטעליע", וואָס פאַרמאָגט אפילע ניט קיין שילד? בלײַבט דעם מיידל ארומבלאָנקען איבערן פּערעסיפּ, זוכן באַקאַנטע און זיך אָנבעטן אַף עפּעס א שטאָך אַרבעט.

און די אָקטיאַבער־טעג זײַנען שוין קורצע, אָפּט כמאַרעדיקע, דער סופיט אין צימערל איז א נידעריקער, הענגט איבערן קאָפּ. צינדט דאָס מיידל דאָ פרי אָן א לעמפּל, עסט אָפּ אליין איר אָוונטברויט, לייענט א צײַטונג. ווער אינטערעסירט זיך ניט איצטער מיט א צײַטונג?

ליובע לייענט דעם אונטערערדישן „אָדעסער קאָמוניסט", דעם אָרגאַן פון גובערניִאַלן און שטאָטישן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) פון אוקראַיִנע.

זי לייענט די צײַטונג און זעט פאַר זיך מאַריעם די בעקערן, ווי זי שלעפּט זיך איבער די אײַזערנע פאַרזשאַווערטע טרעפּ אַף סטאַראָפּאָרטאָפראַנקאָווסקע מיט די בעקנס פרעמדן לעקעך און ווי זי זאָרגט פאַר איר, ליובען, פאַר שמוליקס געליבט מיידל.

זי זעט שמוליקן, ווי ער שווימט אָפּ מיט דער לעצטער באָלשעוויסטישער שיף פון דעם עוואַקויִרטן אָדעס. עס שטייען פאַר אירע אויגן די פיר געהאַנגענע אַפן פּערעסיפּער מאַרק־פּלאַץ, און זי לייענט דעם „קאָמוניסט". דאָס פּאַפּיר פון דער צײַטונג איז טונקל און קימאַט דורכזיכטיק. זי לייגט צונויף די צײַטונג איין מאָל, צוויי מאָל און דרײַ מאָל. ס'דערמאָנט זיך: די מומע ביילע, דווירעלעס מאַמע, פלעגט צעשנײַדן די ארנאַוטקעס[1] פריִער אַף האַלב, דערנאָך אַף א דריטל, אַף א פערטל, אַף דינע, שמאָלינקע ריפּטעלעך. באַ דווירעלען אין קעלער־שטוב האָט מען געוווּסט ווי צו שאַנעווען א ריפּטעלע ברויט.

דער „אָדעסער קאָמוניסט" איז ברויט פאַר אזעלכע, ווי זי, ליובע, עמעס, געשמאַק ברויט...

„... א פּאַרטײַבענע אין אונטערערד, שרעקט זיך ניט די פּאַרטיי ווידער איבערטראָגן די שווערקײַט פון פאַרפאָלגונגען, פּײַניקונג און צעשיסונג..."

ס'קלינגט פאַר ליובען, ווי א באַגײַסטערט געזאַנג, גלײַך ווי אָט דאָ, באַ איר אין אָרעמען צימער, זאָל זיצן שאָפּען אליין און שפּילן די ליד פון דערהויבענע, די ליד פון עכטער נעשאָמע־לײַטערונג.

הײַנט וועט זי א גאַנצן אָוונט פון שטוב ניט ארויסגיין. אַף „ליאַאָיאַן" הענגט שוין א שלאָס. אנושקא מאַכט אין שטאָט „שלייפן", זי איז שוין די באַלעבאָסטע פון א גאָרקיך אַף טיראַספּאָלסקע.

---

[1] א לעבל ברויט.

דווירעלע קען פון זיך גאָרנישט ניט געבן צו וויסן. זי פירט אין שטאָט אן ארבעט לויט א באזונ־דערן „ליפט“. פרעגן אנושקען? זי ווייסט אפריער, יענע וועט איר זאָגן:

— קינד מיינס, ביסט צופיל נייגעריק....

איז וואָס וועט זיין מיט רינגערן, אז ער וועט פון בערעזאָווקע זיך דערקלייבן קיין אָדעס, יאָסקע וועט אים אויך גאָרניט קענען זאָגן? צי וועט רינגערס יאווקע צונויפאלן מיט דוווי־רעלעס?

ליובען פייניקן שווערע ספייקעס. זי פארבאהאלט דעם „קאָמוניסט“. מאָרגן דארף די צייטונג אוועק איבער די הענט. אנדערע פינגער וועלן אפן ברויגעם דורכזיכטיקן פאפיר איבערלאָזן זייערע שפורן. זי נעמט זיך שטעפן אף דער מאשין, זאָלן שכיינים מיינען: די נייטערקע האָט לעצטנס שוין געקראָגן א שטאָך ארבעט.

■

באטאָג איז אויסגעפאלן דער ערשטער שניי און איז באלד צעגאנגען. די זון האָט ארייַנגע־קוקט פון הינטער ווייַנשטיינס מיל, ווי אויסגעשפירט, וואָס טוט זיך עפעס אף די פערעסיפער גאסן, און איז אויך אינגיכן פארשוווּנדן. איבערן קאָפ — א פארכמארעטער הימל.

אף די גאסן — א בעהאָלעדיקער געלויף. די דעניקינישע וואכטע רייַסט אראָפּ פון די טעלעגראף־סלופן די פראָקלאמאציעס פונעם קאָמיוג. מע טשעפעט, דאכט זיך, דערווייַל קיינעם ניט. און דאָס געלויף הערט ניט אוף.

מע זאָגט: אפן מארק־פלאץ הענגען שוין נייַע געהאנגענע...

מע זאָגט: פון דער בריק אָן איז גאנץ פערעסיפ פארקייטלט...

מע זאָגט: אין שטאָט קומט פאָר א שיסערייַ...

דער שעף פון נאָוואָראָסייסקער קאנט, דער גענעראל שילינג האָט דערלויבט אפן „ראפיט“ אָפענע ארבעטער־פארזאמלונגען.

סאמע אף די ערטער, ווו עס זייַנען געווען אופגעקלעפט די פראָקלאמאציעס פונעם קאָמיוג, האָט מען אופגעקלעפט די מעלדונג פונעם גענעראל שילינג. מע גייט צו איינציקווייַז צו די סלופעס און מע לייענט שווייַגנדיק די מעלדונג. אין יעדנס קנייטש מיט די אקסל איז צו שפירן:

— ס׳גלייבט זיך ניט...

די פארזאמלונג אין „ראפיט“ האָט געעפנט דער אינזשעניער קירסטא. ער איז געשטאנען, א נידעריק פארשווינדל מיט א קורץ בערדל און א לענגלעך פליכעוואטן קאָפ, און געלייענט פון פאפיר דעם סטאטוט פון דער „אנטיבאָלשעוויסטישער ארמיי“. נאָכדעם האָט ער פונעם זייַטיקן טאש ארויסגענומען א צעווירעטן בויגן, אוועקגעלייגט אפן טיש פון פרעזידיום און געמאָלדן:

— נאָך דער פארזאמלונג וועלן אלע ארבעטער באקומען די מעגלעכקייַט זיך צו פארשרייַבן פאר מיטגלידער.

די ארבעטער האָבן איבערגעפרעגט:

— טאקע בעעמעס באקומען די מעגלעכקייַט? א דאנק!

ס׳איז געוואָרן א געלעכטער. האָט זיך קירסטא א באליידיקטער אופגעהויבן און גענומען מוסערן די פארזאמלונג:

— מיר קענען זיי, די אָדעסער שטיק אייַערע, מיר האָבן געוווסט, אז אָדעס איז א פארשאָל־טענע שטאָט, די זשידעס האָבן דאָ פון לאנג שוין פארסאמט די אטמאָספער...

פונעם פרעזידיום־טיש האָט זיך דערהערט א קלונג, און דער פאָרזיצער האָט געמאָלדן:

— איך בין געצווונגען איבעררייַסן דעם רעדנער. אין דער הייַנטיקער פארזאמלונג באטיי־ליקן זיך אויך די פאָרשטייער פון די סאָציאליסטן, איז פראָטעסטירן זיי קעגן אייַער אויסדרוק. הער קירסטא, זיי געפינען אזא אויסדרוק פאר ניט געווונטשן...

האָט מען ווידער פון די הינטערשטע רייען איבערגעריסן און מיט שפאס איבערגעפרעגט:

— טאקע ניט געווונטשן? א דאנק!

ס׳איז געוואָרן א ראש. מע האָט ניט געוווסט, ווער ראשט עס, אייגנטלעך, אז אלע זיצן דאָ אף דער פארזאמלונג אזוי סטאטעטשנע, אראָפגעלאָזט די קעפ, ווי בייס טרויער־רעדעס. און דאָך איז דער ראש געוואקסן ווי פון זיך. דער פאָרזיצער האָט געגעבן א וואָרט דעם באקאנטן אָדעסער מענשעוויק וואלדמאן. מיט א נייַער קראפט האָט אויסגעבראָכן דער טומל.

וואלדמאן איז געשטאנען א פארויטלטער און ארופגעשארט מיט די פינגער די האָר אפן קאָפ. זייַן בארוף פון א „פאָרשטייער“ האָט מאמעש ארויסגעסטארטשעט פון אים.

ניט לייגנדיק קיין אכט אף די פּראָטעסטן, האָט וואַלדמאַן, ווי ניט אים מיינט מען, גענומען דערציילן וועגן די גרויסע אופטועך פון דער „אַרבעטער־קאָמיסיע“, וואָס האָט לעצטנס אָנגעהויבן פונקציאָנירן בא דער פאַרוואַלטונג פונעם גענעראַל שילינג.

פון זאָל האָבן זיך געטראָגן צאָרנדיקע קולעס:

— נעמט צו די טליִעס פונעם מאַרק־פּלאַץ!

— באַפרײַט די אַרעסטירטע!

— מיר הונגערן!

וואַלדמאַן האָט געפּאָכעט מיט די הענט, געפּרווּט באַרויִקן דעם עולם, געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל מסכּים זײַן מיט דעם, וואָס דער עולם פאָדערט. ער האָט ווי פאַרזיכערט:

— מיר, סאָציאַליסטן, זײַנען אויך קעגן טעראָר, רויטן, ווײַסן, שוואַרצן. נאָר ווער איז דען שולדיק, אַז די אוזורפּאַטאָרס פונעם באָלשעוויסטישן אונטערערד רייצן אוף די אומוויסנדיקע יוגנט?.. אָט די פּראָקלאַמאַציעס בא אײַך אָפּן פּערעסיפּ, פון זיי נעמען זיך אַלע צאָרעס...

דערפילנדיק, ווי עס וואַקסט ווידער אָן דער צאָרן צווישן די אַרבעטער, האָט וואַלדמאַן צו־נויפגעשפיליעט דעם סורדעט, אונטערגעהויבן די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך קלײַבן אוועקפליִען פונדאַנען, און מעלאַמדיש א דריי געטאָן מיט די פינגער:

— עט, וואָס זי קאָן שוין אופטאָן, די יוגנט, נאָר ווי מע זאָגט: נאַדיעזשדאַ יונאָשיי פּיטאַיעט.[1]

■

נעכאַמע איז אַרײַנגעקומען צו ליובען. א דיקע, רונדלעכע פרוי. זי האָט אוועקגעשטעלט דעם קויש און טיף א קרעכץ געטאָן:

— מע האָט מיך אַרומגעלייגט, ווי מיט וואַטע.

זי האָט מיט ביידע הענט א דריי געטאָן ליובען:

— לאָז, וועלן מיר א קוק טאָן, ווי זעסטו אויס!

זי האָט אָנגעקוועלט פון ליובען, פון איר שטאַלט, פון איר אויסזען.

קיינמאָל האָט נאָך ליובע ניט געזען די שטילע נעכאַמע, וואָס האָט אַזויפיל זיך אָנגעליטן אין לעבן, אין אַזא פרייִלעכער שטימונג.

ליובע איז געווען אָן איידעס פון יענעם שווערן ווינטער ערעוו דער רעוואָליוציע, ווען נעכאַמע, די באַלעבאָסטע פונעם „וואַרשטאַט“, ווו ס׳האָט געאַרבעט שמוליק, האָט פאַרלוירן דעם מאַן אף די פּאָזיציעס, און נאָכדעם איז פון הונגער און קעלט אויסגעגאַנגען דאָס קינד אירס. עמעס, זי האָט אויך געוווסט, ליובע, אַז נעכאַמע איז א רינגעלע אינעם פּערעסיפּער „ליפּט“, און דאָך איז ניט גאָר פאַרשטענדלעך די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין נעכאַמען.

— שוין צוויי טעג, — האָט דערציילט נעכאַמע, — ווי איך פיל זיך, ווי א קראַנקע, וואָס מע האָט אַרויסגעלאָזט פון שפּיטאָל און מע האָט איר געזאָגט: גייט אַהיים, איר זײַט פולשטענדיק געזונט. פונעם גאַנצן כשאַד, אַז מע שפּירט נאָך נאָך מײַן וווינונג, האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט גאָר עפּעס א יאַט נאָכגעשפּירט נאָך מײַן שכיינעס מיידל.

צי פון דעם, וואָס זי איז מיד געוואָרן פון די זעלטענע פאַר איר לאַנגע רייד, צי פון דעם, וואָס זי איז געווען אַזוי „פאַרפּאַקעוועט“, נאָר זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט און ווי געבעטן זיך בא ליובען:

— איצט לאָז מיך זיך אָפּרוען!

זיי האָבן פאַרקייטלט די טיר, און נעכאַמע האָט גענומען זיך באַפרײַען פון דער מאַסע. זי האָט אויסגעטאָן דאָס קאָפּטל און פאַרזיכטיק אַרויסגענומען א פּאַק צײַטונגען, וואָס זײַנען, ווי א ריזיקער קאָמפּרעס אין מאַרליע, געווען אַרומגעוויקלט אַרום איר לײַב...

— אף איין נאַכט נאָר באַהאַלטן דעם „קאָמוניסט“ בא דיר איז ניט געפערלעך?

— ניין, ניין, — האָט מיט זיכערקײַט זי באַרויִקט ליובע.

נעכאַמע אַרבעט שוין איצט אף פאַרשפּרייטן דעם „קאָמוניסט“.

נעכאַמע בייגט זיך אָן צו ליובען און רוימט איר אײַן א סאָד:

— מײַן צונעמעניש — סקאָראָכאָד.

ליובע בייזערט זיך. זי שטראָפט גוטמוטיק נעכאַמען:

— צו מיר קער עס זיך ניט אָן, איך באַקום דעם „קאָמוניסט“ פון א דריטער האַנט. איז ווי קום איך גאָר וויסן דײַן צונעמעניש?

---

[1] די האָפענונג שפּײַזט די יוגנט (א פאַרקריפּלטע שורע פון לאָמאָנאָסאָווס אָן אָדע. בא לאָמאָנאָסאָוון — ניט האָפענונג, נאָר וויסנשאַפט).

נעכאמע אנטשולדיקט זיך. זי נעמט ארום ליובען, גלעט זי איבערן פּאַנעם, קושט זי אין ווײַסן האלדז.

— ביסט מיר ליב, ווי מײַן לעבן, כ'האָב אזוי געבענקט נאָך דיר, נאָך שמוליקן...

ליובע ציטערט אויף. זי ווערט מיטאמאָל אומגעוויינלעך שטרענג און ווענדט זיך צו נעכאמען מיט א קאלטער און פרעמדער שטים:

— איך בעט דיך, נעכאמע, נאָר איין זאַך, דו זאָלסט ניט זוכן שמוליקן, ער קען נאָך איבער דיר דורכפאלן אויך...

נעכאמען שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. ליובע פארענטפערט זיך:

— איך האָב געמיינט נאָר אָנשרעקן דיך, זאָלסט זײַן פאָרזיכטיקער, דו ווייסט דאָך, ווי טײַער ס'איז בא מיר שמוליק!

ס'איז געווען פארנאכטלעך. אין דרויסן האָט געטריפט א שיטער רעגנדל. ליובע האָט גע־שטעפּט אף דער מאשין. מע איז דאָך א נייטערקע, איז ווי לאנג פארעדט מען זיך מיט א דאמע? פאר אָט דער צײַט וואָלט מען שוין געקאָנט אראָפּנעמען ניט איין מאָס.

— ווי געפעלט עס דיר, ליובע, דער דורכפאל פון די מענשעוויקעס אין „ראפיט"?

— און וואָס טאראס שרײַבט אין נומער 21, האָסטו געלייענט?

— שא, שטילער...

— מירן זיך נאָך זען...

— א גוטע נאכט!..

ליובע שטעפּט אף דער מאשין האסטיק און מיט א מאָדנער דערהויבנקײַט.

א שאָס אין פליצע

די באגעגעניש פון סאשע פעלדמאַן מיט מאיאָר קוואס איז פאָרגעקומען אין קאפע „אפיני". דער גריכישער מארק האָט געפּוסטעוועט. ווו־ניט־ווו האָבן ארומגעבלאָנקעט סאָלדאטן פון דער דעניקינישער וואכטע און געגנישטערט אין די איינצלנע פורן. אף דער ערד איז געזעסן א בלינ־דער בעטלער מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, וואָס זײַנען ארויסגעקראָכן פון אונטערן פּוטערנעם היטל. דער בעטלער האָט זיך אײַנגעהערט צו דער מאָדנער שטילקײַט, וואָס האָט געהערשט הײַנט אפן מארק, ער האָט זיך געפילט אומבאהאָלפן און ניט געוווּסט, ווו זיך אהינצוטאָן אין דער ארומיקער לײדיקײַט. ער האָט זיך פויל געקראצט אין דער פאָטיליצע, ניט זיכער פארצויגן דעם געוויינלעכן בעטלערישן ניגן און אליין אים איבערגעריסן אין דער מיט. די וואכטע האָט צעטריבן דעם מארק. ס'איז דעם גראדאָנאטשאַלניק שטעפּעלס באפעל:

— אלע הינטערגעסלעך ארום דעריבאסאָווסקע דארפן געבראכט ווערן אין אָרדענונג.

די שלעכטע רייכעס פונעם גריכישן מארק האָבן ארויסגערופן אומצופרידנקײַט בא די ענגלישע „ראטגעבער", וואָס געפינען זיך אין די האָטעלן אף דעריבאסאָווסקע. די „ראטגעבער" מישן זיך שוין ניט נאָר אין די קריגס־איניאַנים, נאָר אויך אין די פראגן פון וואיל־אײַנאָרדענונג. אלע זייערע אייצעס ווערן טייקעף אויסגעפילט.

אין קאפע „אפיני" קלײַבן זיך צונויף די, וואָס האָבן זיך געדרייט ארום דעם מארק. ניטאָ זיך ווו אהינצוטאָן. אין דרויסן איז שוין קילבלעך. אף די גאסן ווערן געמאכט אָפטע אָבלאוועס. קומען אהער, אין „אפיני", די „מאראוויכערס" פון מאָלדאוואנקע. מע האנדלט דאָ אָפן מיט „קסי־בעס", מע באשטימט דאָ ראנדעוו מיט די קאָנטרראזוועדטשיקעס, וואָס „צעבײַטן א טויזנטער". בא די טישלעך איז ענג, ס'איז שטארק אָנגערייכערט. נאָר קיין שיקערע קוילעס הערט מען ניט. אלע ריידן דאָ שטיל, געשעפטלעך. כאָטש די טישלעך זײַנען נאָענט צוגערוקט איינס צום צווייטן, פּרוווט זיך קיינער ניט אונטערהערן, גלײַך ווי אן אָפּמאַך איז פאראן בא די אלע, וואָס קומען אהער ארײַן:

„אין „אפיני" קומט מען צוליב גאָר וויכטיקע און געהיימע איניאַנים און מע דארף ניט שטערן איינער דעם צווייטן..."

מאיאָר קוואס האָט פארן זומער דורכגעלעבט פיל אנטוישונגען. אלע זײַנע פּרוּוון זיך צושאַרן צו די באָלשעוויסטישע אָטריאַדן זײַנען דורכגעפאלן. ער האָט געביטן דאָס אָנטאָן זײַנס. ער איז אין די שטארקסטע היצן ארומגעגאנגען אין גאליפע־הויזן און אין א לעדערנער קורטקע. דער הויף האָט די ערשטע צײַט געקוקט אף אים מיט גרויס באוווּנדערונג:

— א מענטש זאָל זיך מיטאמאָל אזוי ענדערן!

די מאמע האָט ארומגעטאנצט איבערן הויף און געקליבן גרויס נאכעס פונעם זון, וואָס איז אָנגעלאָדן, ווי א פאס, מיט לײַטישקײַט און בעגימעסדיקײַט. פייגעלע קוק איז שוין עטלעכע

מאָל געקומען אין הויף אַרײַן. באַשיידן זיך געשטעלט לעבן דעם טויער און זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס קוואס רעדט מיט די שכיינים. זי האָט געקוקט אױף קוואסן מיט גרויס אָפּשײַ, ווי זי זאָל זאָגן: „איך בין גרייט פאָלגן אַ גאַנג, נאָר טרײַב מיך ניט אָפּ".

קוואס האָט דורך פייגעלע קוק געהאַלטן אַ פאַרבינדונג מיט די גאַנאַווים פון פּראַכאַראָווסקע און סערעדניע, געשריבן צו זיי צעטעלעך, וועגבירט צו זיך אין אָטריאַד. ער האָט שוין געהאַט אפילו זיך דערשלאָגן, מע זאָל אים מיטנעמען אין אַן עשעלאָן, וואָס מע האָט אָפּגעשיקט אויפֿן פראָנט. אָבער ווי נאָר ער איז געקומען קיין וואפניאַרקע, האָט ער זיך געלאָזט מיט זײַן אָטריאַד אין די נאָענטסטע דערפער און דאָרט אונטערן אויסרייד פון רעקוויזיציעס גערויבעוועט די פויערים.

אין שטאָט האָט אים געזוכט די „טשעקאַ", און ער איז געזעסן אין אַ קעלער־שטוב אױף סערעדניע, אַרויסגעקוקט, ווען וועלן די באָלשעוויקעס אוועקגיין און עס וועט זיך שוין „אָנהייבן" ווידער.

איצט, באַ די דעניקינצעס, האָט מאַיאָר קוואס ווידער אויפגעלעבט. די מאָלדאַוואַנקער מאַראָוויכערס האָבן שוין פאַרגעסן אין דעם דורכפאַל זײַנעם מיט די „אָטריאַדן", ער גייט ווידער אַרום אַן אויסגעפּוצטער איבער די אָדעסער גאַסן. אַפּצולאָכעס זיך אַליין איז ער שוין געווען אַ פאָר מאָל מיט פייגעלע קוק, וואָס איז פאַרקאָכעט אין אים, אױף מיאַסאָיעדאָווסקע אין „פאַבעדאַ".

לעצטנס האָט קוואס פאַרגענומען אַ ביז גאָר שווערע און ריזיקאַלע זאַך. ער ווייסט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן איבערגעלאָזט זייער געהיימע אָרגאַניזאַציע אין אָדעס. ער ווייסט, אַז דאָס, וואָס דער פאַלקאַוניק קירפּיטשניקאָוו פון דער קאָנטרראַזוועדקע בארימט זיך אין די צײַטונגען, אַז ער האָט זיי שוין לאַכלוטן אויסגעוואָרצלט, איז אַ ליגן. שמוליקס כעוורע איז ניט פון די, וואָס לאָזן זיך גרינג אַרײַנכאַפּן אין דער נעץ. ער וואָלט געשווירן, ליובע דרייט זיך ווידער אַרום ערגעץ דאָ אין שטאָט. עפּשער איז זי אויך פאַרקראָכן ערגעץ אין די קאַמענאָלאָמניעס און העלפט דאָרט דרוקן פּראָקלאַמאַציעס.

זיך פאַרבינדן מיט דער קאָנטרראַזוועדקע האָט קוואס ניט געוואָלט. נאָר ניט דאָס. ער שמועסט אין געדאַנק זיך דורך מיט זיך אַליין:

„קוואס קאָן נאָך טאָן אַ טויווע אויך, קוואס קאָן מויכל זײַן אַ באַליידיקונג. אָט ווען מע זאָל האַלטן דערבײַ, מע זאָל דאַרפן באַפרײַען ליובען פון דער טורמע, שיקט ער צו דער טשומקע אַן אָטריאַד, ער פירט מיט אים אַליין אָן, ער רײַסט זיך אַרײַן אין טורמע, ברעכט אויס די טיר פון דער קאַמערע, נעמט ליובען..."

קוואס ווערט אַליין אױף זיך באַרויגעז. צי דען פאַרשטייט ער ניט, וויאַזוי ליובע וואָלט אים אָפּגעדאַנקט? זי וואָלט אים געזאָגט:

„איך בין שמוליקס קאַלע, אַ מיידל פון באָלשעוויסטישן אונטערערד, און דו, קוואס, ביסט אַ מאָלדאַוואַנקער גאַנעוו, און וועסט נאָך געבן אַן ענטפער אונדזער טריבונאַל, ווי נאָר מיר וועלן אַרויסטרײַבן די דעניקינצעס..."

איז ווי קומען גאָר צו אים אַזעלכע געדאַנקען, צוליב וואָס אָפּוועגדן זיך פון דער „אָפּעראַציע", וואָס שטייט אים פאָר, אױף זײַטיקע וועגן?

די קאַסע פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע געפינט זיך באַם „שוואַרצן". דאָס האָבן די כעוורע פעסטגעשטעלט. ער געדענקט אים, דעם נידעריקן, פעסט געבויטן כאַווער ראָזאָוו, וואָס איז שטענדיק געווען אָנגעטאָן אין אַ לעדערנעם רעקל און לעדערנע הויזן און האָט אויסגע־זען ווי אַ פאַרפאַנצערטער אין לעדער. דער „שוואַרצער" וועט זיך אַליין אין די הענט ניט געבן. איז וויאַזוי? מע דאַרף די אָפּעראַציע באַטראַכטן מיט קאָפּ. דאָ טויג ניט „נאַ אַראַפּאַ". ס'איז דיר ניט קיין עקס אױף באַמזעס פּאָטער־געשעפט. די באָלשעוויקעס שרעקן זיך ניט פאַר קיין שאָס. מע דאַרף אױף אַ כיטרע אויפן אויסלײדיקן די קאַסע זייערע. מע דאַרף נעמען „זאַלאָזשניקעס". וועט מען זיי אויסקויפן, איז אַדעראַבע...

אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען אױף סערעדניע אין דער קעלער־שטוב, וווּ קוואס האָט זיך אויסבאַהאַלטן זומער פון דער „טשעקאַ", געזעסן פאַרשפּאַרט צוויי אָנגעזעענע כאַווירים פון דער באָלשעוויסטישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. געזעסן אין האַלב פינצטערן צימער מיטן פאַרגראַטעוועטן פענצטער, און אינוויינעק האָט זיי געהיט אַ „קאַראַול". פייגעלע קוק האָט זיי געטראָגן עסן. פאַרנאַכט איז אַרײַנגעקומען צו זיי קוואס. ער האָט זיך העפלעך מיט זיי געגריסט, דערציילט, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין שטאָט, אפילו איבערגעגעבן אַ פרישן נומער „אָדעסקי קאָמוניסט" און מיט אַ שמייכל זיי דערקלערט:

— ס'איז שוין פאַראַן אַ טאַקסע אױף דעם „קאָמוניסט" אײַערן, אַ פינף־און־צוואַנציקער אַ שטיק. אַדעראַבע, אױף פרעסע קאַרגן מיר ניט קיין געלט. מיר זײַנען ניט ענלעך אױף אײַך, וואָס אַ מיליאָן איז באַ אײַך אויך אַ מאַטבייע.

קוואס האָט געפּאָדערט, אז דער „קאָמיטעט" זאָל באצאָלן אויסלייז־געלט פאר די ארעסטירטע פינף מיליאָן „עמעס געלט", און צוגעגעבן:

— וועט איר נאָך היינט עסן וועטשערע אין דער היים.

סאשע פעלדמאן איז געגאנגען אין „אפּיני" אף א ראנדעוווּ מיט קוואסן.

די כאוויירים האָבן אים געוואָרנט, ער זאָל ניט גיין. מע קען אים גוט אין שטאָט. אָדעס האָט פארגעדענקט דעם טאָג פון „פרידלעכן אופשטאנד", מיט וועלכן פעלדמאן האָט אָנגעפירט. נאָר סאשע האָט דערקלערט:

— איר ווייסט דאָך, כאוויירים, איך האָב זיך שוין לאנג אָפּגעזאָגט פון מיינע אנארכיסטישע פּרינציפּן. איך בין א דיסציפּלינירטער מיטגליד פון אונדזער אונטערערדישער אָרגאניזאציע. איך קען זיי אָבער גוט, די דאָזיקע לייט. זיי וועלן האלטן וואָרט. זיי וועלן נאָך ביז אפּדערנאכט צעשיסן אונדזערע כאוויירים.

סאשע האָט געוווּסט: דער קאָמיטעט האָט באשלאָסן קיין געלט די גאנאָווים ניט געבן, מע דארף זיך דערוויסן, ווו האלט מען די כאוויירים, און מיט גוואלד זיי באפרייען.

ער האָט פארזיכערט, סאשע, אז ער וועט האנדלען ווי אן אומגעשראָקענער רעוואָליוציאָנער, זיך געזעגנט מיט די כאוויירים, אָנגעטאָן די שליאפּע און דעם ברייטן מאקינטאָש, אין וועלכן ער איז אָנהייב רעוואָליוציע געקומען פון אמעריקע, זיך אומגעקוקט און א פריילעכן ווונק געטאָן.

אין שטוב איז געווען טונקל, נאָר כאוויירים האָבן שוין דערנאָך אפן גאנצן לעבן פארגעדענקט סאשעס קער מיט די אקסלען, זיין ווארעמען קוק, דעם ווארעמען דרוק פון זיין האנט.

סאשע איז געווען אפן פראָגט דער פּאָליטקאָם פון דעם עשעלאָן, ער האָט גוט געקענט קוואסן און געוווּסט, אף וואָס ער גייט.

אין „אפּיני" איז סאשע געזעסן באם טישל מיטן רוקן צו דער טיר. דער קאָלנער פונעם מאקינטאָש איז געווען אופגעשטעלט. די שליאפּע עטוואָס אָנגערוקט אָן א זייט. ער האָט געריי־כערט. דער שמועס מיט קוואסן איז געווען א קורצער. סאשע איז גלייך איבערגעגאנגען צום איקער:

— דו ווייסט דאָך, קוואס, מיין כאראקטער. אפן וואָרט גלייב איך ניט. די צעטעלעך, וואָס מע האָט אונדז איבערגעגעבן פון אונדזערע כאוויירים, זיינען, מעגלעך, ניט קיין פאלשע, נאָר מיט מיינע אייגענע אויגן דארף איך זיך איבערציינגן, אז די כאוויירים לעבן. דעמלט וועט שוין קיין מעניע ניט זיין, פיר צי פינף מיליאָן...

קוואס האָט געוואָלט זיך גוט איינקוקן, זיך נאָכאמאָל איבערציינגן, צי דאָס זיצט פאר אים טאקע דער זעלבער סאשע, דער פּאָליטקאָם, וועלכער האָט אנומלטן, אין וואפּניארקער שטאב, אָנגעשטעלט אף אים דעם נאהאן און באפוילן:

— איך גיב דיר, קוואס, פינף מינוט אף צונויפטראָגן דעם וואגאָן האָלץ, וואָס דיין „אָטריאַד" האָט אָנגעראבעוועט אין די ארומיקע דערפער!

קוואס האָט דעמלט צוגעזאָגט, איז אוועק צום „אָטריאַד" און איז פארשווונדן.

איצט האָט קוואס א טראכט געטאָן: „איז עפּשער איז ער עס געקומען אהער, סאשע, אף אויסצופילן זיין דראָונג?" זיינע אויגן האָבן א בליץ געטאָן. ער האָט שטיל געזאָגט סאשען:

— גוט, דו וועסט גיין נאָך מיר, אין דער ריכטונג פון טריאָכוגאָלנע...

דער הימל איז געווען לויטער. ס'האָט געבלאָזן א קילבלעך ווינטל. סאשע האָט געשפּאנט פּאָרויס, האָבנדיק אין אויג די הויכע פיגור פון קוואסן. אפן ראָג פון באזארנע האָט קוואס, ווי אומגערן, זיך אָפּגעשטעלט און אים דורכגעלאָזט פאר זיך. סאשע איז געגאנגען ווייטער, ניט אומגעקוקט זיך, מיט א הויך אופגעהויבענעם קאָפּ. איין קויל האָט אים דורכגעלעכערט דעם קאָפּ, די צווייטע דאָס הארץ.

בליצשנעל האָט מען זיך אין שטאָט דערוווּסט, צוגלייך סאָנים און פריינט, אז מע האָט דערהארגעט סאשע פעלדמאנען.

ער איז געלעגן אפן ראָג, די הענט פארוואָרפן פאָרויס, מיטן פּאָנעם ארוף. אין די ציין האָט ער געהאלטן שטייף פארביסן דעם ניט־דערייכערטן פּאפּיראָס. ער איז געלעגן אויסגעצויגן, אויסגעוויזן לענגער, ווי ער איז געווען. אין די פארשטארטע אויגן האָט נאָך געלעבט זיכערקייט, אָט די שטענדיקע באגלייטערן זיינע. די עקן פונעם מאקינטאָש זיינען געווען צעבלאָזן. דער מאקינטאָש איז געווען, ווי מיט זונען־שפּרענקעלעך, באשפּריצט מיט בלוט.

ס'האָט זיך צונויפגענומען א גרויסער אוילעם. אינגיכן זיינען אָנגעפאָרן אין אן אָפּענעם עקיפּאַזש די גרוזינישע פירשטן נינאָ קאָטאמאדזע מיט איר מאן, דעם אָפיצער. צוליב נייגער וועגן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און זיינען אראָפּגעגאנגען פונעם עקיפּאַזש. דער אוילעם האָט זיי געמאכט א וועג צו סאשע פעלדמאנס טויטן קערפּער. די פירשטן האָט דעם קאָפּ אָנגעבויגן, זיך

צוגערירט צום מאַן. פון אירע אויגן זײַנען אַראָפּגערונען טרערן. דעם אוילעם האָט עס פּאַרוווּנ־דערט, און מע האָט לאַנג נאָכגעקוקט דעם עקיפּאַזש, וואָס האָט אַוועקגעיאָגט אין אַן אומ־באַוווּסטער ריכטונג.

„שלײַפֿן"

די גרוזינישע פֿירשטין נינאָ קאַטאַמאַדזע האָט מען שוין ניט געזען מער אַרומפֿאָרן איבער דער שטאָט מיט איר מאַן, דעם דעניקינישן אָפֿיציר אין די קליינע פּענסנע און גרויען ענגלישן מאַנטל. זי איז גאָר איינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן, ס'איז געווען שווער צו דערקענען זי אין דער מיטלווּקסיקער, דיקער, שטענדיק פֿאַרשמײַעטער באַלעבאָסטע פֿון דער גאַרקיך אַף טיראַס־פּאָלסקע. די גאַרקיך ווערט גוט באַזוכט. שטענדיק, ניט נאָר אין די מיטיק־שעהן ווערט איר דאָרט געפֿינען עמעצן. די באַלעבאָסטע טראָגט אונטער יעדן נײַ־אַרײַנגעקומענעם אַ העפֿלעכן גוט־מאָרגן, זעצט זיך צו אים צו, געפֿינט צײַט אַ שמועס טאָן וועגן דעם מאָדנע קאַלטן ווינטער, וואָס האָט זיך האַיאָר אײַנגעשטעלט אין אָדעס. און איבערהויפּט האָט זי ליב, די באַריידעוודיקע באַלעבאָסטע פֿון דער גאַרקיך, זיך באַרימען מיט די באַטאַמטע מײַכאָלים, וואָס זײַנען שטענדיק פֿאַרגרייט בא איר אין בופֿעט.

רינגער איז אַרײַנגעקומען אין גאַרקיך, געשטאַנען אַ רגע אַף דער שוועל, ווי פֿאַרשעמט פֿון זײַן אָפּגעריסענעם הוילעך. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אָפּגעטרייסלט דעם שניי. זײַנע שוואַרצע שטענדיק פֿריילעכע אויגן האָבן זיך ברייטלעך צעעפֿנט, ווען ער האָט דערזען די באַלעבאָסטע. ער האָט אופֿגעכאַפּט איר שמייכעלע, ווי אַ דערמונטערנדיקן רוף, צוגעגאַנגען צו איר נאָענט און, ניט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, אַפֿגיך און ווילינגעריש זי אַ פֿרעג געטאָן:

— מע קען בא אײַך קריגן אַ געבראָטענע הון?

די באַלעבאָסטע האָט ניט אָפּגעריסן פֿונעם אַרײַנגעקומענעם באַכער איר אָנגעשטרענגטן בליק און געענטפֿערט:

— גייט וואַשט זיך!

מיט די אויגן האָט זי אים אַ ווײַז געגעבן אַף דער אָפֿענער טיר פֿונעם זײַטיקן צימערל. אינגיכן איז זי אויך אַהין אַרײַנגעקומען. מעג זיך דאַך אַ באַלעבאָסטע פֿון אַ גאַרקיך אַף אַ פּאָר מינוט אָפּרייסן פֿון די דערוויילע נאָך געציילטע אינדערפֿריִיקע באַזוכער. קיין כשאַד ווערט דאָס ניט אַרויסרופֿן בא קיינעם. זי העלפֿט רינגערן זיך אַרומוואַשן. זי שטייט לעבן אים, באַטראַכט אים מיט אַ כּיינעוודיק מוטערלעך שמייכעלע און פֿרעגט זיך בא אים אויס בלויז וועגן דעם, וואָס גייט ניט אַרויס פֿון די ראַמען, וואָס עס דערלויבט זיך אַ באַלעבאָסטע פֿון איינע פֿון די פֿילצאָליקע אונטערערדישע יאַוועקעס.

— איר זײַט ניט מיד פֿון וועג?

— אַ סאַך „שלײַפֿן" געמאַכט?

— איר וועט וואַרטן אַף ראַזון?

— מיט אַ וווינונג האָט איר זיך שוין פֿאַרזיכערט?

רינגער האָט פֿונעם וואַשן זיך אָפּגעפּרישט. ער האָט געבעטן ניט זשאַלעווען קיין וואַסער, גיסן אַפּן קאָפּ, אַפּן לײַב.

— ס'מאַכט ניט אויס, כּאַווערטע, וואָס אין דרויסן איז אַ קעלט. איך בין געוווינט. אַף די שיפֿן וואַשן זיך מאַטראָסן אין די שטאַרקסטע פֿרעסט אַף דער פּאַלובע.

ער האָט לאַנג געריבן דאָס לײַב מיטן האַנטעך. דאָס בלוט האָט אַ יאָג געטאָן איבער אַלע זײַנע איבריים.

די באַלעבאָסטע האָט מיט פֿאַרגעניגן באַטראַכט דעם יאַט און אים אַף אַן אַלטמאָדישן אויפֿן, מיט מוטערלעכער פֿרייד געזאָגט:

— סע זאָל דיר קיין בייז אויג ניט שאַטן, ביסט קיין אײַנהאָרע אַ באָכער אַ גוואַר!

רינגער האָט זי האַסטיק אַ הייב געטאָן, דערנאָך פֿאַרזיכטיק אַראָפּגעלאָזט און געזאָגט:

— ביסט אויך קיין אײַנהאָרע ניט פֿון די שוואַכינקע!

די באַלעבאָסטע האָט אים ערשט איצט אויסגעשטרעקט די האַנט:

— אַנושקאַ!

— דזשאָזעף טאָמפּסאָן — דער אַמעריקאַנעץ, — האָט רינגער זיך האָפֿערדיק רעקאָמענדירט.

אַנושקאַ איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפֿע און פֿון דאָרט אַרויסגענומען דאָס אָנטאָן, וואָס איז דאָ שוין געווען פֿאַרגרייט פֿאַר אָט דעם „אַמעריקאַנעץ". זי האָט אים איבערגעלאָזט אַליין:

— פֿאַרמאַך די טירלעך און כאַפּ אַ דרעמל.

אין א פּאָר שאָ ארום איז רינגער פונעם זײַטיקן צימערל ארײַנגעקומען אין גאָרקיק. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א גרינער דעמיסעזאָנער פּאַלטאָ, אין א ווייכער שליאַפּע. לויט זײַן אויסערלעכן אויסזען האָט מען ניט געקאָנט דערגיין, ווער ער איז, אָט דער מיטלוווקסיקער פעסטער יונגערמאַן. ווען מען ס׳האָט געקאָנט זיך דאכטן, אז דאָס איז אן אקטיאָר פון טשערנאָוואָס טעאטער „מיניאַטיור“, זיכער א קאָמיקער. זיי, די קאָמיקער, זײַנען מייסטנס פון אזא וווקס און ציִען ארוף אף זיך אומיסטן אן ערנסטע מינע, קלוימערשט, ניט וויסנדיק, אז גראָד אָט די ערנסט־קײַט קיצלט אמשטארקסטן. און ווען: ס׳איז פּאַשעט א לײַטישער אָנגעשטעלטער פון עפּעס א פארמיטלער־ביוראָ, פון די ביוראָען, וואָס זײַנען לעצטנס דאָ, אין אָדעס, אויסגעוואקסן, ווי שוואָמען נאָך א רעגן. די דאָזיקע ביוראָען עפענען זיך 12 אזייגער, ווערט ער זיך באלד אוועק־זעצן, דער באשיידענער יונגערמאַן, אָפּרישטיקן און מיט בענימעסדיקע טריט אוועקגיין אף דער שטעלע זײַנער אין קאָנטאָר...

און אזוי טאַקע איז געשען. רינגער האָט זיך אוועקגעזעצט בא א טישל. אנושקא האָט אים דערלאנגט א געשמאקן פרישטיק. ער האָט אָפּגעגעסן. פון גרויס לײַטישקײַט זיך העפלעך פאַר־נייגט פאַר דער שווארצכיינעוודיקער באלעבאָסטע און איז מיט בענימעסדיקע טריט ארויס אין דרויסן.

ס׳איז אויסגעפאַלן א געדיכטער שניי. די שויבן פון די וויטרינעס זײַנען געווען פאַראָסטעט. ווי־ניט־ווי איז מען געשטאנען בא וויטרינעס, פון וועלכע עס האָבן ארויסגעקוקט די אומגעלומ־פּערטע, העל־קאָלירטע, שרײַענדיקע פּלאקאטן פון „אָסוואג“ — דער דעניקינישער אינפאָר־מאציע־אגענטור. פון די פּלאקאטן האָבן ארויסגעקוקט געמעלן פון טײַוולאָנים, באהאנגען מיט גראנאטעס, אף די קעפּ פון די טײַוולאָנים קײַלעכיקע מאטראָסישע היטלען מיט אופשריפטן „סינאָפּ“, „אלמאז“. דאָס האָט געזאָלט באטײַטן אנטיבאָלשעוויסטישע פּראָפּאגאנדע.

אפן שליאַך האָט די וואכטע געפירט ארעסטירטע. אייניקע פון זיי זײַנען געגאנגען באָרוועס, די פיס בא זיי זײַנען געווען געשוואָלן. די דעניקינצעס האָבן אונטערגעשטופּט די ארעסטירטע מיט די קאָלבעס פון די ביקסן. זעלטן ווער פון די דורכגייער האָט זיך אָפּגעשטעלט און דערנאָך איבערגעגעבן דעם צווייטן ווי א פּאַראָל:

— אף דער טשומקע!

— צו די באַרזשעס!

רינגער האָט א לויף געטאָן מיט די אויגן איבער דער גרופּע ארעסטירטע. דאכט זיך, ניטאָ צווישן זיי קיין איין באקאנטער. א רעגע נאָר האָט ער פארהאלטן דעם בליק אף א מיידל, וואָס איז געגאנגען פאַר דער גרופּע. פון אונטער דעם שאלכל, וואָס איז געווען ארופגעוואָרפן אף איר רוקן, האָבן זיך ארויסגעזען בלאָנדע צעפּ.

„ליובע!“ — איז ווי א בליץ דורכגעפלויגן א געדאנק.

ער האָט נאָכגעשפּירט דער גרופּע, ביז זי איז פארשוווּנדן, און ווי צו עמעצן א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף ניין.

ניין, דאָס איז ניט ליובע, ס׳איז ניט איר גאנג, ניט איר ריר מיט די אקסלען. ס׳איז אן אנדערע. און דאָך האָט אים שוין ביז גאָר געפּײַניקט דער צווייפל, און, ווי דאַרט, אין בערע־זאָווקע, אין די פינצטערע נעכט, איז פאַר אים אדורכגעגאנגען דאָס בילד פון דווירעלען, גע־שמידט אין קייטן, א בילד, וואָס ער ווייסט, ער האָט עס בא זיך אין זיקאָרן פארקריצט פון עפּעס אן ענגלישן קרימינעלן ראָמאַן און וואָס האָט אים דאָך פארפאָלגט די גאנצע צײַט.

ער האָט זיך מיטאמאָל ווי מיט צוואנגען אָפּגעריסן פון די שווערע געדאנקען. אָט איז שוין גאָר נאָענט די קאָנטאָר, וואָס טיילט זיך מיט גאַרניט אויס פון די איבעריקע. אף דער אנטקעגנ־דיקער בירזשע לעבן ראַבינס קאפע דרייען זיך ארום מענטשן אין פוטערס, האלטן אין איין אָפּטרייסלען פון זיך דעם שניי, גלײַך ווי אָט די ארבעט העלפט זיי צו באפרײַען זיך פון דעם קלעם פון לײדיקגייערײַ.

אפן ראָג שטייט ווי אפן פּאָסטן א דעניקינעץ אין א שווארצער פּאַפּאַכע און קוקט אויס א פּאַסיקן דורכגייער אף אָפּצוראבעווען. ער שטעלט אָפּ א קאלטן פארשטיינערטן בליק אף רינגערן, באטראכט אים ווי ניט אומיסטן און קערעוועט באלד אָפּ מיט פארדראָס און שפּאַט דעם בליק, ווי ער זאָל זאָגן:

„וואָס שלעפּסטו זיך נאָך ארום לעבן דער דעריבאַסאָווסקע, אז קיין גוט טולעפּל איז אף דיר ניטאָ און קיין גאָלדענעם זייגער אונטער דײַן אָפּגעריבענער דעמיסעזאָנער פּאַלטאָ פארמאָגסטו אוודע ניט...“

די אויסיעס אף דער שילד פון דער קאָנטאָר זײַנען קליין און געדיכט אָנגעזעצט. רינגער שפּאַרט זיך אָן אף א רעגע אין דער אײַזערנער גראַטע, וואָס באַם פענצטער אפן ראָג פון דעריי־באַסאָווסקע און יעקאַטערינינסקע, און לייענט צוליב זיכערקײַט ווידער איבער די שילד:

אגענטור־פּאַרמיטלערישע און עקספּעדיציאָנס־קאָנטאָר „רוס". ס'וווּרן אַנגענומען אַלערליי באַשטעלונגען — פינאַנציעלע, אינדוסטריעלע און אַנד. די אויספילונג — אַן אַקוראַטע און געוויסנהאַפטע.

ער באַמערקט פּלוצעם, אַז אַף דער טיר איבערן שלאָס איז אָנגעקלעפּט א מעלדונג. ס'איז א טרויער־מעלדונג, און אַזוי איז שוין די טעווע פון מענטשן, ביפּראַט אין אַזעלכע שווערע צייטן, ווען דער טויט לאָקערט פון יעטווידן ווינקל, אַז דער שוואַרצער קוואַדראַט אַף ווייסן פּאַפּיר צווינגט זיך אָפּשטעלן און אַפּילע וועגן א פרעמדן אומגליק זיך לענגער ווי געוויינלעך פאַרטראַכטן.

<table><tr><td>איבערן פריצייטיקן טראַגישן טויט פון דער פרוי
אַנא וולאַדימיראָוונא לאַנדע
וועט די קאָנטאָר זײַן פאַרמאַכט אין מעשעך
פון די דרײַ נאָענטע טעג: דינסטיק, מיטוואָך און דאָנערשטיק.</td></tr></table>

בלײַבט ווידער מאַכן „שלייפן". דער שניי איז שוין שיטערלעך געוואָרן. לעבן ראַבינס קאַפע — א געדיכטער אוילעם. רינגערס שפּאַן — א בענימעסדיקער. ווי מע וויל, קאָן מען אים אויסטײַטשן:

וואָס האָבן זיי צו טאָן, אָט די אַקטיאָרן, ביפּראַט די קאָמיקער? אַפּדערנאַכט מאַכן זיי פריילעך דעם אוילעם און שלאָפן זיך אַרום איבער די גאַסן אָדער זיצן אָפּ שאָענלאַנג בא א גלאָז קאַווע.

אָדער ווידער:

...א לײַטישער אָנגעשטעלטער פון א קאָנטאָר, ווו ס'האָט געטראָפן אַן אומגליק און ס'איז פּלוצעם אַוועקגעשטאָרבן דעם דירעקטאָרס פרוי. אַף דער טיר פון קאָנטאָר האָט מען אופגעהאַנגען א שוואַרצע טרויער־מוידאָע, וואָס דערציילט, אַז אַזוי און אַזוי: זײַט וויסן, טײַערע קונדן, אַז דינסטיק, מיטוואָך און דאָנערשטיק וועט די קאָנטאָר אונדזערע זײַן צוגעמאַכט. איז ווו זאָל ער זיך אַהינטאָן, דער לײַטישער אָנגעשטעלטער?

רינגער גייט אַרײַן צו ראַבינען, זוכט אויס א פרײַ אָרט באַם פענצטער. פונקט אַנטקעגן איז די קאָנטאָר. ער נעמט לאַנגזאַם אַראָפּ די הענטשקעס און לייגט זיי אַוועק אַפן טיש. דער קעלנער שטייט שוין הינטערן רוקן מיט דער פּראָפעסיאָנעלער גלײַכגילטיקער געדולדיקײַט, ווי איינער זאָגט:

„איר אײַלט זיך עפּשער, נאָר וואָס איז שײַעך מיר, האָב איך צײַט. געדולדיקײַט פון א קעלנער ווערט באַזונדער באַצאָלט".

איז וואָס פאַר א טאָג איז הײַנט?

דינסטיק. געבליבן, הייסט עס, צווי טעג, ביז מע וועט די קאָנטאָר עפענען.

רינגער קוקט דורכן פענצטער אַף דער קאָנטאָר. ס'פאַרקלעמט אים באַם האַרצן. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט זיך געקאָנט טרעפן מיט דעם מיליטערישן אַפּטייל, וואָס איז, ווי ער ווייסט עס, שוין איצטער רעאָרגאַניזירט אין א געגנטלעכן קריגס־רעוואָלוציאָנערן אופשטענדלער־שטאַב.

ער קוקט אַף די קאַפע־לײַט, אַף די בירזשעוויקעס און אַף די דעניקינישע לײדיקגייערישע אָפיצערן, וואָס זיצן בא די טישלעך אַזוי געמיטלעך אופגעלייגט. קיינער ווייסט דאָ ניט, ווער ער איז. אין טאַש בא אים ליגט א פּאַספּאָרט אַפן נאָמען פון דזשאָזעף טאָמפּסאָן — א צירק־אַקטיאָר. זיי פּאַרמאָגן, די קאַפע־לײַט, אַזא זיכערן אויסזען, עס שעמערירט דאָ צווישן די טישלעך דער גאָלדענער גאַלון פון אָפיצערישע עפּאָלעטן, עס קלינגען די שפּאָרן, עס לאַכן די דאַמעס. אין האַרצן בא רינגערן זידט, ווי אין א קעסל, אָט וועט אַלץ, וואָס איז אין אים פאַרבאָרגן, — דער־מאָנונג וועגן די יוגנט־וואָגלענישן זײַנע, און די בענקעניש נאָך דער מאַמען, און די ליבע זײַנע צו דוווירעלען, און די גרויסע לאַנגאָניקע סינע צו רײַכע און זעלבסטצופרידענע, — אָט וועט אַלץ מיטאַמאָל זיך אַרויסרײַסן פון זײַן ברוסט, און ער וועט זיך פאַשעט צעשרײַען אַף אַלע די, וואָס האָבן אים איצט, ווי פליגן, באַזעצט דאָ, אין ראַבינס קאַפע:

„ס'איז ניט קיין קאָנטאָר, אָט דאָרט אַנטקעגן, — וועט ער זיך צעשרײַען, — ס'איז א באָל־שעוויסטישער שלאַכט־שטאַב. איז היט זיך, גאָספּאַדאַ, אַנטלויפט פון דער קאַפע, די ערד ברענט אונטער אײַך!"

ביזוואנען זיצט מען עס אָבער אין קאָפּ? ווו טוט מען עס זיך אהין אָט די צוויי טעג און דריַי נעכט? און אויב דער „טויט" פון אַנאַ וואָלאָדימיראָוונאַ לאַנדע איז ווירקלעך אַ טראַגישער, איז דאָך קלאָר: די „קאָנטאָר" איז ענדגילטיק דורכגעפאַלן. מעגלעך, אַז צווישן דער גרופּע אַרעס־טירטע, וואָס מע האָט געפירט אַף דער פּרעאָבראַזשענסקע, זיַינען אויך געווען די כאַווירים פונעם געגנטלעכן שטאַב...

די לאַגע איז אַ שווערע, נאַר...

אַף דער קאָנטאָר הענגט אַ שלאָס. ס'איז אָבער נאָך אָפן די גאַרקיך אַף דער טיראַספּאָלסקע. דאָרט איז אַנושקאַ. אַזאַ פלינקע באַלעבאָסטע און אַזאַ טריַיע...

יאָ, טאַקע ווי אַ טריַיע מאַמע באַזאָרגט אַנושקאַ די כאַווירים, וואָס קומען אהער קיין אָדעס, מיט עסן, מיט קליידער, מיט אַ געלעגער.

ס'איז פאַראַן אַנושקאַ, ערגעץ זיַינען טעטיק דווירעלע, ליובע, טאַראַס, דער „זיידע", און אויב עס רייכערן נאָך די זאַוואָדישע קוימענס, זיַינען פאַראַן אַרבעטער, הונדערטער טויזנטער. ס'זיַינען פאַראַן פאַרשטעט, ווו אין יעדן נידעריקן שטיבל לעבן הויכע און ליכטיקע באַגערן אַף דער נאָענטער אויסלייזונג.

רינגער גייט אַרויס אַ באַרויִקטער אין דרויסן. די נייטיקע „שלייפן" מאַכט ער דורך גרינג און פרייִלעך.

ער ווייסט:

באַ אַנושקען וועט ער באַקומען אַ ניַיע און זיכערע יאַווקע.

פריַיטיק אינדערפרי איז רינגער געקומען אין דער קאָנטאָר „רוס". ער האָט נאָך פונדער־וויַיטנס געזען, אַז זי איז אָפן און אַז די פירקאַנטיקע שוואַרצע טרויער־מודעָ איז פאַרשוווּנדן פון דער טיר.

די באַלעבאַטים פון קאָנטאָר האָבן אים באַגעגנט, ווי עס פּאַסט באַגעגענען אַן אָנגעשטעלטן. אַף זיַין בעניִמעסדיקן „גוטמאָרגן" האָבן זיי מיט כשיוועס געענטפערט:

— פאַרנעמט איַיער אָרט, הער טאָמפּסאָן!

רינגער האָט אויסגעטאָן זיַין דעמיסעזאָנע פּאַלטאָ, אויסגעדריקט די באַלעבאַטים טיפן מיטגעפיל איבער דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן.

— ס'טרעפט, — האָט מען אים געזאָגט, ווי געטרייסט, און ווידער איבערגעכאַזערט: — פאַר־נעמט איַיער אָרט, הער טאָמפּסאָן!

ער איז אוועקגעגאַנגען אין צווייטן צימער. אָפן טיש איז דאָרטן געלעגן אַ ברייטער געלער פּאָרטפעל פון העלפאַנד־לעדער, ווי מע וואָלט אים דערמאָנט:

— מער זאָלט איר איַיער פּאָרטפעל ניט איבערלאָזן אין קאָנטאָר, איר מעגט אים מיטנעמען מיט זיך.

און אין קאָנטאָר זיַינען באַם פּענצטער געזעסן ביידע שוטפים, די גרויסרוסישע סאָכרים איפּאָליט אַרקאַדיעוויטש סוכאָמיאַטאָוו און ראָסטיסלאַוו ניקאָלײַעוויטש בערעזין. זיי האָבן מיט יישעווער־האַדאַס געטרונקען טיי פון שאָלן, קונציק געהאַלטן די שאָלן צווישן די פינגער, נאָכדעם האָבן זיי זיך אוועקגעשטעלט באַ דער גרויסער מאַפּע פון נאָוואָראָסייסקער קאַנט און געפירט אַ געוויינלעכן סאָכרישן שמועס.

באַלעבאַטים אָבער קאָנען לאַנג ניט זיצן רויִק, זיי זאָלן ניט וויסן, וואָס טוט ער עפּעס, דער אָנגעשטעלטער זייערער, דאָרט באַ זיך אין צימער. מע קען זיי, די דאָזיקע אַקטיאָרן, זאָל זיַין אפילע מיט אַן ענגלישן פּאַספּאָרט אין טאַש אָפן נאָמען פון דזשאָזעף טאָמפּסאָן. זיי זיַינען געוווינט צו פּוסטעפּאַסעווען. ער קער דאָרט זיצן אַריבערגעוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס און אונטערזינגען עפּעס אַ פריילעך לידל.

און ווי נאָר די סאָכרים, די אייגנטימער פון דער קאָנטאָר „רוס" שפּאַנען אַריבער די שוועל, שטייט ער שוין לעבן זיי, רינגער, דער „אַמעריקאַנער", רינגער פונעם „סינאָפּ". מיט די פריי־לעכע שוואַרצע אויגן קוקט ער אַף סעמיאָנען און לאַזאַרן, אַף זייער האַלטונג, אַף די סאָכרישע קליידער.

דער שמועס איז אַ קורצער און אַן איַילִיקער.

— אין קריוואָראָג איז אַ פויערשער אופשטאַנד. דאָרטן זיַינען אונדזערע.

— אין באַשטאַנקע אויך. אהין וועלן מיר שיקן פּאַוולען.

— דיך, רינגער, דאַרף מען האָבן אין שטאָט. מיר דאַרפן וויסן, וואָס עס טוט זיך אין קריַיזישן שטאַב פון די פריַיוויליקע. פריִער האָט די פאַרבינדונג געהאַלטן אַנושקאַ. אַ גרוזינישע פירשטן, האָט זי ליַיכט געקראָגן אַ מעגלעכקיַיט אַריַינקומען אין זייער „הויכער" געזעלשאַפט. נאָכדעם האָט דער „ליפּט" זיך איבערגעריסן אינמיטן גאַנג. ס'איז געווען אַ „ליפּט" מיט זיבן עטאַזשן. די פירשטן האָט ניט געקאָנט איבערגעבן אירע ידיִעס גליַיך אין קאָנטאָר אריַין.

אנושקען האָט פארביטן אלעקסאנדער. דורך דיר וועט גיין דער „ליפט“ גלייַך אין „רוס“. ביסט דער עלטסטער אגענט. באקומסט א צייַגעניש, א פּאָרטפעל האָסטו, און די קאָנטראקטן מיט אונדזער רייַכער קליִענטור וועסטו שוין אליין שליסן. די פולמאכטן זייַנען בא דיר ברייטע, צוליב געשעפט בלאָנקעסטו עס ארום איבער די גאסן. מיט אלעקסאנדערן טרעפסטו זיך יעדעס מאָל אף אן אנדער אָרט. א דעניקינישער אָפיצער מעג זיך כאווערן מיט א געוועזענעם ענגלישן צירקאטש...

■

אין פּאָרטפעל בא רינגערן — אקציעס, דובליקאטן, קאָנאָסאמענטן, און אין געדאנק עגבערן סעמיאָנס שטרענגע אומצופרידענע רייד. סעמיאָן איז געשטאנען לעבן אים אינעם צימערל פון „רוס“ אין דער בלאָווער גרויסרוסישער פּאָדיאָווקע, אין די קורצע בלאנקענדיקע שטיוועלעך, די האָר אפן קארק אין „פלעשעלעך“. ער האָט זיך אָנגעשפּארט אין טיש. רינגער האָט נאָכגעשפּירט, ווי די דינע ליפּן בא סעמיאָנען רירן זיך ניט, בייס ער רעדט.

סעמיאָן האָט זיך געערגערט:

— די געהיימע סוואָדקעס פון שילינגס שטאב באקומען מיר ערשט אפן דריטן טאָג. ס'באַקומט זיך, אז אונדזערע מענטשן זיצן אָפּ דעם טאָג אין אלעקסאנדראָווער גאָרטן אין דער „געזעלשאַפט פאר ניכטערע“... מע האלט זיך וואָס ווייַטער פונעם שטאב. דער „ליפט“ קאָן זיך ניט שלעפּן אזש אפן זיבעטן שטאָק, מע דארף אים פארשנעלערן...

איז וויִאזוי?

די טריט סקריפּען אפן פארפרוירענעם שאָסיי. דיביימער אף נאָוואָסעלסקע בייגן זיך צו דער ערד אונטער דער לאסט פונעם ציכטיקן שניי, די לופט איז צעבויטעט און איז נעפּלדיק. די איינצלנע דורכגייער שווינדלען אדורך אפגיך. אין דער אפּטייק אנטקעגן דער קאָנסערוואַטאָריע ברענט פון אפדערנאכט אָן באם אריַינגאנג דער לאמטערן. דורך דעם מאטעווען גלאָז שלאָגט זיך דורך א שלאבעריק צאנקענדיקע שייַן.

לעם דער אפּטייק וועט אף רינגערן הייַנט אָפּווארטן שנעפּער, ער איז אין א סטודענטישער אוניפאָרם. אָט איז ער דאָ אפן ראָג באם טראמווייַ. ס'איז אים קאלט צו שטיין אף איין אָרט, לויפט ער זיך דורך פונעם ראָג ביז דער אפּטייק און צוריק. שטעלט זיך אָפּ, קלאפּט איין פוס אין צווייטן.

אז רינגער וועט צוגיין צו אים און אויסשטרעקן די האנט, דארף ער אים זאָגן:

— שוין לאנג זיך ניט געזען...

אָט דער שנעפּער האָט א מיִעסע טעווע, בייס ער רעדט, שפּריצט ער מיטן מויל אף יענעם, קריכט מיט די אויגן אף דיר און באמערקט יעדער קלייניקייַט:

— אפן לינקן ארבל פון אייַער דעמיסעזאָנעם מאנטל האָט זיך אָפּגעריסן א קנעפּל.

ער רעדט מער, ווי ס'פּאָדערט זיך, און שטענדיק פארענטפערט ער זיך:

— די בארישניע פונעם שטאב האָט זיך פארקילט, זי לויפט שוין מער ניט אין דרויסן נאָך בייגל, האָב איך געמוזט זיך אייַנשטעלן און אליין אריַינגיין צו איר אין שטאב.

רינגער כאפּט אויף שנעפּערס רויִקן בליק און זאָגט גלייַכגילטיק:

— ס'איז טאקע א גרויס אייַנשטעלעניש פון אייַער זייַט.

וועגן שנעפּערן האָט אלעקסאנדער אים געזאָגט:

— שנעפּער איז א געוועזענער לינקער עסער. ער איז דירעקט פארבונדן מיט דער באַרישניע אין שטאב. דאָס וויכטיקסטע איז פאר אונדז — די סוואָדקעס זאָלן זיך באקומען רעגולער.

הייַנט איז דער דריטער טאָג, זינט רינגער שמייַעט ארום איבער די גאסן אין דער גרינער דעמיסעזאָנער פּאלטאָ, מאכט „שלייפן“ און ברענגט פּינקטלעך ווי א זייגער די סוואָדקעס אין קאָנטאָר. ווי נאָר ער ברענגט זיי, פארנעמען סעמיאָן מיט דעם שוטעף זייַנעם דאָס זייַטיקע צימערל, און אין קאָנטאָר פארבלייַבט ער, דער עלטסטער אגענט טאָמפּסאָן. ער צעלייגט אפן טיש די אקציעס און די קאָנאָסאמענטן, די מאשיניסטקע שרייַבט איבער דעם אָרדנטלעכן אָפּמאך. אין דרויסן ווערט טונקל, פון דער ברילִיאנטענער בירזשע, וואָס אין „פאלע־ראָיאל“, שלעפּן זיך די בירזשעוויקעס צו ראָבינס קאפע.

סעמיאָן האָט הייַנט באטראכט די דעמיסעזאָנע פּאלטאָ, וואָס איז געהאנגען אין זייַטיקן צימערל, און, אריַינקומענדיק, געזאָגט רינגערן:

— וועסט זיך נאָך, צום טייַוול, פארקילן, בייזע פרעסט האיאָר אין אָדעס. פרעג בא אנושקען, עפשער וועט זי פאר דיר קריגן עפּעס א פוטערל...

רינגער האָט דערפילט סעמיאָנס זאָרג. ער האָט אים דערלאַנגט אַ שטול, ווי דערמיט געוואָלט אים פאַרהאַלטן לעבן זיך. סעמיאָן האָט אַף אים געקוקט מיט אַ ווייכן וואָרעמען בליק און, ניט וואַרטנדיק, וואָס רינגער וועט אים זאָגן, אַליין אָנגעהויבן:

— כ׳פאַרשטיי, אַמעריקאַנעץ, דו וואָלסט וועלן וויסן, וואָס הערט זיך, וואָס גיבן אונדז צו וויסן שילינגס סוואָדקעס. איז פאַרוואָס ניט!

און מיט אַ שמייכל, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל צעגאָסן איבער דעם שטענדיק שטרענגן געזיכט זײַנעם, האָט סעמיאָן פאַרגעזעצט:

— אָן אָנגעשטעלטער, אַן עלטסטער אַגענט פון „רוס“ מעג אַמאָל זיך אינטערעסירן מיט דעם, ווי גייען עס די געשעפטן בײַ זײַנע שעפן. איז זיי וויסן: שילינגס סוואָדקעס ווערן צאָרעדיקער פון טאָג צו טאָג. אונדזערע שלאָגן זיי בײַ זנאַמענקע, דער פראָנט ווערט אַלץ נענטער...

און שוין ערנסט, הארט:

— איצט שטייט אונדז פאָר פאַרשטאַרקן אין שטאָט די מיליטערישע אַרבעט, אָרגאַניזירן די „צענדליקער“ אין די ראַיאָנען, צוטרעטן צו אַ מאַסעווער באַוואָפענונג פון די אַרבעטער...

ער האָט דעם שמועס פאַרענדיקט און נאָר צוגעגעבן:

— מיר וועלן זען, וואָס פאַרא יעדיעס וועט אונדז ברענגען דאָס מיידל פון דער יוזאָפּפּראַנט־ביוראָ... — ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צו רינגערן און אים דערמאָנט: — איז פאַרגעס ניט וועגן אָט דער שוביאַנקע...

רינגער האָט מיט זיך אוועקגעטראָגן די דאָזיקע שוביאַנקע סעמיאָנס, ווי אַ האַרציקע דערמאָנונג פון כאַזיערישער זאָרג און איבערגעגעבנקייט, וואָס דערוואַרעמט דאָס לײַב און די נעשאָמע פון מענטשן אין אָפּגעריבענע דעמיסעזאָנקעס, וועלכע שטייען איצט אַף דער וואַך, פאַרשטעלטע און צעשיידטע אין דער גרויסער פאַרפרוירענער דאַרעם־שטאָט. ער טראַכט איצט וועגן דעם אומבאַקאַנטן מיידל, וואָס האַלט דעם „ליפט“ צווישן דער ווײַטער זאַפּראַנט־ביוראָ און דער אָרעמער קאָנטאָר „רוס“.

ער טראַכט: ווער קאָן זי זײַן, אָט דאָס מיידל, וויאַזוי זעט זי אויס? אינגיכן אָבער האָט ער כאַראָטע אַף דעם טראַכטן זײַנעם. ער פילט, דער געדאַנק וועט אים פאַרפירן אַף ווײַטע וועגן: און ווער איז סעמיאָן אין דער גרויסרוסישער סאָכרישער פּאָדיאָוקע, און ווער איז אַלעקסאַנדער, וואָס פירט אויס די סאַמע ריזיקאַלע פאַרגעבונגען? און ווער איז אַנושקאַ, וואָס פילנעוועט אַזוי יעדערן, וואָס קומט אַרײַן צו איר אין גאָרקיך אַף טיראַספּאָלסקע, פאַרמאָגט אַזויפיל מוטערלעכע צאַרטקײַט און וועגן וועלכער סעמיאָן אַליין רעדט מיט גרויס אָפּשײַ?

און ווו, אַשטייגער, געפינט זיך איצט טאַראַס, דער ליבער טאַראַס מיט דעם צויבער פון זײַנע רייד? און ווו איז איצט דוווירעלע? עס וואָלט אַזוי גוט געווען, ווען זי זאָל איצטער אים באַגלייטן אַף דער קאַראַנטינע, ווו ער וווינט בײַ אַ כאַווער. ער וואָלט מיט איר איצט גערן דורכגעמאַכט אָנצאָליקע „שליפּן“ איבער די פאַרשנייטע גאַסן, ער וואָלט גאָרניט געפילט, ווי די קעלט קריכט אין די ביינער דורך דער דעמיסעזאָנער פּאַלטאָ.

ער וואָלט ווידער דערציילט דוווירעלען וועגן זײַנע פרײַלעכע וואַגלענישן, וועגן די כאַווײַרים פונעם „סינאָפּ“, וועגן דער יוגנט זײַנער, וואָס האָט באַקומען דאָ, אין אָדעס, אַ נײַע ריכטונג. ביידע וואָלטן זיי זיך אײַנגעהערט צום ווינט, וואָס טראָגט זיך פון יאַם, און ער וואָלט פונקט באַשטימט, וויפל באַלן האַלט הײַנט דער שטורעם אַפן יאַם...

און אַז דו נעמסט מיט דוווירעלען, מיט אירע שוואַרצע אויגן, מיט איר קלוגן און ליבן שמייכל, מיט איר האַרציקער פרײַנטשאַפט אינעם בעקיוונדיקן פלאָנטער פון געסלעך און הינטערגעסלעך און פלינקע שאָטנס, — פאַרגעסטו אין אַלץ.

אין שנעפּערס נײַגעריקן בליק, וואָס איז פאַרקראָכן צו דיר אין פּאָרטפעל.

אין דער וווינונג אַף קאַראַנטינע, ווו דער כאַווער סטעפּאַן באַהאַלט דיך אויס ווי אַ טײַערן כייפעץ, וואָס מע האָט אים איבערגעגעבן אין זײַנע טרײַע הענט.

אין אַלעקסאַנדערן, וואָס מעלדעט זיך שוין ניט דעם צווייטן טאָג אין קאָנטאָר.

אין אומרויִקע קלאַנגען...

און אָט איז שוין דער באַרג־אַראָפּ, וואָס פירט אין דעם קאַראַנטינער געסל. און אָט איז דאָס באַקאַליי־קלייטל, מיט דעם שטענדיק וואַכן פײַערל אינווייניק, וואָס באַלויכט דעם גאַנצן באַרג־אַראָפּ. ער ווייסט, מע מוז אומבאַדינגט אַרײַנגיין אין אָט דעם קלייטל, וואָס איז געוויינלעך ביז שפּעטער נאַכט דאָ אָפן. און ס׳איז דאָך גאַנץ פאַרשטענדלעך און ס׳קאָן גאָר בײַ קיינעם קיין כשאַד ניט אַרויסרופן. אַ קלייטל איז נאָענט צו דעם האַפן, מאַטראָסן, וואָס קערן זיך אום פון די שיפן, כאַפּן זיך אַהער אַרײַן. ס׳כאַפּן זיך אַהער אַרײַן אויך אַרבעטער, וואָס קערן זיך אום אַהיים...

באַם באַלעבאָס פונעם קלייטל איז דער שירץ שטענדיק פאַרפלעקט. ער איז שטענדיק פאַרטאָן, ער הייבט אפילו ניט אויף דעם קאָפּ צו די אַרײַנגעקומענע, אין באַוועגונג זײַנען נאָר די הענט זײַנע. ער דערלאַנגט די סכוירע און קוקט זיך אַף קיינעם ניט אום.

באַ דער טונקעלער שײַן האָט רינגער, ווי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען אין קלייטל, טייקעף דערזען: אַפן באַלעבאָס איז אַ ווײַסער שירץ. אַ סימען:

...ס׳האָט געטראָפן אַן אומגליק.

דער באַלעבאָס פאַרפּאַקט אים דעם ווורשט, וואַרפט אַף אים אַן אומעטיקן פאַרזאָרגטן בליק און באַגלייט אים זאָרגעוודיק:

— זײַט פאָרזיכטיק, ס׳איז אַ סאַקאָנעדיקער גליטש...

אין אַ ווינטערדיקער נאַכט איז שווער מאַכן „שלייפן״ איבער דער שטאָט. פון דעם קאַראַנטינער געסל ביז דעם ווײַנקעלער „אַראַראַט״ אַף פּרעאָבראַזשענסקע, וואָס איז אָפן ביז דרײַ באַנאַכט, איז ווײַט. אַ לײַטישער קאָנטאָר־אָנגעשטעלטער, וואָס וויל שוין יאָ אַהין זיך אַרײַנכאַפּן, לאָזט אַפּריִער איבער דעם פּאַרטפעל אין דער היים. ט׳מאַכט זיך אָבער ניט קיין לײַטישער אויך. שלעפּט ער זיך מיט אַ שיקערלעכן שפּאַן. ווער ווייס עס אים אָפּשטעלן? דער דעניקינישער קאַראַול קען זײַ, די מישטיינסגעזאָגט וואָליונגען, וואָס ציטערן פאַר קעלט אין די דעמיסעזאָנען פּאַלטעס און וואָס ווילן פּאַשעט זיך דערוואַרעמען מיט אַ גלאָז ווײַן.

אין „אַראַראַט״ שטייען אַף די פּעסער גרויסע ליכט. שיקערע דעניקינצעס בלאָזן אַף זײַ, לעשן אויס די ליכט. דער באַלעבאָס פון ווײַנקעלער רײַבט שוועבעלעך, צינדט ווידער און ווידער די ליכט און בעט זיך:

— הערן אָפיצערן, מירן דאָך בלײַבן אין דער פינצטער...

אַ בלינדער שפּילט אַף אַ פידל. ער פאַלשעוועט ביז גאָר. דער עולעם איז אים אָבער מויכל אַלץ צוליב דעם לידל זײַנעם:

נאַ מאָלדאַוואַנקע מוזיקאַ איגראַיעט[1].

ער זינגט עס מיט אַ געבראָכן געמיט. און אין דער טונקלעניש, וואָס הערשט דאָ אין קעלער, דאַכט זיך, אַז פונעם בלינדנס אויגן טריפן טרערן.

נאָכדעם גייט רינגער אַפן טעלעגראַף, פאַרהאַלט זיך דאָרט וויפל נאָר ס׳איז מעגלעך. נאָכדעם פאָרט ער צום וואָקזאַל, אַ געשעפטלעכער יונגערמאַן, וואָס אײַלט זיך צום צוג, נאָכדעם גייט ער אַרײַן אין אַן אַפּטייק. ער איז העפלעך ביז גאָר, ער הייבט אונטער די ווייכע שליאַפּע, אַנטשולדיקט זיך דזשענטלמעניש בײַ דער שלעפעריקער פּראָוויזערן און בעט באַ איר אַ פּראָשעק קעגן קאָפּ־שמערצן. ער דערקלערט דער צעטומלטער פרוי:

— באַקומען הײַנט געהאַלט, אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, אויסגעטרונקען מער, ווי כ׳בין געוווינט, דרייט זיך מיר דער קאָפּ.

ער איז זיך פאַר איר מוידע, ווי פאַר אַ גאָר נאָענטן פרײַנט:

— די פיס שלעפן מיך פּאַשעט ניט, און קיין איזוואָזטשיק איז ניטאָ. גיט מיר דעם פּראָשעק און דערלויבט מיר דאָ איבערזיצן ביז פאַרטאָג, סע שאַריִעט שוין אין דרויסן...

רינגער זיצט אין אַפּטייק פאַרנורעט דעם קאָפּ אין אויפגעשטעלטן קאָלנער, האַלב־דרעמלענדיק. די גלאָז ווײַן, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען אין „אַראַראַט״, האָט אים דערוואַרעמט. ער וועט ניט אנשלאָפן ווערן. דאָס ניט. ער וועט דערטראַכטן דעם געדאַנק זײַנעם און ניט אַרויסלאָזן פון אויג די שלעפעריקע פּראָוויזערן, וואָס זינט ער האָט זי אויפגעוועקט, ראַנגלט זי זיך קעגן זיסן דרעמל, וואָס האָט זי באַקלעפּט, ווי מיט האָניק, פון אַלע זײַטן. דער קוק פון אירע צוגעזשמורעטע אייגעלעך איז אַ קינדיש־נאַכגיביקער, און דאָך דאַרף מען זײַן אַף דער וואַך.

...מע האָט אַרעסטירט סטעפאַנען. דאָס איז קלאָר. די ווונדונג זײַנע איז דורכגעפאַלן. ווי נאָר ס׳וועט ווערן טאָג, דאַרף מען גיין צו אַנושקען. מע קען איר אַלץ זאָגן. אַ געפיל באַ רינגערן, ווי ער וואָלט שולדיק געווען, וואָס מע האָט סטעפאַנען אַרעסטירט. אַ געפיל פון אַ קינד, וואָס גרייט זיך פאַרענטפערן פאַר אַ מוטער. ער וועט איר זאָגן:

„אַנטשולדיק, אַנושקאַ, נאָר כ׳האָב שוין געפּאַטערט די דירע מײַנע. אויב דו קאָנסט באַהילפיק זײַן, אַדרעבאַ...״

און וועגן אָט דער „שוביאָנקע״ וועט ער אויך פרעגן אַנושקען, און וועגן דווירעלען אויך...

ער גלײַכט זיך אויס, שטעלט זיך אַוועק באַם שפּיגל, ווי ער זאָל אויך, ווי די פּראָוויזערן, זיך ראַנגלען מיטן שלאָף.

[1] אַף דער מאָלדאַוואַנקע שפּילט מוזיק (די ערשטע שורע פון אַ פאַרשפּרייט גאַסן־לידל).

דווירעלע שווימט אוף, ווי א לאנג געגארטער טרוים, זי שטייט פאר זײַנע אויגן שוין ניט קיין געשמידטע אין קייטן, נאָר אזוי ווי געווייגלעך, בא זיך אין קעלער־שטוב אף נאָוואָריבנע. די האָר פארקעמט אף ארוף, מיט די קני זיך אוועקגעשטעלט אפן בענקל, זי קערעוועט זיך אויס צו אים, ווי שטענדיק, ווען ער פלעגט ארײַנקומען צו איר, און שמייכלט.

ס׳איז ניט קיין כאָלעם, ס׳איז א טרוים, וואָס גיט פלוצעם א בליק, ווי די וואָר, און באלויכט דעם וועג, און מאכט פריילעך אפן הארצן...

איז וויִאזוי זשע דערוויסט ער זיך עפּעס וועגן דווירעלען?

אין קאָנטאָר איז רינגער געקומען אין א פוטער, וואָס איז געוועזן אף אים עטוואָס לענגלעך, אזוי אז יעדעס מאָל, ווען ס׳האָט זיך אים געדאכט, מע האָט באמערקט, אז אָט דער פוטער איז פון פרעמדע פלייצעס, האָט ער אים מיט די אקסלען אונטערגעהויבן, ער זאָל אויסזען ניט אזוי לאנג.

אין קאָנטאָר האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט. סעמיאָן איז געשטאנען בא דער מאפּע, ווי געווייגלעך, א געלאסענער. ער האָט א שארפן קוק געטאָן אף רינגערן און געזאָגט:

— ס׳איז דיר בלאָוו אונטער די אויגן, ביסט ניט געשלאָפן די נאכט. וואָס האָט געטראָפן?

שפּעטער שוין איז ער ארײַנגעקומען צו אים אין צימערל און אים געמאָלדן:

— האָסט אומזיסט זיך פארפּוצט אין פוטערל. דער שטאב מיטן „ליפט״ האָט ווידער געפּלאצט. שנעפּער איז א פּראָוואָקאטאָר. אלעקסאנדערן האָט מען ארעסטירט, מע האָט אים אָפּגעפירט אין „טויטן הויז״ אף יעליסאוועטינסקע. מאָרגן פארמאכט זיך די קאָנטאָר, דו וועסט ארבעטן מיט פּעטראָוון אפן בארקאס. פון ניקאָלײַעוו קומט דאָס מיידל, זי דערפאָרט ניט ביז אָדעס, זי קריכט אראָפּ פריִער...

בא רינגערן דרייט זיך דער קאָפּ. ניט פונעם ווײַן, ניט פון דער שלאָפלאָזער נאכט. ניין. ער קוקט אין פענצטער. ער זעט די בירזשע אנטקעגניבער. עסווימלט שוין דאָרט מיט אירע מיִעסע פארשוינען, וואָס שפּאנען ארום אין די קאָטיעלאָקעס און מיט צעעפנטע שירעמס, עס דוכט זיך, ווי ס׳וואָלטן דאָרט ארומפויזען שווארצע אָנגעבלאָזענע זשוקעס. אין ראָבינס קאפע ווישט מען אויס פון אינווייניק די שפּיגל־פענצטער. די טישלעך זײַנען שוין פארנומען. אינעם בלומענגעשעפט, וואָס דערנעבן, האָט זיך געעפנט אן אויסשטעלונג פון כריזאנטעמעס. אין דרויסן לײַטערט זיך. עס גייט איבער דער גאס, פויל שטעלנדיק די פיס, א דעניקינעץ אין א שווארצער פּאפּאכע.

אלץ ווי געווען. סעמיאָן גיט איבער דעם פּאראָל צו פּעטראָוון. ער פארהאלט זיך דאָ אין צימער מער ווי געווייגלעך. ער באמערקט, ווי טונקל עס זײַנען געוואָרן רינגערס אויגן, און שטראָפט אים:

— ניט פײַן פון דײַן זײַט, זיך ניט געריכט. מיר האָט ליטינסקי דיך פאָרגעשטעלט ווי א יונג פון שטאָל. איך זע, אָט וועסטו זיך צעוויינען.

רינגער האָט זיך באליידיקט. ער באוועגט בארויגעזלעך מיט די ליפּן און גיט מיטאמאָל א שטארקן זעץ מיט דעם פויסט איבער דער אייגענער קני.

— האָסט זיך אויסגעניכטערט, טײַערער כאווער, — זאָגט אים מיט אן אומגעריכטער ווייכקײַט סעמיאָן. — ניט פון שיקרעס מיין איך, נאָר פון טרויער. מע דארף זיך צוגעווינען, אזוי האָט מיך מײַן פאָטער געלערנט אין ריאזאן. אף אים האָבן זיך אויך אין זײַן לעבן אָנגעוואלגערט א סאך צאָר׳עס און שווערע ניסיוינעס. מיר וועלן זיך צום „טויטן הויז״ אויך דערקלײַבן. מיר וועלן נאָך פאריכטן דעם „ליפט״...

סעמיאָן האָט מיט דער האנט א שאר געטאָן איבער רינגערס פּאָנעם, ווי געוואָלט אראָפּנעמען פון דעם דאָס טונקעלע טרויער־הײַטל, און א טרייסל געטאָן רינגערן:

— איז, אמעריקאנעץ אונדזערער, קלײַב זיך אריבער צו פּעטראָוון אפן בארקאס. מאָרגן נאָך וועט איר וויסן דעם אדרעס פון אונדזער נײַער קאָנטאָר...

דאָס „טויטע הויז״

דער קאפּיטאן אולט האָט ארומגעשפּאנט אינעם אונטערשטן שטאָק פונעם „טויטן הויז״. די שטילקײַט איז דאָ געווען נאָך געדיכטער, ווי אויבן. פון צײַט צו צײַט נאָר האָט פון די קאמערעס זיך דערטראָגן א כאָרכלען, א הילפלאָזער שמערצלעכער געוויין פון שלאָף, א שטילער ווייטעקדיקער קרעכץ.

דער קאפּיטאן אולט איז ארומגעגאנגען אף די שפּיץ פינגער, און ווען די וואכמענער האָבן

געוואַלט אופוועקן, ווי געווײנלעך, יענע, וואָס שטערן די שטילקייט, האָט ער זיי אָפּגעהאַלטן, דראָענדיק מיטן פינגער:

— וואַרט, וואַרט, איך וועל אײַך זאָגן ווען...

דעם קאַפּיטאַן קוועטשט דער אַנגעקראַכמאַלעטער קאָלנער. ס'קריכן אַרויס פון די קורצע אַרבל די מאַנזשעטן, ער איז ערשט ניט לאַנג געקומען פון שטאָט, פון אַ באַל, סע זשומעט נאָך בא אים אין די אויערן דאָס לידל:

...אידו יאַ דאַ מאַקסימאַ...[1]

ער איז שוין עטלעכע יאָר אין דער רוסישער אַרמיי, פאַרבליבן דאָ נאָך פון דער מילכאָמע אָן, דער גענעראַל יאַלש האָט אים אָפּגעקאָמאַנדירט פון דער ענגלישער קריגס־מיסיע אַהער, אין „טויטן הויז". ער האָט אים אָנגעזאָגט, יאַלש:

— מע דאַרף דאָרט אַלץ טאָן מיט ריינע הענט.

ער פאָלגט דעם אָנזאָג. אײדער ער לאָזט זיך אַראָפּ אין אונטערשטן גאַרן, וואַשט ער די הענט מיט אָדעקאָלאָן, און נאָכדעם אויך. דער גענעראַל מעג זײַן זיכער. ס'איז — אָלרײַט!

ער האָט ליב, אולט, זיך צוהערן צו דעם, ווי מע וויינט פון שלאָף אין די קאַמערעס. ער גייט צו צום „וואָלטשאָק", שטעקט אַרײַן דאָס אויג, ווי אין אַ מאַנאָקל, און קוקט אַף דעם, וואָס וויינט. ער הערט זיך אײַן, וואָס פאַרא וווּנדערלעכע זאַכן דערציילט דער, וואָס וויינט.

...וועגן „שלייפן", „ליפטן", מאַמעס, שוועסטער, געהאַנגענע... וועגן נאָדלען, בלוט...

און ס'שײַנט אים, דעם קאַפּיטאַן אולט, אַז ער איז אין איינעם פון די פּאַריזשער פּאַנאָפּטי־קומס אַפּן וועג פון לאָנדאָן קיין רוסלאַנד.

ער גיט אַ הייב מיט דער האַנט, טראָגט זי אונטער צו די אויגן. אַפּן לינקן מאַנזשעט איז בא אים פאַרשריבן דער נאָמען בערליאַנד. קאַמערע 9. סאַמע די, לעבן וועלכער ער שטייט. בערליאַנד ליגט אַף דער נאַרע צוניפגעקאָרטשעט. דעם פּידזשאַק אַרופגערוקט איבערן קאָפּ. מע זעט נאָר אַרויס די שיך זײַנע, וואָס זײַנען אונטערגעקאָוועט מיט צוועקעס. מיטאַמאָל ציט ער אויס דעם רעכטן פוס און הייבט אָן מיט אים קלאַפּן איבער דער נאַרע. ער וואַרפט זיך אין שלאָף, קײַקלט זיך, ווי אַ קנויל, און צעוויינט זיך:

...דאָס היטל, דאָס היטל... דערציילט ניט קיינעם...

דער וועכטער גייט צו צום „וואָלטשאָק". האַלט אים אולט אָפּ:

— וואַרט נאָר אַ רעגע, זאָל ער זיך שטאַרקער צעוויינען...

און אין אַ רעגע אַרום טראָגט זיך שוין איבערן קאָרידאָר אולטס קורצער באַפעל:

— אופוועקן!

מע פירט אַרויס בערליאַנדן. ער וואַקלט זיך, גיט אַ לעצטן געשריי פון שלאָף: „מע קוילעט", — און בלײַבט שטיין אַ צעטומלטער, זוכט מיט די אויגן אונטער די פאַרהויכטע ברילן אַף וועמען אָפּשטעלן דאָ זײַן בליק. אַן אומגעריכטער שטאַרקער קלאַפּ וואַלגערט אים אום פון די פיס. אולט באַפעלט אַרײַנפירן בערליאַנדן צו אים.

אין צימער בא אולטן איז די טיר אָפּן. ער זיצט באַם טיש. דאָס לעמפּל איז נידעריק אַראָפּגעלאָזט, אולט רײַבט זיך דעם שטערן, באַמיִענדיק זיך עפּעס וואָס נאָך צוטראַכטן באַם אויספרעג. בא יעדן ענטפער „איך ווייס ניט" נעמט ער לאַנגזאַם די קאַטשעלקע, וואָס ליגט דאָ דערנעבן, און ז'ערלאַנגט בערליאַנדן איבערן קאָפּ. בערליאַנד קאָן פאַר ווייטעק זיך ניט אופהייבן.

אַ דערצאָרנטער, הייבט זיך אוף דער קאַפּיטאַן אולט פון אָרט. ער נעמט אָן בערליאַנדן פאַר ביידע אַרויסגעשטאַרטשעטע עלנבויגנס זײַנע און גיט אים אַ שטעל אַף די פיס:

— שטיי גלײַך!

ער קערט זיך אום אַף זײַן אָרט, באַטראַכט די הענט, וואָס זײַנען פאַרשמירט אין בלוט, און ווענדט זיך פלוצעם צו בערליאַנדן העפלעך און ווייך:

— איך וועל אײַך בעטן, הער בערליאַנד, צוליב באַקוועמלעכקײַט וועגן, זיך מאַטריִען זײַן און אַראָפּנעמען די ברילן. פון איין ניט קיין טרעפלעכן קלאַפּ מיט אָט דעם שטעקן קאָן איך זיי נאָך צעברעכן. אַ שאָד...

■

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער קאַפּיטאַן אולט געלאָפן איבער די טרעפּ פונעם „טויטן הויז" צו גיידעקן און אַ פאַרסאָפּעטער אים מיטגעטיילט:

— ער האָט זיך מוידע געווען...

---

[1] איך גיי צו מאַקסימען (מאַקסים — אַ נאָמען פון אַ רעסטאָראַן).

גיידעק האָט אים אוועקגעזעצט לעבן זיך, באַרויִקט און געגנוי אויסגעפּרעגט:
— זיך מוידע געווען, אַז ער איז דער שעף פון זייער ראַזוועדקע? אויסגעגעבן די פירשטן? אַנגערופן די דערפער, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיטן אָפּשטענדלער־שטאַב? געגעבן די אַדרעסן פון די סקלאַדן מיט געווער?
דער קאַפּיטאַן האָט אַ דערשטוינטער אָפּגעשטעלט גיידעקן און אים געזאָגט מיט אַ שמייכל:
— איר וועט אַזוי, הער פּאָרשער, מיר אויסדערציילן אַלע סודעס אײַערע. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, אַ מיטגליד פונעם אָדעסער געגנטלעכן קאָמיטעט.
— און דאָס גאָר? — האָט אין גרויסער אַנטוישונג געזאָגט גיידעק, און די קנייטשן אַף זײַן פּאָנעם זײַנען זיך צונויפגעצלאָפּן, ווי בא אַ זקיינע. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צום גלאָבוס און פאַרזאָרגט געשאָקלט מיטן קאָפּ.
נאָכדעם, ווי דערמאָנט זיך, געפרעגט בא אולטן:
— און ווי האַלט ער זיך בייסן...
ער האָט ניט דערזאָגט. אולט האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן און בראַווירנדיק געגומען דער־ציילן:
— דער פּעדיקיור העלפט אים ניט, און דער מאַניקיור אויך ניט. ער ליגט אין דער קאַמערע אַ צעבלוטיקטער און אַ געשוואָלענער. איינמאָל איז ער גאָר צוגעקראָכן צו מײַן טישל, גיין קאָן ער שוין ניט, און, ווי שטאַרק באַדויערנדיק געזאָגט: „די קראַפט פון ווילן האָט דאָ גאַרניט צו טאָן". איך האָב אים געפרעגט, וואָס מיינט ער דערמיט, האָט ער אַ שפּאָטישן קוק געטאָן אַף מיר און דערקלערט: „אַכוץ אַ שטאַרקן ווילן, דאַרף מען נאָך האָבן געזונטע לונגען. און איר, מערדער, האָט זיי מיר אָפּגעשלאָגן".
גיידעק האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום אָפענעם פּאַרטסיגאַר, אַרויסגענומען אַ פּאַפּי־ראָס, אים אָנגעצונדן און טייקעף אַוועקגעשמיצט אין אַ זײַט. ער האָט אויסגעשפּיגן:
— טפו זאָל עס זײַן, שיר ניט געבראָכן מײַן שוווע קיינמאָל ניט צו רייכערן, און אַלץ איבער אָט דעם באָלשעוויק.
ער האָט זיך אופגעהויבן אַף צו געזעגענען זיך מיט אולטן און, אויסשטרעקנדיק אים די האַנט, געזאָגט:
— איז שלאָגט זיי אים אַפּ ענדגילטיק. פירט אים אָפּ אין מאַרג...

■

אַלעקסאַנדערס צעמאַזיקטער קערפּער איז געלעגן אין מאַרג באַם סאַמע אַרײַנגאַנג. די פיס צוגעשפּאַרט צו דער שוועל, דער קאָפּ צוגעדעקט מיט אַ רעדנע. ביידע הענט זײַנען געווען צעשפּרייט און אַרופגעלייגט אַף אַן אַנדער באַרמינען, ווי אין ענגן צימער, בייסן שלאָף, אַף אַ כאַוועדס ברוסט.
באַנאַכט זײַנען צום מאַרג צוגעפאָרן אַף אַן אויטאָמאָביל די קאָנטרראַזוועדטשיקעס. אין בודקעלע באַם טויער האָבן זיי אַ טורקע געטאָן דעם וועכטער. ער האָט זיך טייקעף אופגעכאַפּט און, ווי געוויינלעך, די אויגן ניט אופגעהויבן אַף די, וואָס האָבן אים געטורקעט.
— וועמען וועט איר הייסן דערלאַנגען?
די קאָנטרראַזוועדטשיקעס האָבן אים געשטופּט דעם אָרדער, באַמיִענדיק ניט אָנצורירן זיך אין זײַנע פינגער:
— אָט דאָ האָסטו דיר, אַלעקסאַנדער כוואָראָסטין, צום צעשיסן...
דער וועכטער האָט צום פּאַפּירל זיך ניט צוגערירט, די שטים זײַנע האָט געציטערט. ער האָט אופגעהויבן די הענט, און אין דער טונקלקייט האָט זײַן בלאַס געוואָרן געזיכט אויסגעזען שרעקלעך און צעטומלט:
— וואָס פאַר אַ שפּאַס אינמיטן דער נאַכט... איך ווייס גאַרניט, גאָספּאַדאַ, איך קען דאָ קיינעם ניט אין מאַרג...
אַ קלאַפּ מיט דער קאָלבע האָט צוגעשפּאַרט דעם וועכטער צו דער וואַנט.
— דעם לאַמטערן, — האָבן שטיל און שיפּענדיק געפאָדערט די געקומענע.
דער וועכטער האָט לאַנגזאַם אָנגעצונדן דעם לאַמטערן, אים פאָרויס אַרויסגעשטעלט און, אויסבאַהאַלטנדיק זײַן אייגענעם קאָפּ אין די אָנגעלאָפענע גרויע שאָטנס, אַריבערגעשפּאַנט די שוועל פון מאַרג. באַלויכטענע, האָבן די באַרמינענס אויסגעזען ווי אַ געמיש פון פאַרביקע פלעקן. דאָס פאַרטריקנטע בלוט אַף די געשוואָלענע בלויע גופים איז געווען ווי זשאַווער. דער טערפּקער רייעך האָט געוואָרגן אין האַלדז.
עס האָט לאַנג געדויערט דאָס זוכן אַלעקסאַנדערן. זיך שוין אַנטוישט אים צו געפינען דאָ,

האָבן די קאָנטרראַזוועדטשיקעס נאָכדעם, ווי זיי האָבן געמאַכט א קרייַז איבערן מאַרג, ערשט אָנגעשטויסן זיך אַף אים בא דער סאַמע שוועל.

— אָט דאָס איז ער...

זיי האָבן מיט א ווילדער פרייד געגומען דאָ אין דער טונקלקייַט אויסרעכענען די סימאָנים.

דער וועכטער האָט אויסגעבראָכן אַן איימעדיק געוויין:

— טייַוולאָנים!

דער וועכטער האָט געזען:

...אַלעקסאַנדערס צעמאַזיקטן גוף האָט מען פארוויקלט אין א זאַק און אַרייַנגעוואָרפן אין א מאַשין. די מאַשין האָט זיך לאַנגזאַם געריַרט פון אָרט, ווי אויך זי וואָלט, שטייענדיק דאָ באַם טויער, פאַרגליווערט געוואָרן אין שטומען פאַכעד. צוליב אייגענער פרייַלעכקייַט וועגן האָבן די קאָנטרראַזוועדטשיקעס זיך פון מאַשין אַרויסגעבויגן און דעם וועכטער פאַרזיכערט:

— באַרויִק זיך, אַלטער, מיר וועלן אים גאָרניט טאָן, דעם באַרמינגען, מיר וועלן אים אַפּן סטרעלבישטשנע פעלד צעשיסן, ווי א לעבעדיקן, אַלץ וועט זייַן לויטן געזעץ, וועסט אים קאָנען דערנאָך ברענגען צו זיך אין פּאַלאַץ...

אַז ס'האָט אָנגעהויבן צו שאַרִיען, איז צום מאַרג צוגעפאָרן א גרופּע אָפיצערן און פרייליך אַראָפּגעשפּרונגען פון דער מאַשין. זיי האָבן זיך געפירט ווי א פאַרשפּעטיקטע קאָמפּאַניע בא א רעסטאָראַן, ווי אייַלנדיק אָניאָגן די שוין גויסעסדיקע לוסטיקייַט, איינער פון זיי האָט ווויל־יונגעריש געפרעגט באַם וועכטער:

— דאָ נעמט מען צו באַרמינענס?

דער וועכטער האָט גאָרניט געענטפערט. זינט דעם באַנאַכטיקן וויזיט פון די קאָנטרראַז־וועדטשיקעס האָט בא אים ווי אָפּגענומען דאָס לאָשן. דאַכט זיך, אַף יעטווידן דינעם ביימל, וואָס דאָ אין הויף, איז הענגען געבליבן זייַן געשריי „טייַוולאָנים“. וויפל גרויל איז שוין לעצטנס, אין אָט די דריַי כאַדאָשים, דורך פאַר זייַנע אויגן! נאָר אַף אַזעלכס האָט ער זיך ניט געריכט. קומען אהער און אַזוי אַכזאַריעסדיק צעבויטען די פאַרגליווערטע שטילקייַט פון מאַרג! עס קלינגט אין זייַנע אויערן, ווי א גלאָק, וואָס זאָגט אָן גרויזאַמע סרייפעס:

— מירן אים צעשיסן...

עס דאַכט זיך דעם וועכטער, אַז עס האָט אים שוין אָפּגענומען דאָס לאָשן אַף שטענדיק, די ליפן זייַנע וועלן שוין קיינמאָל קיין לעבעדיק וואָרט פון זיך ניט אַרויסברענגען. אים בלייַבט נאָר פּאָלגן, דורכלייגן א וועג צווישן די הויפנס אָנגעוואָלגערטע באַרמינענס און באַלויכטן זיי מיט זייַן לאַמטערן.

און ווי אָפּצולאָכעס זייַנען די אָפיצערן שטאַרק באַריידעוודיקע. זיי דערציילן:

— שוין העכער א שאָ, אַז מיר בלאָנקען אַרום איבער דער שטאָט. ווו זייַנען מיר שוין ניט אויסגעווען! שוין אין אַלע שפּיטאָלן געווען, און קיינער וויל אונדזערע באַרמינענס ניט צונעמען.

זיי שמייכלען, די אָפיצערן, ווי זיי זאָלן בא אים, בא דעם אַלטן וועכטער פון מאַרג, זוכן מיטגעפיל.

דער וועכטער פילט, אַז אָט וועט אין אים פּלאַצן א ביז גאָר וויכטיקער אָדער און דאָס גאַנ־צע זידנדיקע בלוט, וואָס אין אים, וועט מיטאַמאָל א שטראָם טאָן. עס ווערט אים הייס. אָט וועט ער נעמען און אַראָפּוואַרפן דעם פּעלץ פון זיך, אָט וועט ער ווידער ווילד אויסשרייַען:

— טייַוולאָנים!

אָנשטאָט דעם פרעגט ער אייַלנדיק און מיט פאַרדראָס:

— איז ווו זשע זייַנען זיי, די באַרמינענס אייַערע?

— איר וועט אַנטשולדיקן, הער וועכטער פונעם אָדעסער מאַרג, מיר האָבן אייַך פאַרהאַלטן. באַלד ווערט שוין טאָג, זאָל עס אייַך שטאַרק ניט וווּנדערן. מיר האָבן אייַך געבראַכט ניט קיין עמעסע באַרמינענס, נאָר דערווייַל נאָך פּולשטענדיקן רווישטאָף...

דער וועכטער האָט גאָרניט פאַרשטאַנען. מער פון אַלץ האָט אים געערגערט אָט די אומגע־וויינלעכע העפלעכקייַט. ער האָט א שפּאַן געטאָן צום אווטאָמאָביל, נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און מיטאַמאָל, ווי עמעצער זאָל אים א שטאַרקן שטויס טאָן אין ברוסט, איז ער אָפּגע־שפּרונגען. אין אווטאָמאָביל זייַנען געזעסן ענג צונויפגעדריקט דריַי לעבעדיקע מענטשן. אַלע דריַי יונגע, מיט אַנטבלויזטע קעפּ. געזעסן און געגלעט איינער דעם אַנדערן די הענט, ווי געטרייסט.

— טייקעף, טייקעף, — האָבן די אָפיצערן דעם וועכטער געטרייסט, — גייט נאָר אוועק אין א זייַט.

און טייקעף טאַקע האָבן זיי פונעם אווטאָמאָביל אַרויסגעפירט דריַי מענטשן, אין אונטער־

ווײַס. אַ מעשונע גרויסער, ווייכער פלעק האָט אַ פינקל געטאָן דעם וועכטער אין די אויגן. מע האָט די מענטשן צוגעשטעלט צו דער ציגלנער וואַנט פונעם מאָרג.

דער קאַיאָר איז אופגעריסן געוואָרן פון אַן אײַזיקער שיסערײַ.

דער וועכטער איז געלעגן אין שניי, זיך געוואָרפן אין ווייטעקדיקע קראַמפן און געריוועט, ווי אויך אין אים זאָל טרעפן איינע פון די קוילן.

— טײַוולאָנים!

די אָפיצערן האָבן זיך צו אים אָנגעבויגן און געזאָגט:

— איצט, אַלטער, קאָנסטו זיי נעמען, די באַרמינענס, און אַרײַנשלעפן זיי אין מאָרג. זײַ וויסן, אַז אַלע דרײַ זײַנען צעשאָסן לויטן אורטייל פונעם פעלד־געריכט.

אָפן באַרקאַס

רינגער האָט געוווּסט, אַז דאָס מיידל, וואָס זיי, ער מיט פּעטראָוון, דאַרפן אופנעמען בא אַטשאַקאָוו, וועלן זיי באַגעגענען אָפן באַרקאַס, וואָס האַלט זיך אוף בא די ברעגן פון לוסטדאָרף, און דאָך האָט זיך אַ געדאַנק פאַרקליבן בא אים, אַז ווער ווייסט, צי קאָן גאָר צוליב עפּעס אַ צופאַל גראָד מוזן בײַטן איר מאַרשרוט און אָנקומען אָף אַ שיף דאַפקע אין האַפן. ווער זשע וועט זי באַגעגענען? אַ זיכערקײַט האָט געלעבט אין זײַן האַרצן, אַז ווי זי זאָל זיך ניט אָנטאָן, דאָס אומבאַקאַנטע מיידל, וועט ער זי טייקעף דערקענען. ער וועט איר גלײַך אַנטקעגן קומען און דעם פאַראָל אַנטקעגן טראָגן, ווי די בעסטע מאַטאָנע פאַר אַ מיידל, אָף וועלכער מע קוקט לאַנג־לאַנג אַרויס.

צום האַפן איז ער געגאַנגען מיט גיכע טריט. פון דעם פוטער, וואָס ער האָט נאָך אָף זיך געטראָגן, איז אים געוואָרן הייס. דער פאָרטפעל איז נאָך בא אים געווען פול מיט קאָנאָסאַמענטן און ניט־געכאַסמעטע אָפּמאַכן. ער איז דאָך נאָך אַלץ דער עלטסטער אַגענט פון דער קאָנטאָר „רוס“. איז אײַלט ער זיך אַזוי צום האַפן, ער קאָן נאָך פאַרשפּעטיקן אין דער שיף־געזעלשאַפט „קאָלומבוס“.

אומעטום אַ מאָדנע בלויקײַט, ווי עמעצער וואָלט געוועז מיט אַ דינעם פענדזל אָף אַ ברייטן לײַוונט אויסגעמאָלט מיט בלויע אייל־פאַרבן דעם הײַנטיקן נאָיאַבער־טאָג. ווי נאָר ער האָט זיך דערנעענטערט צום יאַם, איז אים געוואָרן גרינגער צו אָטעמען. ער האָט טיף אין זיך אַרײַנגעצויגן די קאַלטע לופט, דאָרשטיק מיט איר זיך אָנגעטרונקען, אַראָפּגעלאָזט זיך צום האַפן און איז דערשטוינט געוואָרן.

דאָס אײַז האָט ווי מיט אַ רינג אַרומגעכאַפּט אַן אומגעהייערן שטעק פון יאַם. דער יאַם איז געלעגן אַ פאַרפרוירענער, שטום און אומבאַוועגלעך. אַ מײַרעוודיקער שאַרפער ווינט האָט געיאָגט די שנייעלעך איבערן אײַז, וואָס איז געווען ערטערווײַז צעשפּאָלטן. צווישן צוויי קריִעס איז ניט ווײַט פון ברעג געשטאַנען אַ צונויפגעפרעסטע די ווײַסע פראַנצויזישע שיף „לאַסקאַרי“ און ניט ווײַט פון איר דער „דאָן“.ביידע שיפן האָבן ווי אָף עפּעס אַרויסגעקוקט און ניט געוואַגט זיך רירן פון אָרט.

זומער איז דאָ דערגעבן געשטאַנען דער „סינאָפּ“, צו וועלכן רינגער פלעגט זיך דערקלײַבן מיט די נאָר אים באַוווּסטע שטעגעלעך. אָפן „סינאָפּ“ האָט געפלאַטערט אַ רויטע פאָן, אָפן „סינאָפּ“ זײַנען פאָרגעקומען אומופהערלעכע באַראַטונגען וועגן דעם סעוואַסטאָפּאָלער רויטן פלאָט. איצט איז דער יאַם בא אָדעס פאַרשמידט אין אײַז, ווי אין קייטן. קיין שום גרוס פון אים וועט ער ניט ברענגען דווירעלען אין איר קעלער־שטוב. דער יאַם האָט זיך איצט ווי צונויפגערעדט מיט רינגערן, אַרופגעצויגן אָף זיך דאָס בלויע פראָסט־הײַטל, ווי אַ מאַסקע, קיינער זאָל אים ניט דערקענען. ער האָט זיך פאַרקאָנספּירירט, דער יאַם, און גיי טרעף, וואָס עס טוט זיך איצט אָפּ אונטערן שווערן אײַז־דעק. געוויס ברויזן דאָרט אונטן די וואַסערן, דער יאַם זאַמלט דאָרט די הייסע גוווּרע און גרייט זיך צו אַ שטורעם.

אַ בלויער ווינטערדיקער פאַרנעפּלטער און פאַראָסטעטער טאָג. עס שטייט נאָך הײַנט פאַר רינגערן זיך איבערטאָן און פאָרן קיין לוסטדאָרף. זיך פאַרבינדן מיט פּעטראָוון. וועט ער דאָס אָפּטאָן, ווי שטענדיק, גרינג און אָן ספּייקעס. ווי אַלץ, וואָס ווערט אים פאַרטרויט. דאָס וויכטיקסטע — מע דאַרף פאַרגעסן אין דעם, וואָס ס'איז געווען ביז הײַנט אין דער קאָנטאָר, אין סעמיאָנען, אין די באַגעגענישן מיט שנעפּערן. אַ נימעסע בריִע אָט דער שנעפּער, וואָס אַז ער רעדט, שפּריצט אים פונעם מויל. דאָס פאָרגעפיל האָט רינגערן ניט אָפּגענאַרט. שנעפּער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר. ס'דערמאָנט זיך אַלעקסאַנדער, וואָס פלעגט מיט אַזאַ סינע זאָגן: „אַז פּראָוואָקאַטאָרס זיצן אָף פּראָוואָקאַטאָרס...“

צוגלײַך מיט אַלע כאַווײרים איז ער געקומען אין מאָרג. קײנער האָט זיך דאָרט אָף אים ניט אַרומגעקוקט. מאַלע וואָס עפּעס אַ יונגערמאַן אין אַ װײכער שליאַפּע און אין אַ לאַנגן סאָכרישן פוטער איז צוליב נײַגעריקײַט געקומען אין מאָרג. אויב אַפילע ער זוכט שוין דאָ עמעצן אַ באָענטן, איז דאָס אויך קײן כידעש ניט. לעצטנס האָט שוין דאָ גאַנץ אָדעס נאָענטע און קרויווים.

ער האָט געקוקט אָף אַלעקסאַנדערן, וואָס איז געלעגן סאַמע בא דער שוועל, אַ צעמאַזיקטער באַרמינען, אין דעם צעריסענעם און פאַרבלוטיקטן העמד מיט דעם אַראָפּגעהאַנגענעם אַרבל. אַ שרעק האָט פאַרקלעמט זײַן האַרץ, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט אַלעקסאַנדערס אָפענעם און פאַרגליווערטן בליק. ווי פרעמדע, האָבן אים די אײגענע פיס אַרויסגעטראָגן פונעם מאָרג. ווי זײ זאָלן ראַכמאָנעס קריגן, די פיס, אָף זײַן געבראָכנקײַט און שווערן געמיט. באַלד אָבער איז, ווי אַ כוואַליע, וואָס יאָגט אָן פון יאַם, אַ צאָרנדיק געפיל אין אים אָנגעוואַקסן. ער האָט פאַרקריצט די צײין.

ער האָט געטראַכט: „דער מאָרג וועט קײנעם פון אונדז ניט אָפּשרעקן. אַלע מיר האָבן אויסגעשמידט אין זיך אַ שטאָלענעם ווילן צום זיג. און זיכער און רויִק איז אונדזער שפּאַן, אַלץ נעענטער איז ער, אָט דער זיג“.

מע דאַרף פאַרגעסן אין דער קאָנטאָר, וואָס האָט זיך שוין אַרויסגעקליבן פונעם הויז אָפן ראָג פון יעקאַטערינינסקע און דעריבאַסאָווסקע. זי וועט זיך שוין, די קאָנטאָר, עפענען די טעג גאָר אין אַן אַנדער אָרט און שוין אונטער אַן אַנדער נאָמען. איז דער וועג — צו אַנושקען.

ס'איז נאַטירלעך, וואָס אין אַזאַ פראָסטיקן ווינטער־טאָג כאַפּט זיך אַרײַן אַ מענטש אין אַ לענגלעכן פוטער אין אַ גאָרקיך זיך אָנוואַרעמען מיט אַ גלאָז טײ. פאַרוואָס זאָל די באַלעבאָסטע אים ניט אײַנלאַדן אין אַ זײַטיקן צימער: „גײט וואַשט זיך“? און ווען גײט עס אָן, וואָס ער האָט זיך שוין דאָרט, אין אָט דעם זײַטיקן צימער, לענגער פאַרהאַלטן און אין אַ צײַט אַרום איז אין גאָרקיך אַרײַנגעקומען אַ פויערשער יאַט אין אַ קורצער סוויטקע, פון וועלכער ס'זײַנען אין פיל ערטער אַרויסגעקראָכן שטיקער אָפּגעסמאַלעטע פוטער, דאָס היטל איז געווען בא אים פאַרוקט אָף אַרוף, פון אונטערן שוואַרצן דענעק האָט זיך אַרויסגעשלאָגן אַ שוואַרצע קוטשמע.

פאָרט מיטן צעטרײסלטן אכצעטן טראַמוויַ אַ פויערשער פרײלעכער יאַט קײן לוסטדאָרף. אונטערן אָרעם האַלט ער אַ צונויפגעדרײטע נעץ. געוויס, אַ פישערס אַ זון, און דאָס פירט ער דעם פאָטער פון שטאָט אַ נעץ, און ער וועט דאָרט מיט אים זיצן ערגעץ אין אַ שטיבל באַם יאַם און די נעץ צעפּלאָנטערן און זי פאַריכטן...

■

פעטראָוו איז אַ פישער, וואָס קען גוט דעם יאַם און מיט וועלכן דער יאַם וועט קײנמאָל ניט שפּילן קײן קאַטאָוועס.

אין שטיבל בא פעטראָוון איז אַלץ ווי בא אַן אַלטגעזעסענעם לוסטדאָרפער פישער. עס שמעקט מיט יאַם און מיט פיש. דאָס פענצטער איז אומגעווײנלעך ברײט. דער יאַם קוקט אַהער אַרײַן, און פעטראָוו זעט אים און ווײסט וועגן אַלץ, וואָס קומט דאָרט פאָר.

די ווײַסע באָרד בא פעטראָוון איז אַ פאַרפּלאָנטערטע און אַ פאַרשמאָלצעוועטע, ווי דער פישער זאָל זי שוין צו אָפט באַטאַפּן מיט די פינגער. ער איז גאָרניט קײן אָרעמער, אָט דער פישער, וואָס לאָזט ניט אַרויס דעם ציבעק פון מויל. די פישער, וואָס קומען צו אים אַרײַן, דערצײלט ער וווּנדערלעכע מײַסעס וועגן דעם ווײַטן און קאַלטן אַרכאַנגעלסקער קאַנט, ווו ער איז געבוירן, און לײענט זײ אָפט די עוואַנגעליע, וואָס ליגט בא אים שטענדיק אָפן טיש. ער טוט אָן די ברילן, פאַרבונדענע מיט שטריקלעך, און פרעגט זיך נאָך בא די שכײנים:

— איז אָף וועלכן קאַפּיטל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, מײַנע טײַערע?

כידעשט זיך שוין קײנער ניט, וואָס פעטראָוו פאַרמאָגט אַזאַ פעסטן, גוט אויסגעשטאַטן באַרקאַס, אָף וועלכן ס'איז אַפילע אין די קאַלטע און נעפּלדיקע נאָיאַבער־טעג קײן ריזיקע ניט זיך לאָזן איבערן יאַם. ס'איז אויך קײן כידעש ניט, וואָס פעטראָווס באַרקאַס כאַפּט אונטער אַמאָל לעבן אָטשאַקאָוו עפּעס אַ פאַרשווינדל און ברענגט אים אַהער קײן לוסטדאָרף. ער האָט אַ גוט האַרץ, אָט דער אַלטער פישער, וואָס איז געקומען קײן אָדעס אַזש פון אַרכאַנגעלסק.

איז...

— די נעצן האָבן זיך צעריסן...

— זײַ זיך מאַטריִעך און פאַריכט זײ...

רינגער האָט זיך אָוועקגעזעצט אָפן צעשפּרײטן צעריסענעם טעפּיך, וואָס איז געווען צונויפגעשטוקעוועט מיט פעדעם, און באַטראַכט דורכן פענצטער דעם יאַם, איבער וועלכן עס זײַנען, ווי

ווײַטע שעפּעלעך, געשווומען לײַכטע און נידעריקע כוואַליעס. דער יאַם בא לוסטדאָרף וועט ניט פאַרפרוירן.

פּעטראָוו איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, אַ נידעריקער און קרעפּטיקער, ער האָט געהאַלטן אין די הענט אַ לאַנגן האַנטעך, זיך געקליבן וואַשן, אַרײַנגעקוקט רינגערן אין די אויגן און געפרעגט:

— אָבער דעם עמעס, אַמעריקאַנעץ, וועסט ניט כאַפּן קיין ציטער? די ווינטן יאָגן הײַנט נאָר פון מײַרעוו, נאָר פון מײַרעוו.

■

דער באַרקאַס „מעדוועד", אַ פול אָנגעלאָדענער, איז אָפּגעשווומען מיטן יאַם. דער וועטער האָט זיך געענדערט צום גוטן. די שכיינים, די פישער, האָבן זיך ניט געכידעשט, וואָס פּעטראָוו האָט מיטגענומען מיט זיך דעם באָכער, וואָס האָט אים געבראַכט צו פאַריכטן די נעץ. מינאַסטאַם, האָבן זיי געטראַכט, האָט שוין פּעטראָוו דעם באָכער באַוויזן אויסצופּרוּוון, מינאַסטאַם איז ער אויך אַ געוואַגטער פישער.

איז...

— פאָר בעשאָלעם, פּעטראָוו!

— זע, אַ נאָרד־ווינט זאָל דײַן באָרד ניט פאַרפרירן!

— גיב איבער אַ גרוס אונדזערע אין אָטשאַקאָוו!

און נאָך האָבן די פישער געוואָרנט:

— פון די ווײַסע, די דעניקינצעס, מעגסטו זיך האַלטן פונדערווײַטנס...

פאַרנאַכט־צו, ווען דער באַרקאַס האָט זיך שוין היפּש דערווײַטערט פונעם ברעג, האָט פּעטראָוו אַראָפּגענומען די באָרד, זי צונויפגעוויקלט און פאַרשטופּט אין בוזעם. ער האָט עס געטאָן ווי אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, ניט אַרויסנעמענדיק דעם ציבעק פון מויל. כאָטש פאַר רינגערן איז פון סאַמע אָנהייב געווען קלאָר, אַז די באָרד בא פּעטראָוון איז אַן אַנטלײַענע אויף אַ צײַט, נאָר דאָך האָט אים אויסגעוויזן אומגעריכט און מעשונע פּעטראָווס נײַ אויסזען, דאָס, וואָס ס'איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן דאָס קאַלטבלוטיקײַט פון אָט דעם מענטשן, ס'איז צערונען זײַן כשיוועס, דאָס פּאָנעם האָט אַ לײַכט געטאָן מיט אַ נײַער שײַן. פּעטראָוו האָט יוגנטלעך און פריש געשמייכלט, ווי אָנגעקוועלט דערפון, וואָס ער האָט פון זיך אַזוי מיטאַמאָל אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע און פרעמדע לאַסט. ער האָט שמייכלענדיק אויסגעצויגן רינגערן די האַנט, אים געגנוי באַטראַכט, ווי ביז דעם, ווען ער איז געווען אָן דער גראָוער באָרד, האָט ער ניט געקאָנט ווי געהעריק זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דעם כאַוער, וואָס דער אונטערערדישער מיליטערישער שטאַב האָט צו אים צוגעשיקט.

מע האָט ביידע געלאַכט, זיך געהוידעט אויפן באַרקאַס, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געווען באַפרײַנדעט, און ביידנס אויגן האָבן אָנגעקוואָלן פון דעם, וואָס אָט קוקן זיי זיך אָן און זעען אַזוי איבערצײַגעוודיק:

ביידע זײַנען אַלציינס יונג, געזונט און פריילעך.

דער יאַם שווימט מיט, ווי אַ טרײַער באַגלייטער. ווי אַ גאָר נאָענטער, וואָס איז הײַנט אויך פאַרמישט אין דער קאָנספּיראַציע. ער שמייכלט, דאַכט זיך, צו ביידן, ווי ער זאָל זאָגן:

— ס'איז אַ ביז גאָר שווערער איניען זיך דערקלײַבן צו אָטשאַקאָוו, אָפּוואַרטן דאָרט אויף אַ שיף און אַרופנעמען צו זיך אויפן באַרקאַס „מעדוועד" אַ מיידל, וואָס פירט אין איר קלייד פאַרנייט וויכטיקע יעדיִעס פון דער יוגזאַפּפראָנט־ביוראָ...

דרײַ טעג איז מען געפאָרן מיטן באַרקאַס. צומאָל זיך גאָר נאָענט געהאַלטן באַם ברעג. בא רינגערן האָבן שוין די הענט אָנגעבראַקנעט. אין די פינגער זײַנען אים פאַרגאַנגען זאַשפּערעס. די נעץ איז געווען שווער, ווי מיט אײַזן פאַרקאָוועט. און נאָר איינמאָל, אינמיטן יאַם, איז פון דער נעץ אַרויסגעשפּרונגען אַ פיש, מיט גרויס לוסטיקײַט זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער הייך, דער גלאַטער רוקן זײַנער האָט זיך אַ שפּיל געטאָן אינעם גינגאָלד פונעם זון־פאַרגאַנג און אַ פינקל געטאָן אין דער לופט. רינגער האָט דעם פיש גענומען אין האַנט, שטאַרק צוגעהאַלטן, ער זאָל זיך ניט אַרויסגליטשן. פּעטראָוו האָט דורכן אַקסל אַ קוק געטאָן איינצײַטיק אויפן פיש און אויף רינגערן און אַ זאָג געטאָן:

— האָסט געכאַפּט אַ פויגל...

ער האָט פאָרגעלייגט, פּעטראָוו, מע זאָל דעם פיש אָפּבראָטן:

— סע דאַרף זײַן אַ געשמאַקער לעקעטש, און דערצו האָבן מיר זיך שוין דאָ אויסגעהונגערט אויך!

רינגער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, און, ווי פּאַרענטפערנדיק זיך, קינדיש־נאַיִוו געזאָגט:
— וואַרט צו, לאָמיך זיך נאָך אָנשפּילן מיט אים...
מיט א געמאַכטן רויגעז האָט פּעטראָוו אויסגעדרייט דעם רוקן און א מורמל געטאָן:
— אַ, גיי צום טײַוול...
מע האָט לאַנג געשוויגן. די כוואַליעס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין דער נאָז פון באַרקאַס. עמעצנס פאַרבאַרגענע הענט האָבן געשפּרייט א טונקעלן טעפּיך איבערן יאַם. פּעטראָוו האָט פאַרצויגן א ליד וועגן גרויסן סיבירער טראַקט. פון רינגערס האַנט האָט זיך אַרויסגעגליטשט דער פיש און זיך א פּלוסקע געטאָן אין וואַסער.
דער באַרקאַס איז צוגעשטאַנען צום אָטשאַקאָווער ברעג באַנאַכט. ציטעריקע פײַערלעך האָבן, ווי שמעטערלינגען, זיך געדרייט אַרום דעם הויכן לײַכט־טורעם.
די נאַכט איז געווען א קאַלטע. פּעטראָוו איז געלעגן מיט רינגערן אויפן דנאָ פונעם באַרקאַס, איבערגעדעקט מיטן גרויסן „בער". אַן אַנגסט האָט געפּײַניקט פּעטראָוון. מע האָט ניט געטאָרט רייכערן, האָט ער גערן געהערט, וואָס רינגער האָט אים דערציילט וועגן זײַנע וואַגלענישן און וועגן זײַנע ערשטע באַגעגענישן מיט דוווירעלען. ער האָט בלויז איין מאָל אין רינגערס רייד אַרײַנגעשטעלט:
— דאָס איז זיכער געווען א שלאַנק בלאָנד מיידל!
רינגער האָט אים צוליב געטאָן:
— מינאַסטאַם...
האָט פּעטראָוו זיך איבערגעדרייט אויפן האַרטן געלעגער, עטוואָס זיך אונטערגעהויבן און ערנסט באַשטאַנען אויף זײַנעם:
— ניט מינאַסטאַם, נאָר זיכער...
און שוין שטיל צוגעגעבן:
— מיר געפעלן נאָר בלאָנדינקעס!
אַז מע האָט געגומען ריידן וועגן דער „קאָנטאָר", וועגן סעמיאָנען און וועגן דעם „ליפט" מיט דער יוגזאַפּפּראָנט־ביוראָ, האָבן ביידע זיך דערוואַרעמט. אַרום איז געווען שטאַרק פינצטער. אפילו אויפן לײַכט־טורעם זײַנען שוין אויסגעלאָשן געוואָרן די פײַערלעך. איז מען אַזוי אָפּגעלעגן ביז פאַרטאָג און דעם ערשטן וואַרעמען מײַרעוודיקן ווינט געמאַכט א פריילעכע וואָרע. פּעטראָוו איז געבליבן אויפן באַרקאַס, און רינגער איז אַוועק באַגעגענען דאָס אומבאַקאַנטע מיידל.

■

דוווירעלע, ווי נאָר זי איז אַראָפּגעגאַנגען פון דער שיף, האָט זי זיך באַם ברעג אויף א רעגע אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט. פאַרבײַ איז געפאָרן א פויערשע פור מיט טעפּ. דער פויער איז געזעסן מיט די פיס אַראָפּגעהאַנגען און פויל אויסגעגענעצט די שלאָפלאָזע נאַכט. באַ דוווי־רעלען האָט א בליץ געטאָן א געדאַנק: „עפּשער גראַד מיט דער פור וועט מען זי באַגעגענען?" זי האָט א שפּאַן געטאָן צו דער פור און טייקעף זיך אָפּגעקערט אין א זײַט.
ס'האָט שאַריִעט אויף טאָג. די נאַסע קעלט איז געקראָכן אין די אייוורים.
זי וויקלט זיך אין שאַל, שטעלט גיכע היפּנדיקע טריט, ווי אומעטום, דאָ באַם ברעג, זאָלן זײַן בערגלעך און דאָס שפּרינגט זי זיי אַריבער. דער באָכער, וואָס איז איר געגאַנגען לאַנגזאַם אַנטקעגן, שלעפּנדיק די נעץ, האָט זי ניט באַלד באַמערקט. באַם באָכער איז דאָס היטל געווען פאַרוקט אין א זײַט. עס שײַנט, ער האָט זיך שוין, דער באָכער, היפּש אָנגעהאָרעוועט, שלעפּנדיק די שווערע נעץ. דוווירעלע דערפילט די קעלט אין די אויגן. ס'ציִען זיך צונויף אירע געדיכטע שוואַרצע ברעמען, דער שטערן קנייטשט זיך ביז גאָר, אָט נאָך א רעגע, און די אָדערן וועלן פּלאַצן. זי בלײַבט שטיין פאַרגליווערט:
— רינגער!
— דוווירעלע!
די נעץ איז אַרויסגעפאַלן פון רינגערס הענט. ער איז געבליבן שטיין פאַרגאַפט. ער האָט באַמערקט, ווי א טרער האָט זיך פּלוצעם באַוויזן אויף דוווירעלעס געזיכט און ווי ניט געוווּסט, אַראָפּרינען ווײַטער צי זיך פאַרהאַלטן. ער איז טייקעף געקומען צו־זיך, א שפּאַן געטאָן נאָענט צו דוווירעלען, פרײַנטלעך זי א שטויס געטאָן מיטן אַקסל און געזאָגט:
— ס'קומט אונדז שמײַסן!
— פאַרוואָס? — האָט נאָכגיביק און וואַרעם געפרעגט דוווירעלע.
— און דער פאַראַל ווו איז? — רינגער האָט זיך געבייזערט, אופגעהויבן די נעץ און א כאַפּ געטאָן דוווירעלען אונטערן אָרעם.

יאָסקע איז ווידער אָנגעקומען אַף פּאַפּאָווס פאַבריק. ווידער געפּאַקעוועט קעסטלעך טיי.
אָט, דאַכט זיך, נעכטן איז ער געקומען מיטן קויש בייגל אַפן קויאַלניק, איבערגעטראָטן די
שוועל פונעם צימערל אינעם פּאַנסיאָן „ניל" און געטראָפן דאָרטן דווירעלען מיט ליובען זיצן
באַ דער ניי־מאַשין.

דעם קויאַלניק האָבן דווירעלע און ליובע פאַרלאָזט. ווּהין זיי האָבן זיך אַריבערגעקליבן,
ווייסט ער ניט.

איין מאָל נאָר האָט ער, יאָסקע, אויסגעפילט אַ וויכטיקע שליכעס, און עס בענקען שוין אַזוי
אָפּט זײַנע הענט נאָך אַ שווערן קויש מיט בייגל אָדער נאָך עפּעס אַן אַנדער מאַסע, וואָס ער
וואָלט זי אַזוי גערן און פרייילעך־לײַכט געטראָגן איבער לאַנגע שטרעקעס, אַפילע נאָך ווײַטער
ווי צום קויאַלניק, אַבי ער זאָל וויסן, אַז אויך ער שטייט אין אַ נאָענטער פאַרבינדונג מיט אָט
דער גרויסער און וויכטיקער זאַך, וועלכער עס דינען אַזוי טרײַ און איבערגעגעבן דווירעלע, רינ־
גער, ליובע, שמוליק...

צום סאָף טאָג, ווען דער וועכטער האָט זיך שוין געקליבן עפענען די טויערן פון דער
פאַבריק, האָט זיך אַפן הויף באַוויזן די דעניקינישע וואַכטע. מע האָט די פאַבריק אַרומגערינגלט
פון אַלע זײַטן. די אונטערזוכונג האָט לאַנג געדויערט. די וואַכטע האָט אויפגעבראָכן די קעסטלעך,
צעוואָרפן די פּעקלעך טיי איבערן הויף, זיי געטראָטן מיט די פיס. מע האָט געזוכט דעם אונטער־
ערדישן „קאָמוניסט".

יאָסקע איז געזעסן אַף אַ שטיין ניט ווײַט פונעם טויער. ער האָט צוגעקוקט, ווי די דעני־
קינצעס ווילדעווען. דאָס פּאָנעם האָט באַ אים געפלאַמט פון אויפרעגונג, ער האָט געבייסן די ליפּן,
זיך געהויבן פון אָרט און אומגערן גענומען איבערבינדן דאָס פּאַסיקל פון די הויזן. עמעצער האָט
אים אָנגעטראָטן אַפן פוס. לעבן אים איז געשטאַנען איינע פון די אַרבעטערנס, אַ רעגע באַטראַכט,
ווי ער פאַרעט זיך מיטן פּאַסיקל, און אַ ווונק געטאָן מיט די אויגן.

אין דער בעהאָלע, וואָס איז געוואָרן אין הויף, האָט קיינער ניט באַמערקט, ווי יאָסקע איז
מיטן מיידל פלינק צו צום סקלאַד, ווי זיי האָבן די טיר אויפגעשפּאַרט און פאַרשוווּנדן אינווייניק.
אינגיכן איז פון דאָרט אַרויס יאָסקע אינעם פעלץ פון אַ וועכטער. אַ נידעריק געבויגענער,
אײַנגעהויקערט, מיט אַ הויכן שטעקן אין האַנט. פאָרזיכטיק, אויסמײַדנדיק די צעוואָרפענע פּעק־
לעך טיי, האָט יאָסקע זיך דערנעענטערט צום טויער, ער איז דורך פאַרבײַ דער וואַכטע, וואָס
האָט אַף אים קיין אַכט ניט געלייגט, און איז אַרויס אין דרויסן.

די פּעקלעך „קאָמוניסט", מיט וועלכע ער איז געווען שטײַף אַרומגעוויקלט, האָבן גע־
וואַרעמט זײַן לײַב. אַן אומדערוואַרטע רויִקייט האָט אים באַהערשט און געריכטעט זײַן שפּאַן
אַף אַ זיכערן וועג.

אַפדערנאַכט איז רינגער געקומען אַף נאָוואָריבנע. ווי אומעטום איצט אין אָדעס, איז אויך
באַ דווירעלעס מוטער אין קעלער־שטוב געווען פינצטער. ערשט אַז רינגער האָט אַ שפּאַר געטאָן
די טיר פון דעם פירהויז, האָבן ביידע מיטאַמאָל, די אַלטע און יאָסקע, אַ פרעג געגעבן:

— ווער איז?

יאָסקע איז שוין געווען אויסגעטאָן און געלעגן אין בעט. די אַלטע האָט אין דער פינצטער
זיך לאַנג געפּאָרעט, ביז זי האָט אויפגעזוכט די שוועבעלעך און געמאַכט ליכט. זי האָט אונטער־
געטראָגן דאָס לעמפּל גלײַך צו רינגערס פּאָנעם, נאָר אים באַלד ניט דערקענט און געבליבן
אַזוי שטיין אין פאַרלעגנהײַט מיטן פאַררייכערטן לעמפּל אין דער האַנט.

רינגער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דער באַקאַנטער אײַנגעפאַלענער קאַנאַפּע. ער איז נאָך
אַלץ געווען אָנגעטאָן אין די קליידער פון אַ פישער: אַן אַלט, אויסגעקראָכן פעלצל, פון אויבן אַ
זאַק, וואָס האָט געדינט פאַר אַ פאַרטעך, דאָס קאַשקעטל פאַרוקט אַפן קאָפּ.

אין דער האַנט האָט רינגער געהאַלטן אַ ווענטקע און זי גערייניקט מיט אַ מעסערל. ער האָט
רויִק און זאָרגלאָז, ווי שוין גאָר אַ היימישער, גענומען דערציילן:

— ס'איז מיך טאַקע שווער צו דערקענען. דערווײַל כאַפּ איך פיש אין יאַם. ס'איז אַ ראַכ־
מאָנעס אַף די קליינע באַשעפענישן. אין אַזעלכע קעלטן ווייקן זיי זיך אין וואַסער, שלעפּ איך
זיי אַרויס און טריקן זיי אַפן פײַער...

יאָסקע האָט אפגיך אַף זיך ארופגעצויגן דאָס אָנטאָן און איז צו צו רינגערן. ער האָט צו אים ביידע הענט אויסגעשטרעקט, נאָר ניט געוואָגט אים ארומנעמען. האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט אַף דער אײַנגעפאַלענער קאנאפע, ווי אין א גרוב, און די הענט פריַינטלעך אוועקגעלייגט אַף רינגערס קני. ער האָט גאָרניט געזאָגט, יאָסקע, צעעפנט די אויגן און פארגאפט נאָכגעשפירט, ווי געניט רייניקט רינגער די וווּנטקע. די אַלטע איז אויך געשטאַנען מיט א האַלב צעעפנט מויל, געקוקט אַף רינגערן און זיך אַלץ ניט געקאָנט דערמאָנען, ווער איז עס אָט דער באָכער, וואָס האָט זיך אזוי געמיטלעך אײַנגעמאָסטעט אַף דער קאנאפע. ווי די שוואכע שײַן פונעם לעמפּל זאָל איר שטערן צו הערן, וואָס אָט דער באָכער דערציילט, האָט זי געמאכט גרעסער דעם פלאַם. זי האָט זיך צוגערוקט צו דער קאנאפע, פארשארט די פאטשיילע הינטער די אויערן.

רינגער האָט פאַרגעזעצט אין א שפּאַסנדיקן טאָן:

— וואָס דארף דען א פישער ווינטער־צײַט? א שטיק מאמעליגע און א קוואַרט וואסער...

די אַלטע האָט אויסגעבראָכן מיט א געשריי:

— וואָס פארעדט איר מיר די ציין?

זי האָט א ריס געטאָן פון רינגערס האַנט די וווּנטקע, אראָפּגעשלעפט פון זײַן קאָפּ דאָס קאַשקעטל, די שווארצע אויגן אירע זײַנען ארומגעלאָפן אין גרויס אומרויִקײַט, און, ווי געטריבן פון עפּעס אן אומקלאָרן פאַרגעפיל, איז זי צו צו דער טיר און זי פארקייטלט. זי האָט ווײַטער געפילדערט:

— יונגערמאַן, וואָס איז דאָס פאר א פארשטעלעניש, כ'בין אײַך ניט קיין קליינשטעטלדיקע יאַכנע, כ'בין אן אָדעסער ייִדענע, כ'בין אויך א מיוון אַף א טשאד.

רינגער איז וווילינגעריש אראָפּגעשפרונגען פון דער קאנאפע, גענומען די אַלטע פאר די הענט און מיט קראַפט זי א טרייסל געטאָן:

— מומע ביילע, עפשער קאָנט איר אונדז אָפּבראָטן א פאָר קארטאָפל?

בא דער אַלטער איז גלײַך ארויסגעפאַלן פון דער האַנט רינגערס וווּנטקע און דאָס קאַשקעטל, זי האָט זיך א וואָרף געטאָן רינגערן אַפן האַלדז און זיך שטארק צעוויינט.

אז זי האָט זיך היפּש אויסגעוויינט, האָט זי מיט די שפּיצן פון דער פאטשיילע אויסגעווישט די אויגן. גרויסע, שווארצע, האָבן זיי א לײַכט געטאָן איבערן גאַנצן צימער ביז גאָר העל. אין דער מאמעס שײַנענדיקן בליק האָט יאָסקע דערפילט דווירעלעס קוק, וואָס איז שטענדיק געווען אויך אזא הייסער און לויכטנדיקער. ער האָט געוואָלט א פרעג טאָן בא רינגערן: „ווו איז דווירעלע?" האָט אים די מאמע איבערגעיאָגט.

זי האָט אין פירהויז אַף דער זשאַראָווניע געבראָטן קארטאָפל און דורך דער אָפענער טיר געשאָטן מיט רייד:

— איצט, אז איר זײַט שוין יאָ אין אָדעס, טײַערער פרײַנט, וועט איר מיר שוין זאָגן דעם גאַנצן עמעס וועגן דווירעלען. איר ווייסט דאָך, וואָס הייסט א מאמעס הארץ. איר האָט דאָך אויך אמאָל געהאַט א מאמען. איך בין דאָך אויך ניט פון אונטערן אייוון ארויס. איך ווייס גוט, וואָס עס קומט פאָר אַף דער וועלט. יאָסקע מײַנער, זאָל געזונט זײַן, לייענט מיר אָפּט פון די גאַזעטן. נאָר די שכיינים גלייב איך ניט. זיי האָבן מיר שוין געגעבן אָנצוהערן, אז זיכער איז שוין דווירעלע ארײַנגעפאַלן צו יענע אַף נאָוואָסעלסקע, צו די מערדער אין די הענט. נאָר אָט זע איך אײַך א לעבעדיקן. גלייב איך, אז מײַן דווירעלע איז אויך לעבעדיק...

זי איז ארײַן אין צימער, צוגעגאַנגען צו רינגערן און אים א קוש געטאָן אין שטערן:

— זאָגט מיר דעם עמעס...

רינגער האָט זיך אָפּגעקערט און ארומגעכאַפּט יאָסקען, מיט אים זיך א דריי געטאָן איבערן צימער, ווי אין א טאַנץ:

— דווירעלע לעבט, זי איז געזונט און שטארק. נאָר זי איז זייער פארנומען. איר זײַט דאָך א קלוגע ייִדענע, אײַך דארף מען דאָך ניט ארײַנלייגן קיין פינגער אין מויל. דווירעלע האָט מיך געשיקט אײַך איבערגעבן א גרוס און זאָגן, אז זי בעט אײַך וועגן איר זיך ניט זאָרגן.

זאַלבעדריט איז מען געזעסן באַם טיש. די געבראָטענע קארטאָפל זײַנען געווען אויסערגעוויינלעך געשמאַק. דאָס ארויסגעדרייטע לעמפל האָט געברענט העל און פריילעך. ווי נאָר די אַלטע איז ארויס פונעם צימער, האָט רינגער זיך אָנגעבויגן צו יאָסקען און אים אין אויער אײַנגערוימט:

— אין פּאַסאַזש, אַף לינקס, באַם זייגערמאכער גאָרטשיק. דינסטיק. פּאַראָל: „אײַער טאָכטער האָט געבוירן א צווילינג".

■

דווירעלע האָט איצט געאַרבעט אין דער אונטערערדישער פּאַספּאָרט־ביוראָ, וואָס האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין דער מילך־קראָם אויף קאָבליעווסקע, הארט לעבן מארק.

פונעם אָפטן פאָרן מיטן יאם, פון אָפּט זײַן אין די דערפער, ווו ס'האָבן זיך געפונען די פּארטיזאנישע שטאבן, איז איר געזיכט רויט געוואָרן. א געזונטער רויטער גלאנץ האָט זיך באוויזן אויף די באקן.

די שטאבן פון די פּארטיזאנער האָבן זיך אויסבאהאלטן אין געוויינלעכע פּויערשע הײַזקעס, און אלץ איז דאָרט, אין די הײַזקעס, געווען ווי געוויינלעך. א ברייטער אָנגעהייצטער אויפן־אויוון, מע זיצט די פיס אראָפּגעלאָזט, מע רייכערט קאָרענטשעס, ס'ליגט צעשפּרייט א פּאפּיר, און עמעצנס א האנט צייכנט מיט פונקטיר די ערטער, ווו עס מאכן דורך זייער רומפולן מארש די 41־טע און 45־טע דיוויזיעס, וואָס גרײַפן אָן קעגן די דעניקינישע באנדעס, צייכנט די ערטער, צו וועלכע ס'דערנעענטערט זיך שוין קאָטאָווסקיס העלדישע רײַטער־בריגאדע.

פאַר דעם קנאַפּן כוידעש, וואָס דווירעלע האָט געהאלטן דעם „ליפּט" צווישן יוגזאַפּראָנט־ביוראָ, וואָס האָט זיך געפונען אין א ווײַטער שטוב בא דער בריאנסקער אײַזנבאַן־דעפּאָ, מיט דער אָדעסער קאָנטאָר „רוס", מיט די אָנצאָליקע פּארטיזאנישע שטאבן, איז איר אויסגעקומען זיך נאָענט באקענען מיט דעם פײַנפולן צושטאנד פון מענטשן, וואָס וואָגלען ארום אָן א פּאַס־פּאָרט. זי איז דעריבער ביז גאָר געווען צופרידן, אז אנושקא האָט איר איבערגעגעבן, אז מיט דער פּאַספּאָרט־ביוראָ וועט זי, דווירעלע, שוין אָנפירן. אנושקא איז געווען שטארק אופגעלייגט, ווי שטענדיק, ווען זי האָט צו טאָן מיט כאַווײרים, וואָס שטייען אין א גרויסער סאקאָנע און זי טרעפט זיי געזונטע און צופרידענע. אנושקעס ברייטלעך פּאָנעם האָט גוטמוטיק געשמייכלט. זי האָט צוגערוקט דווירעלען אין מײַכל נאָכן צווייטן און מיט גרויס פארגעניגן נאָכגעשפּירט, ווי יענע עסט געשמאק.

אנושקע האָט דערציילט דווירעלען וועגן דעם, אז די טעג איז בא איר געווען ליובע, אז זי וווינט אפן פּערעסיפּ און מינאסטאם וועט זי זיך שוין אינגיכן ווידער מעלדן. אנושקע האָט געוואָרנט דווירעלען, אז אויב די גאָרקיך וועט זיך פּלוצעם פארמאכן, זאָל זי קיין יעסורים ניט האָבן: וועגן אלץ וועט וויסן דער זייגערמאכער אין פּאסאזש.

זיצט זי, דווירעלע, אין דער מילך־קראָם, וואָס לעבן מארק. אין דער ארבעט העלפט איר א מיידל, וואָס מע רופט זי דאָרע. זי איז א פלינקע, די דאָזיקע דאָרע, טראָגט איבער פון איין אָרט אפן צווייטן דעם נידעריקן טאבורעט, שפּרינגט קונציק אויף אים ארויף און דערלאנגט פון די העכסטע פּאָליצעס די ווײַסע קריגלעך מיט זויערמילך. זי צערעכנט זיך אויך קונציק און געשווינד מיט די פּילצאָליקע באזוכער. דער באַלעבאָסטע בלײַבט נאָר נאָכקוקן, ווי דאָס מיידל ארבעט, און קלײַבן נאכעס, וואָס די געשעפטן גייען גאָר ניט שלעכט. דווירעלע טראָגט די שליסלען פון שאַפע, וואָס זי עפנט נאָר, ווען בא דאָרען אין די הענט קלײַבט זיך שוין אָן פּיל קליינגעלט און יענע ווייסט ניט, ווו עס אוועקלייגן, אָדער אז עס קומט אויס עמעצן פון די קוינים ארויסגעבן גאָר א גרויסן אויסגאָב. דעמלט גייט זי ארײַן אין זײַטיקן צימערל, וואָס דינט אויף צו האלטן דאָס אויסגעליידיקטע געשיר און ווו בא א טישל זיצט א באָכער אין ברילן, אָנגעבויגן איבער כעזשבוינעס.

אז איר ווילט, איז דאָס א בוכהאלטער, וואָס פירט די כעזשבוינעס פון דער קראָם.

ווי נאָר אָבער דווירעלע קומט אהער ארײַן, רוקט דער באָכער ארויס דעם אונטערשטן שופלאָד, הערט זיך רויִק און אופמערקזאם אײַן צו דעם, וואָס זי זאָגט אים, קלײַבט אויס דעם פּאַספּאָרט, וואָס מע דארף, און שרײַבט אין אים ארײַן מיט א סטאנדארטן קאזיאָנעם קסאוו די נייטיקע פאמיליע.

דורכן טומלדיקן מארק קערט זיך דווירעלע אום אהיים. זי טראָגט מיט זיך די שליסלען פון דער קלייט, און אין זיקאָרן בא איר זײַנען פארקריצט די גליקלעכע פּענעמער פון די כאַ־ווײרים, וועמען זי האָט פארן טאָג באזאָרגט מיט פּאַספּאָרטן. עס שײַנט איר צומאָל, אז ווען צוזאמען מיטן גרויסן אויסגאָב גיט זי איבער א כאַווער דעם נײַעם פּאַספּאָרט, שטילט זי יענעמס א לאנגאָניקן און נאָגנדיקן דאָרשט.

אין דער היים באגעגנט זי דאניאָווּנע, בא וועלכער ס'האלטן זיך געוויינלעך אוף פּרעמד־שטאָטישע סטודענטקעס. דווירעלע וואַרפט אראָפּ פון זיך די שאַל, גיט איבער דאניאָווּנען די שליסלען פון דער קלייט, צעקעמט די האָר, כאַפּט א קוק אין שפּיגל, צי איז אָנצוזען איר באליבטן שרונט, טרינקט אויס א גלאָז קאלטע מילך און לייגט איבער די ביכער, וואָס ליגן אפן פענצטער.

פונקט אזעלכע, ווי זי זעט אויס איצט אין שפּיגל, געדענקט זי זיך, ווען זי האָט נאָרוואָס געענדיקט די העברעיִשע גימנאזיע. א פּאָר יאָר איז פאַריבער פון דעמלט, און ווי גרינטלעך

ס׳האָט זיך געבִיטן איר לעבן! זי, ווען דעם אינקאַסאַטאָרס אָרעם מיידל, וואָס פלעגט מיט אַזאַ ביטערן געפיל בלעטערן דעם טאַטנס קוויטאַנציע־ביכל פון דער אַדעסער „האַכנאָסעס קאַסע" און צוליב דער מאַמעס וועגן דעקלאַמירן אין שטוב די אויסגעצאָרטע לאַזורסאַנס העברעיִשע לידער, האָט געפונען דעם איינציקן ריכטיקן וועג אין לעבן. עס גיט אַ שווינדל אין די אויגן די אָפּטיק, ווו זי איז אַנומלטן אין שווערן געמיט אַריַינגעקומען און געבעטן:

— טינילנאַיאַ קיסלאָטאַ!

ס׳דערמאָנט זיך, ווי מע האָט זי גראַטעוועט, אירע באַגעגענישן מיט רינגערן, דער גוירל פון איר כּאַוועדטע ליובע, טאַראַס, די עוואַקואַציע פון אַדעס, די ערשטע שריט אינעם אונטערערד.

אינדערפרי ווארט דאָרע זי אָפּ בא דער מילך־קראָם. דאָרע גיט איר איבער די לעצטע נײַעס. די צײַטונגען שרײַבן, אַז דעניקין איז שוין בא אָריאָל; דער גענעראַל שילינג דראָעט, אַז די, וואָס רײַסן אַראָפּ פון די ווענט די אָפיציעלע מעלדונגען, וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן. נעכטן האָט מען אין גאַס דערשאָסן דעם שעף פון דער קאָנטרראַזוועדקע קירפּיטשניקאָוון. אָפן קאָנצערט לעטוויוועס דער דענִיקינישער פרײַוויליקער אַרמיי וועט אַרויסטרעטן איזאַ ברענער, פלאַטאָן צעסעוויטש און...

דאָרע רעדט אומגעוויינלעך גיך. ווי זי וואָלט געמוזט פאַר די עטלעכע רעגעס, וואָס עס דאַרף דויערן דאָס אָפּשליסן די קלייט, מיטאַמאָל אַלץ אויסלייגן פאַר דוווירעלען, וואָס זי האָט זיך פון די צײַטונגען דערוווּסט.

אין דרויסן לאָזט. ווי געוויינלעך אין אָדעס, פלאַצט דער פראָסט אומגעריכט און מיטאַמאָל. אין די וויטרינעס אַ ווײַסע ווינטער־וועלט מיט אַן אויסגעשטערנטן הימל — שפּילכלעך צו ווײַנאַכט. ס׳איז אומגעוויינלעך אָט דאָס גרייטן זיך צו אַ יאָמטעוו. ווי נאָר דוווירעלע איז געקומען קיין אָדעס, האָבן די פאַרומערטע און פאַרכוישעכטע גאַסן, דער גיט־זיכערער שפּאַן פון די מענטשן, די שווערע האַמעטנע שטילקייט אין די הײַזער — אַלץ האָט איר דערציילט וועגן —

...אַ לעבן, וואָס איז ביז גאָר געקריוודעט...

...„טויטן־הויז"...

...קאָנטרראַזוועדקע...

איז ווי קומט עס גאָר איצט צו אַ יאָמטעוו, ווי קאָן עס יאָמטעוון אַ טויטע שטאָט?

און דאָך —

דוווירעלע זיצט לעבן „בוכהאַלטער". די ברילן בא אים זײַנען נידעריק אַראָפּגערוקט איבער דער נאָז, ער לייגט איבער די פּאַספּאָרט־בלאַנקן. אָט באַלד וועלן אַרײַנקומען אומבאַקאַנטע מענטשן. אַנושקעס גאַרקיך וועט מען איבערטראָגן אָף אַן אַנדער אָרט. ליובע איז אָפן פּערעסיפּ. מאָרגן וועט זי זיך טרעפן מיט רינגערן. איבער די פאַרשנייטע דאָרעמדיקע סטעפּעס רוקט זיך די 41־טע, די 45־טע, ס׳צאַקעט שוין איבער די שטיינער פון נאָענטע שטעט קאָטאָווסקיס קאַוואַלעריע.

דוווירעלע פילט, אין האַרץ פלאַטערט אוף אַ פרייד פון באַגעגענישן, וואָס וואַרטן אָף איר. מיט רינגערן, ליובען, טאַראַסן, יאָסקען...

באַגעגענישן, וואָס וועלן קומען נאָך לאַנגער און שווערער צעשיידונג, וואָס קוקן אַרויס אָף איר, ווי די זון צווישן די געדיכטע כמאַרעס.

ס׳לאָזט דער שניי. אָפן האַרצן איז גרינג, דאָס האַרץ גייט אַנטקעגן אַ לאַנג געגאַרטן יאָמטעוו.

■

אָף פּראָאָבראַזשענסקע, לעבן הויז 52, איז באַשטימט געווען דוווירעלעס באַגעגעניש מיט רינגערן. זיי וועלן ביידע איינציַיטיק אַריַינקומען אין דער פאָטאָגראַפיע און איינצײַטיק פרעגן:

— צי קאָן מען אײַך באַשטעלן אַ גרויס בילד אין פאַרבן?

נאָכדעם וועלן זיי זיצן אין אַטעליע און זיך דורכשמועסן. אין לוסטדאָרף, באַם באַרקאַס, איז קיין צײַט ניט געווען. פון לוסטדאָרף איז זי אַליין אין שטאָט געפאָרן. ס׳איז דורך אַ וואָך, זינט זי האָט זיך געזעגנט מיט רינגערן.

זי האָט פאַרגעדענקט:

...באַם ברעג שלעפּט אַ יונגער פישער אַ שווערע נעץ. פון אונטערן לײַכטן קאַשקעט שלאָגט זיך אַרויס אַ שוואַרצע קוטשמע. די אויגן ברענען בא אים פיבערדיק.

איז וויאַזוי וועט ער איצט אויסזען, רינגער?

פילײַכט וועט זי דאָ בא דער פאָטאָגראַפיע אָפּוואַרטן אַ שעמעוודיקער באָכער, וואָס לאָדט אײַן אַ מיידל, אָף וועלכער ער האָט אויסזיכטן, זיך אָפּפאָטאָגראַפירן מיט אים, און ער שטייט

דאָרט און קלײַבט איבער אין געדאנק די פארשיידענע פּאָזעס, אין וועלכע ער וואָלט זיך וועלן זען מיט זײַן געליבטער אפן בילד...

פון דאַנילאָוונען ביז צו דער פּרעאָבראַזשענסקע איז ווײַטלעך. דווירעלע מאכט „שלייפן“, זי פארפלאָנטערט אירע אייגענע טריט איבער די באקאַנטע אָדעסער גאסן. אפן וועג באטראכט זי די מויערן, די איינצלנע דורכגייער. א מאָדנער ווילן באהערשט זי. זאָל רינגער זי באגעגענען מיט יענעם זיסן נעשאָמעדיקן וואָרט, וואָס קלינגט לעצטנס אומופהערלעך אין אירע אויערן:

— טויב דו מײַנע...

זי זאָל קאָנען, וואָלט זי עס אים אפילע אונטערגעזאָגט. צעשיידטע, פאריאָגטע אין אונטער־ערד, אָן אדרעסן, אָן פּאספּאָרטן, פארפאָלגטע פון שפּיאָנען און פּראָוואָקאַטאָרס, בלאָנקען ארום איבער די פארומערטע אָדעסער גאסן הונדערטער כאַווײרים. און אָט וועלן צוויי פרײַנט, צוויי פארליבטע זיך טרעפן אפן אָפּגערעדטן אָרט. איז ווי זאָל איינער פון זיי ניט אנטקעגן טראָגן דעם צווייטן אָט דאָס ווארעמע, עמעס יאָמטעוודיקע וואָרט:

— טויב דו מײַנע...

אָט איז דער מויער און די טרעפּלעך, וואָס פירן אין דער פאָטאָגראַפיע. זי האָט זיי שוין פונווײַטנס עטלעכע מאָל איבערגעציילט. סאכאקל זעקס טרעפּלעך, דערנעבן זעט מען קיינעם ניט. דווירעלע שטייט קעגניבער און האלט אין אויג די טרעפּלעך. ס׳דויערט שוין אָבער צו לאַנג. זי וועט זיך נאָך איין מאָל דורכגיין צום סאָבאָר און צוריק. בעקיוון פארלאַנגזאַמען דעם שפּאַן. פאר דער צײַט האָט שוין א פארליבטער באָכער זיכער געקאָנט צוטראַכטן, אין וועלכער פּאָזע וויל ער זיך פאָטאָגראַפירן מיט זײַן מיידל.

זי קערעוועט זיך אויס מיט א זיכערקײַט, אז רינגער וואַרט זי אָפּ. נאָר בא די טרעפּלעך איז קיינער ניטאָ.

קלאָר, ס׳איז עפּעס געשען. ס׳פארקלעמט באַם הארצן. דווירעלע קערט זיך אום צו דאַני־לאָונען. זי געדענקט נאָר איינס: וואָס מער „שלייפן“. ביזוואנען די פיס וועלן זי טראָגן, וועט זי ארומפּלאָנטערן איבער די גאסן.

סאמע אפן ראָג פון דעריבאַסאָווסקע און פּרעאָבראַזשענסקע האָט רינגער צופעליק זיך באגעגנט מיט שנעפערן. רינגער איז שוין ווידער געווען דזשאָן טאָמפּסאָן, אן ענגלישער ציר־קאַטש, וואָס מאכט די געפערלעכסטע טריוקן אף די סאמע הויכע טראַפּעציעס. ווער סע גלייבט ניט, זאָל קומען אין צירק. די טעג וועלן זיך באווײַזן די אנאָנסן.

די קאָנטאָר „רוס“ האָט זיך ליקווידירט. אפן ראָג פון פּושקין־גאס און גרויס־ארנאַוטער האָט זיך געעפנט א שלאָסערײַ. אהער ברענגט מען פאריכטן ניי־מאַשינעס, וועלאָסיפּעדן, קאָסעס. און סעמיאָן, א געניטער מײַסטער, נעמט אָן באַשטעלונגען.

אויב מע האָט געמוזט די קאָנטאָר ליקווידירן, ווייסט רינגער, אז איצט טאָר אף אים קיין שטויבעלע ניט פאלן. ער דארף זיך ווייניקער ווארפן אין די אויגן. ער וועט נאָר זיך מעלדן אין דער פאָטאָגראַפיע; אויב ער וועט אהין ניט קומען, וועט ער פארשאפן גרויסע יעסורים דווירע־לען. ער וויל ניט, אז אפילע איין נאכט זאָל זי זיך באומרויִקן צוליב אים. ער וועט זיך נאָר ווײַזן פאר איר, ניט מער. ער וואָלט גאָר שנעפערן ניט באמערקט, ווען יענער זאָל אים פארן ארבל ניט געווען אָנעמען און גאָר פרײַנטלעך באגריסן:

— א גוטן־אָוונט, וווהין אײַלט איר זיך אזוי?

שנעפער האָט ריידנדיק געשפריצט אף אים פון מויל, און רינגער האָט ניט ווילנדיק געווישט מיט דער האנט דאָס פּאָנעם און, אָנשטרענגנדיק זיך, געענטפערט:

— באקומען א טרויעריקע יעדיִע, די מוטער מײַנע איז געשטאָרבן, אײַל איך זיך צום וואָקזאל, איך וויל ניט פארשפּעטיקן אף דער לעווײַע.

— איך וועל אײַך באגלייטן, — האָט שנעפער פאָרגעלייגט.

— גוט, — האָט, ניט פארטראכטנדיק זיך, מאסקים געווען רינגער. גענומען שנעפערן פאר דער האנט און אים צוגעפירט צו דער טראַמווײַ־סטאַנציע. שנעפערן האָט געכידעשט אָט די גרייטקײַט רינגערס. ער האָט פארהאלטן דעם טראָט און ווי צוריקגעצויגן זיך. רינגער האָט בא־מערקט, ווי שנעפער האָט צונויפגעצויגן די ברעמען און ווי געראנגלט זיך, צי זאָל ער מיטגיין.

מע איז בײדע ארײַן אין טראַמווײַ, און ווי נאָר מע האָט פארקערעוועט אין גריכישן געסל, האָט רינגער זיך האסטיק דורכגערוקט צווישן די פּאסאַזשירן, אָן עפן געטאָן דאָס טירל און איז שנעל אינמיטן גאנג אראָפּגעשפּרונגען פון די טראַמווײַ־טרעפּלעך.

— מע מוז פֿאַטער ווערן פֿון אַט דעם פּראָוואָקאַטאָר, — האָט ער נאָכדעם הייס געטײַנעט צו סעמיאָנען.

ווי סעמיאָן האָט אים ניט געפּרוווט איבערצײַגן, אַז דאָס אַפּזוכן שנעפּערן וועט אַפּנעמען די „טײַערע פּאַר אונדז צײַט“, איז רינגער באַשטאַנען אַף זײַנס.

אַ גאַנצע וואָך האָט געדויערט, ביז רינגער האָט אופגעזוכט שנעפּערן און אים אַפּגעראַמט פֿון וועג.

■

אינדערפֿרי איז צו ליובען געקומען אַ גאַסט — נעכאַמע. זי האָט איבערגעגעבן ליובען אַ פּעקעלע, אַפּגעוואַרט, ביז ליובע האָט עס צעבונדן. ביידע האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט, ווען ליובע האָט אינעם פּעקעלע געפֿונען נאָר שטיקלעך קאָלירטן צײַג:

— אַ פּערעסיפּער „פּריצעטע“ איז צו דיר געקומען מיט אַ גאָלדענער באַשטעלונג, ליובעניו, און דו לאַכסט זיך אויס פֿון איר סכוירע. ניט שיין פֿון דײַן זײַט.

מע איז געזעסן ביידע אַפֿן הילצערנעם בעטל, וואָס איז געשטאַנען הארט בײַ דער וואַנט. נעכאַמע האָט זיך געכידעשט:

— ווי נורעסטו זיך אײַן אין אַזאַ בעטל, ס'איז דאָך אַ קינדערש בעטל.

נעכאַמע איז געשטאַנען באַם פֿענצטער, אַ הויכע, אַ שטאַלטנע. זי האָט אויסגעטאָן איר וואַטאָווען קאַמזויל און צעלאָזט די האָר, וואָס האָבן זיך געקרײַזלט ביז צו די אַקסלען. ליובע האָט זיך ניט געקאָנט זאַט אין איר אָנקוקן. זי האָט זי געשלונגען מיט די אויגן, אַראָפּ פֿון בעטל און זיך צוגעדריקט צו איר:

— איך האָב שוין געבענקט נאָך דיר. ווו ביסטו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?

נעכאַמע האָט דערציילט:

— אַ שוואַרצאַרבעטערן בין איך אין „ראַפּיט“, אַ גאַנצן טאָג טאַפּטשע איך אַרום אין דער ליים און קנעט זי מיט די שטיוול. זעסט?

זי האָט זיך אָנגעבויגן און אַ פּאַטש געטאָן איבער די שטיוול מיט די הענט. דאָס גאַנצע פּאָנעם אירס האָט זיך מיטאַמאָל צעקוועלט:

— צוויי הונדערט נומערן פֿון „קאָמוניסט“ ווערן דאָרט רעגולער פֿאַרשפּרייט. מיר האָבן דאָרט אַ ספּעציעלע גרופּע פֿאַרשפּרייטער. אונדזער כעוורע וואַקסט פֿון טאָג צו טאָג. ווי שוואַמען נאָך אַ רעגן. אַנומלטן...

זי האָט זיך אַרומגעקוקט. ליובע האָט די האַנט אויסגעצויגן און שטיל פֿאַרקייטלט די טיר. זי האָט געבעטן נעכאַמען:

— דערצייל, טײַערע, דערצייל!

— אַנומלטן איז איינער פֿון די פֿאַרשפּרייטער דורכגעפֿאַלן, אַ יינגל אַ כוואַט. האָט ער אין מעשעך פֿון אַ וואָך צײַט געדרייט דעם קאָפּ די קאָנטרראַזוועדטשיקעס, אַרומגעפֿירט זיי איבער גאַנץ פּערעסיפּ. ער ווייסט, האָט ער געזאָגט, דאָס אָרט, ווו מע דרוקט דעם „קאָמוניסט“. פֿאַר־קראָכן מיט זיי אין די קאַמענאָלאָמניעס און זיי אַזוי פֿאַרמוטשעט, ביז זיי האָבן אַ שפּײַ געטאָן אַף אים, און קומען שוין זעלטן צו אונדז אַפֿן זאַוואָד.

— אַנומלטן...

נעכאַמעס אויסטערלישע געשיכטעס, וואָס זי לאָדט אויס דאָ בײַ ליובען אין צימער, ווי זאַכן, וואָס זי האָט לאַנג אויסגעוואַרעמט בײַ זיך אין האַרצן, פֿאַרפֿולן דאָס צימערל מיט ליכ־טיקע טרוימען, יונגער געוואַגטקײַט, העלדישע אופטוען.

ליובע קוקט אַפֿן דורכזיכטיקן שניי, וואָס פֿאַלט אין הויף, און זעט: פּערעסיפּ גייט אַנטקעגן דעם אומפֿאַרמײַדלעכן נאָענטן פֿרילינג. די וועשערײַ „ליאַאַן“ איז שטאַרק פֿאַרקאָנספּירירט, דאַכט זיך אַפּגעזונדערט פֿון דער גאַנצער וועלט, בלויז געציילטע מענטשן ווייסן, וואָס עס טוט זיך אינעם זײַטיקן צימער פֿון אַט דער וועשערײַ, נאָר אַט איז געקומען נעכאַמע פּונעם קאַלטן גרויען דרויסן און געבראַכט פֿון דאָרט אַזויפֿיל הייסע גרוסן.

טויזנטער פֿעדעם ציִען זיך פֿון „ראַפּיט“ און פֿון געגנס זאַוואָד, פֿון דער מאַסקאָווסקע און פֿון דער מעלניטשנע צום פֿאַרשניטן גאַנעקל פֿון דער וועשערײַ „ליאַאַן“. טויזנטער אויגן קוקן אַרײַן ניט אַף אויסשפּירן, נאָר מיט גרויסער גאַרונג און ציטעריקער האָפֿענונג, אין הויף, ווו עס דרייט זיך אַרום דער כינעזער און זינגט זײַן שטענדיק בענקענדיקן ניגן.

איז ווען זשע, ווען וועט פּערעסיפּ אין פֿרייד מעלדן: „אַלע, אַלע זײַנען מיר געווען פֿאַר־מישט אין דער קאָנספּיראַציע, וואָס האָט זיך געשפּינט אַרום „ליאַאַן“...“

נעכאמע שטרענגט זיך אָן און רײַסט איבער אירע זעלטענע געשיכטעס. זי הייבט זיך לאַנג־זאַם אוף, ציט ארוף אף זיך דעם וואַטאָווען קאמזויל, דעקט צו די האָר מיטן גרויען שאַלכל, זי גיט א קנייטש די ברעמען, ווי זי זאָל פארטרײַבן דאָס וואָלקנדל, וואָס האָט פלוצעם א שוועב געטאָן איבער איר ווײַסן הויכן שטערן. זי זאָגט אומדערוואַרט הויך און אנטשלאָסן:

— דער זיידע שטארבט. ער וויל דיך זען, ליובע. ער האָט געבעטן, זאָלסט קומען צו אים מיטן פידל. הײַנט נאָך אין אָוונט. איך וועל דאָרט אויך זײַן.

נעכאמע איז אוועק אָן א זײַ־געזונט. מער עפּעס זאָגן וואָלט שוין קיינער איצט ניט אימ־שטאנד געווען. בא ליובען אין די אויגן האָט זיך דער צימער א וויג געטאָן, מיטן הילצערנעם בעטל, מיטן שפּיגל, וואָס איז צוגעשפּארט צו דער וואנט, מיטן הויף, וואָס קוקט אהער ארײַן א פוסטער און פארומערטער. זי האָט שטײַף צוגעמאכט די טיר נאָך נעכאמעס אוועקגיין. די טרערן זײַנען איר צוגעשטאנען צום האלדז. נאָר זי האָט וויינען ניט געקאָנט. אָט ערשט, דאכט זיך, האָבן נעכאמעס רייד געבוירן אזעלכע ווונדערלעכע, פארכאפּנדיקע, פריידיקע בילדער.

און אָט איז אזוי אומגעריכט ארײַנגעקומען דער טויט אהער אין איר קליינינק צימערל. ליובע פּרוווט זיך דערמאָנען, ווי האָט זי עס געזאָגט, נעכאמע: דער זיידע שטארבט. ס'איז א מיִעס וואָרט „שטארבט". שמוליק האָט עס שטענדיק פײַנט געהאט. איז ווי קומט עס, אז די שטאלטנע, כיינעוודיקע נעכאמע, אזא ליבע און טײַערע, זאָל גאָר פון איר מויל ארויסברענגען אָט דאָס וואָרט!

אומבאמערקט שארן זיך ארײַן דורכן גרויען נעפּל די טליִעס מיט די געהאנגענע, וואָס אפן פערעסיפּער מארק־פּלאץ. ליובען ווערט שטארק אומהיימלעך. זי טרײַבט פון זיך אוועק די שוי־דערלעכע דערמאָנונג. זי זאָגט צו זיך אליין אין דער שטיל:

— די טליִעס רופן צו נעקאָמע...

פּונקט אזוי האָט געשריבן דער „קאָמוניסט", אָבער דאָס, וואָס זי האָט איצט געזאָגט, איז אייגנס. דער סוינע האָט פארזייט די שטאָט מיט טויט. זי ווייסט, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין מאָרג, אין „טויטן הויז", אין די טורמעס און אין די קאָנטרראזוועדקעס. און דאָך איז איר שווער בא זיך רעכט מאכן מיט דעם געדאנק, אז דער „זיידע" שטארבט, אָט דאָ ערגעץ, גאָר נאָענט, ניט ווײַט פונעם סקווער, וואָס ער אליין האָט אָנגעהויבן פלאנצן אפן פערעסיפּ. דער „זיידע", וועלכן זי האָט צוריק מיט צען טעג געבראכט די אָרדנטלעכע שטיצע פונעם „רויטן קרייץ". אין א קעלער־שטוב, בא אן אָרעמער פרוי, אין א פינצטערלעכן ווינקל ליגט דער פערעסיפּער „זיידע" אפן קראנקן־בעט. די קאָנטרראזוועדקע זוכט אים אומעטום.

ער ליגט, דער „זיידע", און קוקט מיט זײַן איינציקן זעענדיקן אויג די גאנצע צײַט צו דער טיר צו. ער וואַרט, מע זאָל קומען און אים ברענגען די געגארטע פריילעכע בסורע: „אָדעס האָט זיך באפרײַט פון די דעניקינצעס".

די קאָלדרע, מיט וועלכער ער איז צוגעדעקט, האָט ער פון זיך אָפּגעשטופּט. די ברוסט בא אים איז צעכראסטעט, מיט די געל־וואקסענע פינגער שארט ער איבערן אייגענעם לײַב. דאָס שיטערע גרויע בערדל זײַנס איז שוין ווי אינגאנצן אויסגעקראָכן. ער רוקט זיך ארוף אף די קישנס, ער וויל, ווי ער זאָגט, „בעסער זען, וואָס עס טוט זיך ארום"...

נאָר אין קעלער־שטוב טוט זיך גאָרניט. ס'איז שטיל און אומעטיק. בלויז נעכאמע קומט יעדן טאָג אהער ארײַן. אז ס'איז שוין גאָר פינצטער אין גאס, קומט זי אהער, הייבט אונטער דעם זיידנס דארן גוף און קערט איבער די קישן. זי וואָרנט דעם „זיידן":

— לאנג טאָר איך זיך דאָ ניט פארהאלטן.

דער „זיידע" פארשטייט. ער שטעלט אָן דאָס לינקע אָפּענע אויג אף נעכאמען. ער רופט זי צו נאָענט צו זיך. נעכאמע בייגט זיך צו אים אָן, און ער טוט זי א קוש אין שטערן, ער באגלייט זי מיטן קוק פון זײַן איינציקן אויג און זאָגט איר:

— א גוטע נאכט, קינד מײַנס...

צומאָל נאָר, ווען זי קאָן זיך עטוואָס מער פארהאלטן, דערציילט אים נעכאמע:

— דער „קאָמוניסט" דערשײַנט רעגולער...

— מיר גרייטן זיך צו דער אלשטאָטישער קאָנפערענץ...

דער „זיידע" פרעגט:

— סעמיאָן, אנושקא, טאראס?

ער זאָגט ניט, וואָס ער מיינט מיט דעם איבערעכענען די נעמען. נעכאמע פארשטייט דעם „זיידנס" פראגע, און כאָטש זי ווייסט ניט גענוי, וואָס הערט זיך מיט אָט די כאווירים, טרייסט זי דעם אלטן:

— אלע אף דער פרײַ, אלע ארבעטן...

דאָס לעצטע מאָל, ווען ליובע האָט באַזוכט דעם „זיידן", איז ער געווען אופגעלייגט, דער־מאָנט זיך אין שמוליקן און לאַנג געגלעט ליובעס האַנט:

— ביסט א ווילע, נאָר זײַ פאָרזיכטיק, די שפינען לאָזן זייער גיפט אומבאַמערקט...

ליובע איז אין גרויס פאַרלעגנהײַט. זי קאָן פאַר זיך ניט קלאָר מאַכן, וואָס דאַרף עס פּלוצעם דער „זיידע", זי זאָל קומען מיטן פידל. זי קוקט אפן פידל, וואָס הענגט אף דער וואַנט, און ווי זי זאָל זיך מיט אים שטום אויסייצענען, טראַכט זי: דער „זיידע" איז שטענדיק געווען א פרייליכער. אַנומלטן, ווען זי איז מיט שמוליקן געווען בא אים, האָט ער געזאָגט:

— וועסט נאָך שפּילן מיט דײַן פידל אף אונדזערע כאַסענעס.

וואָס זשע פאַר א סימכע איז איצט, ווען דער „זיידע" שטאַרבט? און וואָס זאָל זי עס אים שפּילן, דעם „זיידן", ווען ער ליגט אפן קראַנקן־בעט און האַלט באַם שטאַרבן?

אויך אין דער פינצטערניש טאָר מען ניט פאַרגעסן אין די „שלייפן". אין האַרץ נאָגט דער פאַרדראָס, לעמײַ קומט אויס אָנלייגן אזויפיל וועג, און אָנשטאָט ארויסגיין צום סקווער און מיטן סקווער צוקומען צום הינטערגעסל, ווו ס'באַהאַלט זיך אויס דער קראַנקער „זיידע", דאַרף זי גאָר פאַרקערעווען צו דער „הייסער לוזשע". נאָר אַנדערש קאָן מען ניט.

די „הייסע לוזשע" ליגט בא ווײַנשטיינס פאַריגלטער מיל א קאַלטע און א פאַרגליווערטע. בא דער מיל זיצט דער אַלטער וועכטער, וועמעס זון, וואַסילן, מע האָט פאַרפײַניקט אין „טויטן הויז" אף דער יעליסאַוועטינסקע. פון דער מיל וווייט מיט אַן איימעדיקער פוסטקײַט. מער קיין פאַרזאַמלונגען מאַכט מען שוין ניט אין מיל. ליובע טראַכט:

...די טעג וועט זי ווידער גיין אין שטאָט. זי וועט אהין קומען, ווי א דעלעגאַט אף דער אַלשטאָטישער קאָנפערענץ פון קאָמיוג. מע האָט איר שוין איבערגעגעבן דעם אדרעס. דאָס הויז פון די בעקער אף מאַלדאַוואַנקע. דער פּאַראָל: „דאָ פאַרקויפט מען בילעטן אפן קאָנצערט?". יעדער נײַער פּאַראָל, וואָס ווערט איר איבערגעגעבן, איז א גרויס געווינס, וואָס קומט אומגעריכט און באַגלייט אירע טעג מיט ליכט און האָפענונג. היט זי זיי, די פּאַראָלן, ווי א טײַער געשאַנק...

זי דריקט צו זיך צו דעם פידל און פילט, ווי א וואַרעמקײַט פון אים זאָל שטראָמען אין אַלע אירע אייוורים. זי גייט פאַרבײַ געגנס זאַוואָד. די פײַערן פון זאַוואָד פינקלען אין דער טונקלעניש פון דער נאַכט און וואַרפן אַן אָפשײַן אפן סקווער. זי פאַרגיכערט דעם שפּאַן. זי טראַכט, אז טאָמער וועט מען זי אָפשטעלן, וועט זי זאָגן:

— צוגאַסט גיי איך, הײַנט איז דאָך ווײַנאַכט, איך וועל דאָרט שפּילן אפן פידל. א טענצערין בין איך אין קאַבאַרע „דאָס גאָלדענע פישל".

מאַלע וואָס זי וועט שוין אין אזא פאַל זאָגן!

באַם „זיידן" איז שוין געזעסן נעכאַמע. אין ווינקל, ווי בא אַן איקאָנע, האָט געברענט דאָס לעמפּל. בא דער שוועל איז געזעסן אף א נידעריק בענקעלע אַן אַלטינקע און געוואַשן גרעט. ס'איז געווען שטיל. נאָר דאָס פליושקען פונעם וואַסער אין דער שטיל האָט דערמאָנט, אז דאָ אין קעלער־שטוב גייט אָן עפּעס א לעבן. נעכאַמע איז געזעסן באַם „זיידנס" בעט.

דער „זיידע" האָט א קרעכץ געטאָן און שטיל געפרעגט בא נעכאַמען:

— ווער איז ארײַנגעקומען?

— ליובע, — האָט געענטפערט נעכאַמע און א צי געטאָן ליובען צום „זיידנס" בעט.

ער האָט אראָפּגעלאָזט די אויסגעשטרעקטע האַנט און געשווינד מיט די פינגער גענומען שאַרן איבער ליובעס פּאָנעם, לאַנגזאַם און צאַרט. ער זעט שוין ניט, דער „זיידע", אויך אף דעם איינציק געבליבענעם אויג. ער איז בלינד, און נאָר אין די פינגער פון אַן אַלטן מוליער פילט ער איצט די אָנגעזאַמלטע קראַפט פון יאָרן שווערער מי, און מיט די פינגער וויל ער עס איצט, באַם סאָף פון זײַן לעבן, זיך דערגרונטעווען, וואָס טוט זיך איצט אין דער וועלט, מיט וועלכער ער צעשיידט זיך אף אייביק.

— ליובע, — האָט ער מיט גרויס צופרידנקײַט געזאָגט, — און דעם פידל האָסטו געבראַכט מיט זיך, ליובע?

— יאָ, טימאָפּייִטש, — האָט ליובע געטרייסט דעם אַלטן.

ער האָט זיך אונטערגעהויבן. נעכאַמע האָט אים דעם רוקן אונטערגעשפּאַרט מיט דער קישן, און דער אַלטער טימאָפּייִטש, דער ליבלינג פון די פּערעסיפּער אַרבעטער, האָט זיך צו זיי געווענדט מיט זײַנע לעצטע ווערטער:

— איבער פיל שטעט פון אונדזער גרויסער מאַטושקאַ ראָסיִיאַ האָב איך אין מײַן לעבן געוואנדערט, פיל ווונדערלעכע זאכן האָב איך אין מײַן לעבן געזען, און וועגן איין געשעעניש וויל איך אײַך, קינדער מײַנע, פארן טויט דערציילן.

ער האָט א זיפץ געטאָן, א מאך געגעבן מיט דער האנט, ווי אף בארויִקן זיי, און פאָרגעזעצט:

— וועגן דער שטאָט פערם, בא דער קאמע, האָט איר ווען געהערט? א גרויסע און קאלטע שטאָט. מיט שטעכיקע ווינטן און גרויזאמע פרעסט. אונדזער ארטעל האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. מיר האָבן געארבעט באם ברעג אף א ריזיקער בויונג. אָנגעטאָן זײַנען מיר געווען זומערדיק, לײַכט. נאָר ס׳איז אונדז ניט געווען קאלט. פון דער שווערער ארבעט איז אונדז געווען הייס. געצאָלט האָט מען אונדז גראָשנס. ס׳האָט קוים געקלעקט אף קוליש. דאָרטן טאקע האָב איך אָנגעהויבן די ערשטע אגיטאציע מײַנע פאר א שטרײַק. אונדזער ארטעל האָט געוואָרפן די ארבעט. מע האָט ארויסגערופן פּאָליציע. געפאָדערט ארויסגעבן דעם אגיטאטאָר. די ארבעטער זײַנען געקומען צו מיר, זיי האָבן מיר געזאָגט: „מיר וועלן דיך ניט ארויסגעבן, מע זאָל אפילע שנײַדן שטיקער פון אונדזער לײַב. נאָר פונדעסטוועגן וואָלטן מיר דיר געייצעט ראטעווען זיך...“ אף א שיפל זײַנען מיר זאלבעצווייט אין א ווינטערדיקער פראָסטיקער נאכט ארויסגעפאָרן אף דער קאמע. אינמיטן טײַך האָט זיך אופגעהויבן א שטורעם. אונדזער שיפל איז געוואָרן פול מיט וואסער. זײַנען מיר פון דעם ארויסגעשפרונגען און זיך געלאָזט שווימען. די קאמע האָט אונדזער לײַב געשניטן, ווי מיט מעסערס. דער כאווער מײַנער איז געווען ייִנגער פון מיר, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אף זײַן רוקן זיך לייגן און איז מיט מיר אזוי א גאנצע נאכט איבער דער קאמע געשווומען. פארטאָג זײַנען מיר צו א ברעג צוגעשטאנען. דער כאווער איז געווען שטארק אויסגעמאטערט, פון זײַן מויל האָט געזעצט א בלוטיקער שוים. אזוי האָט ער מיך געראטעוועט.

טימאָפייִטש האָט זיך פארהוסט, פארוואָרפן דעם קאָפּ און לאנג און שווער געאָטעמט. נעכאמע מיט ליובען זײַנען געשטאנען באם בעט, פארגאפטע און דערשראָקענע, ניט געוואגט פרעגן באם אלטן, וואָס איז מיט אים. ער האָט זיך עטוואָס אופגעהויבן:

— איך בין מיד. סע גייען מיר אויס די קויכעס. נאָר דאָס, וואָס איך האָב אײַך דערציילט, פארגעדענקט, קינדער. לערנט זיך זײַן אומגעשראָקענע רעוואָליוציִאָנערן, היט היילִיק אײַער פרײַנטשאפט...

מער האָט ער גאָרניט געזאָגט, דער „זיידע“. מיט א צייכן האָט ער געוויזן אפן פידל, וואָס ליובע האָט אוועקגעלייגט אפן בעט בא אים צופוסנס. ליובע האָט גענומען דעם פידל. זי האָט געשפילט שאָפּענס „נאָקטיורן“. די אלטיטשקע האָט פארלאָזט די שיסל מיטן וועש און איז אויך צוגעגאנגען צום בעט. נעכאמע האָט זיך פארטראכט. פון אונטער די געקרײַזלטע ווייכע האָר אירע האָט זיך ארויסגעזען איר ווײַסער הויכער שטערן. זי האָט די הענט איבערגעקרייצט אף דער ברוסט, און דאָס פּאָנעם אירס האָט געשײַנט.

ליובע האָט געשפילט מיט גרויס באגײַסטערונג. איר דערהויבענער געפיל האָט געשטארקט דאָס געמיט בא אלע די, וואָס זײַנען געווען איצט אין קעלער־שטוב.

יאָסקע איז שוין צוויי מאָל געווען באם זייגערמאכער אין פאסאזש. דער זייגערמאכער האָט אף אים געקוקט מיט גרויס מיטגעפיל און גאָרניט געקענט העלפן. רינגער איז ניט געקומען. ער האָט געקוקט אף יאָסקעס פײַנלעכער פארלוירנקײַט און ווי א טרייסט אים מיטגעטיילט:

— ס׳האָט זיך שוין אויך עפּעס א מיידל געפרעגט אף אים...

יאָסקע האָט ניט געקאָנט פארבאָרגן זײַן פרייד. זי האָט ארויסגעשפארט פון זײַן צעטראָגענעם און האָפערדיקן בליק. ס׳האָט זיך אים אזוי געוואָלט פרעגן באם זייגערמאכער, ווי זעט אויס אָט דאָס מיידל, וואָס האָט זיך נאָכגעפרעגט אף רינגערן. צי איז זי פון מיטעלן וווקס, מיט שווארצע אויגן, און צי זײַנען פאראן אף איר פּאָנעם שפּרענקעלעך. ער האָט ניט געוווסט, וואָס ווײַטער צו טאָן, און אומגעריכט פאר זיך אליין האָט ער א זאָג געטאָן:

— כ׳האָב פאר איר א בריוו!

ער האָט טייקעף כאראָטע געקראָגן, וואָס ער האָט עס געזאָגט, און, ווי מוירע האָבנדיק, אז אָט וועט דער זייגערמאכער אים פאָרלייגן איבערלאָזן דעם בריוו, האָט ער זיך פארענטפערט:

— דער בריוו איז גאָר צו אן אנדער מיידל; די, וואָס האָט זיך נאָכגעפרעגט אף רינגערן, קען איך גאָרניט. ווי קום איך זי גאָר קענען, אז איך ווייס ניט, ווי זי זעט אויס.

דער זייגערמאַכער האָט אַ שאַרפֿן קוק געגעבן אויף יאַסקען און אים איבערגעכאַזערט דעם ענטפֿער אָפּן פּאַראָל:

— אַ דאַנק אײַך פֿאַר דער בסורע...

— אַ דאַנק אײַך פֿאַר דער בסורע...

אַז יאַסקע איז נאָכאַמאָל געקומען אין פּאַסאַזש, האָט ער באַמערקט: מענטשן שטופּן זיך צום זייגערמאַכער אין שמאָלן דורכגאַנג און יענער לאָזט זיי ניט אַרײַן. ער האָט זיך אומגעקוקט, נאָר ס'איז שוין געווען שפּעט. פֿון בײדע זײַטן פּאַסאַזש איז געשטאַנען די דעניקינישע וואַכטע. ס'איז פֿאָרגעקומען אַן אַבלאַווע, מענטשן זײַנען אַרומגעלאָפֿן, ווי פֿאַריאָגטע כּײַעס אין אַ שטײַג, איבערן גלימשיקן פֿאַרפֿרווירענעם פֿאַרקעט פֿונעם פּאַסאַזש, זיך געריסן אין די טירן פֿון די קלייטן. דער זייגערמאַכער האָט, שטייענדיק אויף דער שוועל, אַ ווונק געטאָן יאַסקען, און אַז יאַסקע איז צו אים נאָענט צוגעגאַנגען, האָט ער אים אַרײַנגעשלעפּט צו זיך אין שמאָלן דורכגאַנג און אָפּגיך אים געזאָגט:

— צערײַס דעם בריוו, וואָס דו טראָגסט מיט זיך.

יאַסקע האָט געפֿאָלגט. ער איז געזעסן באַם טיש, האַרט צוגעשפּאַרט די ברוסט צום ראַנד, מיט פֿאַרכידעשטע אויגן געלאָפֿן איבער די צעעפֿנטע מעכאַניזמען פֿון די זייגערלעך, די האַנט אַרײַנגעשטופּט אין דער הויזן־קעשענע און געריסן אויף שטיקלעך דעם בריוו צו ליובען, וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן. דער זייגערמאַכער האָט בײַ אים פֿון דער האַנט גענומען די צעריסענע פּאַפּירלעך און זיי אַרויסגעשלײַדערט. ער האָט צו אים געזאָגט:

— ביסט מײַן געהילף...

אָהער, אין וואַרשטאַט, איז די וואַכטע ניט אַרײַנגעקומען. די אַבלאַווע האָט זיך פֿאַרענדיקט. מע האָט ווידער אופֿגעשפּאַרט בײדע טויערן פֿונעם פּאַסאַזש. דער זייגערמאַכער האָט צונויפֿגענומען די מאַכשירים פֿון טיש און זיי באַהאַלטן אין שופֿלאָד. ער האָט יאַסקען דערקלערט:

— דעם פּאַסאַזש, כאַווער, מעגסטו שוין אויסמײַדן. וועסט זיך מעלדן אין אַן אַנדער אָרט.

יאַסקע איז אַרויסגעגאַנגען אַ פֿאַרזאָרגטער. די פּיס האָבן זיך אים געבויגן. ער האָט פֿאַרשטאַנען: מער וועט דער זייגערמאַכער שוין אויף דעם אָרט ניט זײַן, רינגער וועט שוין אַהער מער קיינמאָל ניט קומען, און דאָס מיידל, וואָס האָט זיך אויף אים נאָכגעפֿרעגט און וואָס איז, ווי דאָס האַרץ זאָגט אים, געווען דווירעלע, וועט זיך אַהער אויך שוין מער ניט מעלדן. דער בריוו צו ליובען איז געווען פֿון נעמיראָוו. ליובען וועט ער אויך ניט טרעפֿן. דער אײנציקער פֿאָדעם, וואָס האָט אים פֿאַרבונדן מיט זיי אַלעמען, איז איבערגעריסן. אין דער היים וועט אים די מוטער באַקלאָגן:

„ווייניק פֿאַר מיר דווירעלע, שלעפּסטו זיך שוין אויך אַרום אין די אָפּדערנאַכטן".

דער טאָג צאַנקט, אַ מוטנער טאָג, און צערינט ווי אַ פֿליסיקײַט פֿון אַ צעבראָכענער קיילע. אַ נעפּל שפּרייט זיך איבער דער גאַנצער פֿראַאָבראַזשענסקע. דעם סאָבאָר זעט מען שוין ניט אַרויס. אַ שלאַבעריקע שײַן שלאָגט אַהערצו פֿון דעם קעגנאיבערדיקן קינאָ „אַרס". מע פֿאַרמאַכט פֿרי די קלייטן. עס הודזשען אין די אויערן די אָראַפּגערוקטע פֿאַרזשאַווערטע שטאָרן. יאַסקע שטויסט זיך אָן אין דער וויטרינע פֿון דער פֿאָטאָגראַפֿיע. די שויב איז פֿאַרהויכט, גיט ער זי אַ וויש מיטן אַרבל און נעמט באַטראַכטן די טונקעלע פּנעמער, וואָס קוקן צו אים אַרויס פֿון די בילדער. ער שפּאַרט זיך צו צו דער וויטרינע און דערפֿילט פֿלוצעם, ווי עמעצער האָט אים פֿאַרן אַרבל אָנגענומען. ער האָט אַ ציטער געטאָן און זיך געטראָפֿן מיט ליובעס באַקאַנטן גוטמוטיקן און ווייכן בליק.

זי האָט אים ניט געפֿרעגט, ליובע, וואָס טוט ער דאָ אין פֿאַרנעפּלטן אָוונט בײַ דער וויטרינע. זי האָט, ניט אַרויסלאָזנדיק די האַנט זײַנע, ווי אַ בלינדע, אים אַרופֿגעפֿירט אויף די זעקס טרעפּלעך, און נאָר אַז זי איז צוגעקומען צו דער טיר, אויף וועלכער ס'איז געהאַנגען אַ שילדל „פֿאָטאָגראַפֿיע מאָדערן", האָט זי יאַסקעס האַנט אַרויסגעלאָזט און אָנגעקלאַפּט דרײַ מאָל.

אין אַטעליע זײַנען שוין געווען רינגער מיט דווירעלען. די באַגעגעניש איז פֿאַר אַלעמען געווען אַן אומגעריכטע. רינגער האָט אָפּגעוואַרט, ביז דווירעלע מיט ליובען האָבן זיך געקושט. ער האָט צוגערופֿן צו זיך יאַסקען און פֿאַר פֿרייד אים געקלאַפּט אין דער פּלייצע, געדרייט און באַקוקט פֿון אַלע זײַטן, און אַז מע האָט זיך צו זאַט אָנגעקוקט און אויסגעזעצט אויפֿן רונדיקן פּליושענעם דיוואַן, האָט רינגער זיך אָוועקגעשטעלט באַם אַפּאַראַט און פֿאַרגעלייגט:

— מאַכט אַ פֿרײלעך געזיכט.

דער פֿאָטאָגראַף, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער זײַט, האָט זיך געבייזערט:

— אַ נאַרישקײַט, אַז זי געלינגט, בלײַבט פֿאָרט אַ נאַרישקײַט.

און דאָך איז אויך ער אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אָט דער פֿרייד, וואָס האָט געשלאָגן פֿון די פּרײַנט, וועלכע האָבן זיך אַזוי אומדערוואַרט באַגעגנט, ווי פֿון אַן אָפֿענעם קוואַל. ער איז אָבער

געווען שטרענג, אָט דער „הויכער בלאָנדין“, דער באַלעבאָס פון דער „אַטעליע“, און האָט זיי געמאָלדן:

— איך דערקלער דעם פּלענום פאַר געשלאָסן!

אין קאָרידאָר האָט רינגער פאָרגעלייגט:

— לאָמיר אַרײַנגיין אין קינאָ. דאָס בעסטע אָרט. איך גיי פאָרויס און קויף בילעטן.

אין קינאָ „אַרס“ איז געגאַנגען דער פילם „בלאָנדזנדע פײַערן“ מיט ווערא כאָלאָדנאיא און מאַקסימאָוון אין די הויפּט־ראָלן. אויפן טונקעלן עקראַן איז געזעסן ווערא כאָלאָדנאיא און מיט די לאַנגע שיינע פינגער אירע געגלעט א קעצעלע. דאָס קעצעלע האָט געדרעמלט אויף אירע קני. ס'איז דעם געווען וואַרעם, דעם קעצעלע. פון דער זײַט האָט זיך אונטערגעגאַנגען מאַקסימאָוו אין ברייטן צעכראַסטעטן פּעלץ. ער איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, בײַסנדיק די ליפּן...

אין פינצטערן זאַל האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטילקײַט. אויף דער אייבערשטער באַנק, סאַמע אונטערן סופיט, זײַנען געזעסן פיר גוטעפרײַנט און כאַווײַרים. זיי האָבן זיך אין דער פינצטער ווי קינדער געהאַלטן בא די הענט, האַרט צוגעדריקט זיך איינער צום צווייטן, און אין דער שטילקײַט האָבן די הערצער זייערע מיט גרויס רעגונג געקלאַפּט פאַר פרייד פון אָט דער באַגעגעניש.

ווערא כאָלאָדנאיא האָט אויפן עקראַן זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט. אין פינצטערן זאַל האָט א שעמעריר געטאָן איר לאַנג און פּרעכטיק קלייד, די העלע צירונג און דער געמאָסטענער גאַנג אירער. ווערא כאָלאָדנאיא האָט אויפגעהויבן דאָס קעצעלע, וואָס זי האָט געגלעט אויף די קני, און איז פאַרשוווּנדן פונעם עקראַן. אין דרויסן איז אויך געווען פינצטער. מע איז זיך צעגאַנגען אין פאַרשיידענע זײַטן. די פינצטערניש האָט פאַרשלונגען די טריט. אונטן האָט שוין די וואַכטע זיך געקליבן פאַרשפּאַרן די בריק.

דווירעלע האָט געזאָגט:

— מיר וועלן זיך נאָך זען...

אויפן צווייטן טאָג איז אויפן פּערעסיפּ געקומען אַנושקאַ. א נידעריקע אָנגעפּעלצטע פרוי מיט א קויש אין דער האַנט, זי האָט א כיינעוודיקן קוק געטאָן און פאָרגעלייגט:

— קויפט נאָדלען, בײַוועלעך, גוטע קעמעלעך...

לאַנג זיך פאַרהאַלטן האָט די הענדלערן ניט געקאָנט. זי האָט זיך צוגעזעצט אויפן שפּיץ בעטל, אוועקגעשטעלט דעם קויש אויפן דיל און אויפגיך איבערגעגעבן ליובען דאָס וויכטיקסטע:

— די גאָרקיך איז דורכגעפאַלן. אין שטאָט קומען פאָר גרויסע אַרעסטן. די אַרבעט גיסטו איבער נעכאַמען. דו ווערסט צוגעפּעסטיקט צו אונדזער קאָלעקטיוו באַם נאָדל־פאַריין. הײַנט נאָך קלײַבסטו זיך איבער אויף קאָרטישעווסקע, דרײַ...

ליובע האָט געוואָלט דערווידערן. אַנושקאַ דאַרף וויסן, זי טאָר זיך ניט באַזעצן, ליובע, אויף מאָלדאַוואַנקע, אין נאָענטער שכיינעס מיטן מאַיאָר קוואַס. אויב נאָר ער וועט זיך אָנשטויסן אויף איר, וועט ער זי אויסגעבן. זי איז זיכער אין דעם.

נאָר גראָד דאָס, וואָס זי האָט באַדאַרפט זאָגן אַנושקען, האָט זי ניט געזאָגט. צי דערפאַר, וואָס אַנושקע האָט זיך דאָס מאָל זייער געײַלט, צי ווײַל ס'איז געווען אוממעגלעך איבערשלאָגן אַנושקעס וויכטיקע און קאַרגע רייד מיט די אייגענע קליינלעכע ספּייקעס.

אַנושקאַ האָט באַם אַרויסגאַנג אויסגעקערעוועט צו ליובען דעם קויש, איבערגענומען אים אויף דער צווייטער האַנט און מיטן בליק זיך געזעגנט מיט איר. א גאַנצן טאָג איז דער דאָזיקער בליק נאָכגעגאַנגען ליובען ווי א גוטערפרײַנט. ליובע האָט הײַנט שטאַרקער ווי געוויינלעך דערפילט דעם ביטערן טאַם פון געזעגענען זיך מיט די סאַמע נאָענטסטע. אייגנטלעך איז דער גאַנצער האַרבסט אַריבער פאַר איר אין דורכויס פײַנלעכע שיידונגען. די קורצע פרייד פון יעדער אומגעריכטער באַגעגעניש האָט שטענדיק אין זיך געטראָגן אָט דעם טאַם פון אומבאַדינגטער געזעגעניש. צי וועט זי נאָך ווען זיך טרעפן אין לעבן מיט אַנושקען, וואָס פלעגט אַזוי אָפט, ווי א מאַמע, לינדערן די ווייטעקן פון איר נעשאָמע? אין געדאַנק גיט א בליץ א פאַרגלײַך מיטן נעמיראָווער אַלטן לערער אירן, דעם קאָמפּאָזיטאָר לעמפּערטן. א בענקעניש נאָגט דאָס האַרץ. זי באַקוקט דאָס צימערל, מיט וועלכן זי האָט זיך שוין דאָ אויפן פּערעסיפּ אײַנגעלעבט.

הײַנט נאָך וועט זי מוזן זיך שיידן מיטן צימערל. מע דאַרף דינגען א פורל אַריבערפירן די ניי־מאַשין אויף מאָלדאַוואַנקע. זינט זי האָט זיך באַזעצט מיט דווירעלען אויפן קויאַלניק, באַגלייט זי די ניי־מאַשין, פּונקט ווי דער פידל. יאָ, דעם פידל וועט זי אויך אַרופלייגן אויפן פורל, זי וועט אים צובינדן צו דער מאַשין. ווער וועט דען דערויף לייגן אַכט, וואָס עס שלעפּט זיך פון פּערעסיפּ אין שטאָט אַרײַן א פורל מיט א ניי־מאַשין און עפּעס אַן אײַנגעקוטעט מיידל זיצט אין פורל, די הענט פאַרשטעקט אין די אַרבל?

מע דאַרף זיך נאָך הײַנט זען מיט נעכאמען און איבערגעבן די קאַסע פונעם „רויטן קרייץ". די אדרעסן ווייסט זי, נעכאמע, אַליין. דאָס איבעריקע וועט זי זיך דערוויסן אין „ליאַיאַן". און ווידער פאַרקלעמט ליובען פײַנפול דאָס האַרץ.

און עפשער איז שוין אויך דער „ליאַיאַן" דורכגעפאַלן? זי געדענקט ניט, אנושקע זאָל גאָר געווען דערמאָנען וועגן „ליאַיאַן". און עפשער קלעמט איר גאָר איצט דאָס האַרץ פון הונגער? פון נעכטן באַטאָג נאָך גאָרניט געהאַט אין מויל. ווי עס זאָל ניט זײַן, באַדאַרף מען זיך ברענגען אין אָרדענונג. כאָטשבי די צעפּ איבערפלעכטן.

ווי דאָס שפּיגעלע איז ניט קליין, דאַך באַקומט ליובע דורך דעם אַן אנונג וועגן איר אייגענעם אויסזען. דאָס געזיכט איז געוואָרן מאַטעווער, די אויגן טינקעלער, און נאָר די צעפּ הענגען נאָך אַלץ אַזוי פּרעכטיק אַראָפּ איבער אירע אַקסלען, ווי פריִער, בלאָנדע און געדיכטע, גלײַך ווי זיי איז גאָרניט אָנגעגאַנגען אָט דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען מיט ליובען פאַר די עטלעכע פײַנלעכע האַרבסט-כאַדאָשים. זי פלעכט גערן איבער די צעפּ, טראָגט זיי אונטער צו די נאַזלעכער און ציט אַרײַן אין זיך זייער רייעך. אין קליינעם שפּיגעלע דערזעט זי פּלוצעם לעבן זיך שמוליקן. טויזנטער ווערסט שיידן זי אָפּ פון איר געליבטן. טויזנטער ווערסט.

אינעם פינצטערן קינאָ „אַרס", ווען זי איז געזעסן נאָענט צוגעדריקט צו דווירעלען, האָט יענע שטיל, ווי אַ וואָרעמע טרייסט, וואָס מע ברענגט פונווײַטן, איר אין אויער אַרײַנגע־רוימט:

— ווער ווייסט, שמוליק, קאָן זײַן, איז גאָר איצט שוין אַפן אוראַל...

זי שטרענגט זיך אָן און דערמאָנט זיך דאָס, וואָס זי האָט אין דער היים נאָך, אין נעמיראָוו, געוווסט פון דער געאָגראַפיע וועגן דעם אוראַל. זי קערעוועט אָפּ דאָס געזיכט פונעם שפּיגעלע. אין הויף לאָזט דער שניי. ברודנע ריטשקעלעך לויפן אום און שטויסן זיך אָן פאַרצווייפלט אינעם נידעריקן שטיינערנעם פאַרקן. אין דרויסן לויטערט זיך און אַפן האַרצן אויך. זי טראַכט:

...ס'איז גאָר קיין כּיִעוו ניט, אַז אַף מאַלדאַוואַנקע זאָל זי אומבאַדינגט זיך טרעפן מיטן מאיאָר קוואַס. זי וועט אַרבעטן אין נאָדל-פאַריין. זי וועט זיך באַגעגענען מיט אַ סאַך כאַווײרים. ס'וועט איר עפשער אויסקומען אַרויסטרעטן אויך. אומזיסט מיינט שוין ווער, אַז אין אונטערערד האַלט מען נאָר אין איין שווײַגן. איר שטים וועט זיך לאָזן הערן, און עפשער איז שוין ניט אַזוי ווײַט די צײַט, ווען איר פידל וועט זיך אויך לאָזן הערן.

אינגיכן איז אַרײַנגעקומען נעכאמע.

— ליובעניו, — האָט נעכאמע געזאָגט, — איך בין געקומען דיר העלפן זיך אַריבערקלײַבן. כ'האָב נאָך הײַנט אַזויפיל צו טאָן. ווי נאָר אין „ראַפּיט" האָט די כעוורע זיך דערוווסט, אַז דער „זיידע" איז געשטאָרבן...

ליובע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. זי האָט זיך מיט דעם גאַנצן קערפּער אָנגעבויגן צו נעכאמען, ווי געזוכט אין איר אַן אָנשפּאַר. נעכאמע האָט זי צוגעדריקט צו דער ברוסט און געוואָרנט:

— נאָר ניט וויינען. דער „זיידע" האָט ניט געדולדעט קיין געוויין. ס'וואָלט דען בעסער געווען, ווען מע פּײַניקט אים אין „טויטן-הויז". וויין ניט, ליובע, מע באַדאַרף באַזאָרגן די לע־ווײַע. די „ראַפּיטאָווצעס" וועלן וואַרפן די אַרבעט. די גענאַווצעס וועלן אויך ניט אָפּשטיין.

— אין „ליאַיאַן" ווייסט מען דערפון? — האָט געפרעגט ליובע.

נעכאמע האָט דעם קאָפּ נידעריק אַראָפּגעלאָזט, ווי אויסבאַהאַלטן די אויגן פון ליובען.

— אַף „ליאַיאַן" הענגט נאָך פון נעכטן אַ שלאָס.

ליובע האָט זיך ווידער אַ וואַקל געטאָן, טייקעף זיך אויסגעגלײַכט און מיט זיכערקײַט געזאָגט:

— איך וועל צוהעלפן, נעכאמע, איך וועל אַלץ טאָן, וואָס עס פאָדערט זיך פון מיר...

נעכאמע האָט גענומען צונויפלייגן ליובעס שטוב-זאַכן. זי האָט טייקעף ניט געענטפערט. זי האָט איבערגעבונדן דאָס בעטגעוואַנט און ערשט נאָכדעם, ווי דערמאָנט זיך, געזאָגט:

— פון דיר, ליובע, פאָדערט זיך איין זאַך: וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פונדאַנען. אַזוי האָט געהייסן אנושקאַ...

נעכאמע מיט ליובען האָבן אָפּגיך צונויפגעלייגט אַלץ, פאַרקניפּט און איבערגעבונדן. נעכאמע האָט זיך געזעגנט מיט ליובען, זי אַרומגענומען און זיך מיט איר צעקושט.

— מירן זיך נאָך זען אין פרײַדן, ליובעניו! אַלע וועלן מיר זיך זען, מיט שמוליקן אויך...

— וואָס? — האָט אופגעציטערט ליובע. — אַפן אוראַל איז ער דאָך, שמוליק, אַפן אוראַל...

נעכאמע האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל, זיך אויסגעקערעוועט צו ליובען:

— אין אָדעס איז ער, שמוליק דײַנער, אין אָדעס.

דעם „זיידנס“ לעוויִע איז פאַרגעקומען פאַרנאַכט. זי איז געווען אומגעריכט פאַר פּערעסיפּ.

דעם אָנדענק וועגן „זיידן“ טימאָפּייִטש האָט פּערעסיפּ טיף פאַרבאָרגן. בא די טליִעס אפן מאַרק־פּלאַץ, בייס די מאַסעווע אָבלאַוועס און אונטערזוכונגען, אין די איימעדיק־פינצטערע אָפּדער־נאַכטן, ווען די אַרבעטער־פאַרשטאַט האָט זיך שטום און ווייטעקדיק געראַנגלט קעגן אייגענער פאַרצווייפלונג. אומעטום און שטענדיק פלעגט אויפשווימען דער פּערעסיפּער „זיידע“ מיטן איינציק זעענדיקן אויג, מיטן הויכן שטעקן אין דער האַנט, מיט זיין ברוסטיקער שטים און האַרציקע רייד.

פיר כאַדאָשים שוין, אַז פּערעסיפּ קאָרטשעט זיך אין ווייען, אַ פאַרפּייניקטע און געשענדטע פון די דעניקינישע הענקערס, און דאָך האָט קיינער בא איר ניט געקאָנט צונעמען די איינציקע טרייסט אירע:

— דער „זיידע“ איז צווישן די פּאַרטיזאַנער, ער שטייט בעראָש פון דעם אָטשאַקאָווער אויפשטאַנד...

— דער „זיידע“ איז אַנטלאָפן פונעם „טויטן הויז“, און די קאָנטרראַזוועדקע זוכט אים מיט ליכט איבער גאַנץ אָדעס...

— פריִער האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין די קאַמענאָלאָמניעס, דער „זיידע“, און איצט אַרבעט ער אין קאָמיטעט...

בלויז אייניקע געציילטע מענטשן האָבן געוווּסט, אַז טימאָפּייִטש, דער ליבלינג פון די פּערעסיפּער אַרבעטער, דער געוועזענער פאָרזיצער פון פּערעסיפּער ראַט, ליגט אין אַ קעלער־שטוב, טאַקע דאָ אפן ראָג פון מאָסקאָווסקע, ליגט שווער קראַנק, און נאָר איין נעכאַמע קומט צו אים אַריין און לייגט איבער זיין צוקאָפּנס. ווען מע זאָל אַפילע גאַנץ פּערעסיפּ געווען וועגן דעם מעלדן, וואָלט קיינער גאָר אין דעם ניט געגלייבט. מע וואָלט אָן אַ סימען פון צווייפל גע־שאָקלט מיטן קאָפּ און באַשטרייט:

— אַז ווי קאָן עס גאָר זיין, אַז אין אַזאַ וויכטיקער און הייסער צייט זאָל טימאָפּייִטש פאַרלאָזן זיין פּאָסטן און זיך אַוועקלייגן אין קראַנקן־בעט אַריין?

איצט, ווען איבער פּערעסיפּ האָט זיך אַזוי בליץ־שנעל צעטראָגן די טרויעריקע יעדיִע, אַז דער „זיידע“ איז געשטאָרבן, אַז דער טויטער קערפּער זיינער ליגט אין דער קעלער־שטוב אפן ראָג פון מאָסקאָווסקע, האָט יעדערן דאָ צוזאַמען מיט דער גרויסער דערשיטערונג אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון שטאָלץ. אין אַלעמענס אויגן האָט מען עס געקאָנט דורכלייענען:

— ביזן לעצטן אָטעם זיינעם איז דער „זיידע“ געווען פאַרבונדן מיטן פּערעסיפּ.

די דעניקינישע הינט זיינען, ווי פאַרסאַמטע, אַרומגעלאָפן איבער אַלע גאַסן און הינטער־געסלעך, און טימאָפּייִטש האָט דאָרטן אין דער פאַרבאָרגענער קעלער־שטוב זיך געטאָן זיינס, פאָרגעזעצט די אַרבעט...

ס'איז געווען אַ וואָכעדיקער גרויער טאָג. ערעוו דעם ניי־יאָר. ווי געוויינלעך, זיינען נאָך אַלץ די פּערעסיפּער גאַסן געלעגן וויסט און פאַרומערט. פויל האָט זיך געצויגן דער רויך פון „ראַפּיט“, פון געגנס און יאַלאָוויקאָווס זאַוואָדן. אומצופרידן און אויפגערייצט האָבן זיך אַרומ־געשלעפּט די דעניקינישע קאָנטרראַזוועדטשיקעס, זוכנדיק, צו וועמען אויסלאָזן די אַנטוישונג, וואָס האָט זיי שווער געמאַטערט. מיטאַמאָל און ראַשיק האָט זיך אין דער פאַרגליווערטער שטיל־קייט אַריינגעריסן אַ שטאַרקער פייף. ס'האָבן געהודעט די זאַוואָדישע סירענעס. פון דער בריק האָט זיך איבער די גאַסן געטראָגן די פייערלעשער־קאָמאַנדע, ס'איז אָנגעלאָפן די וואַכטע, מע האָט נאָך קיינעם ניט געזען. האָבן זיי, אַנטוישטע און פאַרשעמטע, זיך אומגעקערט. ס'האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט, און די זאַוואָדישע טויערן האָבן זיך צעפּראַלט. אין געדיכטע רייען זיינען די אַרבעטער אַרויס אף דער גאַס און זיך שווייגנדיק געלאָזט צו דער מאָסקאָווסקע. איבער די קעפּ האָט אַ שווים געטאָן אַ שוואַרצער אָפּענער אָרן.

דער „זיידע“ איז געלעגן עטוואָס צוגעזשמורעט די אויגן, ווי מיט אַ שמייכל טיפזיניק באַטראַכט, וואָס קומט עס פאָר דאָ אַרום אים. די הענט זיינען געווען צונויפגעלייגט אף דער הויכער ברוסט, די פינגער צעשפּרייט, ווי מיט האַנאָע זיך איצט אָפּגערוט פון לאַנגיאָריקער אַרבעט.

דער אָרן איז געשוווּמען איבער די קעפּ, איבער די פעסט פאַרהויבענע הענט. מע האָט אים איבערגעגעבן פון ריי צו ריי, און צוזאַמען מיט פּערעסיפּ, וואָס האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט, איז אויך דער „זיידע“ געקומען אין באַוועגונג. נאָכדעם האָט אַ שטראָם געטאָן דער טרויער־מאַרש, ווי אַ שלאַקסרעגן.

קיין פּאָנעס זיינען ניט געווען. אַ שוואַרצע וואַנט האָט זיך גערוקט צום בעסאַלמען, זיך דורכ־געשפּאַרט דורך דעם שמאָלן מיל־געסל, פאַרביי דער „הייסער לוזשע“. דער יאַם האָט אַ גלאַנץ

געטאָן מיט בלויער טיף, הויך א הייב געטאָן די כוואַליעס, ווי א ווארע געמאַכט פאר די רייען, וואָס האָבן זיך געצויגן לענגויס דעם ברעג.

אָפּן בעסאַלמען האָט מען דעם רעדנער ניט ארויסגעזען. ער איז געשטאַנען צווישן דעם אוילעם, די הענט פארשטעקט אין די טאַשן. דער ווינט, וואָס האָט פון יאַם אָנגעיאָגט, האָט א הייב געטאָן זייַן קאָל און עס צעטראָגן איבער פערעסיפּ. ס׳האָט געשייַנט, אז דאָס גייט פון די שווארצע געדיכטעניש, דאָס קאָל פון לעבן, וואָס וויל זיך ניט אונטערגעבן דעם טויט, ווי גרויזאַם עס זאָל ניט זייַן דער אָנגריף זייַנער.

— נידער מיט דעם דיקטאַטאָר אָף א שאָ — דעניקין!

— זאָל לעבן דער, וואָס איז פון דער געשיכטע גערופן צו דער מאַכט — דער פּראָלעטאַריאַט!

די וואַכטע האָט געשאָסן. צוערשט אין דער לופט. איבער די קעפּ האָט זיך געטראָגן א טרוקן, היפּנדיק שיסערייַ. נאָכדעם זייַנען שוין געווען פארוואונדעטע. מע האָט זיי געשלעפּט צום ברעג פון יאַם און אין דעם ווייַסן קאַלטן שוים געוואַשן זייערע וווּנדן. פערעסיפּ האָט א שווערן קרעכץ געטאָן. פון אַלע ווינקלען האָט א שפּאַר געטאָן דער אָוונט. די פארגייענדיקע זון האָט מיט א רויטן פלאַם א צינד געטאָן דעם ווייַטן האָריזאָנט.

■

מאָלדאַוואַנקע האָט זיך געוויגט מיט דער לעצטער נייַעס: מאַיאָר קוואַס האָט זיך אופגעהאַנגען. שוין צוויי מעסלעס, אז דער הויף אָף סטאַראָפּאָרטאָפראַנקאָווסקע, 10 איז אוף. אַלע דאָ האָבן שוין געזען, ווי ער הענגט, קוואַס. סאַמע אינמיטן צימער. און די פיס זייַנע אין די געלע אַמעריקאַנער שיך דערגרייכן קימאַט ביזן דיל. עס שייַנט, א מענטש האָט זיך געשטעלט אָף די שפּיץ פינגער. דער קאָפּ זייַנער שפּארט אָן אין סופיט. די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ווי ער זאָל באַטראַכטן, וואָס קומט דאָרטן פאָר אונטן מיט די נייַע אַמעריקאַנער שיך זייַנע.

די הענט זייַנען אַראָפּגעלאָזט „פּאָ שוואַם״. דער נידעריקער האַלדז איז באַדעקט מיט א געשווילעכץ.

בא דער שוועל, אָנגעבויגן דעם קאָפּ, זיצט פארוויקלט אין שמאַטעס קוואַס׳ מאַמע און באַטראַכט די איינציקע מיליצע, וואָס ליגט בא אירע פיס. זי האָט שוין דעם הויף אַלץ אויסדערציילט, וואָס זי האָט געוווּסט:

— א גאַסט איז ער געווען בא מיר, מייער. איך האָב דאָך אים א גאַנץ ווינטער ניט אָנגעקוקט אין די אויגן. ער האָט זיך פאר מיר באַרימט, ווי שיין ער האָט זיך אויסגעפּוצט. געזאָגט האָט ער, מייער, ער פארלאָזט שוין אָדעס אָף אייביק. מיט פייגעלע קוק, האָט ער געזאָגט, פאָרט ער אַוועק קיין סטאַמבול. איז ווי נאָר איך בין אין הויף ארויס אָף א רעגע צו דער קאַמער, האָט ער דאָס אָפּגעטאָן.

און, ווי פארענטפערנדיק זיך פאר די שכיינים פון הויף, האָט די אַלטע, ארומטאַנצנדיק מיט דער מיליצע, צוגעגעבן:

— און דעם שטריק, וויי צו מייַנע יאָרן, האָט ער שוין מיט זיך געבראַכט. איך האָב גאָר קיינמאָל אזא שטריק ניט געהאַט.

אין הויף האָט געטומלט פייגעלע קוק. זי האָט גענישטערט מיט די אויגן צווישן אוילעם און געזוכט בא וועמען צו טרעפן מיטגעפיל. זי איז ארומגעגאַנגען אין א לאַנגן שווארצן קלייד מיט ברוינע זוימען, וואָס איז געווען אָף איר ברייט, אָנגעבלאָזן און געמאַכט זי גרעסער. אָף די אַקסלען האָט זי ארופגעוואָרפן א געשטריקטן שאַרף און זיך געהאַלטן ווי גאָר א היימישע. זי איז אונטערגעשפּרונגען צו יעדן אַרייַנגעקומענעם און אים איַינגערוימט א סאָד:

— מיר טאָרן אים דאָ ניט לאָזן...

מע האָט זי געהערט צעטראָגן און געקוקט אָף איר מיט פרעמדע גלייַכגילטיקע אויגן. דאָס האָט זי ביז גאָר געערגערט, און זי האָט זיך געזידלט אין דער שטיל, פאַרשנירעווענדיק די דינע ליפּלעך:

— א כאָליערע אָף אייַך. פארגעסן, וואָס קוואַס איז געווען פאר אונדז... פּראַנצעוואַטע מאַראַוויכערס, פאר וועמען האָט איר זיך עס דערשראָקן, פאר וועמען?..

— א טויט אָף אייַך, איך וועל אַליין צעבייַטן א טויזנטער, און אין מאָרג וועל איך אים ניט אָפּגעבן.

מע האָט איר גאָרניט געענטפערט אָף אַלע אירע זידלערייַען. מע האָט מיט גרויס ציקאַוועס געקוקט אָף איר, אָף דעם לאַנגן שווארצן קלייד אירן, אין וועלכן זי האָט אויסגעזען אַלמאָנישלייַטיש און טרויעריק־פארזאָרגט. אומבאַהאָלפן, ניט געפינענדיק בא קיינעם קיין מיטגעפיל, האָט

פייגעלע קוק שאָענווייַז זיך ארומגעשארט צווישן לײדיקגייעריש־נייַגעריקן הויף און נאָכדעם מיט א שלעסל פארשפארט פון דרויסן די טיר. אינווייניק האָט ווילד און היסטעריש גערעוועט די אלטע, געקלאפט מיט דער מיליצע אין טיר און געשריִען:

— כ׳האָב מוירע...

אינגיכן האָט זיך פייגעלע קוק אומגעקערט. אופגעשפארט די טיר. זי האָט מיט זיך געבראכט א פּאָר טרעגער. מע האָט קוואסן ארויסגענומען פון דעם שטריק און אוועקגעלייגט אפן דיל. מיט א געוויין האָט פייגעלע זיך אראָפּגעלאָזט אף דער ערד, אוועקגעזעצט זיך באם צוקאָפּנס פונעם געהאנגענעם און געגלעט די הענט זייַנע. די טרעגער האָבן געפּאָדערט אראָפּנעמען פון קוואסן די קליידער:

— ער וועט אזוי אויך פוילן אין דער ערד.

האָט זיך פייגעלע אופגעהויבן, פון דעם ברייטן רידיקיול, וואָס זי האָט געהאלטן, ארויסגעכאפּט א קלײנינקן בראונינג און אָנגעשטעלט אים אף די טרעגער:

— נעמט איר פון אים אראָפּ איין שוך, לייג איך אייַך אוועק אפן אָרט.

אף א פורל האָט מען ארויסגעפירט קוואסן פון הויף. בא די זייַטן זייַנען געזעסן די טרעגער, בייזע און צעטומלטע. צוקאָפּנס איז געזעסן אין שווארצן אלטמאָדישן קלייד פייגעלע קוק, די פיס אראָפּגעלאָזט און אין פויסט שטייַף צונויפגעדריקט דעם קלײנינקן בראונינג.

■

ליובע האָט געוווינט אף קאָרטישעווסקע. אין הויף האָט מען די גאנצע צייַט ניט אראָפּגענומען פון די צעפוילטע שטריק דאָס ברודנע אָנגעווייקטע וועש. כאָטש דער הימל איז געווען א לויטערער, נאָר אין הויף איז שטענדיק געווען נאס. פונעם צעהאנגענעם וועש זייַנען אומופהערלעך אראָפּגערונען מומנע טראָפּנס וואסער. דאָס וועש האָט פארשטעלט דאָס קלײנע פענצטערל פון ליובעס צימער.

די ניי־מאשין איז געשטאנען סאמע באם אריַינגאנג צוגעדעקט מיט א לייַלעך. אונטערן קישן איז געלעגן דער פידל, וועלכן זי פלעגט נאָר אפדערנאכט, ווען זי האָט זיך געלייגט שלאָפן, אופהענגען אף דער וואנט.

אין הויף איז געווען טומלדיק. ס׳האָט געווימלט מיט פארשיידענע פארשוינען, וואָס האָבן זיך שטענדיק געזידלט, אויסלאָזנדיק איינער צום צווייטן זייער ביטער הארץ. דער הויף אף קאָרטישעווסקע האָט זיך אף קיין זאך ניט געכידעשט. דאָ איז אן אָפטער גאסט געווען די „גיכע הילף“, און ס׳האָט שוין געטראָפן, אז מע האָט זי אין הויף ניט אריַינגעלאָזט און געשריִען:

— סייַווי פירט איר זיי, די קראנקע, ניט אין שפּיטאָל, סייַווי זייַנען די שפּיטאָלן פארמאכט. איר סאמט זיי, די קראנקע, אין וועג. וועלן מיר אליין זיי אָפּטראָגן אין מאָרג...

אף קאָרטישעווסקע איז בלאָטיק. א גאנצן טאָג כוישעכדיק. איימעדיק זעט אויס דער מארקפלאץ, ווו מע האָט שוין אלע בייַדלעך איבערגעקערט און צעטראָגן אף הייצונג. די דעניקינישע וואכטע, וואָס באווייַזט זיך צומאָל, נעמט אראָפּ די ביקסן פון די אקסלען, טראָגט די ביקסן אין די הענט, ווי א וואָרענונג. און אליין רוקט מען זיך צו די ווענט. מע האָט שוין דאָ, אף מאָלדאָוואנקע, ניט איין קאָנטרראזוועדטשיק אוועקגעלייגט.

ליובע ארבעט אין פּראָפאריין „איגלא“[1]. זי קומט אהין יעדן טאָג אין אָוונט.

ס׳איז דאָרט ענג און דושנע. אין לייענזאל אפן טיש ליגט דער „יוזשני ראבאָטשי“, צו וועלכן קיינער רירט זיך ניט צו. ליובע צעוויקלט די צייַטונג, וואָס איז פול מיט לידער און ארטיקלען וועגן קולטור־ארבעט. זי לייענט די לידער, וואָס באזינגען דאָס נייַע יאָר. יעטווידע פּעטיטשורע דערציילט וועגן פרייד און גליק, וואָס דאָס געגארטע נייַע יאָר וועט ברענגען. יעדער ארטיקל פּריידיקט קולטור און שטעמפּלט מיט צאָרן די „רויטע בארבארן“.

ליובע קוקט ארויס אין דרויסן. די גאָספּיטאלנע גאס ליגט א טריבע און דערשלאָגענע, ווי אין א הינערפּלעט. ס׳ציִען זיך פורלעך מיט קראנקע צום ייִדישן שפּיטאָל. מידע מענטשן שלעפּן זיך צו דער מאָלדאוואנקע. פרויען טראָגן זעק שפּענער אף די פּלייצעס. ס׳איז טונקל און שטיל אין דרויסן. דער „יוזשני ראבאָטשי“ רעקלאמירט די פאָרשטייענדיקע לעקציע פון קוליאבקאָקאָרעצקין אף דער טעמע „ראָבעספּיער און דאנטאָן“. ליובע קוקט זיך אייַן אין די, וואָס קומען אריַין אין דעם קלוב „איגלא“. אלע זעען איר אויס ווי אלטע באקענטע. זי קאָן שווערן, אז זי האָט זיי שוין ווו געזען. אייניקע זעצן זיך צו איר צו. מע שמייכלט, בייס מע כאזערט איבער דעם פּאראָל:

— די בעקערייַ איז אָפן?

---

[1] פאריין פון נאָדל־ארבעטער.

— שטענדיק אָפן, — ענטפערט צוויי מאָל ליובע. אויך אירע אויגן שמייכלען. דער קרײַז ארום טיש וואַקסט. עס בייגן זיך אָן די קעפּ. אַלע ציִען זיי זיך צום „יוזשני ראַבאָטשי", ווי דאָרשטיק צו וויסן, וואָס די צײַטונג שרײַבט. און אומבאַמערקט שאַרן שוין צענדליקער הענט אונטערן טיש, און אויך אַזוי אומבאַמערקט און געשווינד גיבן זיי איבער איינער דעם צווייטן אַ פּרישן נומער „קאָמוניסט". נאָכדעם באַגעגענען זיך אויגן, וואָס שײַנען מיט פרייד פון דעם טרעפלעכן אופטו. מע רוקט צונויף די שטולן. ליובע איז ארומגערינגלט מיט אַ פעסטער אײַזערנער רייף. ס'איז צו איר ניט צוצוקומען, הייבן זיך שוין אַ סאַך אונטער אַף די שפּיץ פינגער.

מאַלע וואָס שנײַדער־יונגען און אָרעמע מאַלדאַוואַנקער נייטערקעס הערן זיך צו, וואָס עפּעס אַ מיידל אין אַ ברוינעם מאַנטל דערציילט זיי... ליובע פירט דעם אָרדנטלעכן שמועס וועגן דעם לויפנדיקן מאָמענט. אין האַנט האַלט זי אַ בלײַפעדער, און איבערן צעשפּרייטן „יוזשני ראַבאָטשי" צייכנט זי דעם מאַרש פון דער 41־טער און 45־טער, פון די רומפּולע דיוויזיעס פון דער רויטער אַרמיי, וואָס רוקן זיך אַלץ נעענטער צו אָדעס. זי באַנוצט זיך דערבײַ מיט די סוואָדקעס פונעם פראָנט, וואָס, ווי זי זאָגט:

— יעדערער פון אײַך וועט זיי לײַכט געפינען אין דעם אָקאָרשט פאַרטיילטן נומער „קאָמוניסט..."

באַנאַכט קאָן ליובע לאַנג ניט אײַנשלאָפן ווערן, קריכט זי אַראָפּ פון איר געלעגער, רוקט עטוואָס אָפּ דאָס ווײַסע פאַרהענגל פונעם פענצטער און זעט:

דער הויף איז וואַך, מענטשן דרייען זיך ארום, ארופגעוואָרפן די מאַנטלען אַף די אַקסלען. וואָס איז געשען?

זי גייט אַרויס אין הויף. קיינער כידעשט זיך ניט דערויף. מע באַגעגנט זי מיט אַ שמייכל:

— סע שלאָפט זיך ניט אַ יונג מיידל?

אַן אַנדערשמאָל וואָלט זי ניט געענטפערט, הײַנט פאַרפירט זי גערן אַ שמועס. מע דערציילט איר:

— שוין ווידער אַרויסגעפירט צוויי יאַטן. אָט ערשט, די קאָנטרראַזוועדקע.

ס'איז איר קאַלט, ליובען. זי גיט אַ ציטער פון קעלט. די מענטשן באַמערקן עס. מע רינגלט זי ארום. מע אָטעמט האַסטיק און הייס אַף איר, ווי וועלנדיק זי דערוואַרעמען. מיט גרויסער האַרציקער טרייסט קלינגט אַ פרעמדע שטים:

— אַלעמען וועלן זיי ניט צעשיסן. ס'איז זיי שוין ווייניק געבליבן צו אַרודעווען. מע זאָגט, די רויטע אַרמיי שפּאַנט קיין אָדעס...

ליובע דערמאָנט זיך אין דעם אָוונט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין קלוב „איגלאַ", און דעם שמועס, וואָס זי האָט דורכגעפירט. זי זאָל האָבן דעם בלײַשטיפט אין דער האַנט, וואָלט זי דאָ, אין הויף, זיך צוגעזעצט צו די פרעמדע מענטשן, וואָס זײַנען איר פּלוצעם אַזוי נאָענט און היימיש געוואָרן, און וואָלט דעם שמועס איבערגעכאַזערט.

זי טוט עס ניט. קאָנספּיראַציע בלײַבט קאָנספּיראַציע. זי קערט זיך אום צו זיך אין צימער. נאָר אַ געפיל באַגלייט זי:

ס'איז שוין נאָענט די שאָ, ווען עמעצער וועט קומען, ארופקלעטערן אַף דער הויכער קאַלאַנטשאַ, וואָס לעבן וואָקזאַל, און מעלדן. גאַנץ אָדעס וועט ער מעלדן — אויס קאָנספּיראַציע, אויס „ליפּטן", פאַראַלן, „שלייפן". די אויסלייזונג איז געקומען. איז עפּשער וועט אָט דער, וואָס וועט עס מעלדן, זײַן שמוליק!

זינט זי האָט דערהערט פון נעכאַמעס מויל, אַז שמוליק איז, מעגלעך, גאָרניט אַף אוראַל, אַז ער איז גאָר, מעגלעך, אין אָדעס, האָט זיך מיטאַמאָל ווי געענדערט איר לעבן. ס'איז אַרום איר געוואָרן ליכטיקער. דער נעפּל, וואָס האָט פאַרצויגן די שטאָט אין די פײַנפולע כאַדאָשים פון דער דעניקינישער הערשאַפט, איז צערונען. יעדן טאָג האָט זי געבראַכט צו זיך אינעם הויף אַף קאָרטישעווסקע אַ גרוס, אַז ניט נאָר פּערעסיפּ, נאָר אויך מאַלדאַוואַנקע און סלאָבאָדקע־ראָמאַנאָווקע, דער שטאָטישער און דער אײַזנבאַן־ראַיאָן האָבן זיך אַ ריר געטאָן און זײַנען גרייט צום שלאַכט.

ווי נאָר זי גייט אַרויס פון הויף, דוכט זיך איר, אַז זי הערט עמעצנס באַקאַנטע טריט, אַז שמוליק שפּירט איר פּונקט נאָך, אַז ווי ווײַט ער זאָל פון איר ניט זײַן, דערנעענטערט ער זיך פאַרט צו איר.

וועגן דעם, אַז קוואַס האָט זיך געהאַנגען, ווייסט שוין ליובע אויך. ס'איז שוין פאַר קיינעם דאָ, אַף מאַלדאַוואַנקע, קיין סאָד ניט — קוואַס האָט לעצטנס ניט געוווּסט, וווּ זיך אַהינטאָן. ער האָט מוירע געהאַט זיך באַווײַזן אַף דער גאַס. ער האָט אַנומלטן געזאָגט דער פייגעלע קוק:

— זיי וועלן מיר ניט פאַרשוויַיגן פעלדמאַנס טויט, זיי וועלן זיך צו מיר דערקלײַבן.

זי וויל גאָרניט טראכטן, ליובע, איצטער וועגן קוואסן און זײַן זעלבסטמאָרד. זי וויל זיך אפילע ניט פאָרשטעלן, ווי ער איז דאָרט געהאנגען בא דער מאמען זײַנער אין קעלער, אף סטאראָפאָרטאָפראנקאָווסקע, 10. קוואס איז אָפגעראמט געוואָרן פון וועג. די גאנאָווים זײַנען אָפגעטראָטן. זיי זײַנען שוין מער קיין קויעך ניט. ווי מײַז וועלן זיי שוין איצט פארקריכן אין די לעכער. מע וועט זיי, אז די צײַט וועט קומען, אָפראמען פון וועג ביז צום לעצטן.

ליובע באשטימט: זי וועט נאָר איין מאָל זיך דורכגיין אף סטאראָפאָרטאָפראנקאָווסקע, 10. זי מוז זיך זען מיט מאריעם דער בעקערן. זי וועט זיך דאָרט ניט פארהאלטן, זי וועט בלויז זאָגן מאריעמען:

— דער זון אײַערער, שמיליק, געפינט זיך אין אָדעס.

זי וועט זי אויך וואָרענען:

— דערציילן וועגן דעם זאָלט איר קיינעם ניט. ס'איז א סאקאָנע...

מיט מאריעמען האָט זי זיך באגעגנט ווי מיט א מאמע. זי איז איר ארופגעפאלן אפן האלדז, אײַנגעגורעט דעם קאָפ אין מאריעמס אויסגעדארטער ברוסט און געוויינט. מאריעם האָט זי אין בלאָנדן קאָפ געקושט, געגלעט אירע צעפ:

— דו זעסט, ליובעניו, איך האלט זיך נאָך אלץ אף די פיס; ווען ניט די האָפענונג, וואָלט איך לאנג זיך שוין געוואלגערט אין מאָרג. אז פון אזא שיינער אָדעס האָבן די ראָצכים געמאכט איין פינצטערן מאָרג, אז ווו דו זאָלסט זיך ניט קערן און ווענדן, הערסטו איין קלאָג, אז ווי הייי־שעריקן זײַנען זיי אונדז באפאלן און רײַסן שטיקער פון אונדזער לײַב...

ליובע האָט א גלעט געטאָן איר אויסגעטריקנטע לאנגע האנט, וואָס איז געווען געדיכט באשאָטן מיט שפרענקעלעך, און שטיל געזאָגט:

— שמילעק אונדזערער איז אין אָדעס...

זי האָט אליין זיך דערשראָקן פאר דעם, וואָס זי האָט פונעם מויל ארויסגעבראכט. מאריעמס פאָנעם האָט אָנגעקווועלט. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפ, ווי זי זאָל דאָס, וואָס ליובע האָט איר איצט דערציילט, שוין אליין פון פריִער וויסן. מיט די פארשמאכטע, צעטראסקעטע ליפן האָט זי געמורמלט:

— שמילעק איז אין אָדעס, אוואדע איז ער אין אָדעס. ווו דען זאָל אונדזער שמילעק זײַן?..

ריטער פון דער רעוואָליוציע

שמוליק האָט געארבעט אין דער דרוקערײַ. אינגיכן נאָך דער עוואקואציע האָט ער זיך אומגעקערט קיין אָדעס.

שוין דעם ערשטן טאָג איז ער אוועק אין די קאמענאָלאָמניעס. דער וועג זײַנער איז געלעגן פארבײַ דער טיראספאָלסקער, נאָר אפילע צו אנושקען אין גאָרקיך האָט ער ניט געטאָרט ארײַנקומען. אפן פערעסיפ, אין „ליאָאיאָן", איז געווען זײַן ערשטע יאווקע, און פון דאָרט האָט ער זיך געלאָזט צו די קאמענאָלאָמניעס.

ער האָט געדענקט די וואָרענונג:

— קיין שוועבעלעך אפילע ניט אָנצינדן.

אין דער פינצטער האָט ער געטאפט די ווענט, אָפגעקאָלופעט מיט די נעגל א שטיקל און עס געפרווווט אף דער צונג. ס'איז געווען קאלך. ער האָט עס באהאלטן אין טאש. ס'האָט געשטימט מיט די סימאָנים, וואָס ער האָט געוווסט. ער האָט אפילע געוווסט, ווי עס זעט אויס דער קאלך. פונקט ווי מע האָט אים וועגן דעם געזאָגט אין „ליאָאיאָן":

— באם ערשטן ארײַנגאנג וועסטו זיך אָנשטויסן אין דעם געלן איזוועסטניאק...

ער איז לאנג אין אָט דעם פארנאכט ארומגעגאנגען אין די פינצטערע און טויבע היילן, געטאפט מיט די פינגער די ווענט, געציילט יעדן קער און אפן זיבעטן קער זיך אָפגעשטעלט. די פינצטערניש איז שוין דאָ געווען א ביז גאָר געדיכטע. דאָס ווארטן אפן סיגנאל האָט זיך געצויגן לאנג. די קעלט האָט אים דורכגענומען. די קעלט האָט ארומגעיאָגט איבערן לײַב, צעבלאָזן דעם פידזשאק.

ווי א בליץ, האָבן אין דער פינצטערער הייל צו שמוליקן זיך דערטראָגן דרײַ שארפע פײַפן. מיטאמאָל איז די קעלט אָפגעטראָטן פון זײַן לײַב. ער האָט א לײַכטן ציטער געטאָן, דערפילנדיק עמעצנס האנט אפן אקסל...

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן שמוליקס ארבעט אין דער דרוקערײַ. א גאנצן מעסלעס האָט אין דער פינצטערער הייל געברענט א לעמפל. אין דער טויבלעכער שטילקײַט האָט מאָנאָטאָן געקלאפט די קליינע „אמעריקאנקע". די גרויע און ברוינע בויגנס האָבן געשמעקט מיט נאפט,

זיך געקלעפּט איינער צום צווייטן. מיטן רוקן צו אים איז געזעסן אַן אומבאַקאַנט מיידל, צונויפגעליגט די פרישע צײַטונגען און זיי געפּאַקעוועט אין זאַק. נאָכדעם איז געקומען די „קליאַטשע“ און די זאַק פאַרנומען.

דרײַ וואָכן איז שמוליק פון דער הייל ניט אַרויסגעגאַנגען, געשלאָפן דאָ אויף די פּעק פּאַפּיר, און די אויגן זײַנע האָבן זיך צוגעוווינט צו דער שלאָבעריקער שײַן פון דעם לעמפּל. די פינגער האָבן געטאַפּט מיט גרויס ליבשאַפט דעם שריפט, און יעדער טונקעלער בוכשטאַב האָט געשײַנט ווי אַ לעבעדיקער, און יעדער איבערגעלייענטע און אויסגעזעצטע פּראָזע האָט געוואַרעמט דאָס האַרץ. דאָ, אין דער פינצטערער הייל, האָט שמוליק קוים אָנגעזען די פּענעמער פון די, וואָס האָבן מיט אים געאַרבעט, ער האָט נאָר געפילט, ווי זיי רירן זיך אין אים אַן, געפילט זייערע עלנבויגנס. באַזונדערס פאַרגעדענקט האָט ער דעם „טײַוול“, אַ לאַנגן און דאַרן מענטשן, וואָס פלעגט יעדן באַטאָג זיך ארײַנכאַפּן אין הייל, ווי אַ פּאַקוסניק אַרויסשלעפּן פון די אַרבל, פון די זײַטיקע טאַשן די פּאַרטיקע אָפּצוגן, אוועקלייגן זיי אויפן טיש און לאַנגזאַם אויסגלעטן, דערבײַ פלעגט ער אַן אַנציקטער איבערלייענען אין דער הייך די קעפּלעך פון די אַרטיקלען, די לאָזונגען:

...די אופלעבונג פון די קאָאַליציע־איליוזיעס...

...באַם פּראָלעטאַריאַט קאָן זײַן איין רייד מיט זיי — מיט געווער...

דער „טײַוול“ האָט אָנגעקוועלט פון יעדער שאַרף וואָרט, עס שטיל פאַר זיך איבערגעכאַזערט:

— מיט געווער, מיט געווער, — ער האָט געקלאַפּט שמוליקן אין די פּלייצעס, נאָכדעם געזוכט די אונטערשריפט, און, געפינענדיק זי, אונטערגעטראָגן עס שמוליקן, ווי עפּעס טײַערס און לאַנג געגאַרטס:

— טאַראַס!

— קאָנסועלאָ!

אָפט פלעגט דער „טײַוול“ ארײַנשטופּן שמוליקן אין דער האַנט אַ פרישׂ בולקעלע, אַ שטיק ברינדזע, אַן עפּל און טייקעף פאַרשווינדן.

צווישן שמוליקן און דער דרויסנדיקער וועלט איז געלעגן אַ שטענדיקע פינצטערניש פון טויבע שטיינערנע היילן, דאָס לעמפּל האָט, ווי אַ צאַנקענדיק ליכט, געטריפט מיט מוטנע און גרויע טראָפּנס שײַן, און נאָר דער טאָגטעגלעכער נײַער זאַץ האָט מיט די פרישע, פעסט צונויפגעקרעמפּעוועטע שורעס אים דערציילט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך פון יענער זײַט קאַמענאָלאָמניעס.

דאָ, אין די היילן, האָט שמוליק זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז מע האָט דערמאָרדעט פעלדמאַנען. מיט די אייגענע פינגער זײַנע האָט ער אויסגעזעצט די טרויער־מעלדונג:

„...דער אָדעסער קאָמיטעט קפּ(ב) פון אוקראַינע און די רעדאַקציע פון „אָדעסער קאָמוניסט“ נייגן נידעריק זייער קאָפּ איבער דעם פרישן קייווער פון דעם מעסירעסנעפּעשדיקן רעוואָליוציאָנער, דעם כאַווער סאַשע פעלדמאַן, וועלכער איז געפאַלן פון די הענט פון די סאָנים פונעם אַרבעטער־קלאַס“.

נאָכדעם האָט ער אויסגעזעצט דעם אופרוף:

„...גייט אין מאַרג און זעט, דאָרט ליגט זײַן קערפּער, איין קויל האָט דורכגעלעכערט דעם קאָפּ, די צווייטע דאָס האַרץ...“

די פיס האָבן זיך דעמלט באַ שמוליקן אַ הייב געטאָן. ווען ניט די „אַמעריקאַנקע“, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן און אומגעדולדיק געוואַרט, ער זאָל זי לאָזן אין אײַליקן און הילכיקן גאַנג, וואָלט ער זיך געלאָזט דורכן פּלאָנטער פון די פינצטערע און לאַנגע קאָרידאָרן אין דרויסן אַרויס.

ער איז געשטאַנען באַ דער „אַמעריקאַנקע“, גענומען דעם קסאַוויאַד, דעם אָפּצוג און מיט די אויגן זיך אײַנגעגראָבן אין דעם פרעמדן קסאַוו. די מעלדונג איז געווען געשריבן מיט אַ בלײַער. איין בוכשטאַב איז געווען אָפּגעטיילט פון צווייטן, קעדיי ס׳זאָל לײַכטער זײַן צו לייענען. שמוליק האָט דעם אָפּצוג צונויפגעלייגט און, אליין ניט וויסנדיק צוליב וואָס, אים באַהאַלטן אין טאַש. ערשט איצט האָט ער באַמערקט, ווי דאָס מיידל, וואָס זיצט צו אים מיטן רוקן און פּאַקעוועט די צײַטונגען אין די זאַק, זינגט עפּעס אַ שטילן ניגן. ער האָט אויף אַ רעגע נאָר אָפּגעשטעלט די „אַמעריקאַנקע“ און זיך אײַנגעהערט.

דאָס מיידל האָט געזונגען:

„זאַמוטשען טיאַזשיאָלאַי ניעוואָליי“[1]...

---

[1] אַ. קאָוונערס איבערזעצונג פון דער דאָזיקער באַוווּסטער רעוואָליוציאָנערער ליד הייבט זיך אָן פון דער שורע: „פאַרמוטשעט אין פינצטערער טפיסע“.

בא טאראסן זײַנען די אויגן — צוויי קארן־בלומען, העל־בלויע, ס׳שטראמט פון זיי אזא ווארעמע שײַן, ווי שטענדיק זאל איבער זײַן קאפ, איבער אלעמענס קעפ הענגען א הויכע צעשטראלטע זון. פון אינדערפרי קומט צו אים אין צימער ארײַן א גרויסע ליכטיקייט און טרעט שוין פונדאנען ניט אפ, ביז ער פארלאזט ניט דעם שרײַבטיש.

אט דער יונגער וויסנשאפטלער, מיט דעם גרויסן, עטוואס אנגעבויגענעם קאפ איז א כימיקער. דער צימער זײַנער דינט אים איינצײַטיק פאר א לאבאראטאריע. דער ברייטער שרײַבטיש, די פענצטער, די שאפעס און בענקלעך זײַנען אנגעשטעלט מיט רעטארטעס, פלעשעלעך, וואגשאלן, געוויכט.

די כאוויירים, וואס קומען ארײַן צו טאראסן, זײַנען איבערצײַגט, אז די אלע פילצאליקע כימישע אפאראטן, וואס פארפולן דעם צימער, זײַנען בלויז צוליב קאנספיראציע; קומט ווער אהער א פרעמדער, זיצט פאר אים א פארכאלעמטער וויסנשאפטלער, וואס אכוץ די רעטארטעס זײַנע, ווייסט ער לאכלוטן גארניט אין לעבן. האט שוין איינמאל אבער טאראס דערקלערט די נאענטסטע כאוויירים:

— איך בין טאקע א כימיקער, און אלץ, וואס איר זעט דא בא מיר אין צימער, איז מיר ביז גאר נייטיק פאר מײַן ארבעט. ס׳איז ניט צופעליק פאר מיר. איך בין אין דער כימיע פארליבט. פאר מיר איז זי פארבונדן מיט דער רעוואליוציע, כאטש ס׳קאן זײַן אויך פארקערט.

טאראס האט פײַנט שיינע רייד. ער לײַדט ניט קיין פוסטע פראזן. ער האט זיך אליין אפגעשטעלט, גלײַך ווי אין דעם, וואס ער האט ערשט געזאגט די כאוויירים, איז שוין געווען פיל איבעריקס. ער האט זיי בלויז אינקורצן דערציילט די ביאגראפיע פונעם גרויסן פראנצויזישן כימיקער אנטואן לאראן לאוואזיע.

— ס׳איז, — האט דערציילט טאראס, — א ביז גאר אינטערעסאנטער שטריך אין דער ביאגראפיע פונעם געניאלן כימיקער. לאוואזיע איז געווען א רעאקציאנער, ער האט געדינט דער קאנטררעוואליוציע, דאס האט לאוואזיע געשיקט א טראנספארט מיט פולווער אף צו באשיסן דאס פאלק, וואס האט געשטורעמט די באסטיליע. לויטן אורטייל פונעם טריבונאל האט מען לאוואזיע גיליאטינירט, — טאראס האט א שמייכל געטאן. — ווי איר זעט, איז כימיע מיט פאליטיק דאפקע א מעכוטן...

איז וואס קאן שטערן דעם יונגן כימיקער אט דא, אין ברייטן באלויכטענעם צימער, וואס ער פארנעמט באם דאקטער אלעקסאנדראוו און ווו ער איז פארטאן מיט זײַנע וויסנשאפטלעכע עקספערימענטן, צו זײַן איינצײַטיק דער רעדאקטאר פונעם אונטערערדישן „אדעסער קאמוניסט“?

זיצט ער, טאראס, באם שרײַבטיש אין דעם ברייטן וואלענעם העמדל, איבערגעבונדן מיט א קוטעס, און שרײַבט דאס אָרדנטלעכע לייטארטיקל. ווי שטענדיק, צייכנט ער פון אנהייב אן מיט זײַן דריבנעם שפיצעכיקן קסאוו דאס קעפל פונעם ארטיקל. ער שרײַבט אן אפשטעל, און נאר אז ער פארענדיקט דאס שרײַבן, שפארט ער צו די פלייצע צום ווענטל פונעם שטול, שארט מיט דער האנט איבער דער געמבע, ווי ער זאל זיך עס מיטן אייגענעם געדאנק איצטער אויסייצענען, צי איז דאס אלץ, וואס ער האט אנגעשריבן, ריכטיק און צי וועט עס טרעפן אין ציל. און א געפיל איז בא אים, ווי נאך א הייסן גערานגל.

אייגנטלעך שרײַבט ער דאך די ארטיקלען זײַנע וועגן דעם דעניקינישן טעראר, וועגן דער נידערטרעכטיקער אופירונג פון די מענשעוויקעס, וועגן דער נייטיקייט צו באטייליקן זיך אין דער פראפבאוועגונג ניט נאר פאר די הונדערטער און טויזנטער פרײַנט, וואס לעכצן אזוי נאך דעם עמעסדיקן און דרייסטן באלשעוויסטישן ווארט, — ער שרײַבט אויך פאר זיי, די סאנים. דעריבער איז דער טאן פון זײַנע ארטיקלען אזוי אנגרײַפעריש, אזא שארפער און פאלעמיזירנדיקער.

די מאמע האט ער שוין לאנג ניט געזען, טאראס, נאר הערן הערט ער זי יעדן טאג. דאס איז איר שטים דערגייט צו אים פון די שפאלטן פון דעם „יוזשני ראבאטשי“, דאס קלאגט זי זיך אפן „רויטן און ווײַסן טעראר“ צוגלײַך, דאס האלט זי אין איין שרײַען וועגן די „קולטור־דערציִערישע אופגאבעס, וואס שטייען בא הײַנטיקן טאג פארן פראלעטאריאט“.

טאראס הייבט זיך אוף, שפאנט ארום איבערן צימער. ער לייגט צונויף די הענט אף דער ברוסט, פונקט ווי בייס זײַנע היימישע דיסקוסיעס מיט דער מוטער דער מענשעוויטשקע. אין זײַנע אויערן קלינגט נאך דאס, וואס ער האט ניט לאנג פאר דער עוואקואציע געזאגט דער מוטער:

— דער טריבונאל וועט נאך דיך, מאמע, ווי א סוינע פונעם ארבעטער־קלאס, מישפעטן און פארורטיילן. איך, מאמע, וועל אפן דאזיקן געריכט ארויסטרעטן ווי דײַן באשולדיקער...

ניט ער, טאַראַס, ניט די מוטער האָבן דערביַי ניט געשמיכלט. ביידע האָבן גוט געוווּסט, אַז דאָס איז ניט קיין שפּאַס.

פֿאַר ביז גאָר וויכטיק האַלט טאַראַס ניט נאָר די אַרטיקלען אין „קאָמוניסט", נאָר אויך די כראָניק, וואָס די צײַטונג גיט וועגן דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין שטאָט, די פּעטיט־שורעס אָף דער לעצטער זײַט מיט די איבערגעכאַפּטע געהיימע סוואָדקעס פֿון שילינגס שטאַב. דעם דאָזיקן מאַטעריאַל, וואָס מע ברענגט אים אהער, אין זײַן כימישער לאַבאָראַטאָריע, רעדאַגירט ער אויס באַזונדערס אופמערקזאַם. נאָכדעם קומט צו אים דער „טײַוול", שטייט א הויכער און דאַרער אָף דער שוועל. טאַראַס ווייסט: ס׳איז אומזיסט פֿאַרלייגן דעם „טײַוול" א שטול, ער וועט זיך סײַווי ניט זעצן. אומזיסט איז אויך אים איבערפֿרעגן, וואָס הערט זיך דאָרט אין די קאָמענדאַנטוּרעס. פֿאַרהאַלט ער נאָר די האַנט זײַנע עטוואָס לענגער אין דעם „טײַוולס" האַנט, בייס ער גיט אים איבער דעם אויסרעדאַגירטן מאַטעריאַל, און קוקט נאָך, ווי דער „טײַוול" צעשטופּט דעם מאַטע־ריאַל אין די אַרבל, אין די טאַשן, אונטערן היטל און שפּרינגט אַרויס ווי א פֿויגל פֿונעם צימער.

סאַמע ערעוו ניַי־יאָר איז צו טאַראַסן אין לאַבאָראַטאָריע אַרײַנגעקומען דער דאָקטער אַלעקסאַנדראָוו און מיט א געמאַכט כאַניפֿיש שמייכעלע אים געזאָגט:

— איר באַרבעט זיך נאָך אַלץ מיט זווערשטאָף, איר זוכט נאָך אַלץ דעם פּליוס און דעם מינוס, און ווו וועט איר באַגעגענען דאָס נײַע יאָר, האָט איר ניט געטראַכט?

טאַקע דעם זעלבן טאָג האָט טאַראַס פֿאַרלאָזט דעם צימער באַם דאָקטער אַלעקסאַנדראָוו. דער רעדאַקטאָר פֿונעם „אָדעסער קאָמוניסט" האָט באַקומען א דירעקטיוו פֿון סעמיאָנען אָנפֿירן מיט א ביז גאָר וויכטיקער אָפּעראַציע, וואָס דאַרף די טעג דורכגעפֿירט ווערן אין שטאָט.

דאָס אויסגעשטעפּטע העמדל

באַ ליובען אין צימער ליגט אונטן אָף דער נײַ־מאַשין פֿאַרוויקלט אין א צײַטונג דאָס צײַג, וואָס זי האָט געקויפֿט אָף אויסנייען שמוליקן א העמדל. נאָר די אָפּדערנאָכטן פֿאַרברענגט זי אין קלוב „איגלאַ", און באַטאָג טרעפֿט זי זיך מיט כאַווירים פֿונעם מאַלדאַוואַנקער ראַיקאָם פֿון קאָמיוג, ליגט זי אָפּ פֿון טאָג צו טאָג דאָס אויסשטעפּן דאָס העמדל, אָבער זי טראַכט פֿון דעם גאָר אָפּט. זי קוקט זיך אָפּילע צו, ווי עס זײַנען אויסגעשטעפּט די העמדלעך באַ אייניקע כאַווי־רים. ס׳ראָוו געפֿעלט איר ניט דער געמעל. זי טראַכט:

„...וועט זי נאָר קריגן בלויז זײַדענע פֿאָדעם, וועט זי צושנײַדן דאָס העמדל און זיך נעמען אויסשטעפּן א געמעל לויט איר גוסט, אַזאַ, וואָס זאָל פּאַסן שמוליקן, זײַן שטאַלט, דעם ביסטרען קוק פֿון זײַנע שוואַרצע אויגן".

אין הויף אָף קאַרטישעווסקע האָבן די שכיינים צונויפֿגעטראָגן געהילץ און צעלייגט א שײַטער. פֿון אַלע ווינונגען האָט מען אהער צונויפֿגעטראָגן דאָס מיסט, שמאַטעס און פּאַפּירן און עס געוואָרפֿן אָפֿן שײַטער. עמעצער האָט געוואָרנט: „איר ווילט, גאַנץ מאַלדאַוואַנקע זאָל אַוועק מיטן פֿײַער?"

האָט דערויף כעוורע פֿרייליך געענטפֿערט, ווי צונויפֿגעזונגען זיך:

— מיר ווילן... גאַנץ מאַלדאַוואַנקע... מיטן פֿײַער...

א מאָדנע גרינער רויך האָט זיך געצויגן צום הימל. פֿונעם טשאַד האָט באַ אַלעמען זיך געדרייט דער קאָפּ, געטרערט די אויגן. אייניקע האָט שוין גענודעט צו ברעכן. נאָר קיינער האָט ניט געוואָגט פֿאַרלעשן דאָס פֿײַער, מע האָט זיך אָפּילע באַם שײַטער ניט געוואָרעמט, קיינער האָט ניט געוווּסט, ווועמען און צוליב וואָס איז דער מעשונע געדאַנק אַרופֿגעקומען אינמיטן העלן טאָג צעלייגן אין הויף א שײַטער. און דאָך, ווײַל דער דאָזיקער אופֿטו האָט אויסגעוויזן מעשו־נעדיק ווילד און אומדערוואַרט, איז ער א סאַך געוואָרן געפֿעלן.

עמעצער האָט פֿאַרצויגן דאָס באַקאַנטע לידל:

וואָוואַ פּריספּאָסאָבילסיאַ[1].

עמעצער האָט זיך געלאָזט אין טאַנץ, און עמעצער האָט מיט אַן ערנסטן אָנדײַט דערקלערט די אַרומיקע:

— זאָל טאַקע דער שײַטער ברענען. די קאָנטרראַזוועדקע, אַז זי דערזעט אָף מאַלדאַוואַנקע א פֿײַער, פֿאַלט אָף איר אַן א קאַדאַכעס. אָט וועט איר זען, די פּאָזשאַרנע וועט ניט וואָגן קומען אהער...

ליובע איז צום אָנהייב, ווען מע האָט צעלייגט דעם שײַטער, געווען אין א גרויסער פֿאַר־לעגנהײַט. זי האָט פּאַשעט מוירע געהאַט, דאָס פֿײַער זאָל ניט פֿאַרכאַפּן די הײַזער. זי האָט אויך

---

[1] וואָווע האָט זיך צוגעפּאַסט.

ניט געוווּסט, צוליב וואָס דאַרף מען עס אינמיטן העלן טאָג אין אַ הויף מאַכן אַ שײַטער. זי האָט אַפילע געפּרוּווט אָפּהאַלטן די כעוורע:

— צוליב וואָס שפּילן זיך מיט פײַער?..

לויט דעם, ווי מע האָט אַף איר אַ קוק געטאָן, האָט זי טייקעף דערשפּירט, ווי איבעריק עס איז איר פּאַרזיכטיקײַט. אָט איצט איז איר געוואָרן פאַרדראָסיק אַף די אייגענע רייד. זי איז פונעם הויף ניט אוועק, ביז דער שײַטער האָט ניט אויסגעברענט, און, שטייענדיק דאָ, האָט זי פאַרשטאַנען:

...מאָלדאַוואַנקער כעוורע צינדט שײַטערס. מאָלדאַוואַנקע זוכט אַן אויסגאַנג פאַר דער ענערגיע און פאַר דעם צאָרן, וואָס האָט זיך אין איר אָנגעקליבן אין די שווערע כאָדאָשים פון פּײַן און פאַרפאָלגונג...

באַם פלאַקער פונעם שײַטער האָט זיך איר ווידער דערמאָנט שמוליק, גלײַך ווי דער צאָרנדיקער פלאַם האָט באַלויכטן שמוליקס פּאָנעם, די אויגן, די געדיכטע שוואַרצע ברעמען זײַנע. זי האָט געוווּסט, אַז ווען שמוליק זאָל דאָ איצט זײַן, וואָלט אים ווייניק וואָס געפעלן אָט דער אופטו מיטן שײַטער. ער וואָלט אומצופרידן צונויפגעפּירט די ברעמען, ווי אײַנגעצוימט דעם אייגענעם געדאַנק, ער וואָלט באַפוילן:

— אויב שוין צינדן, איז קומט, וועל איך אײַך ווײַזן, וואָס צו צינדן.

דער אָרדנטלעכער שמועס אין „איגלאַ“ איז געווען אַ קורצער. ווידער איז ליובע געזעסן באַם טיש, אַף וועלכן ס'איז געלעגן דער „יוזשני ראַבאָטשי“. הײַנט זײַנען אַהערצו געקומען אַרבעטער פון אַנדערע פאַריינען אויך — אײַזנבאַנלער, בעקער, מעטאַליסטן. אין קלוב איז געווען ענג און אָנגערייכערט. כאָטש דאָס, וועגן וואָס ליובע האָט באַדאַרפט פירן דעם שמועס, איז געווען פאַר איר ביז גאָר קלאָר און ס'האָט ניט געפאָדערט קיין ברייטע אָפּהאַנדלונג, דאָך האָט זי באַהערשט אַן אומרויִקער געפיל. אייגנטלעך האָט זי געדאַרפט בלויז איבערגעבן די דירעקטיוו פונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט:

„אַף דער דעניקינישער מאָביליזאַציע דאַרפן זיך אַלע מעלדן. נאָך מער, אַלע דאַרפן באַקומען געווער, און וואָס צו טאָן דערמיט וועלן מיר שוין וויסן...“

וועגן אַזאַ דירעקטיוו זײַנען ניט מעגלעך קיין דיסקוסיעס. אַזאַ דירעקטיוו דאַרף גענומען ווערן צום אויספירן. אין „איגלאַ“ ווייסט מען, וואָס באַטײַט אַ דירעקטיוו פון אונטערערד.

און גראָד דערפאַר, וואָס די דירעקטיוו איז אַזאַ קורצע און ערנסטע, האָט ליובע אַ ווײַלע ניט געקאָנט זיך אַליין באַהערשן. זי האָט גענומען דעם „יוזשני ראַבאָטשי“ און דורכגעלייענט דעם אויפרוף פון די מענשעוויקעס וועגן דער... „היסטאָרישער ראָל פון דער בריטישער מיסיע, וואָס העלפט דער פרײַוויליקער אַרמיי אײַנשטעלן אַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג“. זי האָט די צײַטונג אוועקגעלייגט, זי אָפּגעשטופּט אין אַ זײַט, באַקוקט דעם עולם, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט, און געזאָגט:

— איז וועגן אָט דער דעמאָקראַטישער אָרדענונג, וואָס די פרײַוויליקע אַרמיי שטעלט אײַן, האָט איר מינאַסטאַם אַ פאָרשטעלונג, כאַווײרים...

מע האָט געלאַכט. פון די אונטערשטע רייען האָט זיך דערהערט אַ ניט זיכערע שטים:

— זאָל זיך ענדיקן די מילכאָמע, וועלן מיר זען...

ליובע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט. זי האָט געפילט: אַלע אויגן זײַנען געווענדט צו איר. דײַטלעך, ניט העכערנדיק די שטים, האָט זי געמאָלדן די דירעקטיוו. ס'איז מיטאַמאָל געוואָרן אויסערגעוויינלעך שטיל. דער קרײַז אַרום איר איז געוואָרן ענגער און געשלאָסענער. עמעצער האָט איר אין פּאָנעם אַרײַנגעקוקט, אַ ווײַלע זי אָנגעשטרענגט באַטראַכט און שטיל געפרעגט צוליב זיכערקײַט:

— דאָס איז טאַקע אַ דירעקטיוו פונעם קאָמיטעט?

■

אַף דער באַגעגעניש פונעם נײַ־יאָר אין דער קאַפע „דער שמייכל“ איז דער אינזשעניער וואָלפנזאָן געקומען מיט די צוויי הינט זײַנע. די הינט זײַנען געגאַנגען באַ ביידע זײַטן מיט בענימעסדיקע טריט און ערנסטע פאַרדײַגעטע פּיסקעס. אויך אַזוי פאַרדײַגעט און בענימעסדיק האָט געשפּאַנט דער באַלעבאָס. אַ הויכער, אַ שטאָלטנער גרויער מאַן, אין אַ צילינדער, אין אַ שוואַרצן דעמיסעזאָנעם מאַנטל, וואָס האָט אים געגרייכט ביז די קני. אַלץ אין וואָלפנזאָנען איז געווען דזשענטלמעניש, אַפילע דאָס קאָמצאָנישע שמייכעלע, וואָס האָט זיך פון צײַט צו צײַט באַוויזן אין די ווינקלען פון זײַן מויל. אין פירהויז האָט וואָלפנזאָן איבערגעגעבן דעם שווייצאַר די בייזע הינט אַף אויפזיכט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן, ביז די הינט האָבן אונטערגעבויגן די פּיס, צעשפּרייט זיך אַפן טעפּיך באַם גאַרדעראָב און נאָכגיביק אײַנגעגראָבן די פּיסקעס אין דיל.

וואָלפֿנזאָנען האָט מען טייקעף ארומגערינגלט. מע האָט אים געשטופּט די הענט, געקוקט אף דעם, ווי קונציק דער אלטער דזשענטלמען איז ראזירט און ווי מיידלש־כיינעוודיק ס'זעט אויס זיַין געזיכט, די ראָזעווע פּולבלעכע באקן. מע האָט געוואַרט, וואָלפֿנזאָן זאָל צעטרייַבן די זאָרג, וואָס האָט זיך טיף פֿארשניטן אלעמען אף די געזיכטער, אז ער זאָל, ווי געוויינלעך, דער־ציילן עפּעס פֿריילעכס, וואָס זאָל מאכן לאכנדיק.

אַנשטאָט דערציילן דעם געגארטן אָרדנטלעכן אנעקדאָט איז וואָלפֿנזאָן געשטאנען די הענט פֿארשטעקט אין די הויזן, קאלטבלוטיק באטראכט די, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט, און פֿון דעם גלייַכגילט, מיט וועלכן ס'האָט געוויזט איצט זיַין שטאלטנע דזשענטלמענישע פֿיגור, איז מיטאמאָל די ארומיקע געוואָרן ביז גאָר אומהיימלעך. מע האָט אראָפּגעלאָזט די קעפּ, אומיסטן זיך פֿארקוקט אין די זייַטן און אופגעציטערט, ווען דער אינזשעניער וואָלפֿנזאָן האָט פּלוצעם בייז און נאריש זיך גענומען קלאָגן:

— אז קיין שטיקל פֿלייש פֿאר די הינט מייַנע קאָן מען שוין ניט קריגן, אז „אפּאָסטאָל“ און „מערקורי“ גייען ארום גאנצע טעג הונגעריק, און דאָס נעמט בא מיר צו דאָס לעצטע ביסל כּעס...

ס'איז געווען מאָדנע צו הערן, וויאַזוי וואָלפֿנזאָן קלאָגט זיך אף דער שווערער לאגע, נאָר אויסגעהערט האָט מען אים מיט גרויס געדולד. ער האָט די הענט לאנגזאם ארויסגעצויגן פֿון די הויזן־קעשענעס, גלייַך ווי זיי האָבן זיך דאָרט אין עפּעס פֿארפּלאָנטערט, ס'האָט א שעמעריר געטאָן די זעלטענע זויבערקייַט פֿון זייַנע מאנזשעטן, א פֿינקל געטאָן דער גרינער סיגנעט אפֿן מיטלסטן פֿינגער, וואָלפֿנזאָנס קלאָג־רייד זייַנען, ווי שווערע רעגן־טראָפּן, געפֿאלן אף אלעמענס קעפּ:

— וואָס איז דאָ צו ריידן, גערעכט איז טאקע וואלדמאַן, אז ראטעווען קאָן אונדז בלויז דער בירגער־פֿרידן, אז ווען אלע וועלן פֿייַערן פֿאר א ביסן, איך, „אפּאָסטאָל“ און „מערקורי“, זיג־פֿריד אשקענאזי איינעם מיט דער מאָלדאוואנקע און מיטן פּערעסיפּ, דעמלט עפּשער וועט שוין קומען די עמעסע אויסלייזונג...

עמעצער האָט געפּרוווט א לאך טאָן דאָ, אינעם אינטימען קאפּע „דער שמייכל“, ווו ס'זייַנען זיך הייַנט צונויפֿגעקומען די לייַט פֿונעם אָדעסער „פּראָיוג“, מיטגלידער פֿונעם פֿאריין פֿון די דאָרעם־אינדוסטריעלער, — צו באגעגענען דאָס ניַי־יאָר, נאָר ס'איז דערפֿון גאָרנישט ניט ארויס־געקומען. דאָס שוואכע געלעכטערל איז טייקעף פֿארשלונגען געוואָרן אין דער אָנגעשטרענגטער געדיכטער שטילקייַט. די קעלנערס האָבן צעשטעלט די אפּריער צוגעגרייטע פֿאר די ניַי־יאָר־טאָסטן גלעזער מיט וויַין. זיי האָבן זיך אומגעדרייט אין די שמאָלע דורכגאנגען אף די שפּיץ פֿינגער, ניט געוואָלט שטערן דעם ערנסטן שמועס פֿון די כאָשעווע אינזשעניערן און זאוואָד־טשיקעס, און דאָך האָבן זיי אומבאמערקט געגעבן צו וויסן, אז ס'איז שוין צייַט, ס'איז שוין ניט וויַיט צו האלבער נאכט.

וואָלפֿנזאָן איז געשטאנען א שטאלטנער צווישן אוילעם, דער שיינער גרויער קאָפּ זייַנער האָט אויסגעוויזן ווי אומיסטן ארופֿגעשטעלט אף די אקסלען, אלע דאָ זאָלן אים זען, אָנקוועלן פֿון זייַן שיינקייַט און אין דעם כאָטש געפֿינען א טרייסט. וואָלפֿנזאָן האָט זיך נאָך אלץ געקלאָגט:

— וואָס זאָגט איר עפּעס אף די גליקן — אף וואָראָנצאָווער, 10 איז שוין ווידער פֿאָרגע־קומען א באראטונג פֿון דער בריטישער מיסיע מיטן גענעראל שילינג און אין רעזולטאט פֿון דער דאָזיקער באראטונג הענגט שוין דאָרט אף די מויערן פֿאָלגנדיקע מעלדונג: „די רוסישע מאכט האָט פֿארכאפּט שיפֿן פֿון גרויסבריטאניע. איבער דער אָפּוועזנהייַט פֿון שיפֿן האָט די בריטישע מיליטערישע מיסיע אופֿגעהערט צו וויזירן פּאספּאָרטן“...

דאָס, וואָס וואָלפֿנזאָן האָט דערציילט, האָט אלעמען ווי געפּלעפֿט. מע איז ניט גערן, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי פֿארורטיילטע, צוגעגאנגען צו די טישלעך. די קעלנערס האָבן ארויס־גענומען פֿון די ווייַסע אָנגעקראכמאלעטע וועסטן די זייגערס, געהאלטן זיי ווי א מאטאָנע, וואָס עמעצער האָט זיי געשענקט, און, ווי נאָר ס'האָט אויסגעקלאפּט צוועלף, האָבן זיי לויט א קאָ־מאנדע אויסגעשריִען „הורא“ און פֿארכידעשט, מיט גוילעמדיק־סטארטשענדיקע אויגן געקוקט דערויף, וואָס קיינער רירט זיך ניט צו צו די אָנגעגאָסענע קויסעס. זיי האָבן זיך שטום איבער־געקוקט, זיך אנטשלאָסן און איבערגעכאזערט דעם „הורא“. ערשט איצט האָט מען בא די טישלעך פֿויל גענומען אין די הענט די קויסעס. דעם ערשטן טאָסט האָט אופֿגעהויבן דער אדוואָקאט בען, וועלכער האָט גלייַך זיך פֿארענטפֿערט:

— איך בין דאָ צווישן די טוער פֿון „פּראָיוג“ ווי א גאסט, און דאָך הייב איך אוף דעם טאָסט פֿאר דער בליִונג פֿון דער אָדעסער אינדוסטריע...

ער האָט זיך אומגעקוקט, ווי געוואָלט זיך איבערצייַגן, צי איז זייַן פֿארענטפֿערן זיך ווירק־לעך דערגאנגען צו אלעמען, און פֿאָרגעזעצט:

— און דעם צווייטן טאָסט הייב איך אויף פאַר דער בריטישער מיסיע, וואָס שטייט אויף דער וואך פון דער ציוויליזאַציע קעגן די רויטע טײַוואָנים...

בעת האט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן, און אַלע האָבן שוין באַ די טישלעך זיך געפּאַרעט מיט די טעלער, געקלאַפּט מיט די מעסערס און גאָפּלען, אָנגעבויגן די קעפּ און אין דער שטיל אײַלנדיק געשלונגען די אָנגעגרייטע מײַכאָלים, זיך געוואָרגן מיט יעדן ביסן, וואָס זיי האָבן אין מויל אַרײַנגענומען. שווער און לאַנגזאַם האָט זיך צעוויקלט דער שמועס, און יעדער איינער האָט דעם שאַכן זײַנעם איבערגעגעבן, ווי אַפּצולאַכעס, זאָל אויך יענעם די נײַ־יאָר־באַגעגעניש פאַר־שטערט ווערן, די לעצטע און טרויעריקע ידיעס:

— די מעטאַליסטן האָבן געמאָלדן אַ שטרײַק...

— די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון די שטאָטישע אונטערנעמונגען פאָדערן, מע זאָל זיי אויסצאָלן דעם אַרבעטלוין...

— די טעג וועלן פאַרשטרײַקן די אײַזנבאַנלער...

— אין יעליסאַוועטגראַד זײַנען די אויפשטענדלער צוגעגאַנגען האַרט צו דער שטאָט...

— אין אַנאַניעווער קרײַז האָבן די פּויערים אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד...

— נעכטן האָט מען אין פאַרשײדענע עקן פון שטאָט דערשאָסן זיבן קאָנטרראַזוועדטשיקעס.

די ידיעס האָבן זיך געקײַלעלט, און אַז זיי זײַנען אָנגעקומען צום לעצטן טיש, וואָס איז גע־שטאַנען סאַמע באַ דער שוועל, איז אײנעם קאַפּע „דער שמייכל" פּלוצעם געוואָרן פינצטער. דאָס האָבן די קעלנערס נאָר אויף אַ ווײַלע אויסגעלאָשן די שײַן, ווי דער מינהעג איז אויף די נײַ־יאָר־באַלן, קעדיי ווער עס וויל זיך קושן, זאָל ער אין דער פינצטער פאַר קיינעם זיך ניט שעמען. פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן אַ שיסערײַ. אין קאַפּע האָט מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אַ ווילד געשריי, מע האָט איבערגעקערט די טישלעך, געפאַלן איינער אויפן צווייטן. אין פּירהויז האָבן זיך פון דרעמל אויפגעכאַפּט וואַלפנזאָנס ביידע הינט, דערצאָרנט אַרײַן אין קאַפּע און מיט אַ ווילד קווי־טשערײַ זיך געלאָזט צו זייער באַלעבאָס. וואַלפנזאָן האָט אין דער פינצטער זיך געבויגן צו דער ערד, געשאַרט מיט די הענט און זיך געבעטן באַ די הינט:

— „אַפּאָסטאָל"... „מערקורי"... באַרויִקט זיך...

אַז ס'איז ווידער געוואָרן ליכטיק, האָבן די טויער פונעם אַדעסער „פּראָיוג" פאַרשעמט און פײַנפול באַטראַכט איינער דעם צווייטן, געשטאַנען מיט נידעריק געבויגענע קעפּ, ווי אויף אַן אײגענער לעווײַע. דער אַדוואָקאַט בעת איז אַרויף אויף אַ בענקל, די שײַן פונעם עלעקטרישן לעמפּל האָט געצונדן דעם הוילן שאַרבן זײַנעם. ער האָט געפאָכעט מיט די הענט, און ווי אַ „גיכע הילף" פאַר די דערשראָקענע און דערשלאָגענע פּראָיוגאָווצעס האָט ער פאַרגעלייענט די נײַע ווענדונג פונעם שעף פון דער בריטישער מיסיע פּאָלקאָווניק יאַלש. בעת האָט די דאָזיקע ווענדונג געבראַכט מיט זיך פון רעדאַקציע. זי וועט ערשט מאָרגן פאַרעפנטלעכט ווערן אין אַלע 14 אָדע־סער צײַטונגען. ער האָט זי פאַרגרייט צום צווייטן טאָסט, נאָר אויב ס'איז שוין יאָ אַזוי געשען און מענטשן שטייען געבראָכן און צעטומלט, וועט ער זיי באַרויִקן. בעת לייענט דעם אויפרוף, ווי אַן אָפּשפּרעכעניש:

„...צו די בירגער פון אָדעס! ס'איז אָנגעקומען דער מאָמענט פון אַקטיווער אַרבעט און ניט פון פּאָליטישע שמועסן. די מאַכלויקעסן אין אָדעס דערלויבן ניט אָנצונעמען קיין אַנטשיידענע מאָסמיטלען, קעדיי אָפּצושטעלן די דערנעענטערונג פונעם סוינע צו דער שטאָט.

...נאָר אין איין זאַך גייען זיך צונויף אַלע פּאַרטייען, נעמלעך — אין זייער סינע צו די באָלשעוויקעס...

...דעריבער, אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציע, ווי אַ פאָרשטייער פון דער בריטישער מילי־טערישער מיסיע, רוף איך די גאַנצע קולטורעלע באַפעלקערונג אויפהערן אַלע קריגערײַען, מאַכ־לויקעסן, קעדיי צו פאַרייניקן זיך און אָנגרײַפן קעגן אונדזער אַלגעמײנעם סוינע.

...פאַרייניקט זיך אויף צו ראַטעווען די שטאָט, אײַערע פרויען און קינדער!

זײַט סאָלדאַטן, וואָס וועלן פאַרטיידיקן די קולטור קעגן די ווילדע לײַט, וואָס ווילן זי פאַרניכטן..."

בעת האָט ניט באַוויזן דערלייענען ביזן סאָף דעם אויפרוף פונעם פּאָלקאָווניק יאַלש. אין קאַפּע „דער שמייכל" האָט מען אויסגעלאָשן די ליכט.

■

זינט דער באַגעגעניש אין דער פּאָטאַ־אַטעליע, האָט רינגער זיך שוין מער ניט געטראָפן מיט דווירעלען. ער האָט געוווּסט, אַז זי זיצט אין דער פּאַספּאָרט־ביוראָ און טוט איר אַרבעט טרײַ און געניט. קיין ווילינגערישע שטיק גייען שוין דאָ ניט אָן. ער וואָלט זי געקאָנט אָפּוואַרטן יעדן אָפּדערנאַכט אויפן ראָג פון כערסאָנסקע און צוזאַמען מיט איר ביז שפּעט אין דער נאַכט

מאכן „שלייפן“ איבער דער שטאָט. ער וואָלט זי פאַרהיט פון יעטווידן בייז־אויג, ער וואָלט אפילע צוליב דעם זיך איבערגעטאָן אין א מאַטראָסישער אוניפאָרם. האָט דאָך דוווירעלע אנומלטן גע־זאָגט, אז זיי פּאַסן אים זייער, די מאַטראָסישע קליידער.

רינגער יאָגט פון זיך די דאָזיקע געדאַנקען ווי פרעמדע. ער וואַרפט זיי לאַכלוטן אָפּ. ער וועט זיך שוין מיט דוווירעלען באַגעגענען ווידער, ווען די צײַט וועט קומען, ווען „דער זייגער וועט שלאָגן צוועלף“.

ס׳איז פון א ליד. די ליד אינגאַנצן האָט ער פאַרגעסן. נאָר אָט די עטלעכע ווערטער האָבן זיך אים פאַרגעדענקט. ס׳איז געווען, ווען ער האָט א פּאַרקאָנספּירירטער געאַרבעט אין ניקאָלײַעוו אפן „דאָן“. אין דער פרײַער צײַט פלעגן די מאַטראָסן זיך צונויפקומען אף דער פּאַלובע, צוקוקן, ווי די זון פאַרגייט אפן יאַם, ווי זי לאָזט זיך אַראָפּ לאַנגזאַם און ווייטעקדיק, גלײַך זי זאָל זיך אליין א מיסע אָנטאָן. די מאַטראָסן האָבן גרויס מיטלײַד געהאַט צו דער פײַנלעכער זון־שקיִע; ווי צוגעשמידטע צום אָרט, זײַנען זיי געזעסן אף דער פּאַלובע און ביז שפּעטער נאַכט געזונגען:

פּטאַשעטשקאַ זשאַלאָבנאַ פּאָיאָט, פּאָיאָט.[1]

און אָט די ליד מיטן רעפרען:

דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף...

...און אז דער זייגער וועט שלאָגן צוועלף, אז די צײַט וועט קומען, אז מע וועט פון אָדעס אַרויסטרײַבן די דעניקינצעס, וועט ער זיך איניינעם מיט דוווירעלען ווידער לאָזן מיט א שיף איבערן יאַם. ס׳איז גאָר קיין כּיִעוו ניט צו פאָרן מיט דער באַן. דער יאַם איז דער סאַמע זיכע־רער וועג.

רינגער שטייט בא דער קאַסע פונעם אָפּערע־טעאַטער. ער דרייט מיטן שטעקל, צו דעם דאַרף ער זיך ערשט צוגעווינען. קיינמאָל מיט קיין שטעקל ניט געגאַנגען.

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אף דעם. ווי ס׳שײַנט, איז ער גאָר מיד פון שטיין דאָ בא דער פאַרמאַכטער קאַסע. ווער ווייסט, ווען מע וועט זי נאָך עפענען. ס׳מאַכט ניט אויס, וואָס דערווײַל איז ער דער איינציקער בא דער קאַסע. הײַנט גייט דאָ די אָפּערע „ריגאָלעטאָ“ מיט צעסע־וויטשן אין דער הויפּט־ראָל. דאָס איז ניט קיין קלייניקײַט פאַר אזא ליבהאָבער פון מוזיקאַלער קונסט!

איז זאָלן זיי זיך טראַכטן, וואָס זיי ווילן, די דורכגייער, אפילע שמייכלען און מיט שפּאַס קוקן אף דעם, וואָס ער איז אהער געקומען אזוי פרי. רינגער לייגט גאָר דערויף קיין אכט ניט. ער הערט זיך אָנגעשטרענגט אײַן צו די טריט פון די זעלטענע דורכגייער. ווי נאָר טאַראַס וועט זיך באַווײַזן, וועט ער דערהערן זײַנע טריט, ווייכע און רויִקע, ווי דער קוק פון טאַראַס׳ אויגן.

— זאָלסט ניט אַרויסלאָזן פון אויג די הויפּט־וואַכטע...

■

שוין א וואָך צײַט, אז רינגער לאָזט ניט אַרויס פון אויג די הויפּט־וואַכטע. ער קומט אהין יעדן טאָג דרײַ מאָל און יעדעס מאָל ווי אן אנדערער. ער איז מיד בלויז פון אָט דעם איבערטאָן זיך. אָט שטייט ער דאָרט אפן ליידיקן פּלאַץ, פּונקט אנטקעגן דעם אַרײַנגאַנג, אן אויסלענדער מיט א טשעמאָדאַן אין דער האַנט. ס׳איז שווער דעם טשעמאָדאַן טראָגן, האָט ער אים אף דער ערד אַוועקגעשטעלט, פון טאַש אַרויסגענומען א נאָטיץ־ביכל און זוכט דעם אַדרעס. ער גייט נאָענט צו צום אַרײַנגאַנג, קוקט דורך די ברייטע שפּאַקולן אפן הויף און זוכט דעם נומער. דעם וואַכמאַן פרעגט ער אין א געבראָכענעם רוסיש אף א גאַס, וואָס איז גאָר ווײַט פונדאַנען. יענער צעפירט מיט די הענט: ער ווייסט אויך ניט, וווּ געפינט זיך די גאַס, אף וועלכער דער אויסלענדער פרעגט זיך נאָך. און דאָך, ווי עס זאָל אים ניט אָנשטיין, וואָס ער קאָן קיין קלאָרן ענטפער ניט געבן, מאַטערט ער זיך לאַנג אף עפּעס צו דערקלערן אָט דעם לעכערלעכן אויס־לענדער. הייבט זיך יענער אוף אף די טרעפּעלעך, גייט אַרײַן אין קאָרידאָר, לויפט מיט די אויגן איבער דער גאַנצער לענג זײַנער, ציילט די קאַמערן...

אזוי־אָ א וואָך צײַט, ער האָט שוין, רינגער, אויסגעשטודירט אלע אַרײַנגענג און אַרויס־געגנג פון דער הויפּט־וואַכטע. ער ווייסט שוין אפילע, וויפל אַרעסטירטע ס׳געפינען זיך איצט דאָרט; ער וועט עס זאָגן טאַראַסן, ווי נאָר יענער וועט צוקומען צו דער קאַסע פונעם טעאַטער.

[1] דאָס פייגעלע האָט יאָמערלעך געזונגען.

אכציק פּאָליטישע ארעסטירטע זײַנען איצט אין דער הויפּט־וואַכטע.

אויב נאָר טאַראַס וועט זיך לאָזן, וועט ער אים וועגן זײַנעם א פּלאַן זאָגן. האָט אָבער טאַראַס, ווי נאָר ער איז צוגעקומען צו דער קאַסע, געמאָלדן:

— דער פּלאַן אונדזערער וועגן דער הויפּט־וואַכטע דאַרף אָפּגעלייגט ווערן אף א פּאָר טעג. הײַנט נאָך צוויי אזייגער באַטאָג טרעפן מיר זיך אומבאַדינגט בא סעמיאָנען.

בא סעמיאָנען אפן טיש איז אויסגעשפּרייט די זעלבע מאַפּע, וואָס איז געהאַנגען אין דער קאַנטאָר „רוס״. סעמיאָן און טאַראַס שטייען אָנגעבויגן איבער דער מאַפּע. סעמיאָן דערקלערט:

— בעלגאָראָד און באָגאָדוכאָוו זײַנען פאַרנומען. פּיריאַטין, יאַגאָטין און לאָכוויצע אויך. דער וועג אף פּאָלטאַווע איז אָפן...

ס׳איז אריבער עפּשער א כוידעש צײַט, זינט רינגער האָט געזען סעמיאָנען. ווי שטאַרק ער האָט זיך געענדערט! דאָס פּאָנעם זײַנס איז שטאַרק אויסגעבלייכט, ווי נאָך א שווערער אָפּעראַציע, די אויגן אײַנגעפאַלן, דאכט זיך, אז ער איז אויך דאַרער געוואָרן, און נאָר דער בליק זײַנער איז, ווי פריִער, א האַפּערדיקער, גרייט עפּעס אָנזאָגן א ביז גאָר פריילעכע זאַך. סעמיאָן גריסט זיך מיט רינגערן, באַטראַכט אים גוטמוטיק.

— ווי א פּילקע וואַרפן מיר דיך איבער פון איין ארבעט אף דער צווייטער, — זאָגט סעמיאָן און קוועלט ביז גאָר אָן. — פאַרשטייסט, טאַראַס, אָט דער יאַט איז שוין געווען אין פײַער און אין וואַסער.

טאַראַס שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער זאָל באַווייקן דאָס, וואָס סעמיאָן זאָגט. ער רײַבט מיט די פינגער דעם קינבאַק, קוקט אף רינגערן, ווי ער זאָל אים דאָס ערשטע מאָל זען. רינגער פילט אף זיך די אָנגעשפּיצטע בליקן פון סעמיאָנען און טאַראַסן און ער לאָזט אראָפּ די אויגן, גייט צו צו דער מאַפּע און זוכט אף איר יענע אומבאַקאַנטע שטעט, ווו ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען, נאָר וועלכע ס׳האָט שוין איצטער באַטראָטן די רויטע ארמיי. אָט זײַנען די דאָזיקע שטעט: באָגאָדוכאָוו, בעלגאָראָד, לאָכוויצע...

ס׳איז ארײַנגעקומען שמוליק. רינגער האָט אָפּגעריסן די אויגן פון דער מאַפּע, ער איז אונטערגעשפּרונגען, א לאַז געטאָן זיך צו שמוליקן און מיט אים זיך צעקושט. סעמיאָן האָט געשמייכלט:

— נאָר אָן סענטימענטן, מיר האָבן דערויף קיין צײַט ניט.

די באַראַטונג איז געווען א קורצע.

הײַנט, נאָך צען אזייגער אָפּדערנאַכט, וועט מען פון דער טורמע, וואָס אף דער טשומקע, ארויספירן די כאַווערים צום שיסן. אונטער דער בריק וועט רינגער מיט שמוליקן אָפּוואַרטן וולאַדימירן. מע מוז די כאַווערים באַפרײַען.

רינגערס וועג ליגט פאַרבײַ דעם „פּאַלע־ראָיאַל״. די פאַרהענגלעך זײַנען אראָפּגעלאָזט אף די קײַלעכיקע פענצטער. ווען אַלע וואַכן, שלאָפט מען דאָרט, אינעם „האָטעל״.

ער טראַכט:

ווען דאָ זאָל זײַן מיט אים שמוליק, וואָלט ער מיט אים זיך ברייטער דורכגעשמועסט. דער געשפּרעך מיט שמוליקן איז דאָך געווען אזא קורצער און אָפּגעריסענער. שמוליק האָט אים נאָר באַוויזן מיטיילן:

— די טעג האָט מען ארעסטירט ליובען... — בא שמוליקן זײַנען די אויגן געווען אויסערגעווײנלעך גרויס, גלײַך ווי ער זאָל איצט מיט די הייסע ביסטרע אויגן זײַנע אומעטום אויסקוקן ליובען...

מער האָט ער קיינעם וועגן דעם ניט געזאָגט, שמוליק. ער האָט אויך פײַנט איבעריקע סענטימענטן, שמוליק, פּונקט ווי סעמיאָן און טאַראַס.

א דערמאָנונג איז ווי א בליץ דורכגעלאָפן:

— אויב שוין צינדן שײַטערס, — האָט אנומלטן געזאָגט רינגערן ליטינסקי, — איז זאָלן זיי באַלויכטן א וועג פאָרויס...

איז וואָס קערן זיך אָן אָט די שײַטערס צו סענטימענטן? אז דאָס האַרץ טוט אים פּאַשעט ווײ פאַר גרויס מיטלײַד צו שמוליקן. שמוליק וועט דאָך שוין קיינמאָל ניט זען ליובען. מע וועט זי פאַרפּײַניקן. און ווער ווייסט — ווו? אין „פּאַלע־ראָיאַל״, אין „טויטן־הויז״, אין בולוואַרנע אוטשאַסטאָק, צי עפּשער גאָר אין דער הויפּט־וואַכטע?

און וואָס קאָן נאָך טרעפן מיט דווירעלען, מיט אנושקען, מיט צענדליקער און הונדערטער כאַווערים, וואָס האָבן זייער לעבן געשטעלט אין קאָן פאַר דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע? און סעמיאָן, טאַראַס? זייער לעבן איז דאָך אויך געשטעלט אין קאָן.

וואָס איז דאָ צו טראַכטן וועגן סענטימענטן? אָט איצט, ווען איבערן קאָפּ הענגט אזא בורשטין־לויטערער הימל, ביסטו באַהערשט פון איין געדאַנק:

צען אזייגער אפדערנאכט וועט מען אף דער טשומקע, אונטער דער בריק, זעקס כאווירים פירן צום צעשיסן...

אונטן, באם ארײַנגאנג פון „פאלע־ראיאל" טומלען די „בריליאנטענע" בירזשע־לײַט אין פוטערס, מיט שירעמס און שטעקלעך אין די הענט, מיט קאלטבלוטיקע בליקן. רינגער קערע־וועט אָפּ אין א זײַט, ער דערוווּנדערט זיך בעקיוון פון אָט דעם מיִעסן, פרעמדן אָרט.

■

די טשומקע איז פארהילט אין א געדיכטער פינצטערניש. א וויסטעניש אין א קרײַז פון בערג. דער רעגן האָט אראָפּגעווישט דעם שניי, און דערפון זעען די בערג אויס נאָך כוישעכדי־קער. די נידעריקע הײַזלעך פון דער טשומקע האָבן פרי פארלאָשן די זעלטענע פײַערלעך זייערע.

די טשומקע איז אויסגעשטאָרבן. דאָ איז די נאכט א זעלבסטהערשערן, און עס דאכט זיך, קיינמאָל איז דאָ קיין טאָג ניט געווען. עס רעגנט. ווער קאָן זאָגן פון ווען אָן? מעגלעך, אז נאָך פון נעכטן, אייערנעכטן, בא וועמען ווּעסטו ווּעגן דעם פרעגן? רינגער האלט די הענט פאָרויס אויסגעשטרעקט, ווי א בלינדער, די פינגער זײַנען פארקראָכן אין דער געדיכטער פינצטערניש, ווי אין א בלאָטע. די פיס גליטשן זיך, פארקריכן אין קאליוזשעס, דער רעגן פארקלײַבט זיך אין קאָלנער, אין די אויגן, אין מויל ארײַן.

— ווער איז?

— איך!

ניט שמוליק, ניט רינגער האָבן איצט ניט געברויכט דעם באשטימטן פאראָל. ווער איז אין דעם שולדיק? פּאָשעט ביידע האָבן פארגעסן אין דעם. יעדן איינעמס שטים האָט איצט דאָ, בא דער בריק, א קלונג געטאָן מיט היימישער נאָענטקײַט און ווארעמקײַט. דאס ווידערקאָל האָט זיי פארבונדן, זיי האָבן, האלטנדיק זיך פאר די הענט, אראָפּגעלאָזט זיך אף דער נאסער ערד. ביידע האָבן געשוויגן. פונווײַטנס האָט זיך דערטראָגן א הודזשען פון א לאָקאָמאָטיוו. דער צוג איז דורכגעלאָפן איבער דער בריק א היציקער. די צעוואָרפענע פונקען זײַנען טייקעף אויסגעלאָשן געוואָרן. די ארומיקע פינצטערניש איז דערפון נאָך איימעדיקער געוואָרן.

אָט באלד וועט אהער קומען וואלאדימיר. פאר אים איז דאָ בא ביידן, וואָס ליגן דאָ, אין דער נעץ, און עס גיסט אף זיי דער נודנער רעגן, פארבאָרגן א פאראָל:

— האָסט מאכאָרקע?

און דאָס, וואָס דער אומבאקאנטער כאווער דארף ענטפערן אף דעם פאראָל, איז אויך גוט באוווּסט:

— אדראבע, פאר אייגענע זשאלעווע איך ניט...

צוויי מאָל וועט וואלאדימיר ענטפערן אף דעם פאראָל. דער צוג איז שוין ווײַט פארשוווּנדן אין דער נאכט. אף דער טשומקע האָוקען הינט... עפשער האָבן זיי דערשמעקט עמעצנס טריט... ווי זיי זאָלן אָפּריידן צווישן זיך, די הינט, רײַסן זיי אלע מיטאמאָל איבער דאָס האָוקען. די שטילקײַט רוקט זיך אָן א מוירעדיק גרויסע און שווערע. רינגער זאָגט שמוליקן:

— עפשער האָט ער פארשפּעטיקט?

שמוליק כאָזערט איבער:

— עפשער, — און גיט צו: — ער דארף דאָך ברענגען מיט זיך די גרופּע אײַזנבאנלער.

און פלוצעם דערטראָגן זיך פון אויבן האסטיקע און היציקע טריט. מע לאָזט זיך אראָפּ צו זיי. א טרוקענער שאָס רײַסט אוף די פינצטערניש, נאכדעם וואקסט שוין אָן פון אלע זײַטן א געדיכטע בעהאָלעדיקע שיסערײַ.

רינגער און שמוליק געדענקען דעם באפעל:

— שיסן נאָר אין דער לופט, דער קאראָול איז אונדזערער.

אן אָפּיצערישער אָטריאד באגלייט די קארעטע פון די פארמישפּעטע. שמוליק שטויסט זיך אָן:

— זיי האָבן געוויס דעם קאראָול געביטן. וואלאדימיר איז ארעסטירט.

ס'רעגנט נאָך אלץ, אין הארצן בא שמוליקן און רינגערן א פארדראָס, וואָס נאָגט ביז גאָר און טרײַבט אונטער: גיכער... גיכער...

■

אין צוויי טעג ארום איז פאָרגעקומען דער אָנפאל אף דער הויפּט־וואכטע. רינגער האָט זיכער געפירט דעם אָטריאד. אלע ארײַנגאנגען און ארויסגאנגען זײַנען געווען פארנומען. מע האָט אראָפּגענומען די וואך. אינוויינעק האָט שמוליק באפוילן:

— עפענען די קאַמערס...

איבערן טונקעלן קאָרידאָר זײַנען געלאָפן מענטשן — פרויען, מענער און זיך געבעטן:

— א טרונק...

דרײַ מעסלעס, ווי מע האָט די ארעסטירטע ניט געגעבן קיין וואסער. מע האָט זיך צונויפ־געשטויסן אין א ווינקל, איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן די שווארצע אײַזערנע קוואַרט און מיט גרויס פרייד געשטילט דעם דאָרשט.

שמוליק האָט צוגעיײַלט:

— גיכער, כאַווײרים, מיר קאָנען זיך דאָ לאַנג ניט פארהאַלטן.

בא דער שײַן פונעם לאַמטערן, וואָס איז געשטאַנען סאמע באם ארײַנגאַנג פון דער הויפּט־וואכטע, האָט שמוליק דערקענט ליובען. אין די אויגן בא אים האָבן זיך באַוויזן טרערן. ליובע האָט דערשטוינט געקוקט אף שמוליקן, באַוווּנדערנדיק ניט אזוי דאָס, וואָס ער איז צווישן די באַפרײַער, ווי די טרערן, וואָס פליסן פון זײַנע אויגן.

■

דער פּריוואַז איז ליידיק. אויסגעראַמט. די שטרוי, וואָס איז געוועזן אויסגעשפּרייט אין די דורכגאַנגען, האָט מען צעשלעפּט. פון די שטעלעכלעך איז קיין סימען ניט געבליבן. אפן גאַנצן מארק — א צענדליק קאַלאַניסטישע פורן, בא וועלכע מע האַנדלט מיט פּאַמידאָרן. קיין דעני־קיניש געלט נעמען שוין ניט די קאַלאַניסטן. זיי ווילן דאָס אפילע ניט אָנקוקן. זיי פאָדערן:

— א פאָר שיך...

— א פידזשאַק...

— א קישן...

די קוינים שטייען ארום די פורן, באַטראַכטן זשעדנע די פעסער מיט פּאַמידאָרן, קוקן אף די קאַלאַניסטן ווי אף גליקלעכע מענטשן. מע טײַנעט:

— אָט וועמען ס'איז גוט!

— זיך זאַפּאַסעוועט...

מיט א צענדליק פּאַמידאָרן קאָן מען אָנזעטיקן א פאַמיליע אף א טאָג.

— און ברויט? — פרעגט עמעצער. בא די פורן ווערט מיטאַמאָל שטיל. צו די קאַלאַניסטן דערגייט דער שווערער קומער פונעם אוילעם. די דאָרפישע באַלעגופים קריגן מיטלײַד. זיי דערקלערן מיט באַדויערונג:

— ס'איז א מילכאָמע...

זיי בייגן זיך אָן און שאַרן ארויף אף די פיס דאָס היי פונעם וואָגן. זאָלן דערוויַיל, ביז אָט די מילכאָמע וועט זיך ניט ענדיקן, ניט פארפרוירן ווערן די פיס. פרום טײַטשן זיי אויס דעם זין פון דער מילכאָמע:

— אז איין מענטש איז אופגעשטאַנען קעגן צווייטן, אז אײַערע, די שטאָטישע לײַט, ווילן ניט, ס'זאָל זײַן אָרדענונג אין לאַנד...

זיי בייגן זיך אריבער פון וואָגן און זאָגן געהיימניספול:

— אז אײַערע האָבן געשאָסן אונדזער קנאָלן.

זיי קערעווען זיך אָפּ און ציילעמען זיך, שעפּטשענדיק:

— אזא הייליקע נעשאָמע... אזא הייליקע נעשאָמע...

זיי וואַרטן, דער אוילעם זאָל נאַכטאָן זייער בײַשפּיל. טוט עס דאָ קיינער ניט. ווער ווייסט דען ניט, ווער דער קנאָל איז געווען! דער אָנפירער פונעם באַלעגופישן אופשטאַנד אין די קאָלאָניעס פון אָדעסער געגנט. אַלעמען פארדריסט ביז גאָר, וואָס אָט די באַלעגופים האָבן גאָר וועגן אים איצט דערמאָנט. מע פרעגט בא זיי:

— און אז איר זײַט אזעלכע פרומע, וואָס זשע ווילט איר ניט נעמען דאָס דעניקינישע געלט?

די באַלעבאַטים פון די פּאַמידאָרן באַטראַכטן לאַנג דעם אוילעם, און נאָכדעם ענטפערט איינער פאַר זיי אַלעמען:

— מיר מישן זיך ניט אין פּאָליטיק. מיר זײַנען צופרידן, אז מע טשעפּעט אונדז ניט. נאָר מיר האָבן ליב, אז א קערבל זאָל זײַן א קערבל.

א סימען: זיי האָבן מיטלײַד צו די שטאָטישע. זיי זײַנען אפילע גרייט אף קאָרבאָנעס. און לייגן פאָר די לעצטע פרײַז:

— פאָר א צענדליק פּאַמידאָרן א פאָר שיך...

— פאָר א פאָר שיך 35 רובל.

דער אוילעם צעגייט זיך. אַפּטרעטנדיק פון די פורן, שילט מען:

— אַן פּיס זאָלט איר גיין...

— איר זאָלט שוין קיין ברויט קיינמאָל ניט האָבן...

— א מיסע־מעשונע אף אײַך אינײנעם מיט דעניקינען...

איבערן לײדיקן אויסגעראַמטן פּריוואָז גייען די מאָביליזירטע פון מאָלדאַוואַנקער ראַיאָן. געדיכטע שוואַרצע רייען. מע רעדט ניט צווישן זיך. נאָר אז מע טרעפט עמעצן פון דער דעניקי־נישער וואַכטע, גייט מען צו אים צו און מע דערפרעגט זיך:

— ווו איז דער פונקט? מיר ווילן זיך מעלדן אף דער מאָביליזאַציע...

דער דעניקינעץ איז אין פאַרלעגנהייט. ער ווייסט אויך ניט, ווו איז ער, אָט דער פונקט. געהערט האָט ער, אז ערגעץ דאַרף ער זיך געפינען, דער פונקט, באַם אָנהייב פון רישעליע־גאַס, ניט ווײַט פונעם וואָקזאַל. אויב זיי ווילן, די מאָביליזירטע, וועט ער זיי אַפילע צופירן אהין.

פון צווישן די רייען ענטפערט מען אים:

— א גרויסן דאַנק דיר!

— מיר זײַנען אַליין אָדעסער!

— מיר ווייסן, ווו רישעליעווסקע געפינט זיך.

מע שפּאַנט ווײַטער אינמיטן שליאַך אין שטרענגע, שווײַגנדיקע רייען.

און אזוי א גאַנצן טאָג ציען זיך די מאָביליזירטע איבער דער שטאָט, זוכן די פונקטן און קאָנען זיי ניט געפינען. פאַרנאַכט האָט זיך באַם שטאַב פון דער „קיִעווער אַרבעטער־אַרמיי־צוניפגעזאַמלט א ריזיקער האַמוין.

מע האָט געפאָדערט:

— גיט אונדז געווער!

— מיר ווילן אפן פראָנט!

צום האַמוין איז אַרויסגעגאַנגען דער אינזשעניר קירסטאַ. מע האָט אים אַרויסגעטראָגן א בענקל. ער איז אַרויף, פלאָנטערנדיק זיך אינעם לאַנגן פוטער, אַראָפּגענומען דאָס היטל און „באַרויִקט“ דעם אוילעם:

— אין נאָמען פונעם גענעראַל שילינג דערקלער איך א דאַנק די אָדעסער אַרבעטער. מיר אַלע זײַנען טיף גערירט פון אָט דער אַנטפּלעקונג פון אײַערע הייסע פּאַטריאָטישע געפילן. מיר קאָנען אײַך אָבער מיטײלן די פריידיקע בסורע: דער קריטישער מאָמענט איז אַריבער. די פרײַ־ווילינקע אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פונעם גענעראַל דעניקין איז שוין נאָענט צו מאָסקווע. די מאָביליזאַציע ווערט אָפּגעלייגט. קערט זיך אום צו אײַערע ווײַבער און קינדער.

קירסטאַ האָט מיט דעם היטל א פאָך געטאָן אין דער לופט, זיך אונטערגעהויבן און א געשריי געטאָן „הורא“. נאָר קיינער האָט איצט דעם „הורא“ ניט אונטערגעכאַפּט. דער אוילעם האָט גע־לאַכט. מע איז זיך צעגאַנגען, שמועסנדיק:

— זיך דערשראָקן, טײַוואָלאָנים...

— מוירע געהאַט אונדז געבן געווער...

— אויך מיר אָדלערס...

ס'האָט געגאָסן א שלאַקסרעגן, ווי זיך א ציל געשטעלט אָפּשווענקען ענדגילטיק פון די אָדעסער גאַסן דעם שווערן ווינטער מיט די שווערע קעלטן, וואָס האָבן זיך שוין האיאָר צו לאַנג פאַרצויגן דאָ, אין דער זוניקער שטאָט. ניט געקוקט דערויף, וואָס דער רעגן האָט געדויערט א גאַנצע נאַכט, זײַנען מאָלדאַוואַנקע און פּערעסיפּ, סלאָבאָדקע־ראָמאַנאָווקע, דער ראַיאָן פון די ווײַטע און נאָענטע מילן, דער אײַזנבאַן־קנופּ געוועזן וואַך. אויך דאָ האָט מען אין אָט דער נאַכט ניט געוווּסט, ווו עס געפינען זיך, אייגנטלעך, די אונטערערדישע מאָביליזיר־פונקטן. מע האָט זיך געזאַמלט באַ די פאַבריקן און זאַוואָדן, באַ „אָדעסאַ גלאַוונאַיאַ“ און „אָדעסאַ טאָוואַר־נאַיאַ“ און פון מויל צו מויל איבערגעגעבן:

— דער פראָנט פאָדערט!

— אונדזערע זײַנען באַ כערסאָן!

— וואָלטוך גיט הונדערט מענטשן!

— יאַלאָוויקאָוו — פופציק!

— „ראַפּיט“ — צוויי הונדערט!

— דער אײַזנבאַן־קנופּ — דרײַ הונדערט!

אינדערפרי האָט מען שוין אין שטאָט געוווּסט וועגן דער עמעסער מאָביליזאַציע פונעם אָדעסער פּראָלעטאַריאַט, וואָס גייט צוהילף דעם רויטן פראָנט.

בא קענדעלן אין רעדאַקטאָרישן קאַבינעט זײַנען זיך צונויפגעקומען אַלע רעפּאָרטיאָרן, די רעפערענטן פון געריכט און פון דער שטאָטישער דומע, די פעליעטאָניסטן און די אַרטיקל שרײַ־בער. געוווּסט האָבן אַלע, אַז קענדעל האָט ניט ליב קיין אַלגעמיינע באַראַטונגען מיט זײַנע מיטאַרבעטער. ער האָט זיי גאָר אַהער איצט צו זיך אין קאַבינעט ניט גערופן, נאָר געקומען זײַנען אַלע, ווי זיי זאָלן דערמיט זאָגן:

— ניט אַזעלכע זײַנען מיר, מיר זאָלן אין אַזאַ צײַט פון שווערע גיסיוינעס לאָזן אונדזער שעף אַליין.

דאָס מאָל האָט קענדעל ניט דערווידערט. די טיר פון זײַן קאַבינעט איז געווען צעעפנט. אַפילו די קוריערן זײַנען זיך אַהער צונויפגעקומען און נײַגעריק אַרײַנגעקוקט אינווייניק. קענדעל איז געזעסן פאַרומערט, פרום געשאָקלט מיטן קאָפּ, אויסגעהערט די טרויעריקע ידיעס, וואָס האָבן אָן אויפהער אָף אים געפלייצט, ווי דער נעכטיקער באַנאַכטיקער שלאָקסרעגן.

— קיין איין דעזערטיר, האָבן זיי זיך דערשראָקן און פאַרמאַכט די מאָביליזיר־פּונקטן.

— דעם זעלבן טאָג האָבן די באָלשעוויקעס דורכגעפירט אַ מאָביליזאַציע פון די אַרבעטער אָף אַלע אונטערנעמונגען...

— אָף דער הויפט־וואַכטע איז פאָרגעקומען אַן אָנפאַל. אַכציק פּאָליט־אַרעסטירטע האָט מען באַפרײַט...

— אונטער כערסאָן האָט מען פאַרניכטעט די גרופּע פונעם גענעראַל שילינג...

— אָף אַלע אונטערנעמונגען קומען פאָר געהיימע וואַלן אין ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן.

— דער „אָדעסער קאָמוניסט“ שרײַבט...

איז עפּשער וואָלט שוין געווען גענוג? קענדעל קוקט אָף די מיטאַרבעטער. ער בעט זיך שטום בא זיי, אַז זאָל שוין זײַן גענוג. ער געדענקט, מע מוז דאָך דעם אייגענעם פּרעסטיזש אונטערהאַלטן. דאַכט זיך, קיינמאָל אין דער לאַנגיאָריקער פּראַקטיק זײַנער פון אַ רעדאַקטאָר איז ניט געווען אַזאַ פאַל, מע זאָל קומען צו אים אין קאַבינעט, צעפּראַלן די טיר, זיך אַוועקשטעלן און אַזוי פאַרומערן דאָס לעבן. איז זאָל מען כאָטש די טיר פאַרמאַכן. זאָלן די קוריערן ניט שטופּן די קעפּ זייערע אַהער צום רעדאַקטאָר אין קאַבינעט. אַלנפאַלס, דאָ, אין קאַבינעט, האָט זיך נאָך דערווײַל גאָרניט געענדערט. ער הייבט אוף דעם קאָפּ, קערעוועט זיך אויס צו דער וואַנט, וואָס הינטער זײַן פּלייצע. אָף דער וואַנט הענגט, ווי שטענדיק, דאָס פּראַכטפולע בילד פון דער באַרימטער אָדעסער זינגערין איזאַ ברענער. זי איז אין דעם העלן קלייד פון קאַרמען. ווער ווייסט, זי וועט נאָך אין דעם קלייד אַרויסטרעטן אָף דער בינע פון דעם אָדעסער אָפּערע־טעאַטער... ווער ווייסט...

— פאַרמאַכט די טיר, ביטע. — קענדעל האָט עס פון זיך קוים אַרויסגעפּאַמפּעט. ער האָט די באַקן אָנגעבלאָזן. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעשטרענגט און געבעטן די מיטאַרבעטער זיך זעצן. זאָל כאָטש זײַן אַן אָרדענונג. נאָך אַלעמען, עס ברענט דאָך ניט דאָס הויז פון דער רעדאַקציע. ס'איז אַפילו קיין רויך ניט צו פילן. ער וואָלט דאַפקע געדאַרפט איצט, קענדעל, זיך אויפהייבן, נעמען, ווי מע זאָגט, אַ וואָרט און דערקלערן די מיטאַרבעטער... דער אומגליק איז אָבער, וואָס ער ווייסט ניט, וואָס זאָל ער זיי אַזוינס איצט דערקלערן. דער דערשראָקענער בליק זײַנער, וואָס טראָגט זיך בעהאַלעדיק איבערן קאַבינעט, שטויסט זיך אָן אין דעם קליינינקן שוואַרצן, וואָס שטייט מיטן פּאָנעם צו דער ביכער־שאַפע.

— הער שוואַרץ, אײַער מיינונג! — ווענדט זיך צו אים קענדעל און הייבט זיך אוף פון אָרט. אַ סימען, דער רעדאַקטאָר גיט צו אַן אויסשליסלעכע באַדײַטונג דער מיינונג פון שוואַרצן, וואָס אַלע דאָ וועלן באַלד זי דערהערן. ער איז אַפילו גרייט, דער רעדאַקטאָר, אויסהערן די דאָזיקע מיינונג שטייענדיק.

שוואַרץ קערעוועט זיך פאַוואָלינקע אויס מיטן פּאָנעם צו אַלעמען. די הענט זײַנען פאַר־שטעקט אין די טאַשן פון די הויזן. ער איז פולשטענדיק רויק, דער כאַשעווער פּובליציסט פון „אָדעסקאַיאַ נאָוואָסט“. עס שײַנט, דער דאָזיקער מענטש האַנדלט מיט רויקייט, ס'איז זײַן פּראָפעסיע.

— אונדזער צײַטונג, — דערקלערט שוואַרץ, — דאַרף פאָרזעצן איר פּאָליטישע ליניע. קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט. דאָס איז די נאַטור פון יעדן בירגערקריג. מע קאָן הײַנט ניט וויסן, וואָס וועט זײַן מאָרגן. מיר זײַנען ניט קיין פאַטאַליסטן, נאָר פּאָליטיקער. ביזוואַנען די ענגלישע מיסיע האָט זיך ניט עוואַקוירט פון אָדעס, בלײַבט אַלץ אָף זײַן אָרט.

דער רעדאַקטאָר האָט שיר ניט אַפּלאָדירט שוואַרצן. ער האָט מיטגעשטימט מיט אַלץ, וואָס יענער האָט געזאָגט.

— דאָס איז, אײגנטלעך, אויך מײַן מײנונג. ניט אַזױ שרעקלעך איז דער טײַוול, װי מע מאָלט אים.

די רעפּאָרטיאָרן האָבן זיך טײקעף דערמאָנט. די אָדעסער כראָניק איז װײַט ניט אין שװאַרצע פֿאַרבן. זײ זײַנען פֿאַרלאָפֿן דעם װעג אײנער דעם צװײטן:

— אין ליטעראַריש־אַרטיסטישן קלוב לײענט יושקעװיטש אַ קאַפּיטל פֿון „לעאָן דרײ"...

— אינעם רעסטאָראַן „דאָס גאָלדענע פֿישל" װעט פֿאָרקומען אַ באַל לעקאָװעד דער כאַסענע פֿון מאַק קינלײ, דעם אָפּיצער פֿון דער אַמעריקאַנער אַרמײ, מיטן פֿאָלקאָװניק יאָלשס טאָכטער.

— באַ יאָלשן איז פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג מיט שילינגן...

— די הילף פֿון די פֿאַרבינדעטע װעט זיך פֿאַרשטאַרקן.

— מע װאַרט אױף אינסטרוקציעס פֿון לאָנדאָן...

קענדעל האָט אָפּגעאָטעמט. ער האָט צופֿרידן אײנציקװײַז אַרױסגעלאָזט די מיטאַרבעטער, זײ באַגלײט ביז צו דער טיר און אָנגעזאָגט:

— אינפֿאָרמאַציע גיבן מיר בלױז פֿון „רוסאַגען". אָן אַ שטעמפּל פֿון „רוסאַגען" װעל איך קײן װאָרט ניט דורכלאָזן...

ליובע האָט געאַרבעט אינעם אונטערערדישן „סאָװפּראַף". זי האָט געהאַלטן פֿאַרבינדונג מיטן קלוב „איגלאַ", נאָר גײן אַהין טאָר זי שױן ניט. ס'איז געװען קלאָר, אַז אין איר דורכפֿאַל איז שולדיק געװען אַ פּראָװאָקאַטאָר, װאָס איז אָן אָפּטער אַרײַנגײער אין קלוב. די ביוראָ פֿונעם „סאָװפּראַף", װעלכע האָט פֿאַרײניקט אַלע אונטערערדישע פּראָפֿפֿאַרײנען, פֿלעגט זיך שױן צונױפֿקומען אין דער פֿאָטאָ־אַטעליע אױף פּרעאָבראַזשענסקע. ליובע, אַלס סעקרעטאַר פֿון דער ביוראָ, איז געקומען אין דער אַטעליע די ערשטע. דער „הױכער בלאָנדין" האָט װײניק מיט איר געשמועסט, באַזונדערס װעגן זײַטיקע אינײאָנים. ער איז געשטאַנען אונטערן גלעזערנעם דאַך און זיך געפּאָרעט מיט די נעגאַטיװן, אונטערגעטראָגן זײ צו דער שײַן, זײ געטאַפּט מיט די פֿינגער, װאָס זײַנען שטענדיק באַ אים געװען נאַס, און דאָך האָט אױך ער דעם ערשטן טאָג, װען ליובע איז אַרײַנגעקומען אין אַטעליע נאָך דער באַפֿרײַונג אירער פֿון דער הױפּט־װאַכטע, זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און זי געפֿרעגט:

— װיפֿל טעג זײַט איר דאָרט אָפּגעזעסן?

ליובע האָט באַטראַכט דעם פֿאָטאָגראַף, װעלכער איז, װי ס'האָט זיך איר אױסגעװיזן, טאַקע געװען ניט מער װי נאָר אַ הױכער בלאָנדין, דאַכט זיך, נאָך עפּעס האָט מען װעגן אים ניט געקאָנט זאָגן. זי האָט אָבער געװוּסט, אַז אַזױ קאָן זיך דוכטן נאָר אַ פֿרעמד אױג. דער „הױכער בלאָנדין", באַ װעלכן עס קאַפּען פֿון די פֿינגער שטענדיק טראָפּנס װאַסער, איז אַ גענײטער קאָנספּיראַטאָר און אַן איבערגעגעבענער טוער. ער מישט זיך ניט צו דעם, װאָס קומט פֿאָר אין פֿאָטאָ־אַטעליע. ער שטײט אין אַ זײַט, פּאָרטאָן מיט די נעגאַטיװן, און דאָך איז ער װײַט ניט קײן זײַטיקער. ער איז אַ לעבעדיקע אַדרעסן־ביוראָ. זײַן רױקער קוק פֿאַרשטעלט, װי אַ פֿאָרהאַנג, פֿאַר אַלעמען דאָס, װאָס עס קומט פֿאָר אין אַלע קאַמערן פֿון זײַן מױעך, װוּ פֿון די אײדלסטע פּעדעם שפּינט זיך די נעץ פֿון אַדרעסן פֿון דער פֿאַרצװײַגטער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

שמוליק האָט איר אַנומלטן געזאָגט װעגן אים:

— דער „הױכער בלאָנדין" האָט אַ װוּנדערלעכן זיקאָרן. אַלץ האַלט ער פֿאַרשפּאַרט אין אָט דעם זיקאָרן, און דאָס שליסעלע צו דעם האָט ער אומיסטן פֿאַרװאָרפֿן.

— און װי האָט איר זיך געפֿילט די טעג, װאָס איר האָט דאָרט פֿאַרבראַכט?

— און װי איז אײַער געזונט־צושטאַנד איצט?

ליובען דוכט זיך, דער „הױכער בלאָנדין" פֿאַרמאָגט די זעלבע זאָרגעװדיקײַט, װאָס אַנושקאַ. ער פֿרעגט זי אױס, װי אַ ביז גאָר נאָענטער מענטש. זי װײסט ניט, װיאַזױ, נאָר אין דער קאַלטער אַטעליע שװעבט פֿאַר איר דורך דאָס געשטאַלט פֿון איר נעמיראָװער לערער, דעם קאָמפּאָזיטאָר לעמפּערט. ער איז אַ סאַך עלטער, לעמפּערט, פֿונעם דאָרן פֿאָטאָגראַף, װאָס שטײט איצט לעבן איר און װישט מיט אַ זױבער טיכל דאָס גלאָז אינעם אָביעקטיװ, און דאָך פֿילט זי — עפּעס פֿאַרײניקט זײ, לעמפּערטן מיטן „הױכן בלאָנדין", און ניט נאָר זײ, נאָר אױך שמוליקן און נעכאַמען, יאַסקען און דװױרעלען, דעם „זײדן" און זאָרעכן. איז װי רופֿט מען עס אָן אָט דאָס, װאָס פֿאַרבינדט נאָענטע און װײַטע, װאָס פֿילט אָן דאָס לעבן מיט זיכערקײַט, װאָס שטאַרקט דאָס געמיט?..

עפּשער פֿרעגן װעגן דעם באַ דעם פֿאָטאָגראַף? אָנשטאָט צו פֿרעגן נעמט ליובע דערצײלן:

— אין דער הויפּט־וואַכטע האָט מען אונדז דרײַ מעסלעס קיין וואַסער ניט געגעבן. אייניקע האָבן פון דאָרשט שוין געכאַלעשט. די באַפרײַונג איז געווען אַזוי אומגעריכט, מיר האָבן אונדזערע אויגן ניט געגלייבט. ס׳איז געווען ווי אין אַ מײַסע...

— ווי אין „טויזנט און איין נאַכט“, — האָט ווי איר אונטערגעזאָגט דער „הויכער בלאָנדין“ און צוגעגעבן: — מע וועט נאָך טאַקע וועגן דעם שרײַבן מײַסעס, ס׳וועלן קלינגען ווי אַ לע־גענדע די אויפטוען פון אונדזער אונטערערד...

■

דעם זעלבן אָפּדערנאַכט איז פאָרגעקומען די אַלשטאָטישע דעלעגאַטן־קאָנפערענץ פון די פּראָפאַריינען. די מענשעוויקעס האָבן געוואָלט צוגעבן דער קאָנפערענץ אַ פײַערלעכן כאַראַקטער.

ס׳איז דאָך ניט קיין קלייניקייט — דער גענעראַל שילינג אַליין ווייסט וועגן דעם, אַז אַזאַ קאָנפערענץ ווערט פּלאַנירט און ער האָט גאָרניט קעגן דעם, זי זאָל עפנטלעך און מיט „פּאָמפּע“ דורכגעפירט ווערן. איז סאַמע אין ברען פון דער צוגרייטונג־אַרבעט האָט דער אונטערערדישער „סאָוופּראָף“ געמאָלדן:

— קיין שום „פּאָמפּע“ וועלן מיר ניט דערלאָזן. די אומלעגאַלע פּראָפאַריינען האַלטן, אַז ס׳איז איצט קיין צײַט ניט פאַר דעם. פאַראַן וויכטיקע און אָנגעווייטיקטע פראַגן, וואָס מע דאַרף באַהאַנדלען מיט דער גאַנצער ערנסטקייט.

און נאָך האָט געפאָדערט דער „סאָוופּראָף“:

— די ערשטע פראַגע פון טאָג־אָרדענונג דאַרף זײַן די באַציִונג פונעם אָדעסער פּראָלע־טאַריאַט צום דעניקינישן טעראָר...

די מענשעוויקעס האָבן זיך געווערט קעגן די דאָזיקע פאָדערונגען, ווי ווײַט נאָר זיי האָבן געקענט, און ענדלעך געמוזט אײַנגיין אויף זיי — די מערהײַט דעלעגאַטן זײַנען געווען אָנהענגער פונעם „סאָוופּראָף“.

אין קלוב איז געווען טונקל. באַם אַרײַנגאַנג זײַנען בײַ אַ טישל געזעסן אַ פאָרשטייער פון די לעגאַלע פּראָפאַריינען און ליובע פונעם „סאָוופּראָף“ און קאָנטראָלירט די מאַנדאַטן. ליובען איז געווען הייס. זי האָט אַראָפּגערוקט דאָס שאַלכל פונעם קאָפּ אויף די אַקסלען, אַריבערגעוואָרפן די צעפּ און מיט אומגעווײנלעכן נײַגער, וואָס האָט געפינקלט אין אירע אויגן, באַטראַכט די אַרײַנ־קומענדיקע דעלעגאַטן. זי איז געווען זיכער, אַז זי האָט קיין טאָעס ניט: די מערהײַט זײַנען פאַרן „סאָוופּראָף“. מע קאָן דאָס דערשפּירן אין דעם, ווי די דאָזיקע כאַווײרים שטרעקן איר אויס דעם מאַנדאַט, אין דער ערנסטקייט פון זייערע בליקן, אין דער אַנטשיידנקייט, מיט וועלכער ס׳אָטעמט יעדע באַוועגונג זייערע. אָט קומען אַרײַן די דעלעגאַטן פון דער „איגלאַ“, מע דערקענט זיי, נאָר קיינער גיט דאָס ניט אויס. מע דערלאַנגט איר די מאַנדאַטן, און אַז מע באַקומט זיי צוריק, רירן זיך אָן די פינגער אין איר האַנט.

און אָט איז שמוליק. אַ דעלעגאַט פון „ראַפּיט“. זי דערוויסט זיך ערשט באַם קאָנטראָל־טישל וועגן דעם, אַז שמוליק אַרבעט שוין אין „ראַפּיט“. פאַר דער וואָך צײַט, וואָס זי איז באַפרײַט געוואָרן פון דער הויפּט־וואַכטע, האָט זי מיט שמוליקן זיך נאָך ניט געטראָפן. זי האַלט דעם קלייניקן בלויען מאַנדאַט זײַנעם. דאָס האַרץ קלאַפּט בײַ איר פון גרויס רעגונג, זי פאָרעט זיך לענגער מיט אָט דעם מאַנדאַט, ווי ס׳זאָל איר שווער זײַן אים אומקערן און מיט די אויגן זיך טרעפן מיט שמוליקן. שמוליק האָט געדולד. ער שטייט בײַ איר טישל און קוקט גאָר ניט אַזוי אויף איר, אויף ליובען, ווי אויף בײדע פּרעכטיקע בלאָנדע צעפּ, וואָס הענגען אַריבער די אַקסלען אירע. זײַן בליק איז צוגעשמידט צו די צעפּ, אויף ניט אָפּרײַסן זיך.

נאָר ס׳קומען אָן נײַע דעלעגאַטן. שמוליק רײַסט ווייטעקדיק אָפּ דעם בליק פון ליובעס צעפּ. בײַ ליובען פלאַמט דאָס פּאָנעם. אַפּגיך וואַרפט זי אַריבער די צעפּ אויפן רוקן און שטופּט אַרײַן צוריק שמוליקן דעם מאַנדאַט אין דער האַנט אַרײַן.

און ווידער זעט ליובע שמוליקן. איצט שוין אויף דער בינע. ער שטייט באַם סאַמע ראַנד, די הענט אַראָפּגעלאָזט.

שמוליק מעלדעט:

— די דעלעגאַציע פון מעטאַליסטן־פאַריין לייגט פאָר אַריבערטראָגן די זיצונג אויף אַן אַנדער אָרט...

עס טומלען די מענשעוויקעס. זיי שרײַען:

— וואָס הייסט, וווּהין? רעדט קלאָר!

שמוליק ווארט אָפּ, ביז דער טומל ווערט קלענער, און נאָכדעם הייבט ער אוף די האנט און גיט פלינק א צי אראָפּ דעם פאָרהאנג. ער זאָגט שטיל, דאָך קלינגט זיין שטים ווי א באַפעל:

— דאָרטן, הינטערן פאָרהאנג, וועלן מיר עפענען די קאָנפערענץ!

וואלדמאן איילט איבער די טרעפלעך, פלאָנטערט זיך אין דעם אראָפּגעלאָזטן פאָרהאנג, פאָכעט מיט די הענט און דראָעט:

— דאָס איז ניט קיין אונטערערדישע זיצונג פונעם „סאָוופּראָף", ס'איז אן אָפענע פראָפעריי־נישע קאָנפערענץ. מירן מעלדן דער מאכט. מעלדן...

באַם אראָפּגעלאָזטן פאָרהאנג איז געשטאנען אן ארבעטער־קאראול, און הינטערן פאָרהאנג האָט געקלונגען טאראס' שטים. טאראס האָט גערופן צו א שטרייק. אלס פּראָטעסט קעגן דעני־קינישן בלוטיקן טעראָר, קעגן די מאסעווע ארעסטן פון די ארבעטער.

וואלדמאן איז געזעסן באַם טיש. דער גאנצער קערפּער זיינער האָט געצאַפּלט פון שווערן אינערלעכן אנגסט... ער האָט ניט געוואגט איבעררייסן טאראסן, ווײַלן אלע דאָ האָבן געהערט מיט אזא גוואלדיקער אָנשטרענגונג. אז ער האָט באקומען א וואָרט, האָט ער נאָר געקאָנט פון זיך ארויסקוועטשן פּאָלגנדיקס:

— די מענשעוויקעס זיינען קעגן א שטרייק. מיר לייגן פאָר שיקן א דעלעגאציע צום גע־נעראל שילינג...

■

בארג־אראָפּ ביז צו דער פּערעסיפּער בריק זיינען געשטאנען די גרינע טראַמוויי־וואַגאָנעס מיט ארויסגעשלאָגענע פענצטער, עטוואָס אָנגעבויגן אין א זייט, ווי נאָך אן אָקאָרשט געשעענער אווארייע. אף די דעכער זייערע איז נאָך געלעגן דער ניט־אָפּגעראַמטער שניי. שמוליק איז געגאנ־גען אפן „ראַפּיט". ער האָט געכאַפּט א ביסטרען קוק אף די שטייענדיקע טראַמווייען, און א שמייכל האָט זיך דורכגעשלענגלט אף זיין געזיכט. ער האָט א טראכט געטאָן:

„גוט, וואָס די טראַמווייען שטייען שוין עטוואָס אָנגעבויגן. ס'וועט גרינגער זיין איבערקערן זיי אינגאנצן..."

ס'איז אים געווען הייס אינעם וואַטאָוון פּידזשאַק, האָט ער אפן וועג צעשפּיליעט די אייבער־שטע קנעפּלעך. ער גייט, ווי געוויינלעך, גיך, קוקט זיך ניט אום. דער וועג איז א באַקאַנטער. איטעווידן טראָט יאָגט שמוליקן אן די דערמאָנונג וועגן א ווינטער מיט צוויי יאָר צוריק דאָ אפן פּערעסיפּ. אָט פאַרקערעוועט דער וועג צום מיל־געסל, וווּ ניט ווייט פון דער „הייסער לוזשע" איז געווען דער „שלאָסער־וואַרשטאַט", וווּהין ס'פלעגט צומאָל קומען צו אים ליובע.

און ווידער איז ער אין שליכעס באַ דער באָלשעוויסטישער אונטערערד אפן פּערעסיפּ. ער איז עלטער געוואָרן אף צוויי יאָר. נאָר ער פאַרטראַכט זיך וועגן דעם ניט. ער איז דער זעלבער שמוליק דער ביסטרער, וואָס ווען ער פלעגט זיך באַווייזן באַ דער מאַמען אף סטאַראָפּאָרטאָפראַנ־קאָווסקע, האָט דער גאנצער הויף אים נאָכגעקוקט. קיין זאַך האָט אים ניט אָפּגעשראָקן. ניט מייער קוואָס, ניט די שלאַכטן מיט די הייַדאַמאַקעס, ניט דער טויבער און פינצטערער וואַפּניאַרקער וואַלד.

צומאָל נאָר לאָזט זיך פילן די קויל, וואָס ער טראָגט אין פוס. ער לייגט אלץ אָפּ די נייטיקע אָפּעראַציע אף שפּעטער. ליובען האָט ער וועגן אָט דער קויל ניט געזאָגט. צוליב וואָס? צוויי כאַדאָשים צייַט האָט איין און דער זעלבער אַדעסער הימל זיך געשפּרייט איבער זייערע קעפּ, און איינער האָט פון צווייטן ניט געוווּסט. ער האָט אויך ניט געוווּסט, אז מע האָט ליובען ארעס־טירט. אין דער הויפּט־וואַכטע האָט ער זי דערזען אומגעריכט, פאַר פרייד האָבן זיך אים דעמלט געשטעלט טרערן אין די אויגן, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן.

אהין, אין דער זייַט, ווו ס'האָט זיך געפונען די וועשערייַ „ליאַאַיאַן", קוקט ער שוין ניט. ס'הענגט דאָרט א שלאָס. די צעיושעטע קאָנטראַזוועדקע צווינגט פאַרווישן אלע שפּורן, און צי זיינען זיי נאָך איצט נייטיק, די אלע געהיימע יאַווקעס און פּאַראָלן, וואָס האָבן אין מעשעך פון פינף כאַדאָשים ווי א שייַטער באַלויכטן דעם וועג?

אינגיכן, גאָר אינגיכן וועט מען זיי שוין ניט באַדאַרפן, די יאַווקעס. די אונטערערד וועט ארויסגיין אף דער ליכטיקער שייַן. פון די פאַבריקן און זאַוואָדן, פון פּערעסיפּ און מאָלדאַוואַנקע, פון אלע פינצטערע היילן און קרומע הינטערגעסלעך וועלן זיך צונויפקומען פרייַנט. אייגנטלעך איז דאָך שוין איצט יעדע אונטערנעמונג, יעדער ארבעטער־הויז געוואָרן א פעסטונג פון אָט דער אונטערערד...

דער „ראפיט" ארבעט א קײַלעכיקן מעסלעס. ס'קומען אהין ענגלישע און פראנצויזישע אָפיצערן און קוועלן אָן פון דעם, וואָס די קומענס הערן ניט אוף דאָ צו רייכערן. זיי ריידן צווישן זיך ענגליש, און ער, שמוליק, וואָס גייט דאָ ארום אין זאוואָדישן הויף אָן אָנגעבעטענער שווארצ־ארבעטער, מיט דער טאטשקע זעגעכץ, פארהאלט זיך אומיסטן. גיט זיך א קראץ אין פּאָטיליצע, גיט א גענעץ, קוקט אַף די אויסלענדער פארגאפט און מיט גרויס אָפּשײַ. די פאָרשטייער פון דער בריטישער מיסיע באגעגנט אין הויף דער עלטערער אינזשעניער. אז ער פירט צו די אָפּי־צערן צו דער שוועל פון דער קאָנטאָר, שטעלט ער זיך אָפּ באם ערשטן טרעפּל, ציט אראָפּ די הוט פאר זיי און פארכלינעט זיך מיט די אייגענע ווערטער, וואָס ער זאָגט גאָר גיך ארויס, ווי מוירע האָבנדיק, מע זאָל אים ניט איבערײַסן אינמיטן:

— א גרוס אונדזערע פארבינדעטע.

ערשט איצט שטרעקן די אָפיצערן אויס דעם אינזשעניער די הענט. גלײַך ווי ביז דעם האָבן זיי דאָס בעשום־אויפן ניט געקאָנט טאָן, און ענטפערן אים מאשינעל:

— א גרוס, טײַערע פרײַנט!

דער יונגער שווארצארבעטער גיט א מאך מיט די פּלייצעס, רוקט אראָפּ דאָס היטל איבער די אויגן, און, צופּײַפנדיק, שטופּט ער ווײַטער אונטער די טאטשקע מיט זעגעכץ.

און אונטערן זעגעכץ ליגן באָמבעס, דינאמיט, פּאטראָנעס, רעוואָלווערן.

אין סקלאד שיט שמוליק אויס דאָס זעגעכץ אין איין ווינקל, און דאָס געווער — גאָר אין אַן אנדער אָרט.

אפדערנאכט זײַנען אפן „ראפיט" פארגעקומען די געהיימע וואלן אין אָדעסער ראט פון ארבעטער־דעפּוטאטן. ס'איז א דירעקטיוו פון געגנטקאָם פון דער פארטיי. שמוליק פארענדיקט זײַן ארויסטרעטונג פאר דער דריטער סמענע מיט א רוף:

— די ביקסן אין די הענט! זיך גלײַכן אַף דער רויטער ארמײַ!

■

אַף קאָרטישעווסקע אין א קעלער־שטוב געפינט זיך דער רעווקאָם. דאָ זיצן א גאנצענעם טאָג סעמיאָן, טאראס, אנושקא. אלע דרײַ זשמורען די אויגן. א שמאָלינקער פּאס טיילט אָפּ די פענצטער פון דער ערד, די שײַן שנײַדט זיך ארײַן אין קעלער א צעקרימטע און גרויע. די דרײַ, וואָס געפינען זיך דאָ, זעען אויס ווי אין שפינוועבס פארפּלאָנטערט. סעמיאָן רייכערט אָן אופהער. טאראס איז דערפון אומצופרידן. נאָר ער ווײַזט עס ניט ארויס. ער שפּארט זיך הארט צו מיט דער ברוסט צום טיש, וואָס באם פענצטער, און שרײַבט דעם אָרדנטלעבן אופרוף. אנושקא באדויערט די אומגעקומענע כאווירים. זי דערציילט:

— מע האָט וואָלאָדימירן ארעסטירט אין גאס. ער האָט ניט געקאָנט קומען צו דער בריק.

טאראס פילט זיך ווי געטראָפן, און גלײַך ווי ער זאָל זײַן שולדיק אין דעם שווערן דורכפאל, קערעוועט ער זיך אויס מיטן פּאָנעם צו אנושקען און פארענטפערט זיך:

— אז וואָס האָבן זיי געקאָנט טאָן אינצווייען, רינגער מיט שמוליקן, אז מע האָט דעם קאראול געביטן, אז א גאנצע באנדע אָפיצערן האָט באגלייט די ארעסטירטע.

אנושקא שאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך ווייס, איך ווייס...

בא דער גרויער שײַן איז ניט צו זען, צי שרײַבט ער, טאראס, ווײַטער דעם אופרוף, צי האלט ער די פען אין האנט נאָר לעפּאָנעם און רײַבט אופגערעגט און פארטראכט מיט די פינגער די אייגענע קינבאקן.

נאָר איין סעמיאָן זיצט רויִק, דעם קאָפּ אָנגעבויגן און נישטערט מיט די אויגן איבער דעם באפעל פון יוגזאפראָנט, וואָס ליגט צעשפרייט אַף זײַנע קני. ער וויל, אז אויך די איבעריקע מיטגלידער פון דעם רעווקאָם זאָלן גוט פארגעדענקען יעדער פּונקט פון דעם באפעל. ער כאַ־זערט איבער דעם פּונקט נומער 4:

„...ניט דערלאָזן די אָפּטרעטנדיקע ווײַסגווארדייער צו פארניכטן די אײַזנבאנען, די בריקן און אנדערע קאפּיטאלע אײַזנבאן־אײַנריכטונגען אפן וועג, ווו עס וועט זיך באוועגן די רויטע ארמיי".

דעם רעווקאָם האָט ליובע באדארפט בלויז אינקורצן מיטיילן וועגן דעם, ווי איז דורכגעגאנגען די קאָנפערענץ פון די פּראָפּארייִנען. זי האָט ניט געוווּסט געני, וועמען זי וועט אין רעווקאָם טרעפן, נאָר אפן וועג נאָך אהינצו, מאכנדיק די „שלייפן" איבער מאָלדאוואנקע, האָט זי אין גערדאנק אײַנגעכאזערט דאָס, וואָס זי האָט צו זאָגן, ווי א ראפּאָרט:

— 37 פון „סאָופראַף“ און 14 פון די לעגאַלע...
— אַן אַבסאָליוטע מערהייט איז געווען פאַרן שטרייק...
— וואַלדמאַנס פאָרשלאָג שיקן פאַרשטייער צו שילינגן איז דורכגעפאַלן...
וואָס נאָך זאָל זי ריידן אין רעוווקאָם? מע איז דאָרט ווייניק פאַרנומען? אַז א שטאָט וואָרט אַף באַפעלן פון דאָרטן, אַלע וואַרטן, אַפילע שילינגס שטאַב אויך. נעכטן האָט דער „קאָמוניסט“ געמאָלדן:
„שילינגס מיליטערישע גרופּע איז צעקלאַפּט און טרעט אָפּ אין בעהאַלע פון כערסאָן...“
ליובע פילט, ווי עס וואַקסט לעצטנס אָן אין איר דער פאַרדראָס קעגן שמוליקן. דאַפקע איצט, ווען די לאַגע קאָן זיך יעדע מינוט ענדערן, ווייזט ער זיך ניט פאַר די אויגן. זי וואָלט אים דערציילט כאָטשבי וועגן דעם, ווי לאַנג זי האָט זיך געקליבן אים אויסנייען א העמדל, אָפּגעקליבן א שיין געמעל, געקראָגן בלויע זיידענע פאָדעם. שוין געהאַט זיך גענומען שטעפּן, האָט די קאָנטר־ראַזוועדקע געשטערט...
און עפּשער וואָלט זי אים גאָר וועגן דעם ניט דערציילט, ער וואָלט אַף איר א ביסטרען שפּאָטישן קוק געגעבן און געזאָגט:
— וואַרטסט אַפן זיג פון דער רעוואָליוציע און שטעפּסט גאָר א העמדל פאַר דיין געליבטן...
אין רעוווקאָם האָט זי געטראָפן שמוליקן. דער ערשטער געדאַנק אירער, אַז זי האָט אים דערזען, איז געווען:
זי פאַרשפּאָרט שוין דערציילן וועגן דער קאָנפערענץ, דאָס האָט שוין זיכער פאַר איר געטאָן שמוליק.
אַנושקאַ האָט באַמערקט איר פאַרלעגנהייט. זי האָט זי מוטערלעך אַרומגענומען, געהאַלפן צעבינדן דאָס שאַלכל, אַראָפּגענומען פון איר דעם מאַנטל און דערביי געזאָגט:
— אַלע קומט איר אהערצו פאַרשוויצט. ווי מע זאָל זיך נאָך אייך יאָגן. אַף דער מאָלדאַ־וואַנקע איז שוין ניט פאַראַן לעצטנס פאַר וועמען זיך שרעקן. לעצטנס וואַגט שוין ניט די קאָנטר־ראַזוועדקע אריינשטעלן א פוס אַף דער מאָלדאַוואַנקע...
זי האָט געשמייכלט, אַנושקאַ, און זיך טייקעף פאַריכט:
— גאָר מיינט ניט, אַז ס'איז א נייע דירעקטיוו — פאַר קיינעם זיך ניט היטן, מע דאַרף זיין פאָרזיכטיק ביז דער לעצטער רעגע...
ליובען איז געפעלן, וואָס אויך שמוליקס מיטיילונג איז געווען קורץ, ווי א ראַפּאָרט:
— די „ראַפּיטאָווצעס“ זיינען גרייט! אַלע אַרבעטער זיינען באַוואָפנט...
— צו דער שטאָט וועלן מיר זיי ניט לאָזן...
— די בריק וועלן מיר פאַרבאַריקאַדירן מיט די טראַמוויי־וואַגאָנעס, זיי שטייען דאָרט א סאַך.
אַרויסגייענדיק, האָט שמוליק זיך אָנגעבויגן צו ליובען און איר געזאָגט:
— אַפן ראָג פון אוספּענסקע און מעשטשאַנסקע וועל איך דיך אָפּוואַרטן...
ליובע איז געגאַנגען געאָרעמט מיט שמוליקן. איר האָט זיך געדאַכט: אַזוי איז ניט שווער דעם גרעסטן אופטו צו שטאַנד ברענגען, אַזוי, צוגעדריקט איינס צום צווייטן, איז זיי די געצוווּנ־גענע „שלייפן“ ביז גאָר גרינג צו מאַכן און דו פילסט ניט, ווען און ווו, אייגנטלעך, האָסטו זיי אָנגעהויבן, אָט די „שלייפן“.
די נאַכט איז געווען א בלויע, פונקט אַזאַ, ווי ליובע האָט געוואָלט. זי זאָל זיין, גלייך ווי דער יאַם זאָל פאַרפליצן אָדעס און שטראָמען איבער אַלע גאַסן.

אין פיין געלייטערטע

א גאַנצן טאָג איז געפאַלן דער שניי. צו נאַכט־צו איז פון יאַם אָנגעלאָפן א בייזער און שטעכיקער ווינט. לעם סאָבאָר אַף פרעאָבראַזשענסקע האָט זיך געצויגן צווישן דעם אויסגעטראָ־טענעם שניי א לאַנגער און זויבערער ווייסער פּאַס. ביידע כאַווערטעס, דווירעלע און דאָרע, האָבן דעם פּאַס אויסגעמיטן, געהיט זיך ניט שטעלן קיין טראָט און אוועקגעטראָגן אין זייער האַרצן אָט די זעלטענע זויבערקייט, וואָס האָט געפינקלט אין דער נאַכט.
די גאַסן זיינען געווען פוסט און שטיל. איינצלנע פייערלעך פון די גרויזינישע ווייַנקעלערס האָבן אין דער געדיכטער פינצטערניש זיך געבאַרבלט בא דער ערד. דאָרע האָט געטראָגן אין א צייטונג פאַרוויקלט דעם ווורשט מיטן האַלבן ברויטל, וואָס זי האָט געקראָגן בא אַנושקען אין גאַרקיך. זי האָט איבערגעלייגט דאָס פּעקל פון איין האַנט אין דער צווייטער, אַף א רעגע זיך אָפּגעשטעלט, ווי געוואָלט זיך איינהערן אין דעם ציטער פונעם אייגענעם לייב אונטער דעם לייכטן ברוינעם רעגנמאַנטל, און א זאָג געטאָן צו איר כאַווערטע:

— באַ אונדז אין כערסאָן דאַרף איצט זײַן אַ סך וואָרעמער...

דוואירעלע האָט איר גלײַך דערוף גאָרניט געענטפערט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי באַ איר צוגענומען דאָס פּעקל און ווײך איר געזאָגט:

— רײַב אָן די הענט, זיי זײַנען באַ דיר פאַרפרוירן.

פאַרקערעווענדיק אַף דער טיראַספּאָלער גאַס, האָבן ביידע מיידלעך אויסגעדרייט די קעפּ. קעדיי אַ קוק טאָן נאָכאַמאָל אַפן זויבערן שנייִיקן פּאַס, נאָר דער פּאַס צוזאַמען מיטן סאָבאָר זײַנען פאַרפאַלן געוואָרן אין דער פינצטערניש. פון די קעלערס האָבן זיך געטראָגן שיקערע קוילעס. אַ ווײַטער און איינזאַמער האַרמאַטן־שאָס האָט אַ הילך געטאָן איבער דער שטאָט.

— מיר געפעלט ניט, — האָט דוואירעלע געזאָגט, — וואָס אַזויפיל אונדזערע דרייען זיך אַרום באַ אַנושקען אין גאָרקיך.

— מיר געפעלט עס אויך ניט, — האָט דאָרע צוגעשטימט, — נאָר דו ווייסט, אָט די אַנושקאַ פאַרמאָגט אַ טאַלאַנט פון אַ סטראַטעג.

אַף באָלגאַרסקע וועט זיך שוין דוואירעלע ניט אומקערן. די „קאָנטאָר" איז דורכגעפאַלן. דאָס איינציקע, וואָס זי האָט געקאָנט טאָן, איז געבן צו וויסן סעמיאָנען, ער זאָל הײַנט אַהין ניט גיין. די דעניקינישע קאָנטרראַזוועדקע האָט שוין אין אירע הענט די פעדעם פון דער אונ־טערערדישער אָרגאַניזאַציע. קימאַט די גאַנצע מיליטערישע גרופּע איז דורכגעפאַלן. אַלעקסאַנ־דערן האָט מען אין קאָנטרראַזוועדקע פאַרפּײַניקט. אַלעקסאַנדערן מיט זײַן בענימעסדיקן פּאָנעם און ווײַסע, איידעלע הענט. זי האָט אים נאָר אַ פּאָר מאָל געזען אין „קאָנטאָר". זי איז געפאָרן קיין אַלעשקאָ, אַ יונגע פּויערטע, און אין זאַק אונטער די פאַרפרוירענע קאַרטאָפל איז געלעגן דער באַפעל צום פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, געכאַסמעט פון אַלעקסאַנדערן. אַז זי האָט זיך פון אַלעש־קאָ אומגעקערט, האָט דאָס פּאָנעם באַ איר געפלאַמט ניט פון פראָסט, נאָר פון גרויס פרייד.

וואָס האָבן זיי געטאָן מיט אים?..

אין שטוב האָבן די מיידלעך אָנגעצונדן אַ ליכט. זיי האָבן ניט געוואָלט זוכן דאָס מעסער. איז מען געזעסן באַם טיש און זיך געטיילט מיטן ווורשט און מיט די אָפּגעבראָכענע שטיקער פונעם האַלבן ברויט. ווי אין אַ קינדער־שפּיל:

— דיר אַ שטיקל!

— מיר אַ שטיקל!

די מיידלעך האָבן זיך געלייגט אין בעט, נאָר לאַנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפן.

— געדענקסט, דוואירעלע, מיר האָבן לאַנג ניט געוווסט איינע פון דער צווייטער, ביז מיר האָבן זיך ניט געטראָפן באַ אַנושקען אין גאָרקיך.

דאָרע האָט דערציילט, ווי מע איז געקומען צו אַנושקען אַף אָן אונטערזוכונג און ווי יענע האָט מעכאַבעד געווען די קאָנטרראַזוועדטשיקעס מיט זעלטענעם שאַשליק, געשלעפּט זיי פאַר די ברייטע האַריקע פּאָלעס פון די בורקעס:

— איר האָט ליב מיט אַ סך צוויבל?

מע האָט באַ אַנושקען גאָרניט געפונען. די דעניקינצעס האָבן זיך באַלעקט פונעם שאַשליק און געלויבט אַנושקען:

— ביסט אַ ווילע באַלעבאָסטע!

דוואירעלע האָט געשוויגן, און דאָרע האָט זי געוועקט:

— שלאָפסט?

דוואירעלע איז ניט געשלאָפן. זי האָט אָנגעהויבן דערציילן דער כאַווערטע וועגן איר הײַנ־טיקער באַגעגעניש אַפן פּערעסיפּ מיט די אָפיצערן, וואָס האָבן זי אָפּגעשטעלט באַ דער סאַמע בריק.

— וווהין גייט איר, מאַדמואַזעל?

זי האָט שטרענג אָפּגעענטפערט:

— ניט מיט אײַער וועג!

— וואָס מיינט איר דערמיט זאָגן, מאַדמואַזעל? — האָבן די אָפיצערן מיט כשאַד זי געפרעגט.

— איך מיין, — האָט זי זיי געענטפערט, — אַז איך גיי אַף דער לינקער זײַט, און איר אַף דער רעכטער.

די אָפיצערן האָבן געלאַכט און העפלעך זי באַגלייט ביזן ראָג.

— אַנטשולדיקט, מאַדמואַזעל.

און אין אַלעשקאָ איז דוואירעלע, אַ יונגע פּויערטע, אַרומגעגאַנגען איבערן מאַרק מיטן זאַק אַף די פּלייצעס, און יעטווידער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק דעם זאַק אָנטאַפּן און איבער־פרעגן:

— די קאַרטאָפל זײַנען ניט פאַרפרוירן?

און יעדן האָט זי גוטמוטיק געענטפערט:

— דעם עמעס זאָגן, א ביסעלע פארפרוירן. כ'האָב זיי געבראכט פון ווײַט.

אז קיינער איז שוין אפן מארק ניט פארבליבן, איז ערשט דעמלט צו איר א כאוועך צוגע־גאנגען. א יונגער פויער אין א קורצער סוויטע:

— איר זוכט א פור?

— איך האָב שוין געפונען!

א גאנצן הארבסט האָט דער פארטיזאנישער אָטריאַד זיך געגרייט אף די פעלדער צווישן די באשטאנעס. מע קומט אין אָטריאַד פון אלע ארומיקע דערפער.

— איבער די כערסאָנער סטעפעס מארשירן פאָלקס־אופשטענדלער, — האָט דערציילט דוווירעלע.

— טאקע גאנצע פאָלקן? — האָט איבערגעפרעגט דאָרע, זיך אײַנגענורעט און איז אנשלאָפן געוואָרן.

פארטאָג־צו האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. א בלאָוולעכע שײַן האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן פענצטער. די ערשטע האָט זיך אופגעכאפּט דוווירעלע. זי האָט טייקעף אָנגעצונדן דאָס ליכט און אפן פלאַם פארברענט דעם אופרוף פון אָדעסער גובקאָם פון קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד, וואָס זי האָט געהאט בא זיך. זי איז געשטאנען א באָרוועסע אפן שטיינערנעם דיל, מיט איין האנט פארגלעטט דעם שרונט אף איר שווארצן קאָפּ און מיט דער צווייטער פאמעלעך געצונדן דעם אופרוף. דאָס קלאַפּן פון יענער זײַט טיר איז געוואָרן שטארקער. דאָרע האָט זיך אפגיך אָנגעטאָן און געשטופּט דוווירעלען איר אָנטאָן:

— גיכער, גיכער. מיר זײַנען פארפאלן.

אין טיר האָט מען שוין געקלאַפּט מיט דער ביקס. דוווירעלע האָט פארלאָשן דאָס ליכט און צעבלאָזן דאָס אש פונעם פאפּיר. צו יענע, וואָס אין דרויסן, האָט זי רויִק געזאָגט:

— טייקעף עפן איך. מיר זײַנען דאָ בלויז פרויען.

אפן וועג צו דער קאָנטרראזוועדקע האָבן דוווירעלע מיט דאָרען ניט גערעדט. דער פריי־מאָרגן האָט זיך פויל צעוויקלט אף די גאסן. די מיידלעך האָבן באטראכט די שטאָט, ווי אן אומבאקאנטע. לעם סאָבאָר איז דער באנאכטיקער שנייִקער פאס געלעגן א ניט־געריררטער, א זויבערער. ער האָט מיט זײַן ווײַסקייט געבלענדט אין די אויגן. דוווירעלע האָט מיט גרויס ליבע פארבונדן די עקן פון דאָרעס האלדזטיכל און שטיל א זאָג געטאָן צו איר:

— דו ווייסט גאָרניט, דאָרע. איך נעם אלץ אף זיך.

■

ארקאדיעוו, דער שעף פונעם קרימינעלן אויסשפיר, האָט באגעגנט דוווירעלען ווי אן אלטע באקאנטע. ער האָט איר פאָרגעלייגט צורוקן דאָס בענקל נעענטער צום טיש, געקוקט אף איר בלאַס, אויסגעצערט געזיכט, זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און, ווי א פארכידעשטער, געפרעגט:

— עפּעס איז אײַך שטארק בלאָוו אונטער די אויגן?

דוווירעלע האָט געשוויגן. זי האָט באטראכט דעם צימער. די פענצטער זײַנען געווען פאר־האנגען מיט צײַטונגען. ס'איז געווען טונקל, ווי פארנאכט. די פאפּקע מיט פאפּירן איז געלעגן לעבן ארקאדיעוון א צעעפנטע. דוווירעלען האָט שטארק ווי געטאָן דער עלנבויגן פון דער רעכ־טער האנט. זי האָט די האנט ניט געקאָנט צונויפבייגן. דער ארבל פונעם קאָפטל איז געווען צעריסן. ארקאדיעוו האָט געקוקט אפן בלאָוון געשווילעכץ מיט נײַגער:

— וואָס איז עס דאָרט בא אײַך? אָט טײַוולאָנים אין אָט דער קאָנטרראזוועדקע! זיי ברעכן גאָר די הענט.

דוווירעלע האָט אים געבעטן, ער זאָל איר געבן א שפּילקע. זי האָט מיט דער לינקער האנט אָנגעוויזן אפן צעריסענעם ארבל:

— אײַערע לײַט...

ארקאדיעוו האָט זיך העפלעך פארנייגט:

— אנטשולדיקט, מאדמואזעל, נאָר דאָס זײַנען ניט אונדזערע לײַט. מיר באגייען זיך גאָר אנדערש, ביפראט נאָך מיט שיינע מיידלעך.

ער האָט ארויסגענומען פון די פאפּירן א שפּילקע און איר דערלאנגט.

דוווירעלע האָט אויסגעשטרעקט צו אים די לינקע האנט. ארקאדיעוו האָט די האנט ניט ארויסגעלאָזט:

— א מיידל מיט אזעלכע שיינע הענט זאָל גאָר אָנטרעפן אין דער קאָנטרראזוועדקע.

דווירעלע האָט זיך אָנגעשטרענגט און די האַנט ארויסגעריסן. זי האָט פון ווייטעק פאַר־ביסן די ליפּן און מיט מאַטערניש צוגעשפּיליעט דעם צעריסענעם אַרבל.

אַרקאַדיעוו האָט איבערגעלייגט די פּאַפּירן און אַ צײַט לאַנג געשוויגן, ווי פאַרגעסן אין דווירעלען. זי האָט אים דערמאָנט:

— צוליב וואָס האָט איר מיך גערופן?

ער האָט זיך אופגעהויבן. ערשט איצט האָט דווירעלע דערזען, וואָס פאַר אַ גוואַר אָט דער אַרקאַדיעוו איז. ער האָט צעשפּיליעט די אייבערשטע קנעפּ פון דער ברוינער קאַסטראָוועער טוזשורקע און געגומען אַרומשפּאַנען איבערן צימער מיט ווייכע קעצישע טריט. ער האָט נאָך אַלץ געשוויגן. דווירעלע האָט געבעטן אַ טרונק. אַרקאַדיעוו האָט זיך אינמיטן צימער אָפּגע־שטעלט. אויסגעקנאַקט די דיקע פינגער.

— אַ טרונק, נעבעך, ווילט איר? אָט מערדער אַזעלכע אין דער קאָנטרראַזוועדקע! אַזאַ יונג מיידל האַלט מען פאַרשמאַכט, קימאַט אַ קינד...

ער איז צוגעגאַנגען מיט ווייכע טריט צו דווירעלען, אָנגעבויגן דעם קאָפּ און זי אָנגענומען באַם קין.

— איר זײַט דאָך טאַקע נאָך אינגאַנצן אַ קינד.

דווירעלע האָט אים אָפּגעשטופּט פון זיך.

אַרקאַדיעוו איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט לאַנג געפּיקט מיט די גראָבע פינגער אין שויב. נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צו דווירעלען און רויִק, ווי וועגן אַ ניט־וויכטיקער זאַך, זיך צו איר געווענדט:

— איז עפּשער, טײַערע, וועט איר מיר אָנרופן די פאַמיליע און דעם אַדרעס פון סעמיאָנען? זײַט אַזוי גוט...

דווירעלע האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ און אַרײַנגעקוקט גלײַך אין אַרקאַדיעווס מוטנע צוגעזשמורעטע אייגעלעך:

— איך ווייס ניט.

אַרקאַדיעוו האָט געמאַכט אַ קרײַז אַרום טיש און זיך צוגעזעצט. ער האָט איבערגעמישט די פּאַפּירן פון דער צעעפנטער פאַפּקע און, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, שטיל געזאָגט:

— אייגנטלעך, איז דאָס פון מײַן זײַט פּאַשעטע נײַגעריקייט. סעמיאָנס אַדרעס ווייסן מיר. וואָס זשע, איר מיינט, מאַדמואַזעל, אַז אַלע אײַערע כאַווירים זײַנען אַזעלכע אײַנגעשפּאַרטע, ווי איר? איך וויל בלויז, אַז איר זאָלט עס מיר באַשטעטיקן. עפּשער האָבן זיי אַ טאָעס געהאַט?

ער האָט אַרויסגענומען פונעם טיש־שופלאָד אַ קאָנווערט מיט פאָטאָגראַפיעס און פונוויײַטנס געוויזן זיי דווירעלען:

— אָט זעט, אַדעראַבע... איר דערקענט זיי? זיגמונד, רײַע, דאָרע, פאָליע, און אָט איז ריבנער.

— ס'איז אַ ליגן. קיינער פון זיי האָט אײַך סעמיאָנס אַדרעס ניט אָנגערופן.

אַרקאַדיעוו האָט זיך געמאַכט, ווי ער הערט ניט, וואָס דווירעלע זאָגט, און אַרויסגענומען אַ נײַ בילד:

— נו, און אָט דעם קענט איר? מישע... מישע פעלצמאַן. פאַר אים זײַט איר אויך אָרעוו, אַז ער האָט דעם אַדרעס ניט אָנגערופן?

דווירעלע האָט געשוויגן. אַרקאַדיעוו האָט דעם קאָפּ אופגעהויבן.

— וואָס זײַט איר מיטאַמאָל אַזוי בלייך געוואָרן? אַך, יאָ, אַ מין קאַוואַלער איך בין! פאַר־געסן גאָר, אַז איר האָט בײַ מיר געבעטן אַ טרונק, די ליפּעלעך זײַנען דאָך בײַ אײַך אַזוי פאַר־שמאַכט.

ער האָט אָנגעגאָסן פון גראַפין אַ גלאָז וואַסער און דערלאַנגט דווירעלען. זי האָט גענומען די גלאָז, אַ קוק געגעבן אַף אַרקאַדיעוון און אויסגעגאָסן די וואַסער. ער איז אופגעשפּרונגען פון אָרט:

— אַך, אַזוי גאָר, ביסטו, הייסט עס, קעצעלע, נאָך אַן אַקשן אויך דערצו?

ער האָט אָנגעקוועטשט דאָס גלעקל. ס'זײַנען אַרײַנגעקומען צוויי פאַרשוינען און אַרויס־געפירט דווירעלען. פון שכיינעסדיקן צימער האָבן זיך באַלד דערהערט טיפּע און אָפּגעריסענע קרעכצן. נאָכדעם אַ לאַנגזאַם כליפּען, דערנאָך אַ שאַרפער ווײַ־געשריי און אַ שווערער שטומער געראַנגל. אַ צעבלוטיקטע האָט מען ווידער אַרײַנגעפירט דווירעלען צו אַרקאַדיעוון אין קאַבי־נעט. דאָס קאָפּטל איז אַף איר געווען צעריסן, דאָס געשווילעכץ אַפן עלנבויגן צעיאַטערט, ווי אַ פרישע וווּנד. די פינגער בלאָו, אופגעלאָפן און פאַרקלעמט. זי איז געווען פאַרכאַלעשט. אַרקאַ־דיעוו האָט זיך געטומלט, געשפּריצט אַף איר וואַסער. דווירעלע האָט געפינטלט מיט די אויגן, און די ווײַס האָבן בײַ איר געציטערט, ווי מע זאָל זיי נאָך דאָ איצט, אין קאַבינעט, רײַסן. זי האָט שווער אָפּגעאָטעמט. אַרקאַדיעוו איז געשטאַנען לעבן איר מיט דער גלאָז וואַסער:

— אָבער איצט, קינד מײַנס, וועט איר זיך ניט אָפּזאָגן פון א טרונק?
דווירעלע האָט א ריס געטאָן בא אים פון דער האַנט די גלאָז און האַסטיק א פּאָר שלונג געטאָן... זי האָט געוואָלט מיט דער לינקער האַנט, ווי איר געוווינהײַט איז, צוגלעטן די האָר, איז זי ניט אימשטאַנד געווען אופהייבן די האַנט.
אַרקאַדיעוו האָט זיך אוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער גרייס זײַנער און זיך אָנגערופן צו דווירעלען:
— איך ווענד זיך צו אײַך דאָס לעצטע מאָל. מיילע, סעמיאָנס אַדרעס ווילט איר ניט זאָגן, בין איך אײַך מוחל. אָבער וווּ זײַנען די קערענקעס, די קאַסע איז בא וועמען?
דווירעלע האָט געשוויגן. אַרקאַדיעוו איז נאָענט צוגעגאַנגען צו איר און מיטביידע הענט זיך אײַנגעקלאַמערט אין די צאַפּלדיקע ברייסטן אירע.
אין קאַמערע האָט דווירעלע געזונגען.
זי האָט געזונגען לידער פון רעוואָליוציע. און קינדער־לידער, וואָס זי האָט פון דער מאַמען געהערט, לידער ייִדישע, רוסישע און אוקראַיִנישע. אין קאַמערע איז געווען ענג, שמוציק און פינצטער. אין די הערצער בא דווירעלעס יונגע כאַווערטעס איז געוואָרן ליכטיק. דווירעלעס געזאַנג האָט צעשפּאַרט די ווענט פונעם בולוואַרנע אוטשאַסטאָק און א לויטערער זיך געטראָגן, ווי אַן אָנזאָג, איבער די גאַסן.

■

א גאַנצן טאָג האָט מען געפּירט דווירעלען אויף און אָפּ אפן פּערטן שטאָק פונעם קרימינעלן אויספּיר צו אַרקאַדיעוון. זי איז געווען פאַרמאַטערט פונעם אָפטן הייבן זיך איבער די טרעפּ. שווער געאָטעמט. ס'האָט איר אויסגעפּעלט לופט. זי האָט געבעטן די באַגלייטער דערלויבן איר זיך אוועקזעצן און אָפּרוען.
— נאָר אַף א פּאָר רעגעס.
מע האָט איר דערלויבט. נאָר פּלוצעם האָבן זי די סאָלדאַטן א טאַרקע געטאָן מיט די פּריקלאַדן.
— שטיי אוף!
מע האָט געפּירט א גרופּע אַרעסטירטע. דווירעלע האָט אינסטינקטיוו א פּיר געטאָן מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט איבער דעם שרונט אפן קאָפּ און זיך אַרײַנגעשניטן מיט די אויגן אין דער גרופּע. אָט איז יאַשע רייפּמאַן — דער „אַפּיקוירעס”. דער צעריסענער פּידזשאַק איז אַרופּגעוואָרפן אַף די אַקסלען, ניט געקאָנט אים, ווײַזט אויס, אָנטאָן. אויך אים האָט מען אין דער קאָנטראַזוועדקע געדרייט די הענט. ער שמייכלט, יאַשע, און שאָקלט מיטן קאָפּ אַף ניין. ערנסט און שטרענג, מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן גייט זיגמונד. א פּאַרטראַכטער, מיט א ליכטיקן בליק פון די בלויע אויגן שלעפּט זיך וואַסיל פּעטרענקאָ. אָנשפּאַרנדיק זיך אַף מישע פּעלצמאַנס אַקסל. פּעלצמאַן איז דערשלאָגן, האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. ער איז קליין, דאַר און אײַנגעשרומפּן, און אַפילע די וואַכטע קוקט אַף זײַן רוקן מיט ראַכמאָנעס.
מיטאַמאָל האָט דווירעלע דערפילט עמעצנס וואַרעמע, ווייכע האַנט בא זיך אפן אַקסל. זי האָט אופגעציטערט און א רײַב געטאָן די אויגן. לעבן איר איז געשטאַנען רינגער, איר רינגער, פּונקט אַזאַ, ווי ער איז געווען דעמאָלט אין האַפן, ווען זיי האָבן זיך געזעצט אַף דער שיף און ער איז דערנאָך פון איר די גאַנצע צײַט ניט אָפּגעטראָטן אַף דער פּאַלובע. אַלע האָבן דעמאָלט אַף זיי געטײַט מיט די פינגער:
— כאָסן־קאַלע.
רינגער האָט אַף א ווײַלע פאַרהאַלטן די האַנט אַף איר אַקסל, אַרײַנגעקוקט איר אין די אויגן און אַפּגיך א זאָג געטאָן:
— מע פּײַניקט דיך? שטאַרק זיך, אונדזערע האָבן גענומען כערסאָן!
די וואַכטע האָט זיי אָפּגעריסן איינס פון צווייטן:
— ניט אָפּשטעלן זיך!
רינגער איז שוין אפן אייבערשטן טרעפּל בא דער טיר, וואָס איז אַרומגעשלאָגן מיט ווײַסן פּילץ. דאָרט אינווייניק זיצט אַרקאַדיעוו. די טרערן האָבן א כלינע געטאָן בא דווירעלען פון די אויגן, ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך געעפנט און פון דאָרט זאָל א פּלייץ טאָן א שטראָם. זי האָט זיך אויסגעקערעוועט און א געשריי געטאָן:
— רינגער!
זי איז טייקעף געבליבן שטיין, אָפּגעווישט מיט דער לינקער האַנט די טרערן, א פּיר געטאָן איבערן שרונט אפן קאָפּ און מיט א פרייליכקײַט, וואָס האָט פאַרוווּנדערט די וואַכטע, געזאָגט:

— וואָס שטייען מיר? לאָמיר גיין!

ערשט אין קאַמערע האָט זיך דווירעלע דערמאָנט, כאָטש זי האָט עס טייקעף באַמערקט, ווי נאָר רינגער האָט אַף איר אַקסל זײַן האַנט אַרופגעלייגט און איר אין די אויגן אַרײַנגעקוקט, — דאָס מויל איז בײַ אים געווען אײַנגעפאַלן, מע האָט אים די ציין אויסגעשלאָגן.

אַפן דיל איז געלעגן אויסגעשפּרייט דאָרעס רעגנמאַנטל. מע איז געלעגן זאַלבעדריט: דווירעלע, דאָרע און פֿאַליע באַרג. אַנטקעגן, האַרט לעבן די גראַטעס, האָט געצאַנקט דאָס קאַנעצל. דווירעלע האָט דערציילט וועגן איר באַגעגעניש מיט די כאַווירים.

— מע האָט זיי אַלעמען געפּײַניקט. דאָס איז געווען גלײַך צו באַמערקן. רינגער האָט געזאָגט, אַז כּרסאָן איז שוין געגומען!..

דאָרע איז אויפגעשפּרונגען פונעם דיל, צוגעלאָפן צו דער טיר און גענומען קלאַפּן מיט די קליינע פויסטלעך:

— אַלעמען, אַלעמען, אַלעמען! כרסאָן איז בײַ די רויטע!

דער וועכטער האָט געעפנט דאָס טירל און בייז געשריִען:

— מיידלעך, שטילער!

דווירעלע איז געלעגן אַפן דיל, צוגעהאַלטן דעם עלנבויגן, די וווּנד האָט איר איצט שטאַרק וויי געטאָן, נאָר זי האָט געזונגען. נאָכדעם האָט דאָרע דערציילט וועגן איר אַרבעט אין דער „אויסלענדישער קאָמיסיע“, וועגן אירע באַגעגענישן מיט די פראַנצויזישע מאַטראָסן.

— ווי נאָר אונדזערע וועלן באַפרײַען אָדעס, דערלערן איך גרינטלעך די פראַנצויזישע שפּראַך.

פֿאַליע האָט דערציילט וועגן יוגנטלעכן קאַמף־אָטריאַד פון דעם נאָדל־פאַריין.

דווירעלע האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעקוועטשט און געזאָגט צו די כאַווערטעס:

— מיר דאַרפן באַטראַכטן, ווי צו האַלטן זיך אַפן געריכט. זיי וועלן ניט וואַגן אונדז צעשיסן!

זי האָט זיך אָנגעבויגן צו די כאַווערטעס און שטיל צוגעגעבן:

— און אויב יאָ, איז וועלן מיר שטאַרבן ווי רעוואָליוציאָנערן...

דאָרע האָט זי געבעטן זיך צולייגן, מע דאַרף זיך אויסרוען:

— עס שטייט דאָך נאָך אונדז אַזויפיל פאָר!

ווידער זײַנען זיי געלעגן זאַלבעדריט. פֿאַליע באַרג האָט געזאָגט, אַז ס׳שרעקט זי ניט אַזוי דער טויט, ווי זי האָט ראַכמאָנעס אַף איר קליין שוועסטערל, וואָס איז געבליבן אַליין. דווירעלע האָט געגלעט די כאַווערטע איבערן פּאָנעם:

— לאָמיר ניט טראַכטן וועגן טויט... וועסט נאָך, פֿאַליטשקע, מיר אַ נײַ קלייד אויפנייען. אַזאַ ווי דו קענסט, און אַט דאָס קאָפּטל מײַנס מיט די בלוטיקע פלעקן וועלן מיר אַף דער ערשטער דעמאָנסטראַציע אונדזערער טראָגן ווי אַ פאָן.

דאָרע האָט זיך געבעטן:

— שוין שפּעט. מע דאַרף זיך אויסשלאָפן...

■

אין טונקעלן קאָרידאָר זײַנען אָפן אַלע קאַמערעס. מע לאָזט איצט אַרויס די קרימינעלע אַף אַ שפּאַציר. זיי פאַרהאַלטן זיך אומיסטן בײַ דער קאַמערע נומער 6 פון די פּאָליט־אַרעסטירטע: זיי ווייסן אַלע נעמען פון די „17“. עס שײַנט: דער גאַנצער בולוואַרנע אָטשאַסטאָק האָט זיי, די דאָזיקע נעמען, גוט אײַנגעכאַוערט, און זיי טראָגן זיך איצט איבערן קאָרידאָר, ווי קלאַנגען פון אַ גלאָק:

— פֿאַליע...

— דאָרע...

— דווירעלע...

— סטעפאַן...

— באָריס...

— זיגמונד...

דורך די אײַזערנע גראַטעס פונעם קליינינקן פענצטערל שטעקן זיך אַרויס עמעצנס לאַנגע דאַרע פינגער און ס׳ציִען זיך שוין צו זיי צענדליקער הענט. אין דער קאַמערע נומער 6 הערט מען זיך אײַן צו די אויסרופן, צו דעם, ווי עס הילכן אָפּ די לעצטע שווערע טריט און ווי שווער און האַמעטנע עס שטעלט זיך ווידער אײַן די פּײַנלעכע שטילקייט.

דווירעלע דערציילט דאָרען וועגן דעם כאָלעם, וואָס האָט זי אַ גאַנצע נאַכט פאַרפאָלגט:

— ס'איז געווען, דאָרע, ווי עפּעס גאָר א נאָענטער מענטש, וואָס ווייסט גאַנץ גוט דאָס לעבן אף נאָוואָריבנע אין קעלער־שטוב פון דעם אינקאַסאַטאָר פון „האַכנאָסעס קאַלע", זאָל וועגן דעם א בוך אָנשרײַבן. האָב איך אין שלאָף דעם דאָזיקן בוך מיט גרויס נײַגער געלייענט, און ווי אף עקראַן איז פאַר מיר דורך דאָס לעבן פון אַן אָרעמער מישפּאָכע אין אָדעס. איך האָב געזען דעם טאַטן, ווי ער ליגט דאָרט אין פינצטערלעכן שטויביקן ווינקל און שפּײַט מיט בלוט, די מאַמע, וואָס האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָרן די האָפענונג, און יאַסקען, ווי ער שפּאַנט אַרום פון ווינקל צו ווינקל און בינדט איבער דאָס פּאַסיקל...

דאָרע איז געזעסן אפן קאַלטן שטיינערנעם דיל, אַרופגעלייגט דעם קאָפּ אף דווירעלעס קני, און געשלונגען אירע ווערטער, וואָס האָבן איר איצט, אין קאַמערע, אויסגעוויזן אזוי וווּנדערלעך, ווי דאָס לעבן, פון וועלכן מע האָט זיי אָלעמען אָפּגעטיילט מיט ווענט, מיט אײַזן און ביקסן.

דווירעלע האָט דערציילט וועגן יאַסקען.

— איך גלייב, — האָט געזאָגט דווירעלע, — ער גייט איצט אַרום, יאַסקע, אף נאָוואָסעלסקע, לעבן דעם „טויטן הויז", עפּשער אָט דאָ גאָר נאָענט אף פּרעאָבראַזשענסקע, א שטילער און פאַר־טראַכטער, מיט א ווונד אין האַרצן און זוכט זײַן שוועסטער...

דאָרען ציִען די פיס, ווי אין קראַמפּן. דעם גאַנצן ווייטעק, וואָס האָט זיך אף איר אָנגעוואָל־גערט, פּילט זי אין די שפּיץ פינגער. די פינגער אף די פיס בלוטיקן, אַלע נעגל האָט מען דאָך איר אָפּגעריסן. זי דערפילט דעם שטאַרקן ווייטעק און פאַרשטעלט די אויגן.

די ליפּן בא דאָרען זײַנען בלאַסע און דינע. אז זי רעדט, צעעפנט זי לאַנגזאַם דאָס מויל. ס'גיבן א שעמעריר אירע ווײַסע ציין. ס'איז איר שווער צו ריידן. דווירעלע האָט עס באַמערקט. זי גלעט דאָרעס קאָפּ און זינגט איר די באַליבטע לידער. ס'שאַרט זיך צו זיי צו פאַליע. פון אונ־טער די בלאַטערן אף איר פּאָנעם זעט מען קוים אַרויס די אויגן, וואָס ווײַזן אויס ווי צוויי שוואַר־צע פלעקן.

די כאַוועריטעס בעטן דווירעלען:

— זינג, דווירעלע, זינג...

זי נעמט מיט בײדע הענט אַרום די כאַוועריטעס. זי צילט אָן די אויגן אפן פענצטערל אין גראַטעס, פאַרטראַכט זיך א ווײַלע און זאָגט:

— כ'דערמאָן זיך איינע א ליד, וואָס די מאַמע מײַנע פלעגט אָפט זינגען. אָט הערט:

...יעצט ווײַזט דיר אויס דײַן וויגעלע,
ווי א גרויס געצעלט.
דו וועסט ווערן עלטער, וועסט ווערן גרויס,
וועט דיר ווייניק זײַן די וועלט.

שטיל קוקט אף דיר דער הימל,
ווי א מוטער אף איר קינד,
אזוי זיס זאָל זײַן דײַן דרימל,
שלאָף זשע, שלאָף, מײַן קינד.

לעבן דײַן וויגעלע, לעבן דײַן וויגעלע
זע איך עפּעס שטיין.
עס איז א גאָלדן ציגעלע
און די האָפענונג אליין.

מיט דער האָפענונג וועסטו האַנדלען
גוטס צי שלעכטס, ווער ווייסט.
זי וועט דיר ברענגען ראָזשינקעס, מאַנדלען,
אָט דאָס וועט זײַן די טרייסט...

זי איז מיד, דווירעלע, פון אינדערפרי זינגט זי.

זי הייבט זיך אוף און זאָגט:

— קיינמאָל אין מײַן לעבן האָב איך, דאַכט זיך, נאָך אזויפיל ניט געזונגען...

— און מאָרגן איז דער געריכט...

אַלע דרײַ מיידלעך קוקן זיך אום. אויך פאַליע, וואָס זי אליין האָט עס איצט אומגערן פון איר מויל אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע שוידערלעכע ווערטער. באַם פענצטערל שטייט אומבאַוועג־לעך דער וואַכמאַן און פאַרשטעלט מיט זײַן ברייטן רוקן די קאַרגע גרויע שײַן פונעם קאָ־רידאָר...

דווירעלע שטייט בא דער פאַריגלעטער טיר. זי שפּאַרט זיך אָן מיט דעם גאַנצן קערפּער אַף דער טיר, ווי זי זאָל זי וועלן אַרויסזעצן.

— מאָרגן איז דער געריכט, — כאַזערט זי איבער, — מאָרגן וועלן מיר ווידער קוקן דרייסט אונדזערע סאָנים אין די אויגן, מאָרגן...

אַף דווירעלעס קאָפּ איז פונעם פענצטערל אַראָפּגעפאַלן אַ פּאַפּירל. דאָרע מיט פאַליען האָבן עס באַמערקט און טייקעף אונטערגעשפּרונגען. דווירעלע האָט אונטערגעהאַלטן דאָרען און צעוויקלט דאָס צונויפגעלייגטע פּאַפּירל. אַ האַלבע זײַט „קאָמוניסט". אַלע דרײַ האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן דיל. דווירעלע האָט צעשפּרייט די צײַטונג אַף די קני. פאַליע האָט ווידער, ווי אומגעריכט פאַר זיך אַליין, געזאָגט:

— דאָס לעצטע מאָל לייענען מיר אונדזער צײַטונג...

דווירעלע האָט דורכגעלאָזט אירע ווערטער, ווי אַ ווינט, וואָס פליט פאַרבײַ און פאַרשווינדט טייקעף. זי האָט געלייענט מיט גרויס דערהייבונג:

...די רויטע אַרמיי גרײַפט אָן אַף ברעסלאַוו, אַף פּערעקאָפּ.

אַ פרײלעך פײַערל האָט זיך אָנגעצונדן אין דאָרעס אויגן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אַף דווירעלעס אַקסל און מיט אַ זינגעוודיק קאָל געזאָגט:

— הײַנט כערסאָן, און מאָרגן — אָדעס...

— יאָ, יאָ, טײַערע מיידלעך, — האָט געזאָגט דווירעלע, — שוין גיך, גיך. אַמבאַ, ווי רינגער זאָגט אין אַזוינע פאַלן...

זי האָט אָפּגעריסן באַם ראַנד פון דער צײַטונג אַ שטיקל פּאַפּיר, אָפּגיך מיטן בלײַשטיפט אַף דעם אָנגעשריבן עפּעס און איבערגעגעבן די כאַווערטעס.

פאַליע האָט די דעפּעש געלייענט אַף אַ קאָל:

— איבער סטראַטעגישע טײַמים האָבן מיר דעם 20 יאַנוואַר פאַרלאָזט די שטאָט אָדעס...

פאַליע האָט געלאַכט. דאָרע האָט געדריקט דווירעלעס האַנט. דווירעלע האָט פאָרגעלייגט:

— לאָמיר, מיידלעך, שרײַען „הורא". אַזוי וועט טאַקע זײַן!

אַלע דרײַ האָבן געשריגן „הורא". דער וואַכמאַן האָט זיך אויסגעקערעוועט צום פענצטערל און בייז געשאָקלט מיטן קאָפּ. ס'האָט זיך אָנגערוקט די שטילקײַט. אַלע דרײַ זײַנען געזעסן אַפן דיל צונויפגעדריקט און געשריבן די לעצטע געזעגענונגס־בריוו. דווירעלע האָט געשריבן יאָסקען:

„...טײַערער יאָסקע, באַרויק די מאַמע. איך בין אַלט צוואַנציק יאָר, נאָר איך פיל, אַז איך בין שוין אַ סאַך עלטער. זײַט גליקלעך. גיב איבער די כאַווײרים, אַז איך וועל גיין צום טויט מיט געזאַנג. זאָג זיי, זאָלן זיי דערפירן אונדזער הייליקע זאַך ביז צום זיג..."

■

אין דער מענער־קאַמערע איז רינגער געלעגן אַ שטאַרק צעמאַזיקטער, אים איז שווער געווען זיך האַלטן אַף די פיס. ער איז געלעגן דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין די אייגענע צענומענע דלאָניעס, ווי אין אַ קישן. ער האָט די כאַווײרים דערציילט זײַנע אַמעריקאַנער געשיכטעס.

די כאַווײרים האָבן געקוקט אַפן „אַמעריקאַנעץ", ווי דאָס גאַנצע פּאָנעם זײַנס קוועלט אָן, ווען ער דערמאָנט זיך אין די אייגענע אופטוען זײַנע. אַז רינגער האָט פאַרענדיקט מיט זײַנע געשיכטעס, האָט מען אים געבעטן:

— דערצייל עפּעס וועגן סעמיאָנען. ווי זעט ער אויס? וואָס פאַר אַ כאַראַקטער בא אים?

סעמיאָן — דער דאָזיקער נאָמען באַגלייט זיי אַף די טריט פונעם קרימינעלן אויסשפּיר, אין דער הויפּט־וואַכטע, דאָ, אין בולוואַרנע אוטשאַסטאָק.

אומעטום קלינגט אין זייערע אויערן די פאָדערונג פון די הענקער:

— זאָג סעמיאָנס אַדרעס! רוף אָן די פאַמיליע זײַנע, אַניט...

און קיינער פון די, וואָס זיצן דאָ אין קאַמערע, אויסער רינגערן, האָט סעמיאָנען אין די אויגן ניט געזען, נאָר יעדערער האָט אָט דעם געהיימניספולן נאָמען „סעמיאָן" טיף אויסבאַהאַלטן בא זיך אין האַרץ, ווי אַ גרויסע טרייסט אין שווערן קאַמף, און ניט איינער שוין האָט פון שלאָף זיך געבעטן בא אָט דעם אומבאַקאַנטן סעמיאָנען:

— כאַווער סעמיאָן, היט זיך, מע וויל אײַך האַרגענען...

רינגער דערציילט:

— אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער איז סעמיאָן, אַ גרויסרוסישער סויכער. פון ריאַזאַן. טרינקט זודיקע טיי, און שטענדיק פון דער שאָל.

רינגער לאַכט. נאָר די כאַווײרים זײַנען ערנסט און קוקן אַף אים פאַרגאַפט. וואָס נאָך זאָגט מען זיי? רינגער דערמאָנט זיך:

— ער האָט ליב שפּאַסן, סעמיאָן, דעם קאַמף, וואָס עס פירט קעגן אונדז די קאָנטראַז־וועדקע, רופט ער קאַמף פון צאַפּן קעגן דאָרעם.

אויך דערביַי שמייכלט קיינער ניט. רינגער קוקט אַף די כּאַווירים, הייבט זיך מיטאַמאָל אוף און זאָגט מיט אַ געמאַכטן רויִקייט:

— וואָס נאָך האָט איר געוואָלט? אַן עכטער באָלשעוויק איז ער, סעמיאָן, און אַ טיַיערער כאַווער, אמבאַ...

האָט מען גראָד איצט ראַשיק אופגעעפנט די קאַמערע:

— טאַמפּסאָן דזשאָזעף!

דער „אמעריקאַנעץ" האָט זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו די כאַווירים און פעסט אריבערגעטראָטן די הויכע שוועל.

ווידער דער באַקאַנטער וועג פונעם בולוואַרנע אוטשאַסטאָק אַף נאָוואָסעלסקע, 64. די ליכטי־קייַט פון טאָג שניַידט די אויגן. ער וועט זיי נאָך מער צעעפענען, די אויגן זיַינע, ווי אָנשעפּן מיט זיי די שיַין פונעם העלן טאָג. ער וועט דעם גאַנצן וועג צו דער נאָוואָסעלסקע גיין מיט אַן אופגעהויבענעם קאָפּ. ער טראַכט נאָר ניט וועגן דעם, וואָס וועט ער דאָרט זאָגן. ס'איז נאָך אַ סאָפעק, צי וועט מען אים דאָרט ווידער פרעגן:

— ווו וווינט סעמיאָן?

— זיַין עמעסער נאָמען?

פּאָשעט פאַרן געריכט ווילן זיי אים נאָך אָנשרעקן. טיפּשים, גלייבן זיי, אַז דורך נייַע פּייַני־קונגען וועלן זיי עפּעס פון אים אַרויסבאַקומען. מיילע, אַ פאַרדראָס נאָר, וואָס ער האָט דאָס צע־טעלע פון דווירעלען איבערגעלאָזט אין קאַמערע. דווירעלע האָט אים געשריבן:

„איך שרעק זיך ניט פאַרן טויט, נאָר לעבן ווילט זיך אזוי..."

ער ווייסט דאָס גאַנץ גוט. פּונקט וועגן דעם האָט ער אויך געוואָלט איר שריַיבן. מאָרגן וועט ער זיך מיט איר טרעפן אַפן געריכט. צווישן די איבעריקע „17". זי וועט זיצן אַף דער פאָדער־שטער באַנק, ווי נעכטן און אייערנעכטן, און ער, טאַמפּסאָן דזשאָזעף — הינטער אירע פּלייצעס. עפּשער וועט שוין זיַין אַ מעגלעכקייַט אָנשפּאַרן די הענט אַף אירע אַקסלען און דערפילן נאָכאַמאָל די וואַרעמקייַט פון איר לייַב, פון איר האַרץ, פון אירע שיינע שוואַרצע אויגן. די וואַרעמ־קייַט, וואָס קיין מענוווּל פון דער קאָנטראַזוועדקע קאָן ניט אויסלעשן.

ער האָט זיך גאָרניט געריכט, רינגער, אַז אזוי גיך זאָל זיך עפענען פאַר אים די טיר אַף נאָוואָסעלסקע, 64. די געדאַנקען האָבן פאַרשלונגען דעם וועג. אַ כּידעש, וואָס מע פירט אים איצט ניט ווי געוויינלעך דורכן הויף, נאָר דורך דער פאָדערשטער טיר. אַ כּילעק איז דאָס ניט קיין גרויסער. ער פאַרקערעוועט אַליין צו אַרקאַדיעווס קאַבינעט, גייט אַהין אַריַין מיט זיכערע מענערישע טריט, שטעלט זיך אַוועק באַ דער וואַנט, ווי באַ אַ באַליבט אָרט. פונדאַנען זעט מען בעסער אַרויס סיַי אַרקאַדיעוון, סיַי דעם גאַנצן קאַבינעט, וואָס איז שטענדיק באַלויכטן מיט אַ מאָדנער גרויער שיַין. ער קוקט איצט ניט אין אַרקאַדיעווס זיַיט. פאַר די עטלעכע מאָל, וואָס ער איז דאָ געוועזן, האָט ער שוין גוט אויסגעלערנט די אַלע מאַנירן און גענג אַרקאַדיעווס. קיין נייַס וועט שוין אָט דער הענקער אויך הייַנט ניט אַרייַנטראָגן.

— נאָר וועמעס פאַבריקע עפּאָלעטן האָבן פּלוצלינג דאָ אַ פינקל געטאָן?

רינגערס בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַן אַלטן מאַן מיט אַ געגאָלטן קאָפּ, וואָס זיצט אין לענשטול, אין אַ פּרעכטיקער אוניפאָרם. ער נעמט ניט אַראָפּ, דער אומבאַקאַנטער, די גאַנצע ציַיט דעם בליק פון רינגערן, באַטראַכט אים אופמערקזאַם, שווייַגט, ווי ער זאָל גרייט זיַין צו וואַרטן, עפּשער וועט ער, רינגער, זיך אַ קערעווע טאָן, וועט ער נעמען אים שטודירן פון אַ נייַער זיַיט. אויסער אים, איז דאָ אין קאַבינעט קיינער ניטאָ. רינגערן איז שווער צו שטיין אַף די פיס. לאָזט ער זיך לאַנג ניט בעטן און זעצט זיך צו אַפן דיוואַן. דער אומבאַקאַנטער הייבט זיך אוף, גיט אַ ניט־דרייסטן שפּאַן און שטרעקט אויס די האַנט צו רינגערן:

— פּאָלקאָווניק יאָלש.

די האַנט זיַינע בלייַבט הענגען אינדערלופטן. נאָר ער פאַלט, וויַיזט אויס, באַ זיך ניט אַראָפּ, ער מעסט אָפּ נאָך איין שפּאַן, שטעלט זיך אָפּ און דערקלערט:

— פאַר איַיך שטייט דער שעף פון דער בריטישער מיסיע.

רינגער קוקט צו, ווי אַ זיַיטיקער, געטריבן פון נייַגער, וואָס וועט ער וויַיטער טאָן, אָט דער ענגלישער פּאָלקאָווניק. יאָלש רוקט זיך צו אַ שטול, זעצט זיך אנידער, בייגט זיך אָן און שפּאַרט אָן די הענט אָן די אייגענע קני, ווי אַ דאָקטער, גרייט אויסצוהערן אַ קראַנקן.

ער רעדט שטיל, אין אַ שלעכטן רוסיש. קוקט אַפן דיל, אויסמיַידנדיק זיך טרעפן מיט רינגערס אויגן.

— איר שײַנט צו זײַן אַן אַמעריקאַנער, אַלנפאַלס, אַזוי רופט מען אײַך אין דער באַלשע־וויסטישער אונטערערד, דערצו נאָך לויטן פּאַספּאָרט זײַט איר דזשאָזעף טאָמפּסאָן. איז זאָגט מיר, מײַן פרײַנט, נאָר דעם עמעס...

ער וואַרט, פּאָלקאָווניק יאַלש, גלײַכט זיך אויס, כאַפּט אַ קוק אין רינגערס לויכטנדיקע אויגן און כאַזוערט איבער דאָס, וואָס ער האָט שוין אָקאָרשט געזאָגט, אין ענגליש.

רינגער קוקט נאָך אַלץ מיט אינטערעס אויף יאַלשן. נאָר ער זיצט ווי צוגעשמידט, קיין אייווער רירט זיך ניט בײַ אים.

יאַלש גייט ווידער איבער אויף רוסיש. דאָס פּאָנעם פלאַמט בײַ אים פון גרויס אָנשטרענגונג.

— איר וועט מיר זאָגן נאָר אַ פּאָר אַדרעסן, אָנגעבן סעמיאָנס וווינונג, און איך זאָג אײַך צו, סער דזשאָזעף טאָמפּסאָן, אַז מאָרגן שוין וועט דער געריכט נעמען אַ נײַע שטעלונג צו אײַך, איר וועט אויסגעטיילט ווערן פון אַלע 17 באַשולדיקטע, מעגלעך, דער געריכט וועט לייגן אַכט אויף אײַער יונגקייט און קולטורעלקייט און אינגאַנצן אײַך באַפרײַען...

רינגער האָט נאָך אַלץ געשוויגן. יאַלש האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום פענצטער, לאַנג דאָרט געשטאַנען און אַרויסגעקוקט אין דרויסן, ווי געוואַרט, עמעצער זאָל צוקומען און אים אונטערזאָגן...

ער איז צוגעגאַנגען האַרט צו רינגערן און מיט אַ זיסלעכער שטים פאָרגעזעצט:

— כ׳האָב מיטלײַד צו אײַך, יונגער דזשענטלמען. אַלע אײַערע זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער קאָנטרראַזוועדקע. די אָרגאַניזאַציע אײַערע איז צעגראָמירט...

רינגער האָט זיך אויפגעהויבן. ער איז געשטאַנען פּאָנעם צו פּאָנעם מיט יאַלשן און ערשט איצט דערזען: מיט אַ קאָפּ איז ער העכער פון דעם ענגלישן פּאָלקאָווניק, דעם שעף פון דער בריטישער מיסיע.

— ניט עמעס, — האָט רינגער שטיל און ווירדיק געזאָגט. — ניט עמעס, סער. די בעסטע כאַווײרים אונדזערע, די אַלטע פּאַרטייִישע טוער, זײַנען גאַנץ, און אויף קיין רגע פאַרלאָזן זיי ניט די אַרבעט.

און עס זאָל זיך בעסער פאַרקריצן אין יאַלשס געגאָלטן קאָפּ, האָט רינגער דאָס זעלבע דײַטלעך איבערגעכאַזערט אין ענגליש.

■

דער שניי האָט געלאָזט. פון יאַם האָט געצויגן אַ וואַרעם ווינטל, און נאָר דער הימל איז געווען אַ בלײַענער, אַ ווינטערדיקער. און אָט זעט זיך פונוויַיטנס דער סאָבאָר. וויפל טעג איז שוין אַוועק, זינט דווירעלע איז דאָ געגאַנגען מיט דאָרען בײַ אַ זײַט פונעם זויבערן שנייִקן פּאַס! וויפל טעג!

מע מוז דאָס וויסן. עס טאָר קיין איין טאָג ניט פאַרפאַלן ווערן. דאָס לעצטע מאָל האָט זי אַרקאַדיעוו געפּײַניקט דאָנערשטיק. מע האָט זי מיט אַ רימען צום בענקל צוגעבונדן. אַרקאַדיעוו איז געווען אין אַ נײַעם אָנצוג. ער האָט זי געשראָקן:

— אונדזערע זײַנען שוין הינטער מאָסקווע!

דער רימען האָט זיך איר אין לײַב אײַנגעשניטן. די וווּנד פון דעם עלנבויגן האָט זיך צעיאַטערט. עס האָט זי אַ קאַלטער שווייס באַגאָסן.

— און אונדזערע, — האָט זי רויִק געענטפערט אַרקאַדיעוון, — זײַנען שוין אין כערסאָן...

דער שניי צעגייט. אין אָדעס איז עס מעגלעך, אַז דער פרילינג זאָל אָניאָגן מיטאַמאָל. דאָס זעלבע מיט דער רויטער אַרמיי. דער פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד אין אָלעשקאָ האָט זיך שוין זיכער פאַראייניקט מיט דער רויטער אַרמיי...

ברודנע גאַסן מיט אַש פאַרשאָטן. און איבער די כערסאָנער סטעפּעס שאַלט שוין די מוזיק פון די רויטע. די גאַנצע צײַט קומט אויס צו גיין אינמיטן שליאַך. מע האָט דעם אויִלעם צעטריבן. נאָר אַ געפיל איז, אַז אַלע גייען מיט, די מויערן און די גאַסן. עס גייען מיט מאָלדאַוואַנקער און פּערעסיפּער ראַיאָנען, אַלע „קאָנטאָרן“, „גאָרקיכן“, „קאַפע־הײַזער“. פון אַלע יאַווקעס גייען די כאַווײרים מיט. ס׳איז שטיל אויף די פאַרמאַטערטע גאַסן, גלײַך ווי אויך זיי האָט מען לאַנג געפּײַניקט אין דער קאָנטרראַזוועדקע און נאָכדעם אויפן פערטן שטאָק, בײַ אַרקאַדיעוון, מיט נאָדלען געשטאָכן, אויסגעדרייט די הענט, אויסגעשלאָגן די ציין...

אינמיטן שליאַך, אַרומגערינגלט מיט וועכטער, שפּאַנען דרײַ כאַווערטעס. ס׳בלאַנקען די אָנטבלויזטע שווערדן. ס׳קלאַפּן איבערן אָנטבלויזטן שטיין די סאָלדאַטישע אָפּצאַסן. אין דער הייך צערינט דער נעפּל. אַ בלויע פּאַסמע שלאָגט זיך דורך, ווי אַ שטראָם. ס׳צעוויקלט זיך אַ

גרויסע ליכטיקייַט. אין געריכט וועט מען זיכער ברענגען אויך די איבעריקע כאַווירים. זיבעצן יונגע באָלשעוויקעס, טרייַע דער רעוואָלוציע. דער געריכט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין א „יאַווקע". ס'וועלן דאָרט קלינגען עמעסע און אופריכטיקע רייד. זאָלן די סאָנים הערן און צעזעצט ווערן.

און אָט איז דער גרויער מויער מיט די אָפּגעקראָכענע ווענט.

פאַרן מיליטערישן פעלד־געריכט וועט דווירעלע ריידן ווי א דעלעגאַט פון אַלע אונטערער־דישע יאַווקעס, פון אַלע ראַיאָנען, פון אַלע פּראָפּאַריינען, פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, פון אָלעשקאָ, כערסאָן, וואָזנעסענסק. ווי א דעלעגאַט פון אירע דרייַ כאַווערטעס, ווי איינער פון די זיבעצן דרייסטע.

אין קאָרידאָר האָבן שוין אָפּגעוואַרט די איבעריקע 14 כאַווירים, פאַרמאַטערטע און שטאָלצע, מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן און מיט אָפענעם ליכטיקן בליק. די דעניקינישע באַגנעטן האָבן זיי אָפּגעטיילט איינעם פונעם צווייטן, נאָר דווירעלע איז געווען מיט אַלעמען און מיט יעדן באַזונדער. איבערריידן זיך לאָזט מען ניט. דווירעלע שמייכלט צו אַלעמען. זי שאַרט דעם שרונט מיט דער לינקער האַנט, און מיט א הויך אופגעהויבענעם קאָפּ גייט זי אַרייַן אין זאַל פון געריכט. זי פילט הינטער זיך בלויז די סאָלדאַטן און דאָס קלאַפּן פון די פּריקלאַדן איבערן דיל.

אָט איז די באַשולדיקונגס־באַנק. ווו זשע זייַנען די כאַווירים? פונעם גרויסן געריכט־זאַל ווייַעט מיט פּוסטקייַט. דער לאַנגער טיש איז באַדעקט מיט רויטן געוואַנט. דער רויטער שטאָף זעט אויס ווי א גרויסער און צעשוווּנקטער בלוטיקער פלעק. די ריכטער אין עפּאָלעטן און אין גאַלונעס האָבן ראַשיק צעפּראַלט די טיר און שטיל זיך אַראָפּגעלאָזט אף די געבעטע שטולן, ווי כאַראַטע געקראָגן אף דעם ראַש, מיט וועלכן זיי זייַנען אָקאָרשט אַרייַן אין געריכט־זאַל:

— דווירע... 20 יאָר אַלט?

— מיר וועט ערשט ווערן 20 אין פרילינג.

— דערציילט אַלץ, וואָס איר ווייסט!

— איך ווייס, אַז די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען כערסאָן, אַז זי דערנעענטערט זיך צו אָדעס, אַז דער זיג פון דער רעוואָלוציע איז נאָענט...

אפן צווייטן טאָג זייַנען אַלע דרייַ בענק פאַרפולט געווען מיט די 17 באַשולדיקטע. ווידער האָט רינגער אַרופגעלייגט זייַנע הענט אף דווירעלעס אַקסלען. ער האָט איר געזאָגט:

— זעסט, אונדזערע ריכטער זייַנען א ביסל שיקערלעך. דאָס איז צוליב זיכערקייַט...

דווירעלען האָט א רעגע פאַרקלעמט באַם האַרצן. זי האָט דערפילט, ווי רינגער שטאַמלט זקייניש מיט די ליפּן. קיין איין צאָן האָבן זיי אים ניט געלאָזט אין מויל, די מערדער.

אַז מע האָט דעם טויט־אורטייל איבערגעלייענט, האָט דווירעלע צוערשט אף די פאַרור־טיילטע כאַווירים א קוק געטאָן און יעדן איינעם מיט איר בליק א גלעט געטאָן. נאָכדעם האָט זי זיך פון אָרט אופגעהויבן. א ווייַלע געשטאַנען שווייַגנדיק, לאַנגזאַם מיט דער לינקער האַנט פאַריכט די האָר, עטוואָס א צי געטאָן דאָס קלייד... א פאַרגליווערטע שטילקייַט האָט געהערשט אין זאַל.

— און דאָס איז אַלץ? — האָט זי געפרעגט. — טאָ ווייסט זשע: איר מעגט יעדן טאָג האַר־גענען צו צען פון אונדז. אונדזערע כאַווירים נעמען אַלע טאָג א נייַע סטאַנציע, און זיי וועלן זיך אינגיכן דערקלייַבן צו אייַך...

ניט אַראָפּנעמענדיק די האַנט פון איר אַקסל, איז געשטאַנען הינטער דווירעלען רינגער און ווי פאַרגעזעצט איר געדאַנק:

— איר האָט זיך גאָרניט דערשלאָגן. איר האָט נאָר באַוויזן אייַער שוואַכקייַט...

די ריכטער זייַנען נאָך אַלץ געזעסן דערשטוינט און פאַרגליווערט. דווירעלע האָט זיך אויס־געקערעוועט צו רינגערן און זיך צעקושט מיט אים. אַלע יונגע זיבעצן קאָמונאַרן האָבן די הענט צו דווירעלען אויסגעשטרעקט. זי האָט אַרומגעשפּאַנט צווישן די באַשולדיקונגס־בענק א לייַכטע און א מונטערע און מיט יעדן זיך צעקושט. מיט דער לינקער האַנט האָט זי די כאַווירים פון צווישן די בענק אַרויסגעפירט, און דער גליווער פונעם מיליטערישן געריכט־זאַל איז אופגעריסן געוואָרן מיט א געזאַנג.

אפן צווייטן טאָג, ווי נאָר מע האָט די נייַע פאַרמישפּעטע צו טויט־שטראָף געבראַכט צוריק פונעם געריכט אין די קאַמערעס, האָט עמעצער איבערגעגעבן:

— די אַרבעטער פון שטאָט זייַנען זיך מישטאַדל פאַרן קאָמענדאַנט סטעסעל וועגן באַגנעדיקן די פאַרורטיילטע.

רינגער האָט הייס געטייַנעט:

— איר פאַרשטייט, אָט די באַגנעדיקונג איז אַן אומזין, נאָר אָט דאָס, וואָס די אַרבעטער זאָרגן פאַר אונדז, דאָס באַווייַזט, אַז מיר זייַנען זיי נאָענט. אַז מיר זייַנען זיי נייטיק.

רינגער איז געזעסן אין א ווינקל און דאָס לעצטע מאָל געשריבן צו די כאווײרים, וואָס געפינען זיך אָף דער פרײַ:

„...דער געריכט איז געווען א גיכער, נאָר אן אומגערעכטער. אויב איך האָב עמעצן פון אײַך וועגן אין לעבן באַליידיקט, — זײַט מיר מויכל. איך שטארב פאר דער אידיי. א גרוס די נאָענטע און ווײַטע, די, וואָס געדענקען מיך פון ווילנע און פון פילאַדעלפיע, א גרוס אַלע שיפן, וואָס שווימען אין פרעמדע יאמען, א גרוס די שײַטערס, וואָס באַלײַכטן דעם וועג פאָרויס...“

■

דער אופשטאנד פון די פערעסיפער ארבעטער האָט זיך אָנגעהויבן קאיאָר. אין דרויסן האָבן בא די זאוואָדן זיך געקליבן אַלע דרײַ סמענעס מיטאמאָל. פון די צעעפנטע טויערן פון „ראַפיט“ האָט מען ארויסגעטראָגן דאָס געווער. שמוליק האָט געהאַלטן אופזיכט איבערן צעטיילן די ביקסן. באוואָפנטע גרופּעס זײַנען אוועק צו דער בריק. אפן גאנעקל פון „ליאָאיאַן“ זײַנען געשטאנען ליובע מיט נעכאמען, געהאַלטן א ברייטע צעוויקלטע רויטע פאָן, וואָס האָט געפלאַטערט קעגן ווינט און אין בלויען קאיאָר, ווי מיט א לאַמטערן, באַלויכטן דעם וועג.

נעכאמע האָט ווי אומגערן דערמאָנט:

— דווירעלע זאָל געווען דערלעבן, רינגער...

אין „ליאָאיאַן“ איז מיטן דרײַלינג פונעם פערעסיפער ראַיפּארטקאָם געזעסן מאראט. ער האָט ארויסגעקוקט אין דרויסן. פון מאָל צו מאָל איז אהער ארײַנגעקומען שמוליק און באקומען אינסטרוקציעס. ליובע האָט אים באגעגנט און באגלייט מיט א שמייכלענדיקן און גליקלעכן בליק. פון דער בריק האָט זיך געטראָגן א שיסערײַ. טאראס איז ארויס אפן גאנעק. ער איז געשטאנען א ווײַלע א רויקער, די הענט פארשטעקט אין די קעשענעס, און צוגעקוקט דעם האָפערדיקן מארש פון די באוואָפנטע ארבעטער־אָטריאדן. לאַנגזאם איז ער אראָפּגעגאנגען פון די טרעפּ, זיך אויס־געקערעוועט צו ליובען און נעכאמען און פאָרגעלייגט:

— צו דער בריק.

דאָרט זײַנען געלעגן איבערגעקערטע טראַמווײַען, נאַפט־פעסער און בערג מיט קעסטלעך. די באריקאדעס האָבן פארשטעלט דעם וועג די ווײַסגווארדייער, וואָס זײַנען אָפּגעטראָטן אין פּאַניק פון שטאָט. אינגיכן איז מיטן לעצטן באוואָפנטן אָטריאד פון די פערעסיפער ארבעטער אהער אָנגעקומען שמוליק. ער איז ארוף אָף איינער פון די באריקאדעס, ווו ס'זײַנען געשטאנען ליובע מיט נעכאמען. די פלאַמענדיקע פאָן האָט קימאט אינגאנצן פארדעקט זײַן פּאָנעם. פונווײַטנס האָט ווי א כוואַליע אהער זיך אָנגעשלאָגן א מעכטיקער „הורא“. שמוליק האָט אונטערגעכאַפּט דעם „הורא“, גענומען פון ליובעס האנט די פאָן, קונציק אראָפּגעשפרונגען און זיך געלאָזט בארג־ארוף. אנטקעגן האָט זיך געטראָגן מיט א פריילעכן אימפעט קאָטאָווסקיס קאוואַלעריע.

אונדזערע געסט—ייִדישע דיכטער פֿון אַרגענטינע

יאָסל גאָלדבערג

אונדזער טאָג

1. אינדערפֿרי

כאַפּן מיר זיך אויף אינדערפֿרי,
ניט טויט, ניט לעבעדיק,
אהאָ!
שוין שפּעט!
און א וואָרט ניט ריידנדיק,
טוען מיר זיך אָן,
וואַשן זיך האַסטיק אַרום
און לויפן גיך אַוועק.

שטייען מיר, א כאַליאַסטרע,
בא א ראָג פֿון א גאַס און וואַרטן.
קעגנאיבער אונדז א צווייטע,
א דריטע,
א פערטע;
פֿון פֿענעמער שוואַרצע
שטאַרצן אויגן אָנגעשטרענגטע
און זוכן אין דער ווײַט פֿון גאַסן:
ער גייט נאָך ניט?
אומגעדולדיקע הענט וואַרפֿן זיך,
פּיס שפּאַנען,
מײַלער מורמלען —
שפּעט!

לויפט א טראַמווײַ פֿאַרבײַ,
אָנגעזעצט מיט אַזעלכע ווי מיר;
הענגען מיר זיך אָן
אַף די טרעפּלעך,
אַף די ווענט,
אַף עמעצנס הענט —
און טראָגן זיך פֿאַרצאַפּלטע אַוועק.

2. באַטאָג

נאָכמיטיק פֿאַלן מיר מיד,
מ׳שלאָפט איין, צעוואָרפן די אָרעמס,
אַפן וואַרשטאַט, אַף דער ערד,
ווי הארוגים שווער.

איינער אָטעמט מיד, א צווייטער קרעכצט,
און ווער עס ציט זײַן האַנט אויס —
א געבײַלטע פויסט,
און צאָרנט,
און מיט האַלבע ניט־דערזאָגטע ווערטער
ער פֿרעגט:
פֿאַרוואָס?..
פֿאַרוואָס?..
ביז ווען?..
עס שטומען די וואַרשטאַטן און מאַשינען.

א באַכער, וואָס פֿאַרזיצט זײַן רו־שאָ אין שענק,
רײַסט זיך אַרײַן:
היי! שוין צײַט!
און א קלונג:
איינס, צוויי, דרײַ!
זײַנען מיר אַלע באַלד אַף די פּיס,
מידע, אײַנגעהאָרבעטע,
ווי א סטאַדע בעהיימעס אין א הייסן זומער־טאָג,
ווען זיי דערהערן דעם פּײַך
פֿון פּאַסטעכס בײַטש.

3. פֿאַרנאַכט

פֿאַרנאַכט, פֿאַרנאַכט,
פֿרײַ פֿון דער מאַכט —
באַלעבאָס!
הערט זיך דער לעצטער קלאַפּ
פֿון לעצטן מאָל אַראָפּלאָזן די הענט —
טראַך!
פֿאַרשטומט דער לעצטער רויש פֿון מאַשינען —
שאַ־אַ־אַ!

גלײַכן מיר זיך אויס,
אָפּציִענדיק דעם אָטעם:
שווער, שווער!
און מיר צעגייען זיך
באַזונדער און צוזאַמען,
אַהיים,
צו אײגענע פיר גרויע ווענט,
און צו דער שמייכלענדיקער שוועל...

ברומט פון אײַלעניש די גאַס:
גיכער, גיכער!
דעם וועג לאָז פרײַ
פאַר די, וואָס שפּאַצירן דאָ
העל און גרינג — — —
נאָר מיר פּלאָנטערן זיך לאַנגזאַם,
ווי מידע פערד, ציִענדיק א שווערע מאַסע,
שפּאַנען מיר טראָט נאָך טראָט.

עסטער רימער

לעבן

לעבן! לעבן! לעבן! —
שרײַען אַלע געוועבן
אַזוי ווילד,
אַזוי מילד,
אַזוי קינדעריש צעשפּילט.
וויפל צאַפּלדיקע שרעקן —
ערעוו ליכטיקן אַנטפּלעקן.
און איך זאַמל אַלץ אין גאַרבן,
שענק דעם לעבן, שענק דעם
האַרבן.

עס איז גוט אַזוי דערפילן:
ווידער, ווידער קומט דער פרילינג.
עס איז גוט אַנטקעגן קומען
יעדן נײַעם פולן זומער —
אַלדאָס שיינע ניט פאַרשווײַגן.
ווי אַ בוים ס'זאָל קאָנען שטײַגן
און דערגרייכן
אַלע הייכן,
אײַנגעפרילינגטע אין גלויבן.
און צו זיי כ'זאָל זיך דערהויבן...

ראַיוינעס

אַף צו קומען פרי
איז גענוג אַרויסגיין פריִער.
אַף צו קומען צו דער צײַט —
מוז מען לעבן מיט דער צײַט.

■

איך האָב ניט ליב קיין ציפערן,
וואָס נעמען מיר דערווײַזן,
אַז עפּעס ווערט מער
אָדער ווינציקער.
נאָר כ'האָב ליב דעם ציפער,
וואָס לאָזט קיינמאָל
ניט זײַן אַליין.

■

ס'איז דאָ אַ ניגן,
וואָס פירט דיך בא דער האַנט.
בא דעם ניגן
ביסטו שטענדיק אַ קינד.
און דער ניגן
גייט אויס —
מיט דײַן אָטעם.

■

מאַמע, פאַר אַלע נעכט,
וואָס ניט דערשלאָפן האָסט,
פאַר אַלע דײַנע פּײַנען, —
כ'וויל, זאָלסט וויסן,
אַז באַצאָלן כ'קאָן
מיט דער ליד, וואָס דו האָסט
מיר געזונגען...

■

די האָפענונג — זי לעבט נידעריק,
ווי אַ גרעזל.
און דערהויבט הויך,
ווי אַף פליגל.

■

די האַנט, וואָס מ'גיט אַ צווייטן,
ווערט שטאַרקער.
איין האַנט אַליין
ווי אַן עלנטע שויס.

■

א טראָפּן טוי
איז די בענקשאַפט
פון הימל צו דער ערד.
דער הימל שיקט אים אַראָפּ —
אַז ער זאָל אײַנעטעמען
די לופט פון דער ערד
און קומען צו אים ווידער.

■

איין וואָרט אַזאַ זאָגן,
וואָס זאָל ווי אַ בליאַסק אָפּ
טאָג זײַן —
ווי פרילינגדיקער גרין —
ווי פריד פון אָפּגעפינען
אַ פרײַנט —
דאָס איז גליק.

ליבע

אַנגענומען איינס דאָס צווייטע באַ די
הענט,
זײַנען זיי אַזוי געגאַנגען.
שושקען סוידעסדיק זיך זאָגנען —
ס׳איז ליבע...

קוקן זיי, ווי נײַ די וועגן,
ווײַל ביז זיי האָט קיינער ניט געקענט

באַטרעטן אָט די וועגן.
לאַכט אַ נעכטיק טראָפּנדל פון רעגן —
ס׳איז ליבע...

איז דער טאָג, ווי גאַרנישט אויסן,
אָפּ שפּיץ פינגער שטיין געבליבן.
נאָר די הערצער רוישן, רוישן —
ס׳איז ליבע...

געוויס

געוויס קאָן מען איצטער פאַרהיטן נאָך אַלץ:
דעם טישטעך דעם ווײַסן, דאָס ברויט מיטן זאַלץ,
דעם וועג צו דער שול, מיט קינדער, וואָס רוישן, —
דעם כאָלעם פון מאָרגן אין אויגן, וואָס בלויט שוין,
דעם פרידלעכן ווילן פון הענט אין פאַרמעסטונג,
דעם ריטם פון הערצער, פון ליבשאַפט די פעסטונג,
אָפּ פעלדער דעם שניט, וואָס וועט מאָרגן זײַן ברויט, —
דעם גלויבן, וואָס איינער דעם צווייטן פאַרטרויט.

דאָס אַלץ צו באַשיצן, דאָס אַלץ צו פאַרהיטן —
עס קלעקט ניט דאָס פעלד, וווּ עס מיט זיך דער שניטער.
ניט רוען איך וויל, ווען עס ציט מיך צו רו,
נאָר וויסן איך וויל, אַז איך בין ווי דו
און דו פונקט ווי איך! דו שטייסט אין געוויטער,
און איך, פונקט ווי דו, מיר זײַנען די היטער.
און איך בין, ווי דו, דעם מאָרגן פאַרטרויט,
און דו און איך — קיין שרעק פאַרן טויט.

די בין

כ׳האָב פאַרקוקט זיך אָפּ אַ בין אין פלי,
קליין און רירעוודיק, דאָס גאָלדן קעפּעלע אין גלי,
און אָפּ מײַן צונג אַ זיסקײַט כ׳האָב דערפילט פון האָניק,
און כ׳בין מעקאַנע גלײַך דער בין, וואָס אַזוי קליין,
נאָר ווען זי פליט — אַ זיסקײַט מע דערפילט גלײַך אָפּן גומען.

צי קאָן איך אויך, אַ מענטש און ניט קיין בין,
מיט זיסקײַט עמעצן אַנטקעגן קומען?

ראָכל מינצעס

וואָס וועסטו זײַן, אז דו וועסט זײַן גרויס?..

(געווידמעט דעם אָנדענק פון דער העלדן
ניוטא (ריווע) טייטלבוים)

בלויִנקע אייגעלעך — קלאָרינקע צוויי,
דער מאמעס א שמייכל הענגט איבער זיי.
דער מאמעס א שמייכל — א רײַפער מיט גליק.
צוויי בלויִנקע אייגעלעך לײַכטן פון וויג.

קינד מײַנס! פון רויזן די שענסטע רויז!
וואָס וועסטו זײַן, אז דו וועסט זײַן גרויס?
פון אלע די שענסטע, די בעסטע און רײַך,
ס'וועט א פרינצעסן ניט זײַן צו דיר גלײַך.

און קלוג וועסטו זײַן, געבילדעט ביז גאָר,
א לאנגער סייכל און קורצינקע האָר...
ס'איז נאריש דײַן מאמע, הא? נאריש פון גליק.
גאָטעניו, לאָך ניט פון טרוים בא דער וויג!

בלויע אויגן — קלאָרע צוויי,
א גאָלדענער הימל הענגט איבער זיי.
פלאָנטערט דאָס גאָלד זיך אין זײַד פון די האָר,
באָדן אין גאָלד זיך זיבעצן יאָר...

בלויע אויגן — צעוויטעקטע צוויי,
דער כוישעך פון געטאָ הענגט איבער זיי.
שלעפן זיך טעג צעקאַליעטשעט און וויסט,
וואלגערן טרוימען זיך אום אפן מיסט...

בלויע אויגן — צעפיבערטע צוויי,
צאָרן און האַס דראָען אין זיי,
דער אייגענער צאר איז קליין און שטום,
פארטרונקען אין גרויסן צאר פון ארום.

בלויע אויגן — שפּיזן צוויי,
פלאַם פון נעקאָמע פלאקערט אין זיי.
פארפוצט די שיינקײַט מיט בענדלעך און קרעלן,
זי קומט א שטילע צו הענקערס שוועלן.

בלויע אויגן — אומשולדיקע צוויי,
טײַוועדיקער בליק פרעסט זיך אײַן אין זיי...
— ווי ס'בלענדט דײַן שיינקײַט?.. קאָן עס
דען זײַן?
איז אויך בא אײַך דאָ א לאָרעלײַ?

א דינער שמייכל צאפלט אין זיי... —
בלויע אויגן — אנטשלאָסענע צוויי,
ווי פלינק זײַנען פינגער? א שאָס — און א וווּנד!
בא מיידלשע פיסלעך — א טויטער הונט.

בלויע אויגן — פײַערן צוויי,
דעם בראנד פון קאמף צעטראָגן זיי.
אף רעלסן פון באנען, אף דעכער פון שטאָט
פון מוט און פון גווורע בלײַבט הענגען א סאָד.

בלויע אויגן — פארשטארטע צוויי,
א טיפע שטילקײַט הענגט איבער זיי.
דער ווינט יאָגט אוועק, קלאפט אין דער וועלט —
הערצער, שטייט אוף! ס'איז געפאלן א העלד.

בלויע אויגן — שטומע צוויי,
א זילבערנער טוי פאלט איבער זיי.
„פון אלע רויזן — די שענסטע רויז...
וואָס וועסטו זײַן, אז דו וועסט זײַן גרויס?"

פערל־שנירלעך

כ'האָב פערל געזאמלט אף מײַן ווײַטן וועג,
בא שטאָטישע שוועלן, בא דאָרפישן ברעג,
פערל פון פרייד און פערל פון טרער,
לײַכטע, ווי גליק, און, ווי אומעט, שווער.

פערל בא וויגן, ווי טרוימען בלוי,
פערל פון פרייד, פון מי און פון בוי,
שווערע פערל פון דאכקעס און פײַן,
פערל פון קאמף און מאָרגן־שײַן.

האָב איך פון די פערל שנירעלעך
געמאכט
און מיט זיך גענומען אף מײַן ווײַטן
שליאך,
יעדער שנירל — א ליד פון טרויער
און פרייד,
גיי איך איבער וועגן און פערל־
שנירלעך שפרייט.

ניט צעשטערט דאָס פּראָסטע גליק...

לאָזט דעם זאנג דאָס פעלד
באגילדן,
לאָזט דער מי די פרייד פון שניט,
לאָזט דעם שטראל אף שויב זיך
שפּילן,
ניט צעשטערט דאָס פּראָסטע
גליק...

לאָזט, די מאמע זאָל זיך שפּיגלען
אין צעשטראלטן אויג פון קינד.

טרײַבט דעם שמייכל ניט פון ליפּן,
ווי די בלעטער טרײַבט דער ווינט.

ניט פארסאמט די יונגע הערצער
מיטן הייסן בלײַ פון האס,
ניט צעהענגט די שרעק אף דעכער,
שפּרייט ניט שאָטנס איבער גאס.

בא די ראנדן פון די טהאָמען
רײַסט ניט אוף די שאָלעם־בריק.
לאָזט דעם לעבן רעכט אף לעבן,
ניט צעשטערט דאָס פּראָסטע גליק.

אף ארגענטינער ערד...

ציִען פעלדער זיך אף מײַלן
ניט פאראקערט, ניט פארזייט,
שווארצע פעטע ערד אין דרעמל
און מיט בענקשאפט שטיל
פארווייט.

הונגער־בליקן איבער טישן,
הענט אָן ארבעט — שטום,
פארשעמט,
און אף מײַלן פעטע פעלדער
ניט פאראקערט, ניט פארזייט.

בייזע גרענעצן אף וועגן
טיילן אָפּ דעם מענטש פון מענטש,
און די בסולע־ערד, זי ווארט אלץ,
אז איר טראכט זאָל זײַן
געבענטשט.

שפּרייט די ערד זיך ווײַט אף מײַלן
ניט פאראקערט, ניט פארזייט,
זאטקײַט דרעמלט אונטער פעלדער,
וויינט דער הונגער — טוט עס וויי!

שירע גאַרשמאַן

ניט ווײַט פֿון דער בויונג

לעבן דער גאַלעריי פֿונעם צעמענט־זאַוואָד, וועלכע וועט דערלאַנגען דעם צעמענט אַהער צו דער בויונג, צווישן די ריזיקע סאָסנעס און די רויטלעכע פֿעלדזן איז מען גוט פֿאַרשטעלט פֿון אַ פֿרעמד אויג. די פֿעלדזן און די סאָסנעס — נאָר זיי זײַנען די שטומע איידעס פֿון דעם, וואָס דאָ פֿאַרלויפֿט איצט. אָבער אַלץ, וואָס דאָ געשעט, איז ניט אַזוי גלאַט און גיך געוואָרן, ניט אַזוי גיך...

ווײַל זשעניע האָט קיינמאָל ניט געטראַכט, אַז זי וועט זײַן איינע פֿון די טויזנטער יונגע בויער, וואָס זײַנען אַהער געקומען פֿון אַלע עקן לאַנד. זי האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער פּלאַן, אַ שטרענגן און אַ קלאָרן: זי האָט געוואָלט זײַן אַ לערערקע און זי האָט טאַקע געענדיקט אַ פּעדאַגאָגישן טעכניקום.

זי איז געווען איינע פֿון אַ סאַך קינדער אין אַ האָרעפּאַשנער מישפּאָכע. דער טאַטע אירער, וולאַדימיר פּעטראָוויטש, האָט געאַרבעט אין אַן אײַזנבאַן־דעפּאָ. די מאַמע האָט אויך געאַרבעט אױף דער אײַזנבאַן.

פֿון קלאַס אין קלאַס איז זשעניע געגאַנגען מיט לויטער „פֿינפֿן". ווען זי פֿלעגט שאַבעס אין אָוונט ווײַזן דעם טאַבעל, פֿלעגט וולאַדימיר פּעטראָוויטש זאָגן:

— נישקאָשע, גאָר ניט שלעכט. אָבער אױף וואָס וואַרטסטו? דײַנע לימודים האָסטו געמאַכט? גיי העלף די ברידערלעך מיט די שוועסטערלעך. וואָרעם מאָרגן איז זונטיק, אַרבעט וועט זײַן איבערן קאָפּ.

אַזוי איז זשעניע צוגעוווינט געוואָרן.

ביז זי האָט זיך געלערנט אין פּעדאַגאָגישן טעכניקום, איז זי אויסגעקומען מיט דער קאַרגער סטיפּענדיע. זי איז זיך באַגאַנגען אָן לאַדאַטשקעס אױף קנאָפּעלעך־טשוועקלעך. אַזויפֿיל קליידלעך, ווי אַנדערע סטודענטקעס, וואָס פֿלעגן קריגן זאַכן און געלט פֿון זייערע עלטערן, האָט זי, פֿאַרשטייט זיך, אויך ניט געהאַט. דער איינציקער פֿרײַער טאָג — זונטיק — איז בײַ זשעניען געווען פֿאַרנומען מיט צירעווען די זאָקן, מיט לייגן אַ פֿאַרמאַסקירטע לאַטקע אױף דער ווײַסער בלוזקע און אויסרייניקן מיט בענזין דאָס ברוינע רעקל. אױפֿן דריטן קורס האָט זשעניע מיט מאַזל איבערגעניצעוועט דאָס זשאַקעטל, און זי האָט געשמייכלט, בײַ די סטודענטקעס האָבן זיך געוואָרטלט:

— קוקט, כעוורע, זשענקע האָט אַ נײַעם וויצמונדיר!

אָפּטלעך פֿלעגט זשעניע אַ ביסעלע מעקאַנע זײַן די מער באַוואָרנטע זאָרגלאָזע סטודענטקעס פֿון איר קורס, אָבער, צו איר גרויסן וווּנדער, האָבן זיי זיך געלערנט ניט פֿויגלדיק. אַזוי אַז זיי פֿלעגן זיך מוזן באַגיין אָן סטיפּענדיע, אָבער ניט אָן זשעניעס קאָנסולטאַציעס.

אין די בריוו פֿלעגט דער טאַטע שרײַבן:

„טײַערע טאָכטער יעווגעניִא וולאַדימיראָוונאַ, די מאַמע, דײַנע שוועסטער און ברידערלעך לאָזן דיר האַרציק גריסן. מיר זײַנען געזונט, דאָס זעלבע ווינטשן מיר אויך דיר. איך און די מאַמע זײַנען זיכער, אַז דײַנע לערער, דײַנע כאַווײרים און כאַווערטעס, מיט וועלכע דו לערנסט זיך, זײַנען מיט דיר צופֿרידן. מיר האָפֿן, אַז דו טראָגסט אױף אונדז ניט קיין בייז האַרץ, וואָס מיר העלפֿן דיר ניט, ווי אַנדערע עלטערן, און מיר האָבן גרויס האַרצווייטעק, וואָס מיר קאָנען דיר אַפֿילע ניט צוזאָגן צו העלפֿן אין דער צוקונפֿט. ווײַל די קינדער וואַקסן, שוכוואַרג ברענט אױף זיי, ווי אין פֿײַער, אַ באַוווּסטע זאַך — קינדער. די מאַמע זאָגט, זאָלסט טראָגן די וואָלענע זאָקן, וואָס זי האָט דיר מיטגעגעבן. דאַשקע, נאַטאַשקע, וואַנקע און מישקע לערנען זיך ניט שלעכט און העלפֿן אין שטוב. די מאַמע זאָגט און לאַכט דערבײַ, אַז ווען יעווגעשקע וואָלט געווען אין שטוב, וואָלט זי שוין איצט פֿאַרשפּאָרט צו זעצן די קינדער אױפֿן עמער. פֿאַרבלײַב אין בעסטן געזונט, ווי עס ווינטשט דיר דײַן געטרײַע מישפּאָכע און דײַן פּאָטער וולאַדימיר פּעטראָוויטש".

זשעניע האָט געקוקט אף די קרומע שורעס מיט די צערפּעטע אויסיעס, וואָס זײַנען ארויס־געקראָכן פון די קעסטעלעך אפן בייגעלע פּאפּיר פון אן אריפמעטישן העפט. זי האָט זיך פאָר־געשטעלט, ווי די קינדער לויפן אין גאָרטן צום לענגלעכן הויכן שטיבל, וואָס זעט אויס ווי א שמאָלער קאסטן; זי שטעלט זיך אויך פאָר, ווי נאטאשקע שרײַט, שטייענדיק אין דרויסן צו דאש־קען, וואָס איז שוין אינווייניק אין שטיבל: „שוין, שוין?״. זי שמייכלט און לייגט אוועק דעם בריוו אין דער באָנבאָניערקע, ווו עס ליגן עטלעכע פאָטאָגראפיעס, צוויי ווײַסע קאפּראָנען־סטענגעס, וועלכע זײַנען געווען אײַנגעפלאָכטן אין אירע צעפּ, ווען זי איז געגאנגען צו די עקזאמענעס באם ענדיקן די שול.

יעדן כוידעש לייגט זי אָפּ פון דער סטיפּענדיע דרײַ רובל, און ווי נאָר דאָס דרײַערל לייגט זיך אוועק אין קעסטעלע, איז עס ניט אירס... אזוי, אז סאָף כוידעש טרינקט זי טיי מיט איין ציגעלע צוקער און גייט ניט אין קינאָ. דערפאר אָבער שיקט זי אָפּ אהיים אלע צוויי כאָדאָשים זעקס רובל.

זשעניע איז שוין א זעלבשטענדיקער מענטש. זי האָט געענדיקט דעם פּעדאגאָגישן טעכני־קום אויסגעצייכנט און איז געוואָרן א לערערקע פון ליטעראטור און שפּראך אין א סיבירער שאכטיאָרישער שטאָט. איצט שיקט זי אָפּ אהיים א דריטל פון איר געהאלט. די פרוי אף דער פּאָטשט קען זי שוין און האָט אנומלטן געזאָגט צו זשעניען:

— איר וואָלט זיך בעסער געקויפט וואָליקעס.

זשעניע האָט זיך פארויטלט און געשוויגן, וואָרעם די אייצע איז געווען א ריכטיקע. אָבער זי האָט גוט געוווּסט, וואָס זי האָט צו טאָן, קעדיי „די ערד זאָל זיך מיט איר ניט שעמען״, — ווי זשעניעס מאמע האָט ליב געהאט צו זאָגן. זשעניע וועט קיינמאָל ניט פארגעסן, ווי די מאמע האָט זי געפּאקט בא דער אוגערקעס־בייט מיט געלע אָפּגעריסענע אוגערקעס־בליִונג אין האנט.

— האָסט געוואָלט קווייטעלעך, פארוואָס ביסטו ניט אוועק אין פעלד? דאָרט וואקסן אזויפיל קאָרן־בלימלעך און פעלד־נעגעלעך, צו וואָס האָסטו ארומגעריסן די אוגערקעס־בליִונג? פון יעדן קווייטעלע וואָלט דאָך געוואָרן אן אוגערקע! פונוואנען האָט זיך צו מיר גענומען אזא אומגליק, אזא פּויליאטשקע, וואָס פארדארבט מײַן האָרעוואניע! אוועק פון מײַנע אויגן, די ערד שעמט זיך מיט דיר!

די מאמע האָט עס געזאָגט גאנץ שטיל, אָבער זשעניע האָט אויסגעלערנט אלע שוועסטערלעך און ברידערלעך, אז מע טאָר גאָרנישט טשעפּען ניט בא זיך און ניט בא יענעם אין גאָרטן.

אין קלאָס האָט זשעניע די לערערקע אויך קיינמאָל די שטים ניט אופגעהויבן, כאָטש עס איז געווען איין שילער, וואסקע גאָלובאָוו, מיט וועלכן זי האָט זיך קיין אייצע ניט געקאָנט געבן. ער איז אזוי געווינט געווען, אז ער זיצט צו צוויי יאָר אין איין קלאָס און אז דאָס גאנצע לערנען זײַנס באשטייט אין דעם, וואָס די לערערקע פלעגט צו אים א געשריי טאָן „וואָן!״, אז, ווען זשע־ניע האָט אים דאָס ערשטע מאָל ארויסגערופן, האָט ער, שלעפנדיק די פארבלאָטיקטע שיך, אוועקגעטיאָפּעט צו דער טיר אין דער באגלייטונג פון א הילכיקן געלעכטער. נאָר זשעניע האָט אים אומגעקערט, אוועקגעשטעלט א שטול לעבן זיך, אים אוועקגעזעצט אף בייזוווּנדער פון דעם גאנצן קלאָס.

זיצט ער לעבן דער לערערקע ווי אף א הייסער סקאָווראָדע, און זי האלט איינס פון וואסקעס לערנביכער אין דער אופגעהויבענער האנט און זאָגט:

— איידער איך וועל דערקלערן דאָס ווײַטערדיקע, זאָל עמעצער פון אײַך זאָגן, וואָס האלט איך אין האנט.

— גאָלובאָווס בוך, — ענטפערן אלע מיטאמאָל.

— ניט ריכטיק, ווײַל דאָס איז א געוועזענער בוך. זאָל אונדז וואסיע דערציילן, וויאזוי האָט זיך אים אײַנגעגעבן אזוי צו צעפליקן און צו פארליאַפּען מיט טינט זײַן בוך, וואָס מע האָט אים ערשט ניט לאנג געקויפט.

דער קלאָס שווײַגט. וואסיע זיפצט...

— אויב אזוי, — זאָגט זשעניע, — זאָג מיר דו, איוואנאָווא, וואָס האָבן וואסיעס עלטערן געדארפט, קעדיי צו קויפן פאר זייער זון דאָס בוך.

— זיי האָבן געדארפט, אז דאָס בוך זאָל זײַן אין מאגאזין.

— זעץ זיך, זייער טרעפלעך. זאָג דו, סאָלנצעוו, וואָס האָבן וואסיעס עלטערן געדארפט, ווען דאָס בוך איז יאָ געווען אין מאגאזין?

— וואסיעס עלטערן, מײַנע עלטערן, אלעמענס עלטערן דארפן ארבעטן אין שאכטע און פארדינען געלט, קעדיי צו קויפן ביכער.

— זייער גוט, — זאָגט זשעניע און וויל שוין אריבערגיין צום לימעד, נאָר מאַריק שאַפּיראָ הייבט אוף א הענטל און שרייַבט אויס מיט זייַן דין קעלכל:

— מייַן מאַמע זאָגט, אז ביז מע מאַכט א בוך, דאַרף מען א סאַך, א סאַך אַרבעטן.

— זייער ריכטיק, וואָס טוט דייַן מאַמע?

— מייַן מאַמע איז די פאַרוואַלטערן פון דער ביבליאָטעק.

— אויסגעצייכנט! פון הייַנט אָן וועסטו אַלע טאָג נעמען וואָסיע גאָלובאָוון צו זיך אַהיים און וועסט אים העלפן מאַכן די לימודים.

די ערשטע צייַט פלעגט די דירעקטאָרשע פון דער שול אָפט אַרויסרופן צו זיך זשעניען, און זשעניע איז געווען גערירט פון דער וואַרעמקייַט, וואָס די דירעקטאָרשע האָט צו איר אַרויס־געוויזן.

ווען זשעניע פלעגט אַמאָל אַרייַנגיין אין קאַבינעט צו דער דירעקטאָרשע וועגן אָן איניען, איז יענע געווען אַלעמאָל פרייַנטלעך און צוגעלאָזט. זי האָט אַנומלטן געפרעגט:

— יעווגעניאַ וולאַדימיראָוונא, עפּשער נייטיקט איר זיך אין עפּעס? איך בין דאָך א היגע.

האָט זשעניע געענטפערט:

— א גרויסן דאַנק, איך נייטיק זיך אין גאָרנישט ניט, איך האָב זייער א גוטע באַלעבאָסטע.

אַליין האָט זי ניט געקוקט אַף דער דירעקטאָרשע, און עס האָט זיך איר זייער געוואָלט פרעגן: „פאַרוואָס זייַט איר שטענדיק אַזוי פאַרדייַגעט און טרויעריק? פאַרוואָס זייַט איר אַזוי אָפּגעצערט?״ אָבער געפרעגט האָט זשעניע ניט. אי ווייַל די דירעקטאָרשע איז געווען עלטער פון איר, אי ווייַל די דיסטאַנץ האָט עס ניט דערלאָזט...

און אין אָוונט איז זשעניע געזעסן מיט איר באַלעבאָסטע בא געבאַקענע קאַרטאָפל מיט זויערע קרויט און האָט דערציילט:

— באָבע פאַשע, מייַן דירעקטאָרשע איז א ווילער מענטש, נאָר זי איז אַזוי בלייך און פאַרזאָרגט. זי האָט א סאַך קינדער?

— עהע, טעכטערל. בעסער וואָלט זי געהאַט א סאַך קינדער, איידער אַזא גינציקן מאַן.

— וואָס איז דען?

— איך ווייס גאָרנישט, נאָר מענטשן זאָגן...

נאָכדעם איז זשעניע געזעסן און איבערגעקוקט די העפטן. בייס דער אַרבעט האָט זי ניט איין מאָל זיך געכאַפּט, אז זי טראַכט וועגן דער באָבעס ווערטער: „מענטשן זאָגן״... איבערגע־קוקט די העפטן, האָט זי אָנגעשריבן א בריוו אַהיים: „גוטמאָרגן, מייַנע טייַערע, איך זאָג גוט־מאָרגן, ווייַל איצט איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. אומזיסט האָסטו, טייַערע מאַמע, מוירע, אַז איך וועל פאַרפרוירן ווערן. דאָ זייַנען די טעג פּראַסטיקע, זוניקע, אָן ווינטן. דיר, טאַטע, וואָלט דאָ זייער געפעלן געוואָרן. טשערנאָגאָרסק איז זייער א שיינע שטאָט. ווען דו זאָלסט אַרייַנגיין צו א היגן שאַכטיאָר: טעפּיכער אַף די ווענט, סערוואַנטן, דיוואַנעס. בא פיל שאַכטיאָרן שטייען פולע שאַפעס מיט ביכער, גאַנצע ביבליאָטעקן. און אין די מאַגאַזינען איז דאָ אַלץ פאַראַן. איך האָב אייַך אַרויסגעשיקט פינף און דרייַסיק רובל. שרייַבט אָן, צי איר האָט זיי באַקומען. אָדער עפּשער וויל די מאַמע, איך זאָל בעסער שיקן זאַכן? מע קאָן דאָ קויפן וואָליקלעך, קינדער־טריקאָטאַזש. דאָ זייַנען אויך פאַראַן וואַרעמע פאַטשיילקעס. וועגן מיר זאָלט איר גאָרנישט איבערטראַכטן. די הויפּט־זאַך — איך בין זייער צופרידן מיט מייַן אַרבעט. ווייַטער פלעגסטו דאָך, טאַטע, אַלעמאָל זאָגן, אז דער גרעסטער קאָווער איז אַרבעטן פאַר האַרעפּאַשניקעס. ווינען ווין איך דאָ בא אָן עלטערער פרוי. זי אַרבעט אַף דער זיבעטער שאַכטע. איר מאַן און צוויי זין זייַנען אומגעקומען אַף דער מילכאָמע. זי איז זייער א ווילע און א האַרציקע. זי גיט אַף מיר אַכטונג, ווי א מאַמע. די נאַטשאַלסטווע פון דער שול באַגייט זיך מיט מיר גוט. נו, אַף הייַנט איז גענוג, איך וויל זייער שלאָפן. טאַטע, שרייַב מיר אָפטער, אַזוי ווי איך שרייַב אייַך. אייַער טאָכטער, וואָס בענקט נאָך אייַך שטענדיק און שטענדיק. יעווגעשאַ״.

אין איינעם א זונטיק, ווען זשעניע איז געזעסן און האָט געשטריקט א שקאַרפּעטקע, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַרייַן די דירעקטאָרשע מיט א שווערלייַביקן הויכן מאַנצבל. זשעניע האָט זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז זי האָט זיי אַפילע ניט געבעטן זיצן. די דירעקטאָרשע האָט שטיל געזאָגט:

— מיר האָבן אייַך איבערגעשראָקן? באַקענט זיך מיט מייַן מאַן וואַסיל וואַסיליעוויטש גו־סיעוו. פאַר וועמען שטריקט איר עס אַזעלכע קליינע שקאַרפּעטקעס?

— פאַר מייַן שוועסטערל. זיצט.

— וואָס רעדט איר, ס'איז א פּרעכטיקער דרויסן. מיר שפּאַצירן, זייַנען מיר פאַרבייַגע־

גאנגען, האָב איך זיך גראַד דערמאָנט, אַז איר וווינט דאָ. טוט זיך אָן, מיר וועלן זיך אַ ביסל דורכגיין, און נאָכדעם וועלן מיר עסן מיטיק בא אונדז.

— גיי, יעווגעניאַ וולאַדימיראָוונאַ, — האָט פּראַסקאָוויאַ מאַקסימאָוונאַ געזאָגט, — אָבער מיטיק וועסטו קומען עסן מיט מיר, איך וואַרט אויף דיר.

אין אַ צוויי שאָ אַרום איז זשעניע געקומען אַן אויסגעהונגערטע. זי האָט גיך געשלונגען דאָס עסן און דערציילט:

— באָבעשי, וואַסיל וואַסיליעוויטש זאָגט, אַז איך בין אַ שטוב־זיצערקע. ער זאָגט, אַז יונג איז מען איין מאָל, אַז מיט אַלטע וועל איך באַווייזן צו זיצן, ווען איך וועל אַלט ווערן.

— ער זאָגט, ער זאָגט, אַליין איז ער אַ יונגערמאַן! — האָט די באָבע אַ בורטשע געטאָן.

און מער האָבן זיי וועגן דעם ניט גערעדט. עס איז אַוועק איין זונטיק און נאָך אַ זונטיק. פאַר דער צייט האָט זיך זשעניע באַקאַנט מיט דער פאַרוואַלטערין פון דער שטאָט־ביבליאָטעק, מיט ראַכיל דאַווידאָוונאַ שאַפּיראָ. ראַכיל דאַווידאָוונאַ האָט איינגעלאַדן זשעניען צו זיך. דעם זונטיק, ווען זשעניע האָט זיך געקליבן גיין צו די שאַפּיראָס, איז גראַד אַרייַנגעגאַנגען וואַסיל וואַסיליעוויטש. ער איז אַ ווייַלינקע געזעסן, נאָכדעם האָט ער זשעניען באַגלייט צו ראַכיל דאַ־ווידאָוונען. אַהין איז ער ניט אַרייַנגעגאַנגען. ווען זשעניע האָט דערציילט, וואָס פאַר אַ גאַסט זי האָט געהאַט, האָט ראַכיל דאַווידאָוונאַ געזאָגט:

— זייַן פרוי איז זייער אַ ווויל מענטש. וועגן אים זאָגן מענטשן...

נאָר זשעניע איז איר אַרייַנגעפאַלן אין די רייד:

— ווידעראַמאָל, מייַן באַלעבאָסטע זאָגט אויך אַזוי.

— אַז מע קלינגט, איז כאָגע. ער קומט צו אײַך לויט זייַן אייגענער איניציאַטיוו?

— וואָס זשע, כ׳האָב אים געבעטן קומען?

— טאָ בעט אויף ווייַטער אויך ניט, — האָט ראַכיל דאַווידאָוונאַ טיפּזיניק באַמערקט.

ביז שפּעט אין אָוונט איז זשעניע אָפּגעזעסן בא די שאַפּיראָס. און זי איז זיי געווען דאַנק־באַר, וואָס זיי האָבן בא איר קיין וואָרט ניט געפרעגט וועגן זייער זון מאַריק, וועלכער האָט זיך געלערנט בא איר אין קלאַס.

ווען זשעניע איז געקומען אַהיים, האָט זי פּראַסקאָוויאַ מאַקסימאָוונאַ גאַנץ גוט אויס־געמוסערט:

— אַ מיידל זאָל ניט אַ טראַכט טאָן, אַז יענער דאַרף אירע פינף קאַרבאַנצעס אויף קאַפּאַרעס, אַ מיידל זאָל ניט געדענקען, אַז יענער זיצט, וואַרט אויף איר און קאָן זיך ניט לייגן שלאָפן. און דער זייגער איז שוין באַלד צוועלף. ווו ווערט מען דאָס פאַרפאַלן?

— איך בין ניט פאַרפאַלן געוואָרן, איך בין געווען בא די שאַפּיראָס.

— דאָס איז דער שאַפּיראָ, וואָס אַרבעט פאַר אַ פּלאַנאָוויק אויף דער זיבעטער שאַכטע?

— איך ווייס, אַז ער אַרבעט אויף אַ שאַכטע, אָבער אויף וואָס פאַר אַ שאַכטע, ווייס איך ניט.

— ווייסט ניט? וועל איך דיר זאָגן. זייער ווויליע מענטשן. וואָלסט מיר געזאָגט, וואָלט איך מיטגעגאַנגען.

— נו, זעט איר, אַבי איר שרייַט, — האָט זשעניע געזאָגט און זיך דערפרייט, וואָס די אַלטע איז אַנשוויגן געוואָרן.

אין די אָוונטן, ווען זשעניע פלעגט פרי פאַרטיק ווערן מיט די העפטן, פלעגט זי פאַרלייענען דער אַלטער גאָרקין אָדער טשעכאָוון, און זי האָט זיך פאַרוווּנדערט, ווען די אַלטע האָט געזאָגט:

— לייען מיר אַזוינס, וועגן וואָס איך ווייס ניט. דאָס, וואָס דו האָסט מיר געלייענט, ווי די יונגע מאַרשאַס האָט אָפּגעבריט דאָס אייפעלע, געפעלט מיר ניט. ווי פּעשקאָוו האָט געהאָרעוועט בא זייַנע קרוווים, געפעלט מיר אויך ניט. וואָרעם מיט שלעכטס בין איך זאַט, און כאַזיירים האָב איך פייַנט!

זשעניע האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער. אין איינעם אַן אָוונט האָט זי געלייענט דער אַלטער „דאָס שטיבל אין קאָלאָמנע“. דאָס מאָל איז פּראַסקאָוויאַ מאַקסימאָוונאַ געווען אַנציקט:

— אוי, טאַטעלע, איך שטאַרב! כאַ־כאַ. אַ באָכער אַ מויד, אַ פרייַלעכער שרייַבער, אַ מאָ־לאָדיעץ!

אין איינעם אַן אָוונט האָט זשעניע געשריבן אַהיים:

„טייַערער פאָטער, ניט ווינציקער טייַערע מאַמינקע, אויך שוועסטער און ברידערלעך. מיר גייט דאָ גוט, אַז בעסער קאָן ניט זייַן. ווען דאָס לערניאָר וועט זיך ענדיקן, וועל איך צו אײַך קומען. און אויב אייַער האַסקאָמע וועט זייַן, וועל איך מיטנעמען נאַטאַשקען. איך האָב שוין דאָ באַקאַנטע, זייער ווויליע מענטשן — די שאַפּיראָס. טאַטע, שרייַב מיר, וואָס וויל די מאַמע בע־סער — אַ וואָלן קאָפּטל אָדער וואַרעם וועש. און וויפל זעק בולבע האָט איר אָנגעגראָבן. בא

מײַן באַלעבאָסטע זײַנען האיאַר די בולבעס זײער געראָטן. לענגלעכע, ראָזע, ניט אַזעלכע, ווי אונ־דזער „לאַרד". ווען איך וועל קומען, וועל איך ברענגען אַ צוויי עמער בולבע אַף זריע. שרײַבט אויך אָן, ווי די קינדער לערנען זיך. זײַט געזונט, ווי עס ווינטשט אײַך אײַער עלטסטע טאָכטער, וואָס בענקט נאָך אײַך אַלעמען אַזוי, אַז דאָס איז אומעגלעך אויסצודריקן. יעווגעשאַ".

אַלע דאַנערשטיק פירט זשעניע איר קלאַס צום ארץ־גרובן, און כאָטש דאָס איז איר ניט גרינג אָנגעקומען, האָט זיך עס צוגעקלעפּט אויך צו אַנדערע קלאַסן און אַפילע צו אַנדערע שולן אין שטאָט.

ווען זשעניע פלעגט קומען צו דעם ארץ־גרובן מיט די קינדער, פלעגט זי זײ אַרומפירן יעוודאָקיאַ מאַטווייעוונאַ. זי פלעגט זײ ווײַזן, ווי מע טאַרמאָזירט און ווי מע לאָזט אין גאַנג די וואַגאָנעטקעס מיטן ארץ. זי האָט זײ אויך געפירט צו די עקסקאַוואַטאָרשטשיקעס. מאַריק שאַפּיראָ האָט געשײַנט פון פרייד, ווײַל אַלע פלעגן זען, ווי זײַן טאַטע, לעוו מאָיִסייעוויטש, טוט אַ מאַך צו אים מיט דער האַנט און גייט האַסטיק אַוועק צו די קראַנאָווששיקעס. אַנומלטן האָט וואַסקע גאַלובאָוו אַזוי געדרעוועט, האַלעמײַ מע לאָזט זיך ניט אַראָפּ אין שאַכטע צו זײַן טאַטן, אַז זשעניע האָט אים קוים אײַנגעשטילט מיט אַ צוזאָג, אַז דאָס צווייטע מאָל וועלן זײ אומבאַדינגט גיין צו זײַן טאַטן.

יעוודאָקיאַ מאַטווייעוונאַ האָט דערציילט זשעניען מיט די קינדער:

— הײַנט בין איך אַ מענטש, אַ מיטגליד פון שאַכטע־קאָמיטעט, אַ דעפּוטאַט פון שטאָט־סאָוועט. אַמאָל בין איך געווען קאָנאָגאָן[1] בא באַלאַנדיכעָן, געווינט האָבן שאַכטיאָרן אין ערד־שטיבלעך. וואַסער פלעגט מען פירן אין אַ פעסל. און איך בין געווען דונקע! ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט געזידלט. קום, טײַבעלע, צו מיר אַרײַן, אַז דו וועסט האָבן צײַט, וועסטו זען, ווי אַ שאַכטיאָרקע לעבט. פאַריינס וועסטו זיך באַקאַנען מיט מײַן זון. ער וועט אײַנגיכן קומען אַף די קאַניקולן. ער לערנט זיך אין באַרג־אינסטיטוט.

ס'איז געווען זונטיק. וואַסיל וואַסיליעוויטש איז ווידער אַרײַנגעגאַנגען אַף אַ מינוטקעלע. פאַרן אוועקגיין האָט ער געזאָגט און דערבײַ אופמערקזאַם זיך צוגעקוקט צו זשעניען:

— מע דאַרף עפּעס אַ טראַכט טאָן וועגן אַ דירע פאַר אײַך, יעווגעניִאַ וולאַדימיראָוונאַ.

— אָ, ווען איך האָב אַ דירע! — האָט זשעניע אויסגערופן.

— וואָס זשע וואָלט איר געטאָן?

— איך וואָלט גענומען מײַן שוועסטערל אַהער, ס'זאָל אַ ביסל גרינגער ווערן מײַנע טאַטע־מאַמע, — האָט זשעניע געזאָגט.

— דאָס איז אַן אָריגינעל מיטל אײַנצואָרדענען דאָס פּערזענלעכע לעבן, — האָט וואַסיל וואַסיליעוויטש איראָניזירט און, אַרופציִענדיק די לעדערנע הענטשקע אַף דער האַנט, קאַלטבלוטיק באַמערקט:

— וועגן אַ דירע וועלן מיר אַ טראַכט טאָן. אונדזער פּליכט איז, אַז בילדונגס־טוער זאָלן זײַן גוט אײַנגעאָרדנט.

ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט פּראַסקאָוויאַ מאַקסימאָוונאַ שטיל געזאָגט:

— מע דאַרף געפינען אַ מיטל, אַז ער זאָל פאַרגעסן דעם וועג אַהער!

— מע קאָן דאָך אַ מענטשן ניט אַרויסטרײַבן.

— איך זאָג, אַז מע דאַרף געפינען אַ מיטל.

— נו, איר זוכט אַ מיטל, און איך וועל דערווײַל קאָנטראָלירן די העפטן, — האָט זיך זשעניע געוועדטלט.

אַ לענגערע צײַט האָט זשעניע ניט געהאַט קיין בריוו פון דער היים און איז געווען אַזוי אומרויִק, אַז אַלע איבעריקע זאַכן זײַנען איר אַרויסגעפלויגן פון קאָפּ. שוין אָפּגערעדט, אַז זי האָט פאַרגעסן וועגן דעם קורצן געשפּרעך מיט וואַסיל וואַסיליעוויטשן. אָבער ער האָט ניט פאַרגעסן... און אין איינעם אַ טאָג האָט זי באַקומען אַ בריוועלע פון שטאָט־סאָוועט. זי איז געווען אַזוי איבעראַשט, אַז זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס פאָדערט זיך פון איר. זי האָט איבער־געלייענט דאָס בריוועלע איין מאָל און נאָכאַמאָל אַף אַ קול פאַר דער באַלעבאָסטע. יענע האָט אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און געזאָגט:

— וואָס איז דאָ ניט צו פאַרשטיין! זײ בעטן בא דיר אַ ספּראַווקע, אַז דו ווינסט בא פּראַסקאָוויאַ מאַקסימאָוונאַ סיניצינאַ, דאָס הייסט, אַז דו ווינסט בא מיר אַף אַ בעטל. וואָס זשע

---

[1] דער אָנטרײַבער פון פערד אין שאַכטע (רוס.).

שרעקסטו זיך, נארעלע? גיי אריַין און זאָג זיי, ווי די זאַך איז, — האָט די אַלטע זייער האָפּערדיק געזאָגט און פּלוצעם אָפּהענטיק צוגעגעבן: — איַי, טעכטערל, עס געפעלט מיר ניט דער אייסעק. גיי אריַין מאָרגן, דערוויס זיך וואָס און ווען.

אָף מאָרגן איז זשעניע אריַינגעגאַנגען אין דעם וווינונגס־אָפּטייל באַם שטאָט־סאָוועט, און דער נאַטשאַלניק האָט איר געזאָגט, אַז די באַלעבאָסטע אירע דאַרף אונטערשריַיבן א ספּראַווקע, אַז זי, יעווגעניאַ וולאַדימיראָוונא, האָט אין טשערנאָגאָרסק ניט קיין אייגענעם וווינונג־פּלאַץ און אַז זי וווינט ווירקלעך באַ דער בירגערן סיניציַנא אין א ווינקל. ס׳דאַרף צוגעלייגט ווערן אויך נאָך א ספּראַווקע, אַז יעווגעניאַ וולאַדימיראָוונא קאָסטראָווא איז א לערערקע פון שפּראַך און ליטעראַטור אין אזא און אזא שול. די ספּראַווקע דאַרף אונטערגעשריבן ווערן פון דעם שול־דירעקטאָר, און עס מוז צוגעלייגט ווערן דאָס געהעריקע שטעמפּל.

— איר פאַרשטייט, בירגערן קאָסטראָווא, וואָס עס פאָדערט זיך פון איַיך? — האָט דער נאַטשאַלניק געפרעגט, געפרעגט דערפאַר, וויַיל זשעניע האָט געהאַט זייער א צעטומלטן אויסזען. צעטומלט איז זי געווען, וויַיל זי האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס רעדט דער נאַטשאַלניק אזוי שטרענג, פאַרוואָס, ווען ער רעדט צו איר, קוקט ער אָפן טיש און ניט אָף איר, און פאַרוואָס האָט ער אזא מאָדנע פריזור: דאָס ביסל האָר, וואָס איז אים געבליבן אָף דער פּאַטיליצע, איז געווען ארופגעקעמט אָפן מיטן קאָפּ צו פאַרדעקן דעם פּליך. אָבער דעם דאָזיקן פּליך האָט שוין קיין זאַך ניט געקאָנט העלפן... זשעניע האָט זיך ענדלעך געכאַפּט און א פרעג געטאָן:

— צו וואָס, אייגנטלעך, דאַרף מען אזא מין ספּראַווקע?

— איר זיַיט דאָך א לערערן, בירגערן קאָסטראָווא, דאַרפט איר וויסן, אַז די סאָוועטנמאַכט שעצט הויך אונדזערע בילדונגס־טוער און, ניט קוקנדיק אָף דעם, וואָס איר זיַיט אין אונדזער שטאָט ניט לאַנג, איז דאָ א באַשלוס איַיך צו געבן אַן איינצימערדיקע דירע. וואָס גיכער איר וועט צושטעלן די געהעריקע דאָקומענטן, אַלץ גיכער וועט איר האָבן דעם אָרדער.

ווי זשעניע איז ארויסגעלאָפן פון שטאָט־סאָוועט, איז איבעריק צו שילדערן. ס׳איז זיך אויך גרינג פאָרצושטעלן, ווי די מיטאַרבעטער פון שול האָבן אופגענומען די ידיעה. מע איז שטאַרק מעקאַנע געווען זשעניען. די דירעקטאָרשע האָט ניט ארויסגעוויזן קיין שום עמאָציעס, זי האָט נאָר א זאָג געטאָן:

— האַלעוויַי זאָלט איר זיַין גליקלעך אין דער דירע.

ווען זשעניע איז געקומען אהיים און האָט געזאָגט צו דער באַלעבאָסטע: „באַבעניו, איצט וועט איר שוין אין באָד ניט דאַרפן גיין. אַלע שאַבעס וועט איר קומען צו מיר און נעמען א וואַנע“, — האָט זיך יענע צעלאַכט און באַמערקט:

— אַוואַדע, וואָדען, אָט לויף איך. כ׳האָב ליב א בעזעמל און זיך דורכשוויצן, און וויַיטער ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, איך וויל שוין זען דעם שליסל אין דיַינע הענט...

דאָס איז אָבער געשען גיכער, ווי די באָבע האָט געמיינט. ס׳איז קיין צען טעג ניט אוועק, ווי זשעניע האָט צוגעשטעלט די דאָקומענטן אין דעם וווינונגס־אָפּטייל, און זי האָט שוין געהאַט דעם שליסל. דאַן האָט זי אָנגעשריבן אהיים:

„טיַיערע מיַינע! איך בין א באַלעבאָסטע פון אן איינצימערדיקער דירע. הוראַ! עמעס, דאָס הויז געפינט זיך א ביסעלע וויַיטלעך פון דער שול, וו איך אַרבעט, אָבער דערפאַר וועל איך זיַין נאָענט פון קינאָ. איך פיר אויך אונטערהאַנדלונגען מיטן דירעקטאָר פון דער אָוונטיקער אַרבעטער־שול, און ער זאָגט מיר צו דריַי שאָ פיר מאָל א וואָך. אזוי, אַז איך וועל איַיך קאָנען ארויסשיקן פערציק רובל יעדן כוידעש. מיַין שטוב שטייט ניט וויַיט פון דעם ניַיעם פּאַרק. ווי נאָר איך וועל זיך איבערקליַיבן אין מיַין דירע, וועל איך איַיך טעלעגראַפירן. טאַטע טיַיערער, די יינגלעך זאָלט איר ניט זידלען, וואָס זיי שפּילן אין פוטבאָל. איך מיין, אַז איצט וועט איר מיר באַשטימט געבן נאַטאַשקען. איך בין אזוי צעטראַראַמט און גליקלעך, אַז איך ווייס פּאַשעט ניט וואָס צו שריַיבן. איך קוש איַיך אַלעמען שטאַרק־שטאַרק. איַיער יעווגעשאַ“.

זשעניע האָט געשריבן דעם עמעס. זי איז טאַקע געווען צעראַשט. אפילע די אַרבעט איז גע־גאַנגען ניט אזוי ווי פריִער. בייס זשעניע איז אריַינגעגאַנגען צו די שאַפּיראָס, האָט ראַכיל דאַווידאָוונאַ פאַרוווּנדערט געפרעגט:

— יעווגעניאַ וולאַדימיראָוונאַ, וואָס טוט זיך מיט איַיך? איר זעט דאָך אויס ווי נאָך א קרענק. ס׳איז טאַקע א ניַיע דירע, נו, איז וואָס, דאַרף מען ווערן אזוי א טעל!

— איר זיַיט גערעכט. אָבער איצט זיץ איך באַ פראַסקאָוויִאַ מאַקסימאָוונאַ ווי אָף שפּילקעס. נאָר געננוג שוין וועגן דער דירע, איך וויל איַיך זאָגן אַן אַנדער זאַך. אָף מיַין כאַנוקאַס־האַבאַיִס וועט איר קומען?

— נו, וואָס פרעגט איר?

— גוט. זײַט געזונט, — האָט זשעניע געזאָגט און איז אוועק.

דאָס מאָל האָט זשעניע געקראָגן פֿון דער היים אַן אוויאַ־בריוו. ווען זי האָט דערזען דעם קאָנווערט מיטן רויט־בלויעם זיגזאַג, האָט זי זיך דערשראָקן. „טײַערע טאָכטער יעווגעניאַ וולאַדימיראָוונאַ, — האָט געשריבן דער טאַטע. — דו האָסט אונדז זייער אופּגערודערט מיט דײַן בריוו. ס׳איז נאָך קיין יאָר ניטאָ, ווי דו ביסט אין טשערנאָגאָרסק, און מע גיט דיר שוין אַ דירע?! עמעס, די מאַמע זאָגט, אַז מיסטאָמע ביסטו געפֿעלן געוואָרן אַ נאַטשאַלניק. אָבער איך זאָג דיר, אַז אויב מע וועט אוועקגעבן דעם אָרדער עמעצן אַנדערש, זאָלסטו גאָר קיין פֿאַרדראָס ניט האָבן. ס׳איז טאַקע אַזוי, ווי דו שרײַבסט? און די דירע איז שוין באַ דיר? ווײַגן נעמען נאַטשאַסקען וועט זײַן אַ רייד, ווען דו וועסט קומען אַף די קאַניקולן. ווי זאָגט די מאַמע, בעסער אַ שפּערל אין האַנט, איידער אַ בושעל אין הימל. און גיב אַ טעלעגראַמע, ווען דו וועסט שוין זײַן די באַלעבאָסטע פֿון דער דירע. זאָגסט, איך זאָל ניט זידלען די ייִנגלעך, וואָס זיי שפּילן אין פֿוטבאָל, טאָ מאַך פֿאַר זיי אַ שוך־פֿאַבריק. זײַ געזונט, ווי עס ווינטשן דיר דײַנע טאַטע־מאַמע, דײַנע שוועסטער און ברי־דערלעך. פֿון מיר דײַן פֿאָטער“.

אין אַ זוניקן פּראָסטיקן זונטיק האָט זיך דורך איינער אַ טשערנאָגאָרסקער גאַס געצויגן אַ פֿריילעכע און טשיקאַווע פּראָצעסיע. די ערשטע איז געגאַנגען זשעניע מיט אַ טשעמאָדאַן אין איין האַנט, מיט אַ פּאַק איבערגעבונדענע העפֿטן און ביכער אין דער צווייטער. ווײַטער זײַנען געגאַנגען אירע שילער, וועלכע האָבן פֿײַערלעך געטראָגן פֿאַרשיידענע זאַכן פֿון זשעניעס באַלע־באַטישקייט: מאַריק שאַפּיראָ — אַ לאַנדקאַרטע, סאָלנצעוו — אין איין האַנט אַ טינטער און אין דער צווייטער — צוויי ליכט, וועלכע זשעניע האָט געקויפֿט, ווײַל זי האָט פֿאָרויסגעזען, אַז די עלעקטרע קאָן אַמאָל ניט ברענען אויך. וואַסיע גאָלובאָוו, וואָס האָט זיך שוין באָרעך־האַשעם אויסגעמענטשלט און האָט אַף רוסישער שפּראַך אַ „דרײַ“, האָט געטראָגן אַ קליינעם בערעזענעם פֿניאַק, וואָס די באַלעבאָסטע האָט געשענקט זשעניען אַנשטאָט אַ קיך־בענקל. די איבעריקע שילער זײַנען געגאַנגען ווי מיטפֿילנדיקע באַגלייטער. געשלאָסן האָט די פּראָצעסיע פּראַסקאָוויאַ מאַקסימאָוונאַ, וועלכע האָט געטראָגן אַן אופּגעבלאָזענעם זאַק מיט זשעניעס בעטגעוואַנט. אַזוי האָט זיך זשעניע מיט מאָזל אַריבערגעקליבן. זי האָט געקויפֿט אַ מאַטראַץ, וואָס איז אוועקגע־שטעלט געוואָרן אַף ציגל. דער סטאָליער פֿון דער שול האָט געמאַכט דרײַ טאַבורעטקעס. אַ טיש האָט זי אַנטליִען אין שול.

דעם קומענדיקן זונטיק האָט באַ איר באַדאַרפֿט זײַן דער כאַנוקאַס־האַבאַיִס.

אַ גאַנצע וואָך איז זשעניע געווען ווי אין אַ טשאַד, און ניט אַזוי פֿון די זאָרגן ווי און וואָס אײַנצוקויפֿן, ווי פֿון דעם, וואָס די דירעקטאָרשע האָט איר געזאָגט:

— יעווגעניאַ וולאַדימיראָוונאַ, איך וועל קומען ניט אַליין. וואַסיל וואַסיליִעוויטש וועט אויך זײַן.

זשעניע האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער אין האַרצן האָט זי עס זייער ניט געוואָלט. אין איינעם אַן אָוונט איז זי אַרײַנגעגאַנגען צו די שאַפּיראָס. זי האָט גאָרנישט דערציילט, נאָר ראַכיל דאַווידאָוונאַ האָט זיך עפּעס אָנגעשטויסן און געזאָגט:

— וואָס זײַט איר אַזוי צעטראָגן, יעווגעניאַ וולאַדימיראָוונאַ? ס׳איז אַ הונגער אין שטאָט? איך מיט לעוו מאַיִסייעוויטש וועלן קומען פֿריִער פֿון אַלעמען, מיר וועלן אײַך אַלץ העלפֿן צוגרייטן.

— מע וועט גאָרנישט דאַרפֿן, ווײַל פּראַסקאָוויאַ מאַקסימאָוונאַ וועט קומען שאַבעס און זי וועט העלפֿן.

ווען זשעניע איז אוועקגעגאַנגען, האָט לעוו מאַיִסייעוויטש זיך געטיילט מיט זײַנע אײַנדרוקן:

— מע זאָגט — איצטיקע יוגנט. וואָס פֿאַר אַן ערלעך האַרעפּאַשנע קינד דאָס איז. ווי געטרײַ זי איז אירע טאַטע־מאַמע. זי פֿאַרשטייט אפֿילע ניט, אַז זי איז ניט קיין מיִעסע. ווען אונדזער יוליק איז איצטער דאָ־אָ...

— מע קאָן פֿון דיר שטאַרבן. ווי נאָר דו דערזעסט אַ לײַטיש, שיין מיידל, ווילסטו זי גלײַך פֿאַר אַ שנור.

— זשעניען וויל איך טאַקע, איך לייקן ניט. און דו ווילסט ניט? — האָט לעוו מאַיִסייעוויטש געפֿרעגט.

פּונקט ווי די שאַפּיראָס האָבן קיינמאָל ניט גערעדט מיט זשעניען וועגן זייער מאַריקן, וואָס האָט זיך באַ איר געלערנט, אַזוי האָבן זיי אויך קיינמאָל ניט גערעדט וועגן זייער עלטערן זון יוליק, וואָס האָט זיך געלערנט אַפֿן לעצטן קורס פֿונעם הידראָטעכנישן אינסטיטוט. אומזיסט האָט איצט ראַכיל דאַווידאָוונא פֿאַרגעוואָרפֿן איר מאַן, האַלעמײַ זשעניע איז אים געפֿעלן פֿאַר אַ שנור, זי אַליין האָט דאָך ניט איין מאָל באַדויערט, וואָס גראַד האַיאָר וועט יוליק אַף די ווינטער־

קאַניקולן ניט קומען. זי האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ מיידל זשעניע איז; זי האָט אויך געזען, אַז זשעניע איז ניט נאָר ניט קיין מיִעסע, נאָר אַ שיינע. און דאָס איז טאַקע אַזוי געווען.

דער כאַנוקאַס־האַבאַיִס איז טאַקע געווען זונטיק. פּראַסקאָוויִא מאַקסימאָוונאַ האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַטראַכט די דירע און האָט באַמערקט:

— בעסער קאָן גאָר ניט זײַן! עס, לעב, יעווגעניִא וולאַדימיראָוונאַ. זאָגסט, דו וועסט נעמען דאָס שוועסטערל צו זיך? גוט. באַ טאַטע־מאַמע וועט זײַן מיט אַ מויל ווינציקער, און ווײַטער...

— וואָס ווײַטער, באָבע פּאַשע?

— ווײַטער איז אויף דער זיבעטער שאַכטע דאָ אַ באָכער, אַ מעכאַניק, אַ כאָכעם. בראַנפֿן, אַ פּאַפּיראָס קומט אין זײַן מויל ניט. אַרבעט און לערנט זיך אויף אויסוויינִיק אין באַרג־אינסטיטוט. איצט, יעווגעשאַ, ביסטו אַ קאַלע מיט נאַדן!

זשעניע האָט געלאַכט ניט אַזוי פֿון דעם, וואָס זי איז „אַ קאַלע מיט נאַדן“, ווי פֿון דעם, וואָס אַנשטאָט „הינטער־אויגיק“ זאָגט די אַלטע „אויסווייניק“.

די ערשטע זײַנען אַרום פֿינף פֿאַרנאַכט געקומען ראַכיל דאַווידאָוונאַ און לעוו מאָיִסייעוויטש.

— אָט אַזוי האָב איך ליב, — האָט זשעניע אַ דערפֿרייטע געזאָגט.

— איר וואָלט בעסער געזאָגט, אַז איר האָט אונדז ליב, — האָט זיך ראַכיל דאַווידאָוונאַ געוווערטלט.

— זאָגן דאַרף מען דאָס, וואָס איר ווייסט אַליין ניט, — האָט זשעניע געענטפֿערט.

ראַכיל דאַווידאָוונאַ האָט פֿאַנאַנדערגעבונדן דאָס פּעקל, וואָס זי האָט געבראַכט, און האָט דערלאַנגט זשעניען אַ גרויסן ווײַסן לײַנענעם סערוועט.

— דעם טישטעך שיק איך גלײַך אוועק דער מאַמען! — האָט זשעניע אויסגעשריִען.

— דער טישטעך איז אײַערער, און איר קאָנט מיט אים טאָן, וואָס איר ווילט. נאָר איך מוז אײַך זאָגן, אַז איך בין מעקאַנע אײַער מאַמע.

מער האָט זי גאָרנישט באַוויזן צו זאָגן, ווײַל ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג. זשעניע איז אַוועק עפֿענען די טיר.

דאָס איז געקומען די דירעקטאָרשע מיט איר מאַן וואַסיל וואַסיליעוויטשן. נאָך דעם, ווי זיי האָבן אויסגעטאָן די מאַנטלען, האָט ער אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש אַ פֿלאַש קאָניאַק. שפּעטער האָט ער אים טאַקע אַליין אויסגעטרונקען. נאָך יעדער גלעזל האָט ער געזאָגט דעם זעלביקן טאָסט:

— יעווגעניִא וולאַדימיראָוונאַ, אײַלט זיך נאָר ניט, איר וועט ניט פֿאַרשפּעטיקן צו וואָשן ווינדעלעך. דער איקער איז לעבן, קאָלזמאַן מע איז יונג.

אַלע האָבן געשוויגן, געקוקט, ווי ער טרינקט. ס'איז געווען ניט היימלעך, די דירעקטאָרשע איז געווען נאָך אומעטיקער, ווי שטענדיק. דאָס פּאָנעם בלייך, די אויגן אַראָפּגעלאָזט. די שאַפּי־ראָס זײַנען איינגיכן אַוועק. די דירעקטאָרשע מיט איר מאַן זײַנען געזעסן ביז האַלבער נאַכט. פּראַסקאָוויִא מאַקסימאָוונאַ איז געבליבן נעכטיקן. זי האָט געהאָלפֿן צוקלײַבן. נאָכדעם איז זי מיט זשעניען געלעגן אויפֿן נײַעם מאַטראַץ און האָט שטיל גערעדט:

— ער האָט אויסגענאָגט דעם מאַרך פֿון אירע ביינער.

— ווער — פֿון וועמען?

— ביסט קלוג און קלוג און פֿרעגסט נאַרישע פֿראַגעס. וואַסיל וואַסיליעוויטש פֿון זײַן ווײַב, און ניט פֿאַרקערט!

— אַ־האַ, — האָט זשעניע אַ גענעץ געטאָן.

— דו ווילסט שוין שלאָפֿן? — האָט די אַלטע געפֿרעגט און איז אײַנגעשלאָפֿן פֿריִער פֿון זשעניען.

עס זײַנען אַוועק עטלעכע וואָכן. זשעניע האָט זיך שוין צוגעוווינט צו איר דירע. די אַלטע פּראַסקאָוויִא קומט צו איר זייער אָפֿט. די שאַפּיראָס גייען אויך אַרײַן. אין דער אָוונטיקער אַר־בעטער־שול האָט זי באַקומען די צוגעזאָגטע שאָען. זי שיקט טאַקע אַלע כוידעש אַהיים פֿערציק רובל. אַזוי לעבט זיך זשעניע.

אין איינעם אַן אָוונט איז פּלוצעם געקומען וואַסיל וואַסיליעוויטש. ער האָט ניט אויסגעטאָן דעם מאַנטל, איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט אַוועקגעשטעלט אַ פֿלאַש קאָניאַק. ער האָט געכאַפּט זשעניעס פֿאַרוווּנדערטן בליק און האָט געזאָגט:

— יעווגעניִא וולאַדימיראָוונאַ, דאָס איז פֿאַר מיר, און פֿאַר אײַך איז אָט וואָס, — ער האָט אָנגעשאָטן אויפֿן טיש אַ בערגל שאָקאָלאַד־קאָנפֿעטן.

ער איז ניט לאַנג געזעסן. האָט אויסגעטרונקען נאָר איין גלעזל און קאַלטבלוטיק געזאָגט:

— ס'וועט זיך מאַכן אַ פֿרײַער אָוונט, וועל איך עפּשער אַרײַנגיין, האָט אַ גוטע נאַכט.

ווען זשעניע איז אין א פּאָר טעג אַרום אַרײַנגעגאַנגען אין ביבליאָטעק, האָט זי דערציילט ראַכיל דאַווידאָוונען וועגן דעם, אַז וואַסיל וואַסיליעוויטש איז בא איר געווען.

ראַכיל דאַווידאָוונא האָט באַדויערנדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— דאָס געפעלט מיר ניט.

— מיר אויך ניט. אָבער וואָס זאָל איך טאָן?

— דאָ איז שווער צו געבן אַן אייצע. נאָר איך אָף אײַער אָרט וואָלט אים מיטגעגעבן זײַנע מאַטאָנעס. צווייטנס, וואָלט איך געבעטן בא פּראַסקאָוויִא מאַקסימאָוונען, זי זאָל בא מיר נעכטיקן.

דאָס ערשטע האָט זשעניע פאַרזען, די צווייטע אייצע האָט זי געפאָלגט און האָט געבעטן בא דער אַלטער, אַז יענע זאָל בא איר נעכטיקן. אָבער פּראַסקאָוויִא מאַקסימאָוונא האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט. אָף א פרישן אָרט, האָט זי געטײַנעט, קאָן זי מיט קיין אויג ניט צומאַכן.

דער ווינטער האָט זיך געענדיקט. עס זײַנען שוין געגאַנגען די פרילינג־קאַניקולן. זשעניע איז געזעסן און האָט געלייענט. עמעצער האָט אָנגעקלונגען. זי האָט געעפנט די טיר. וואַסיל וואַסיליעוויטש האָט אַריבערגעשפּאַנט די שוועל און מיט א שמייכל געזאָגט:

— יעווגעניִא וולאַדימיראָוונא, איר זײַט ניט גאַסטפרײַנטלעך. שרעקט זיך ניט פאַר מיר. גיט א גלאָז טיי. כאָטש ס'איז מאַרט, איז אַזאַ פרעסטל, אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט!

נאָך דער צווייטער גלאָז טיי האָט ער אויסגעטאָן דאָס רעקל, האָט זיך אופגעהויבן פון טאַבורעט און זיך ברייט צעזעצט אָפן מאַטראַץ. זשעניע האָט געקוקט אָף אים און האָט א פאַרציטערטע געוואַרט, ער זאָל זיך שוין אופהייבן און גיין נעמען דעם מאַנטל.

— וואָס קוקט איר אָף מיר ווי אָף א בער? איר האָט זיך דאָך ניט אָפּגעזאָגט פון די באַקוועמלעכקײַטן, וואָס איר האָט אַדאַנק דעם בער, וועלכער איז פאַרזיצער פון שטאָט־ראַט.

— וואָס רעדט איר, וואַסיל וואַסיליעוויטש?

— איר פאַרשטייט ניט? אָ, הייליקע אומשולד!

— וואָ־אָ־אָן! — האָט זשעניע אויסגעשריִען.

ער האָט אָפּגערוקט דעם טיש, זיך אופגעהויבן, געמאַכט א טראָט צו איר. זי האָט דערפילט, אַז ער איז פון די, וואָס באַווילִיקן ניט איבערצוכאַזערן, וואָס זיי האָבן איין מאָל געזאָגט. זי האָט זיך א וואָרף געטאָן צו דער טיר און איז אַרויסגעשפּרונגען פון שטוב.

...זי איז א רעגעלע געשטאַנען און דערנאָך אָנגעקלונגען אין דער אַנטקעגנדיקער טיר. די טיר האָט זיך געעפנט. ווען דער שאָכן האָט זי דערזען, האָט ער פאַרווּנדערט און דערשראָקן געזאָגט:

— גייט אַרײַן, ביטע.

זשעניע איז געזעסן אַזוי לאַנג, וויפל ס'האָט, לויט איר מיינונג, געדאַרפט דויערן, אַז דער „גאַסט" זאָל באַווײַזן אַוועקגיין. ווען זי איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, איז וואַסיל וואַסיליעוויטש ניט געווען.

אָף מאָרגן נאָך די לימודים איז זשעניע אַוועקגעגאַנגען צו די שאַפּיראָס און האָט דערציילט, ווי די זאַך איז. ראַכיל דאַווידאָוונא האָט אַזש פאַרבראָכן די הענט. לעוו מאָיִסייעוויטש האָט געשפּאַנט איבער דער שטוב און גערעדט ווי צו זיך:

— יאָ, אָף אים איז צו גלייבן. ער איז שוין געוווינט צו דעם, אַז אַלץ, וואָס ער וויל, פליט אים גלײַך אין מויל אַרײַן. איך וואָלט געזאָגט, פאָרט אַוועק פונדאַנען, יעווגעניִא וולאַדימיראָוונא.

— איך מיין אויך אַזוי. כאָטש בא אונדז גייט דאָס פיר־און־זעכציקסטע יאָר... שרעקן דאַרף מען זיך ניט, נאָר פאָרן פאָרט אַוועק, — האָט ראַכיל דאַווידאָוונא צוגעגעבן.

אַלע אייצעס זײַנען, אייגנטלעך, געווען איבעריק, ווײַל זשעניען האָט שוין געקערט די גאַל פון דער דירע, און זי האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז דאָ קאָן זײַן איר היים. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז ס'איז איר קלאָר געוואָרן — די דירע האָט מען געגעבן ניט איר... דאָס ערשטע געפיל איז געווען — גיין אַהין, נעמען דעם טשעמאָדאַנטשיק און פאָרן, וווהין די אויגן טראָגן. אָבער די שאַפּיראָס האָבן זי, פאַרשטייט זיך, ניט געלאָזט אַליין. ראַכיל דאַווידאָוונא איז מיטגעגאַנגען און איז בא איר געבליבן נעכטיקן. א גאַנצע נאַכט האָט מען גערעדט. און עס איז געבליבן אַזוי, ווי זשעניע האָט באַשלאָסן: זי פאָרט בויען די דיווּנאָגאָרסקער געס. ראַכיל דאַווידאָוונא האָט ניט דערווידערט...

ווען זשעניע האָט דער דירעקטאָרשע דערלאַנגט די מעלדונג, האָט יענע זי אָנגעקוקט און געזאָגט:

— איך גיב מײַן האַסקאָמע. איך וועל אָנשרײַבן די געהעריקע רעזאָלוציע אָף אײַער מעלדונג. איך בין צופרידן, וואָס איך האָב אין אײַך קיין טאָעס ניט געהאַט...

ווען די דירעקטאָרשע האָט עס געזאָגט, האָט זיך אף איר בלייכן פאַרזאָרגטן פּאָנעם באַוויזן א מילדער שמייכל...

גלײַך אוועקפאָרן איז אָבער זשעניען ניט געלונגען. זי האָט געדאַרפט צוּוואַרטן, ביז מע וועט געפינען א לערערקע זי צו פאַרבײַטן.

קיין אבאקאן האָבן זי באַגלייט פּראַסקאָוויִא מאַקסימאָוונא און ראַכיל דאַווידאָוונא. אירע שילער האָבן אפילע ניט געוווּסט, אַז זי פאָרט אַוועק. ווען דער צוג האָט זיך שוין גערירט פון אָרט, האָט ראַכיל דאַווידאָוונא נאָכגעשריִען:

— זשעניעטשקע, שרײַבט! עס קאָן זײַן, אַז איר וועט באַגעגענען מײַן זון אף דער גאַס. כ׳האָב אים אָנגעשריבן, ער זאָל אײַך זוכן. ער וועט דאָרט זײַן אף פּראַקטיקע.

נאָר דאָס האָט שוין זשעניע ניט געהערט.

עס האָט א ביסל געדויערט, ביז זשעניע האָט אין דיוונאָגאָרסק געקראָגן א בעטל אין צוזאַמענוווינונג. ביז זי האָט זיך אײַנגעאָרדנט אף אַרבעט. ווען זי איז שוין געווען אין סטאַסיק שעווטשענקאָס בריגאַדע בעטאָנשטשיקעס, האָט זי ערשט דעמלט אָנגעשריבן א בריוו אַהיים:

„טײַערער טאַטע, ליבע מאַמע מײַנע, איך בין אין דיוונאָגאָרסק. איך אַרבעט אף דער גאַס. איך וואָלט געקאָנט געפינען א סאַך טערוצים, פאַרוואָס איך בין אַוועקגעפאָרן פון טשערנאָגאָרסק. נאָר דו, טײַערער טאַטע, האָסט מיך אַלע מאָל געלערנט, אַז אויב מע קאָן ניט זאָגן דעם ביטערן עמעס, זאָל מען כאָטש ניט אויסטראַכטן קיין זיסן ליגן. דעריבער מוז איך זיך מודע זײַן, אַז ביידע בלאַנקען אף דעם געלט, וואָס איר האָט געקראָגן פון טשערנאָגאָרסק, האָב איך טאַקע אַליין אָנגעשריבן, נאָר אַרויסגעשיקט האָט זיי צו אײַך ראַכיל דאַווידאָוונא שאַפּיראָ. איין זאַך וויל איך — איר זאָלט פאַרשטיין, אַז אַנדערש האָב איך ניט געקאָנט טאָן, אַז איך האָב פון דאָרט געמוזט אַוועקפאָרן. איצטער באַדויער איך דאָס קימאַט ניט, אָבער ווען איך בין געקומען אין דיוונאָגאָרסק און איך בין דאָס ערשטע מאָל אַוועק אף דער בויונג, האָב איך געמיינט, אַז איך פאָר גלײַך ווײַטער... אַזויפיל מעכאַניזמען האָב איך קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט געזען. עס קלאַפּט און עס רוישט. דער ברומענדיקער יעניסיי איז באַדעקט מיט שוים, ווי מיט אָפּגעקלאַפּטע ווײַסלעך. נאָר איצט האָב איך זיך שוין א ביסל צוגעוווינט. איך וואַרף מיט דער לאָפּעטע דעם בעטאָן ניט ערגער פון אַנדערע. די מאַשינעס לויפן און לויפן מיט בעטאָן צו דער בויונג, אַקוראַט ווי עס וואָלט דאָ ערגעץ געווען א יאַם מיט דער דאָזיקער גרויער מאַסע... אָבער מיינט ניט, אַז איך האָב געוואָרפן מײַן אַרבעט. כ׳האָב שוין אַוועקגעשיקט מײַנע דאָקומענטן קיין קראַסנאָיאַרסק, און איך וועל זיך לערנען היינטער־אויגיק אין פעד־אינסטיטוט. כאָטש איצטער איז אָנהייב מײַ, האָט מיט עטלעכע טעג צוריק געכאַפּט אַזאַ פראָסטל, אַז מיר האָבן געלייגט שמאַטעס מיט הייסער וואַסער אף די פעלדזן, דער בעטאָן זאָל בעסער צושטיין. דערנאָך האָבן מיר געשטעלט קאַלאָריפערס, און אַלץ איז געווען אין אָרדענונג. אינגיכן וועל איך אײַך אַרויס־שיקן א ביסל געלט. ווערגן מיר באַאומרויִקט זיך ניט. זײַט געזונט און גליקלעך, מײַנע טײַערע.
אײַער זשעניע".

צום צווייטן מאָל האָט זשעניע געקראָגן אַן אוויִא־בריוו. זשעניע איז געווען שטאַרק גערירט, ווײַל זי האָט זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז איר טאַטע זאָל גאָר אָנשרײַבן אַזעלכע ווערטער:

„טײַערע, ליבע טאָכטער אונדזערע, איך קאָן דיר זאָגן, אַז גלײַך ווי דו האָסט אונדז אָנגעשריבן וועגן דער נײַער דירע, האָט די מאַמע פאַרגאָסן געגנוג טרערן. כאָטש דו שווײַגסט וועגן דער סיבע, איז די מאַמע מיסטאָמע גערעכט. קיין געלט זאָלסטו ניט שיקן, ווײַל מיר וועלן אָפּשיקן צוריק. דו האָסט מיט דײַנע פּעקלעך און מיט דעם געלט אָנגעטאָן די קינדער. מיר ווילן וויסן, פאַרוואָס דו ביסט אַוועקגעפאָרן פון טשערנאָגאָרסק, כאָטש מיר פאַרשטייען. שרײַב קורץ, — די מאַמע האָט געטראָפן, צי ניט? וויבאַלד דו האָסט אָפּגעשיקט די דאָקומענטן, וועסטו דאַרפן האַלטן עקזאַמענעס. זײַ געזונט, אונדזער טײַערע טאָכטער, און היט זיך פאַר די מאַשינעס. דײַן גע־טרײַער פאָטער, דײַן מאַמע, דײַנע שוועסטער און ברידערלעך לאָזן דיר גריסן גאָר האַרציק".

קיינמאָל האָט נאָך זשעניע מיט אַן ענטפער אַזוי ניט פאַרשפּעטיקט, ווי איצט. די בריגאַדע האָט געאַרבעט אפילע אָן אַן איבערײַס אף מיטיק. עמעצער פלעגט צולויפן אין גאָרקיך און ברענגען פאַר דער גאַנצער בריגאַדע אָפּצועסן. וואָס מער מע האָט געצוימט דעם יעניסיי, אַלץ מער האָט ער געשטורעמט. ווען זשעניע פלעגט פאַרבײַגיין, איז בא איר געווען א געפיל, אַז זי מוז זיך אָן עמעצן אָנכאַפּן. די מיידלעך פון בריגאַדע האָבן זיך געוווּרטלט: „דער יעניסיי בלאָזט זיך, ער ווייסט, אַז ער וועט באַלד אײַנשלינגען א מיליאָן קובאָמעטער בעטאָן". יאָ, אַזוי איז עס געווען. עס האָט שוין ניט פיל געפעלט צו א מיליאָן...

אין די זונטיקס איז זשעניע אויך געווען פאַרנומען. זי האָט געפירט עקסקורסיעס איבער דער בויונג. אין איינעם א זונטיק איז געקומען אַן עקסקורסיע פון קראַסנאָיאַרסקער שילער. זיי האָבן

אַלץ געוואָלט וויסן: ווען מע האָט אָנגעהויבן די בויונג, ווען מע וועט זי פאַרענדיקן. זשעניע האָט געפירט די עקסקורסיע איבער דער צײַטווײַליקער בריק און האָט דערציילט:

— ווען די געס וועט אויסגעבויט ווערן און מע וועט זי צוקייטלען צו אירקוטסקער, סאַיאַנער, בראַטסקער עלעקטראָסטאַנציעס און שפּעטער צו די סטאַנציעס פון די סאָציאַליסטישע לענדער, וועט עלעקטראָ־ענערגיע קאָסטן גראָשנס.

זי האָט נאָך געהאַט א סאַך צו זאָגן, נאָר א וווקסיקער באָכער מיט שוואַרצע אויגן און גע־דיכטע שוואַרצע האָר, וואָס האָט דאָ גראָד ארומגעבלאָנקעט, האָט זי איבערגעשלאָגן:

— זאָגט, ביטע, וואָס איז דאָס פאַר א פּלאַץ דאָרטן רעכטס?

— דאָס האָבן די בויער געמאַכט, ווען וואַלטער אולבריכט איז אהער געקומען. אזוי האָט מען מיר דערציילט, אליין בין איך דאָ ניט לאַנג. באַלד וועלן מיר אהין גיין. פון דאָרט זעט מען גוט די גאַנצע בויונג, — האָט זשעניע געענטפערט, אָנגעקוקט דעם באָכער און ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווו האָט זי אים געזען.

זי האָט באַגלייט די עקסקורסיע און איז אוועקגעפאָרן אהיים. ווען זי איז אין דיוונאָגאָרסק ארויס פון אווטאָבוס און האָט פאַרקערעוועט צו פּאַטריס לומומבא־גאַס, האָט זי ווידער דערזען דעם באָכער. ער איז געשטאַנען לעבן דער קינאָ. און זי האָט א טראַכט געטאָן: „עס ווײַזט זיך מיר ניט אויס, ערגעץ האָב איך אים געזען. אָבער ווו?"

דינסטיק האָט די גאַנצע בריגאַדע געגעסן מיטיק אין גאָרקיך. זשעניע איז, ווי שטענדיק, געזעסן באַם פענצטער. ס'האָט זיך איר אויסגעוויזן, אז זי שווימט אף א שיף. דאָס וואַסער הינ־טערן פענצטער האָט געיאָגט און גערוישט. זשעניע האָט געקוקט אפן יעניסיי. פּלוצעם האָט זי דערהערט:

— מע קאָן זיך צוזעצן?

— ביטע, — האָט זשעניע געזאָגט און דערזען דעם באָכער מיט די שוואַרצע אויגן.

ער האָט אוועקגעשטעלט די טאַץ אפן טיש, אראָפּגענומען די טעלער. זשעניע האָט א טראַכט געטאָן: „ער האָט ניט קיין שלעכטן אַפּעטיט".

דער באָכער האָט געגעסן קילקעס מיט גרינע ציבעלע און, קײַענדיק, געזאָגט:

— אייגנטלעך, זײַנען מיר שוין באַקאַנט.

— אף אזויפיל, אף וויפל איך געדענק אלעמען, וועמען איך האָב אייערנעכטן געענטפערט אף פראַגן.

— אף מער פרעטענדיר איך דערווײַל ניט.

— נאָר דערווײַל?

דער באָכער האָט אָפּגעשניטן א רעכט שטיקל שניצעל, ארופגעשאַרט אף דעם גריקע־קאַשע, זי אָנגעקוקט און געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איר ניט גענומען קיין קאָמפּאָט?

— ווײַל איינער האָט ליב קאָמפּאָט און א צווייטער עפּעס אנדערש.

— אָבער איך זע, אז איר האָט גאָרנישט גענומען צו טרינקען, אָט ברענג איך א פלאַש לימאָנאַד.

ער האָט אוועקגעשטעלט דעם לימאָנאַד, זיך אוועקגעזעצט און געפרעגט באַ איר:

— פונוואַנען זײַט איר אהער געקומען?

— פון טשערנאָגאָרסק.

— ווו האָט איר דאָרט געאַרבעט?

— אין א שול. עס פאָדערט זיך נאָך אנקעטע־אָנגאַבן?

— אומבאַדינגט. די פאַרוואַלטערן פון שטאָט־ביבליאָטעק האָט איר געקענט?

— ראַכיל דאַווידאָוונאַ?

— יאָ.

— גיסט אָן לימאָנאַד, גיכער. ווער זײַט איר?

— איך בין ראַכיל דאַווידאָוונעס זון. וואָס פאַר א פאַרזענלעכע מאָסמיטלען האָט איר אָנגע־מערקט אף הײַנטיקן אָוונט? עפשער גייען מיר אין קינאָ?

— גאַנץ מעגלעך.

— נעם איך בילעטן אף זיבן אזייגער און וואַרט אף אײַך באַ דער קאַסע.

אין אָוונט איז זשעניע מיט יוליק שאַפּיראָ געזעסן אין קינאָ. עס איז געגאַנגען א פילם, וואָס האָט געהייסן „וועסעניִע כלאָפּאָטי"[1]. דאָס איז געווען אזא מין „שעדעוור", אז מער ווי א פערטל

[1] „פרילינגדיקע דײַגעס".

שאַ האָבן זיי ניט געקאָנט אויסהאַלטן. זיי זײַנען אַרויס פֿון קינאָ און זײַנען אַוועק שפּאַצירן מיט דער וואַלד־גאַס צו דער בוויונג. יוליק האָט דערציילט:

— שטעלט אײַך פֿאָר, אַז איך קריג אַ בריוול פֿון מײַן מאַמען, ווו זי שרײַבט מיר, אירע עפּיטעטן היפּער איך איבער, וועגן אַ מיידל אַ לערערקע, וואָס האָט צוליב אַן אויסוואָרף געמוזט אַוועקפֿאָרן פֿון טשערנאָגאָרסק און בעט מיך זייער, אַז איך זאָל אופֿזוכן דאָס מיידל, וואָס מע רופֿט עס אַזוי און אַזוי. איך קען מײַן מאַמען ניט שלעכט, נאָר איך מוז אײַך זאָגן, אַז זי האָט מיך פֿאַרוווּנדערט, ווײַל איך בין געווינט געוואָרן, אַז זי איז זייער געהיט מיט דערוואַקסענע מיידלעך...

— אָבער פֿאַרוואָס האָט מיר ראַכיל דאַווידאָווּנאַ קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז זי האָט אַ דער־וואַקסענעם זון?

— אויב איר פֿרעגט אַזוינס, קענט איר מײַן מאַמען ניט.

— איך קען אײַער מאַמען דאַפֿקע יאָ, אויב איך בין גלײַך אַוועק מיט אײַך אין קינאָ.

יענעם אָוונט איז זשעניע געקומען אין צוזאַמענוווינונג גאַנץ שפּעט.

אַף מאָרגן, ווי זי האָט עס פֿאָרויסגעזען, איז די בריגאַדע שוין געווען „אינפֿאָרמירט". סטאַ־סיק שעווטשענקאָ האָט, שלײַדערנדיק דעם בעטאָן, גלאַט אַזוי, ווי צו קיינעם ניט, געזאָגט:

— אינטעליגענץ ציט צו אינטעליגענץ.

— פֿונוואַנען נעמט זיך אַזאַ טיפּזיניקער אויספּיר? — האָט זשעניע געפֿרעגט.

— מאַך גיכער מיט דער לאָפּעטע, בעטאָן האָט פֿײַנט צו וואַרטן. וואָס טוסטו הײַנט אין אָוונט? עפּשער כאַפּן מיר אַ טענצל?

— אַן אַנדערשמאָל מיט פֿאַרגעניגן, הײַנט בין איך פֿאַרנומען, — האָט זשעניע געזאָגט.

סטאַסיק האָט מער קיין איין וואָרט ניט אויסגערעדט. אַ גאַנצן טאָג זײַנען געגאַנגען סאַמאָ־סוואַלן מיט בעטאָן.

נאָך דער אַרבעט, ווען זשעניע איז צוגעגאַנגען צו דער פֿרויען־צוזאַמענוווינונג, איז שוין יוליק געשטאַנען פֿונוויטן, לעבן אַ סאָסנע און האָט געוואַרט.

ווידער גייען זיי מיטן שאָסיי, נעמען זיך אָף לינקס, אַהין, ווו עס ציט זיך די גאַלעריי, וועלכע וועט דערלאַנגען דעם בעטאָן גלײַך צו דער בוויונג. דערנאָך פֿאַרקערעווען זיי אָף רעכטס און גייען אַרײַן אין דער טײַגע, וואָס איז דאָ ניט געריירט. דווירעסדיקע סאָסנעס שטייען איינע לעבן דער צווייטער, דער געראָיש פֿון יעניסיי הערט זיך דאָ צוגעהלושעט, אַ פּיקהאָלץ קלאַפּט מיטן שנאָבל. עס איז סאָף יון, דער טאָג געזעגנט זיך לאַנג־לאַנג. יוליק פֿרעגט:

— ווו זײַט איר געווען פֿרײַטיק?

— פֿרײַטיק בין איך געווען לעבן דעם אַכטן מאַגאַזין, ווײַל פֿרײַטיק איז אַ טאָג, ווען מע ברענגט אין אָרדענונג די שטאָט.

— ביז וויפֿל אַזייגער האָט איר געבראַכט אין אָרדענונג די שטאָט?

— ביז נײַן, דוכט זיך.

— און מיר דוכט זיך ניט, ווײַל פּונקט נײַן בין איך געווען אין אײַער צוזאַמענוווינונג און איך האָב אײַך דאָרט ניט געטראָפֿן.

— איך האָב אָפֿן זייגער ניט געקוקט. איך ווייס נאָר, אַז מיר האָבן ביז שפּעט געריייניקט די קאָרטשעס און דאָס מיסט אַרום דעם מאַגאַזין.

— נו גוט, — זאָגט יוליק. ער נעמט זי פֿאַר אַ האַנט. זיי גייען אַרויס פֿון טײַגע צו דער גאַלעריי, וואָס ציט זיך ווי אַ לאַנגער־לאַנגער קעמל־האַלדז. אָט אַזוי אַלע טאָג. זיי גייען ניט אין קינאָ, זיי גייען ניט אָף דער טאַנץ־פּלאַשטשאַדקע, זיי נייטיקן זיך נאָר איינער אין דעם אַנדערן, מער אין קיינעם ניט.

עס איז אָנהייב אַווגוסט. יוליק מיט זשעניען זיצן אָף אַ ברייטן פּניאַק. יוליק איז אומעטיק און פֿאַרזאָרגט.

— וואָס וועט זײַן מיט אונדז, זשעניע? — פֿרעגט ער.

— גאָרנישט! דו וועסט מיך ליב האָבן, איך וועל דיך ליב האָבן, און מיר וועלן וואַרטן דרײַ יאָר.

— עס איז גוט, וואָס דו ווייסט, אַז איך וועל וואַרטן. אָבער זאָג, פֿאַרוואָס פּונקט דרײַ יאָר?

— מע האָט מיך צוגענומען אָפֿן צווייטן קורס אין פּעד־אינסטיטוט. איך וועל זיך סטאַרען דורכמאַכן צוויי קורסן אין איין יאָר.

— אַ לויב דײַן פֿלײַסיקייט. און נאָכדעם וואָס וועט זײַן?

— נאָכדעם וועל איך ווערן אַ לערערקע, כ'וועל נעמען אַהער די ייִנגערע שוועסטער, און מיר וועלן...

— וואָס ווילן מיר? — האָט יוליק ניט געלאָזט זשעניען ענדיקן. — מיילע, איך דאַרף וואַרטן דריי יאָר. נאָר וואָס איז דיין שוועסטערל שולדיק? לאָמיר אָנשרייבן א בריוול דער מאַמען, וועט זי צופאָרן און וועט נעמען דאָס שוועסטערל.

— דאָס וואָלט געווען ניט שלעכט, אָבער מיין טאַטע האָט מיך געלערנט, איך זאָל קיינמאָל ניט ארופוואַרפן אף יענעם דאָס, וואָס איך דאַרף אליין טאָן.

— אויסגעצייכנט!

ער קושט זי. זי ווערט זיך ניט... אָבער ער שפּרינגט אָפּ פון איר. ער האַלט זיך מיט ביידע הענט באם קאָפּ, שאָקלט זיך און שעפּטשעט:

— אוי, פראַכט מיינע, היט זיך פאר מיר!..

אף מאָרגן נאָך דער ארבעט איז זשעניע אריין אין פּאָטשט, ווייל זי באַקומט דאָ בריוו, און זי האָט זיך זייער פארוואונדערט, ווייל דער בריוו, וואָס דאָס מיידל האָט איר דערלאַנגט, איז געווען ניט פון דער היים. דער בריוו איז געווען פון ראַכיל דאַווידאָוונען:

„געאַכטע און ליבע יעווגעניִא וולאַדימיראָוונא! איך בין זיך גלייך מוידע, אז איך האָב געהאַט פון יוליקן א בריוו. מיר האָט זיך אויסגעוויזן מאָדנע, וואָס איר האָט גאָרנישט צוגעשריבן. איך ווייס שוין עפּעס וואָס... איך זאָג „עפּעס וואָס", ווייל וואָס פאר א זון שרייבט עס דער מאַמען אלץ?.. איצט וועל איך אייך דערציילן אזעלכע נייס, וואָס וועלן אייך פארשאַפן פרייד: וואַסיל וואַסיליעוויטש האָט געמאַכט פליִיטע פון טשערנאָגאָרסק. אין שטאָט רעדט מען, אז ס'איז געקו־מען א מענטש פון קראַסנאָיאַרסק פאַנאַנדערקלייבן די מעלדונגען, וואָס א סאַך פרויען האָבן אף אים דערלאַנגט. צו דעם, זאָגן מענטשן, האָט ער אָפּגעטאָן נאָך שיינע זאַכן. מיסטאָמע איז געווען באַקוועמער מאַכן פליִיטע, איידער געבן דערקלערונגען... איך בין זייער צופרידן, וואָס יוליק האָט אייך „געפונען". וועגן לעוו מאָיסייעוויטשן איז אָפּגערעדט — ער טאַנצט פון פרייד. פּראַסקאָוויִא מאַקסימאָוונא איז אויך צופרידן. שרייבט. מיט ליבע. אייער ראַכיל דאַווידאָוונא".

פאַרשטייט זיך, אז זשעניע האָט געגעבן דאָס בריוול יוליקן. ער האָט עס איבערגעלייענט און געזאָגט:

— דער טייוול זאָל נעמען וואַסיל וואַסיליעוויטשן! אָבער איך האָב ניט געוווּסט, אז מיין מאַמע איז אזא כיטרע.

— וואַג ניט אזוי צו ריידן וועגן דיין מאַמען! — האָט זיך זשעניע איינגעשטעלט פאר ראַכיל דאַווידאָוונען.

כאָטש אף דער בויונג האָט די ארבעט געברענט — מע האָט געענדיקט וואַרפן די לעצטע הונדערטער טאָן בעטאָן, אָט־אָט האָט שוין געדאַרפט ווערן א מיליאָן, — פונדעסטוועגן האָבן זיך יוליק מיט זשעניען געטראָפן אַלע טאָג. ביז שפּעט באַנאַכט פלעגן זיי אומגיין אין טייגע, און עס האָט געטראָפן דאָס, וואָס עס האָט געמוזט טרעפן מיט צוויי יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב...

נאָכדעם זיינען זיי געזעסן צוגעטוליעטע איינער צום צווייטן, און זשעניע האָט שטיל געפרעגט:

— פאַרוואָס ביסטו איצטער ניט איך?

— וואָס פאַרוואָס? איך בין דו, ווי דו ביסט איך...

דאָס מאָל, בייס זיי זיינען געקומען אין שטאָט, זיינען זיי אריין אף פּאָטשט. און ווען זיי האָבן דערלאַנגט צוויי טעלעגראַם־בלאַנקען דעם מיידל, האָט יענע ארויסגעשטעקט דאָס פאַרשלאָפענע פּאָנעם פון פענצטערל און געפרעגט:

— אין ביידע טעלעגראַמעס דער זעלבער טעקסט?

— יאָ, אַלץ אין אָרדענונג, — האָט יוליק געענטפערט.

און אין א פּאָר טעג ארום האָט ער אוועקגעשיקט א בריוו צו דער מאַמען. ער האָט געשריבן:

„טייערע מאַמע, צו דעם, וואָס דו ווייסט, מוז איך צוגעבן, אז מיר האָבן פאַרגעסן צו וואַרטן דריי יאָר... איך וואָלט דיך זייער געבעטן, דו זאָלסט נעמען אורלויב און צופאָרן צו זשעניעס טאַטע־מאַמע. ווי דו דאַרפסט מיט זיי ריידן, ווייסטו בעסער פון מיר. איך בין זיכער, אז דו פאַרשטייסט, ווי וויכטיק דאָס איז. דו קענסט דאָך זשעניען, און דו ווייסט, ווי זי באַציט זיך צו אירע טאַטע־מאַמע. און נאָך א זאַך: אז דו וועסט זיך דאָרטן דערריידן וועגן אַלץ, איז אומאָפּהענגיק דערפון, צי זשעניעס עלטערן וועלן יאָ פאָרן מיט דיר אהער צי ניט, נעם מיט נאַטאַשקען, זשע־ניעס ייִנגערע שוועסטער. אָבער איין זאַך זאָלסטו וויסן: אין די נאָיאַבער־טעג גיי איך מיט זשעניען זיך רעגיסטרירן. זשעניע גריסט אייך הארציק. איך קוש דיך, דעם טאַטן און מאַריקן. דיין זון".

וולאדימיר דאנקאָ

א בינטל לידער

◇ ◇ ◇

פונקט ווי א שמייכעלע
צו מיר אין הארץ,
אזוי פאלט א שנייעלע
אף מיין האנט
און צעגייט,
און ווערט א טראָפּן וואסער, —
און דאָס וועט קלעקן שוין
דער פליג, קעדיי זיך איינוואשן.
און דאָס וועט זיין גענוג,
א גריל זאָל טאָן א טרונק,
מיט אָט דעם טראָפּן קאָן מען
אויסלעשן
א פונק.

דער טראָפּן איז גענוג,
א גלאָז זאָל זיך צעגיסן,
די ווערטער נעצט ער איין —
און ס'איז מיין ליד צעריסן,
און יאָ, עס איז גענוג
(אזויפיל און ניט מער)
אין אומגליק און אין גליק
דעם אויג
צוליב א טרער.
פונקט ווי א שמייכעלע
צו מיר אין הארץ,
אזוי פאלט א שנייעלע
אף מיין האנט...

◇ ◇ ◇

ווען איך דערשפיר א רויך,
וואס שמעקט מיט פייער, —
איך נעם מיין קינד
פאמעלעך אף די הענט,
און ס'ווערט מיר קלאָר,
ווי אייגן און ווי טייער
איז מיר מיין היים,
מיין שטאָט, מיין לאנד,
מיין ערד.

א סרייפע אָנצינדן איז
פראָסט:
מע נעמט א ביסל שטרוי,
א שוועבעלע
און מיט בענזין א פלעשל.
און — פארטיק,
פרווו עס איצט פארלעשן...

ס'איז עפּעס רויכיק אינעם
הימל האיאָר—
און רויך, ווי ס'איז באקאנט,
שמעקט דאָך מיט פייער...

◇ ◇ ◇

דאָס אלץ געהער צו דיר —
דער בלויער, בלויער הימל,
די פייכטע, שטילע ערד
אין גרינעם קלייד.
דאָס אלץ געהער צו דיר,
פון דיר באשענקט מיט
הימנען,
און מיט דיין קאָפּ
באקלערט,
און מיט דיין האנט פארזייט.

דאָס אלץ געהער נאָר דיר,
דיין שטוב איז דאָ אינמיטן,
דו ביסט דער ארבעטער
און דו — דער באלעבאָס.
איז זאָג זשע, ס'קאָן דען
זיין,
דו זאָלסט עס ניט פארהיטן,
דאָס,
וואס געהער נאָר דיר,
וואס אויסגעכאָוועט האָסט?

◇ ◇ ◇

עס שלאָפט מײַן קינד.
אונטער דער קישן
באהאלט זײַן הענטעלע פון מיר
דעם גלויבן
אין דעם גאָלד׳נעם שליסל,
וואָס עפנט אָפּ די צויבער־טיר.

ס׳איז גוט
און ביטער זיך דערמאָנען:
אָט דאָרט, אין ווײַט,
ווו ס׳רוט שוין אלץ,
א יינגעלע
(ס׳איז איך, אפּאָנעם)
האלט אויך א שליסעלע
לעם הארץ.

ס׳גייט דורך א צײַט,
און נאָך א ביסל,
און פּלוצעם
שטיל, ווי אינעם זאמד,
עס פאלט ארויס
דער צויבער־שליסל
בא אים פון האנט.

און אומעטום —
א וועלט מיט טירן,
און יעדע שרײַט:
— צו מיר! צו מיר!
נאָר ווער וועט אים
צו „יענער“
פירן?
ווו עפנט ער
אצינד
די טיר?

עס שלאָפט מײַן קינד,
אונטער דער קישן
באהאלט זײַן הענטעלע פון מיר
זײַן גאָלד׳נעם שטראל,
זײַן גאָלד׳נעם שליסל,
וואָס עפנט אויף
די צויבער־טיר.

◇ ◇ ◇

א שטערן פאלט —
די שײַן צעשפּאלט
דעם כוישעך,
און מיר פארגעסן,
אז מע פארלירט
דעם שטערן,
וועלכער שײַנט
מיט לעצטע קויכעס.
נײַן, מיר מיינען,
אז מע געפינט אים...
און אָט — א מענטש —
ער פליט, ער שטראלט,
און אלץ איז ער
א פינטל.
און ווען
אין פאלן שוין ער האלט —
אָט דעמלט
מע געפינט אים...

◇ ◇ ◇

אָ, ווי פריילעך און
געשמאק
טיקעט מײַן זייגערל.
טיק־טאק, טיק־טאק,
טיק־טאק, טיק־טאק...

„פריילעך, זאגסטו,
און געשמאק?
הער
זיך
צו! —
ווי א האמער,
ווי א האק,
קלאפּט
זײַן
צונג.
ווי א האק,
ווי א האק,
שלאָגט זײַן קאלטער
אָדער:
טיק —
טאק.
טיק —
טאק.
אָדער —
אָדער.
אָדער —
אָדער“.

מוישע טייפן

אָ, רויִקייַט,
דו קומסט צו אונדז מיט זיי —
מיט בלעטער טרוקענע
און אָפּגעקילטע געסלעך,
און עפּעס ווערט
אונדז גרינגער צו פאַרשטיין,
און עפּעס
שווערער צו פאַרגעסן...

אָ, שטילע שאָ...
עס רירט זיך ניט פון אָרט
די גאַנצע וועלט —
איר לייַב,
איר האַרץ,
איר מויעך.
דער ווינט הייבט אויף זייַן האַנט
און לאָזט אַראָפּ
אָן קויעך,
און ווייַטער — רויִקייַט...

און בייטיק איז אַ וואָרט,
אַז עפּעס וויכטיקס נאָך
וועט זייַן,
וועט קומען ווידער.

מאָטל גרוביאן

גאנצפרי

די מענטשהייַט וויל דען שלאָפן?
זי האָט ערשט פון שלאָף דערוואכט,
אראָפּגעוואָרפן פון זיך די שטיינערנע נאכט,
פון די אור־היילן ארויסגעלאָפן.

די מענטשהייַט פון שלאָף די אויגן רייַבט,
טרינקט פון גאָרטן, וואָס בליט,
און דער גאָרטן ליבע־בריוו שרייַבט,
דער ווינט זילבער אין אויער שיט!

די מענטשהייַט וויל דען שלאָפן?
זי האָט ערשט זיך אויסגעלערנט
אריַינשטעקן אין דער ערד א זוים,
אָנצינדן א געטלעכן טרוים,
אָנכאפּן זיך אין הייכן פאר א צווייַגל שטערן.
פארשטיין דעם דונער, וואָס מיר הערן,
ווען דער רעגן הענגט נאָך אין רוים.

די מענטשהייַט וויל דען שלאָפן?
קאַיִן מיט א שטיין האָט זיך באוואָפנט
און יאָגט זי נאָך אין פרייַען פעלד,
ווו די לעוואָנע הענגט אין הימל אָפן.
צי דען אָף אומקום באשאפן איז די וועלט?

די מענטשהייַט וויל דען שלאָפן?
אין אירע פינגער טאָג־ליכט אייביק רינט,
ווער ווייסט, וואָס מיט אונדז וואָלט געטראָפן,
ווען מיר פארשלאָפן דאָס פייַער,
וואָס ארום אונדז מע צינדט?!..

די מענטשהייַט קאָן ניט שלאָפן!
זאָל גיין א רעגן, זאָל פאלן א שניי,
רייַס אויס דעם שטיין, מיט וועלכן קאַיִן
האָט זיך איצט ווידער באוואָפנט,
און דעם ליכטיקן מאָרגן אנטקעגן גיי!
ווערט לעבעדיק דאָס וואסער אין ברונעמס.
רעדט מיט נעוויִע דאָס פרייַע פעלד —
ניט אומקומען וועט קיינמאָל די וועלט,
מייַן ערד — די הארפע מיט ווייצענע סטרונעס.

א פארמעקטע ליד

די ערשטע סטראָפע פון מייַן ליד
האָב איך מיט א פאסיקל פארמעקט;
עפּעס האָט זי מיר דאָס הארץ ניט צעגליט,
דאָס פאסיקל אויסגעזען האָט, ווי א וועג,
אָף וועלכן א פור איז דורכגעפאָרן,
אָן אָס צעטראָטן און אין וואלד אוועק.

די צווייטע סטראָפע, האָט מיר געדאכט,
לויכט מיט אלע שטערן;
איך דארף אָבער, ס'זאָל טאָגן איצט,
און זי מיר צינדט די נאכט.
האָב איך א רינגעלע, ווי די זון,
מיט א בלייַער אָנגעקריצט
און א סאָף צו איר געמאכט.
דאָס רינגעלע, דער קרייַז,
האָט אויסגעזען דערפון,
ווי אפן טייַך אן עמער אפן אייַז.

די דריטע סטראָפע האָט אויך מיר
ניט געשמעקט,
ס'האָט געדאכט, א סקריפּענדיקע טיר
פון שלאָף עמעצן וועקט.
האָב איך טייקעף א צייכעמל געשטעלט,
האָט עס אויסגעזען,
ווי די פליגל פון א ווינטמיל אין פעלד.
די פערטע סטראָפע איז די ערשטע געוואָרן,
האָט א שמעק געטאָן מיט ערד,
מיט הויכן הימל און פרישן קאָרן —
כ'האָב סנאָפּעס צו א סטויג געטראָגן,
נאָר דעם זין צוליב וואָס — אפן וועג פארלאָרן.
האָב איך אָנגעלייגט גראָז א פולן וואָגן
און צוריק מיטן זעלבן שליאך געפאָרן.

דערנאָך האָב איך מענטשעלעך און פערד
געמאָלט מיר און געצייכנט,
א ברונעם, פון וועלכן מײַן שיינהײַט
וואסער ציט,
כ׳האָב איר זילבערנעם געלעכטער געהערט,
זי האָט צו מיר גליקלעך געשמייכלט,
און א ווינט האָט איר אין אויער געלייענט
מײַן פארמעקטע ליד.

דאָס אנטלאָפענע יינגל

ווען איך בין פון דער היים אוועק,
האָב איך וועגן רום ניט געקלערט,
באטאָג שיפן געשלעפט
פון יאם צום ברעג,
באנאכט — אונטער א בוים,
מיטן פּאָנעם צו דער ערד,
האָט זיך אָפּגעדרוקט אף מײַן באק
די קארטע פון מײַן וועג.

ווען איך בין פון דער היים אוועק,
האָב איך אף הויכע בערג
צו זייערע שארפע קעפּ זיך פארקוקט,
געקלעטערט אָן שרעק,
נאָר אָפט פליִען פון די בערג,
ווי א שטיין איך פלעג,
מיט די אייגענע ביינדעלעך
אף דער ערד זיך געדרוקט.

ווען איך בין פון דער היים אוועק,
האָב איך בלויז אין דער ווײַט געקוקט,
שטומע וועלדער
מיט מײַנע לידער געוועקט,
פארן אייביקן פלאם
פון דער זון זיך געבוקט,
נאָר כ׳ווייס ניט, צי דער וואָלף,
וואס האָט מײַן יוגנט פארצוקט,
לייענט די קארטע פון מײַן וועג,
וואָס איז אף דער באק אָפּגעדרוקט.

טאָג

אוי, ווו אײַלסטו זיך, מײַן לעבן?
עמעץ פעלשט מיר אין דער וואָג.
אלעמאָל די זעלבע פלאָג,
ס׳פעלט מיר אויס א שטיקל טאָג,
כ׳קאָן קיין אייצע זיך ניט געבן!
אוי, ווו אײַלסטו זיך, מײַן לעבן?
ניט דערמאָסטן, ניט דערוּוויגן! —
עפּעס ווי אומיסטן ניט דערזאָגט.
ס׳פארגיסט מיט שײַן די זון די אויגן,
און זאָגט צו מיר א גוטן טאָג!
צינד א לאָמפּ אָן אפן דאך,
די לעוואָנע וואָרט אין סכאך,
זיץ און פײַל דאָס וואָרט און רייניק,
ס׳איז געבליבן ניט קיין סאך.
לאָזט זיך אויס, א לאנגע נאכט,
איז זי אויך מיר קורץ און ווייניק.
כ׳קאָן קיין אייצע זיך ניט געבן,
אוי, ווו אײַלסטו זיך, מײַן לעבן?
ס׳טאָגט שוין ווידער אפן דאך,
און אזוי דאָס גאנצע לעבן.

דאָס געטאָ־קינד

פון בײדע זײַטן איז מײַן הארץ
מיט בלוט פארשריבן, —
איך בין אַנגעטאָן אין א פײַער־העמד,
ווי דאָס געטאָ־קינד, איך פיבער,
ס׳איז אין מײַן זיקאָרן לעבן געבליבן.
איך זע איין ברעם,
וואס זעט אויס, ווי זי וואָלט ערגעץ געלאָפן,
די צווייטע, ווי זײַן טאטנס פלייצע,
אויסגעבויגן,
ווען מ׳האָט אים צום אויוון געטריבן
ניט פארבונדן אפילע די אויגן!..

ייִנגעלע! שוין צוואַנציק יאָר,
אַז דו לאָזט מיך ניט שלאָפֿן!
ייִנגעלע! ס'איז עמעס, אַז בעשאַס
אַ מאָלער נעמט מאָלן דײַנע האָר, דײַנע אויגן,
ווערט ער אַליין אַ באַרג אַש?!..

מײַן לעוואָנע

מײַן לעוואָנע
ועט קיינער מער
ניט איבערפֿאָרן אין גאַס
מיט אַ וואָגן,
מײַן מאָרגנשטערן
וועלן קיין ווינטן
אין די וואָלקנס ניט
פֿאַריאָגן,
מײַן דאַך
וועט קיינמאָל מער
ניט אַוועק מיטן פֿלאַם,

מײַן שוועסטער
וועט קיינער מער
ניט אויסשמירן מיט האָניק,
ווי דאָס מיידל פֿון סדאָם,
וואָס איז געזעסן נאַקעט
אַפֿן דאַך
אונטער דער לעוואָנע
און בינען
האָבן געגעסן
דעם האָניק!

•

אַ ליד

אַ ליד דאַרף ניט קיין לייטער!
זי דאַרף פֿליגל,
קענען אויספּיקן
בײַ פֿאַרפֿאָלגטע פֿון האַרץ
דעם ווייטאָג,
וואָס האָט דוירעס געשריגן.

אַ ליד דאַרף אויגן,
עסן די ווײַט
און פֿאַרטרינקען
מיט זון און רעגן,
הערן דעם געפּלאָגטן, וואָס שרײַט

אַף אַלע מיט בלוט
פֿאַרגאָסענע וועגן.
און ווען אַלץ האָט די ליד —
וואָר אין איר טרוים,
לייד און סינע —
בלויז דער טראָפּן ליבע
איר נעשאָמע ניט
צעגליט,
זאָל זי זיך
אויפֿהענגען אַף אַ בוים,
ווי מײַן פּעטער פּיניע.

ווען כ'בין אַן אָדלער

כ'וואָלט אין שטיין זיך ניט געקלאַמערט,
און פֿון רויב כ'וואָלט ניט געלעבט,
מײַנע פֿליגל וואָלטן פֿלאַמען,
צו דער הויכער זון געשוועבט.

אויסגעשפּירט כ'וואָלט ווײַטסטע וועגן,
וווּ סע לויערט נאָך די נאַכט,
אַף די פֿליגל אין די נעגל
שטיקער טאָג וואָלט איך געבראַכט!

פון אלע נאשערייען

פון אלע נאשערייען אף דער וועלט
איז לעבן דאָס גרעסטע נאשעריי;
נאָר אויך דערפון
ווערט אין מויל אמאָל ביטער.
ווי די בעריאָזקע אפן ווינט, ניט ציטער!
גוט, וואָס ניט פארלאָשן
איבער דיין קאָפּ איז די זון...
גיי ארויס אין ברייטן פעלד,
וואָס אָטעמט פריי,
לאָז דעם ווינט דעם קאָפּ
דיר וואשן מיט זיינע בלויע הענט,

ער וועט ניט אָפּברעכן דיין צווייג
פון לעבן,
ווען איינזאפּן דו וועסט
דעם רייעך פון דער ערד,
וואָס האָט אזויפיל צאר אויסשטיין
געקענט
און ווידער בליט,
און אפסניי
מיט גרינעם וואלד,
מיט פייגל־צוויטשעריי —
אָ, דאָס לעבן איז די גרעסטע נאשעריי!

אין א הייסן טאָג

מיין דאַרשט ניט אָפּצולעשן אצינד,
דער הימל — פון היץ אין מיר זיך שפאלט,
ברענט דעם גומען, טריקנט אים און צינדט!
צופּ איך א בלאט אָפּ פון בוים,
אין אים דאָס מויל באהאלט,
ער איז פייכט און קיל,
נאָר טרינקען, טרינקען איך וויל.
א גאנץ לעבן נאָך אזא זומער געטרוימט!
א גאנץ לעבן ניט געזען, דער טוי
זאָל אף בלעטער אזוי פינקלען!
מיר דאכט, די גאנצע ערד, ווי א קרוג,
וועל איך איצט אופהייבן צום מויל,
פון קיין שום ערד קאָן מען אזוי ניט טרינקען.

רעפאָעל גאָלדענבערג

אין זעקסטן „א״

מײַן שולד

נעכטן נאָכמיטיק בין איך אָנשטאָט דעם, איך זאָל בלײַבן אַף דער זיצונג פון פעדראַט, אוועק מיט מײַן זעקסטן „א״ אַף אַן עקסקורסיע. איך ווייס ניט אַדהײַעם, וויאַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, נאָר ווען דער דירעקטאָר האָט מיך הײַנט אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס איך בין ניט געווען אַף דער זיצונג, האָב איך אָנשטאָט זיך מוידע זײַן און אַנטשולדיקן זיך געענטפערט:

— איך בין יאָ געווען אַף דער זיצונג, איר האָט מיך פּאָשעט ניט באַמערקט.

דער דירעקטאָר האָט מיך אַ ווײַלע באַטראַכט, ווי ער וואָלט מיך נאָרוואָס צום ערשטן מאָל דערזען, און האָט געזאָגט:

— איסאַק באָריסאָוויטש, איר זײַט דאָך ניט קיין שילער פון זעקסטן קלאַס, איר זײַט דאָך אַ לערער און אַ דערציִער. פאַרוואָס זשע ווילט איר ניט זאָגן דעם עמעס?

דאָ וואָלט איך זיך שוין אַוודע געמעגט מיסוודע זײַן אין מײַן זינד, נאָר דער יעיצערהאָרע האָט ווידעראַמאָל גוּווער געווען און איך האָב גאָרנישט געענטפערט.

— אויב איר זײַט יאָ געווען אַף דער זיצונג, — האָט ער פאָרגעזעצט, — איז זײַט אַזוי גוט און זאָגט מיר, ווער איז דער ערשטער אַרויסגעטראָטן און וועגן וואָס האָט ער גערעדט?

— די ערשטע איז אַרויסגעטראָטן, —האָב איך גלײַך געענטפערט, — מירע לוואָוונע. זי האָט געפאָדערט, אַז מע זאָל אין דעם לענין־צימער אוועקשטעלן נײַע צוויי סטענדן.

דער דירעקטאָר האָט אַף מיר אַ קוק געטאָן אַ ביסל פאַרוווּנדערט:

— און ווער איז נאָך איר אַרויסגעטראָטן?

— נאָך איר האָט גענומען אַ וואָרט וואַסילי פּעטראָוויטש. ער האָט פאָרגעלייגט, אַז מע זאָל איבערגעבן דעם עקסטן צימער אין זײַן רעשוס און ער וועט אים פאַרוואַנדלען אין אַ פיזישן קאַבינעט.

— מיסטאַמע האָט אײַך עמעצער פון די לערער דערציילט, — האָט באַמערקט דער דירעקטאָר.

— ניין! איך האָב נאָך קיינעם פון די קאָלעגן ניט געזען און קיינער האָט מיר גאָרנישט ניט דערציילט, — האָב איך געענטפערט. און ווײַל דאָס איז טאַקע געווען אַן עמעס און איך האָב עס געזאָגט מיט אַ ריינעם געוויסן, האָט ער סאָפּקאָלסאָף מיך אופגעהערט כוישעד צו זײַן און איז אַף אַ רעגע אַנשוויגן געוואָרן.

— אַ פאַסקודנע זאַך די עלטער, — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט, ווי ריידנדיק צו זיך אַליין, — צו סקלעראָז, היפּערטאָניע און אַנדערע געשמאַקע זאַכן בין איך שוין געוווינט געוואָרן, און איצט איז נאָך צוגעקומען די ריִע... עס ווײַזט אויס, אַז די ברילן העלפן שוין אויך ניט. איר פאַרשטייט, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, — איך וואָלט געקאָנט שווערן, אַז איך האָב אײַך נעכטן אַפן פעדראַט ניט געזען. ווײַזט זיך גאָר אַרויס, אַז איר זײַט יאָ געווען. וויאַזוי זשע קאָן איך אין אַזאַ צושטאַנד אָנפירן מיט אַ שול? שוין צײַט, ווײַזט אויס, איבערצוגיין אַף פּענסיע.

די גאַנצע צײַט, וואָס ער האָט גערעדט, האָב איך געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ניט געקאָנט פאַר בושע קוקן אַף אים. ווען איך האָב אופגעהויבן די אויגן, האָט מיר דאָס האַרץ

מאמעש פאַרקלעמט פאַר ראַכמאַנעס, אַזאַ אומגליקלעכן אויסזען האָט ער געהאַט. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און זיך מוידע געווען אין מײַן שולד.

— יאָ, אָבער ווײַבאַלד איר זײַט ניט געווען אַף דער זיצונג, פונוואַנען זשע ווייסט איר, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען? — האָט ער שטאַרק פאַרוווּנדערט מיך אַ פרעג געטאָן.

— וואָס זשע, איך בין קיינמאָל ניט געווען אַף קיין זיצונג פון פעדראַט? — האָב איך געענטפערט. — איך אַרבעט שוין אין אָט דער שול קימאַט דרײַ יאָר, ווייס איך שוין, וואָס דאָרט קומט פאָר...

אַ מאַסקע

— טוט נאָר אַ קוק, וואָס אײַערע מאַזיקים האָבן געמאַכט פון דעם קינד! — איז אַף מיר אָנגעפאַלן גאַלינאַ וואַסיליעוונאַ, די לערערן פון צווייטן קלאַס.

דער געליטענער, איר שילער, האָט געהאַט זייער אַ מאָדנעם אויסזען. די האָר זײַנע געווען שטאַרק צעשויבערט, פון פאָרנט ווי אויסגעפליקט, פון הינטן אויסגעשמירט אין עפּעס ווײַס. די אויערן זײַנען אויך געווען באַקלעפּט מיט ווײַס, דערצו איז נאָך זײַן פּאָנעם געווען באַדעקט מיט עפּעס פעטס — מיט בוימל צי מיט געגנדזענער שמאַלץ און האָט געגלאַנצט, ווי אַ שפּאָגל־נײַע מאַטבייע. עס איז געווען אַזוי קאָמיש צו קוקן אַף אים, אַז ווען גאַלינאַ וואַסיליעוונאַ וואָלט ניט געווען אַזוי אַגרעסיוו געשטימט, וואָלט איך זיך געוויס צעלאַכט...

איז אָט שטייען זיי פאַר אונדז, ביידע מײַנע „מאַזיקים". אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער יאַט וויקטאָר גריצײַ, אָדער פּאָשעט וויטיע, און אַ קליינינקער, אַ דאַרינק באָכערל, אַרע קאַץ, אָדער ווי מע רופט אים אין קלאַס — אַראָנטשיק. רעדן רעדט אַראָנטשיק, און וויטיע באַשטעטיקט נאָר אַראָנטשיקס רייד מיט אַ לאַקאָנישן „טאַטשנאָ"[1].

— וואָס הייסט, מיר האָבן צעמאַזיקט אַ קינד? — האָט פאַרוווּנדערט געפרעגט אַראָנטשיק, אויסהערנדיק, אין וואָס מע באַשולדיקט זיי. — מיר האָבן געגרייט אַן עקספּאָנאַט פאַר דער אויסשטעלונג, איאָ, וויטיאַ?

— טאַטשנאָ, — האָט וויטיע אָפּגעענטפערט, און מיר מיט גאַלינאַ וואַסיליעוונאַן האָבן זיך איבערגעקוקט, ניט פאַרשטייענדיק, וועגן וואָס פאַר אַן עקספּאָנאַט רעדט זיך דאָ. אַראָנטשיק האָט פאָרגעזעצט:

— גלאַט אַזוי עפּעס אַן עקספּאָנאַט איז ניט אינטערעסאַנט. אויב שוין יאָ עפּעס געבן אַף דער אויסשטעלונג, דאַרף עס זײַן אָריגינעל. האָבן מיר מיט וויטיען באַשטימט אַראָפּנעמען פון שוריקן (אַ ווײַז מיטן קין אַפן געליטענעם יאַטל) אַ מאַסקע.

— דאַנקען גאָט, וואָס ניט קיין סקאַלפּ, — האָט אים איבערגעשלאָגן גאַלינאַ וואַסיליעוונאַ. — פאַרוואָס איז אײַך עפּעס געפעלן געוואָרן דאַפקע שוריק? מאַסקעס האָט איר דאָך געקאָנט אַראָפּנעמען איינער פונעם צווייטן?

— וואָס פאַר אַ ווערט וועלן האָבן אונדזערע מאַסקעס? — האָט איר גלײַך געענטפערט אַראָנטשיק. — ווער זײַנען מיר? פּאָשעטע צוויי שילער פונעם זעקסטן קלאַס „אַ", ניט מער. אָבער שוריק, שוריק דאָס איז דאָך אַ וווּנדער. ערשטנס, שפּילט ער אַף אַ פידל, אַז ס'איז אַ מעכײַע צו הערן, און, צווייטנס, איז ער דאָך אַ קאָמפּאָזיטאָר, ער שרײַבט שוין אַליין וואַלסן. אין אַ יאָר צען — פּופצן אַרום וועלן אַ סאַך מוזייען וועלן באַקומען זײַן קינדערשע מאַסקע.

— טאַטשנאָ, — האָט באַשטעטיקט וויטיע.

— ווי'אַזוי זשע איז ער ניט דערשטיקט געוואָרן בײַ אײַך, דער גרויסער קאָמפּאָזיטאָר, — האָט זיך צעבייזערט גאַלינאַ וואַסיליעוונאַ, — ווען איר האָט אים פאַרגאָסן דאָס פּאָנעם מיט גיפּס?

— וואָס זשע, מיר פאַרשטייען ניט? — האָט מיט ווירדע געענטפערט אַראָנטשיק. — מיר האָבן אים אין די נאָזלעכער אַרײַנגעשטעלט צוויי פּאַפּירענע טרײַבלעך.

— פון פּאַפּיראָסן „בעלאָמאָר", — האָט צוגעגעבן דער „קאָמפּאָזיטאָר", און וויטיע האָט עס באַשטעטיקט מיט זײַן „טאַטשנאָ".

— נו, און דאָס, וואָס איר האָט געמאַכט פון זײַנע האָר, דאָס איז גאָרנישט? — האָט זיך געהיצט די לערערן. — טוט נאָר אַ קוק, ווי ער זעט אויס! — האָט זי געשריִען, דרייענדיק בעשאַס־מײַסע דעם קאָמפּאָזיטאָרס קאָפּ אין אַלע זײַטן.

— דאָס איז שוין גאָר אַ קלייניקײַט, — האָט קאַלטבלוטיק געענטפערט אַראָנטשיק, —

[3] אזוי איז עס, פּינקטלעך.

נאָך די לימודים וועלן מיר מיט אים אַרײַנגײן אין אַ פּאַריקמאַכערסקע, און דאָרט וועט מען אים פּאַריכטן דעם טשובטשיק.

— טאָטשנאָ! — האָט צוגעגעבן וויטיע.

דער קלונג האָט צו וויסן געגעבן, אַז דער איבעררײַס האָט זיך געענדיקט. די שילער האָבן מיר אָפּגעלאָזט, און איך האָב נאָך געמוזט אויסהערן אַ היפּש ביסל מוסר־רייד: איך באַצי זיך, הייסט עס, צו גלײַכגילטיק צו אַזאַ ערנסטער געשעעניש, איך בין נאָך צו יונג, מע זאָל מיר קאָנען אָנטרויען זײַן קלאַסן־אָנפירער, מיט דער צײַט וועלן די צוויי עקספּערימענטאַטאָרס ווערן געווויס באַנדיטן, און דער איקער, די צוויי באַשולדיקטע מוזן שטרענג באַשטראָפט ווערן. דערמיט האָט זי פאַרענדיקט איר מאָנאָלאָג און מיך איבערגעלאָזט אַליין מיט מײַנע מאַכשאָוועס.

איצט זיץ איך און טראַכט, מיט וואָס און וויאַזוי זאָל איך באַשטראָפן מײַנע „מאַזיקים“ און ביכלאַל, ווי קאָן מען זיי באַשטראָפן, אַז זיי פילן זיך לאַכלוטן ניט שולדיק, אָבער טאַקע לאַכלוטן ניט?

טימוראָווצעס

נאָך די לימודים בין איך געזעסן אין לערער־צימער און דורכגעקוקט די שילערישע העפטן. אָן אַ קלאַפּ האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און אין צימער איז אַרײַנגעקומען אַ פרוי. פאַרשלינגענדיק דעם „גוטמאָרגן“, האָט זי גלײַך פון שוועל אַ פרעג געטאָן: „דאָס זײַט איר איסאַק באָריסאָוויטש?“ באַקומען אַ פּאָזיטיוון ענטפער, האָט זי זיך צוגעזעצט לעבן מיר באַם טיש.

און אָט איז שוין אַ מינוט פּופצן, אַז זי האַלט אין איין דערציילן. איך הער זיך אײַן מיט גרויס האַסמאָדע צו דעם, וואָס זי רעדט. נאָר בעשום־אויפן קאָן איך ניט באַנעמען, וואָס זי וויל פון מיר און וואָס קער זיך אָן צו מיר די גאַנצע מײַסע, וואָס זי דערציילט. פון איר מאָנאָלאָג ווער איך געווויר, אַז זי וווינט ניט ווײַט פון דער שול אין אַ פירגאָרנדיקן הויז. דער מאַן אירער איז אַ בוכהאַלטער, לײַדט פון מאָגנקרענק און די נירן זײַנען באַ אים אויך ניט אין אָרדענונג. זי אַליין איז אַ מאַשיניסטקע און („קוקט ניט אַף מיר, וואָס איך זע אויס אַזוי גוט!“) האָט אַ שוואַך האַרץ און איז אַ היפּערטאָניטשקע. די איינציקע טאָכטער אירע האָט געענדיקט די שול, לערנט זיך שפּילן פּיאַנע און גרייט זיך אין קאָנסערוואַטאָריע. ווײַטער דערוויס איך זיך, אַז זי האָט צוויי שכיינעס: איינע אַ פּענסיאָנערקע (אָן אַלטע רעכילעסניצע) און די צווייטע אַ יונגע, וואָס דער מאַן האָט זי אַוועקגעוואָרפן און איצט לויפט זי אַרום און זוכט אַנדערע מענער...

— אַנטשולדיקט, וואָס איך רײַס אײַך איבער, — האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און זי איבערגעשלאָגן, — נאָר איך פאַרשטיי ניט, אַקעגן וואָס דערציילט איר עס מיר?

— וואָס הייסט, איר פאַרשטייט ניט? — האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ פראַגע. — באַ אײַך אין קלאַס לערנט זיך וואָלאָדקע אײַנבינדער? נו יאָ! אַוואַדע באַ אײַך. איז בין איך געקומען קלאָגן זיך אַף אים. צו וועמען דען זאָל איך גיין, אַז ניט צו זײַן קלאַסן־אָנפירער?

דאָ בין איך שוין אינגאַנצן מעוווּלוול געוואָרן. וואָלאָדיען קען איך שוין דאָס צווייטע יאָר. ער לערנט זיך באַ מיר אין זעקסטן „אַ“. לערנט זיך גוט, אַ דיסציפּלינירטער פּיאָנער און ביכלאַל אַ ווױלער יאַט, און אינמיטנדערינען קלאָגט מען זיך גאָר אַף אים. און דער איקער פאַרשטיי איך ניט, וואָס עס קערט זיך אָן צו אים אָט די גאַנצע געשיכטע. די אַלע דרײַ קוואַרטיראַנטן, דערציילט זי ווײַטער, באַנוצן זיך מיט איין קיך, מיט איין קאָרידאָר און מיט איין („איך בעט איבער אײַער קאָוועד“) אָפּטריט.

די אַלע קאָמונאַלע ערטער דאַרף יעדערער פון די שכיינים אויפראַמען צוויי מאָל אין וואָך. איר קומט אויס וואַשן די דילן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. נאָר אַזוי־ווי זי און דער מאַן אירער אַרבעטן און זײַנען ביידע קראַנק און די טאָכטער מוז היטן אירע פינגער, איז וואָלט קיין אַוולע ניט געווען, אַז מע זאָל זי באַפרײַען פון אָט דער פליכט.

— יאָ, אָבער וואָס קער זיך עס אָן צו וואָלאָדיען? — שלאָג איך זי ווידער איבער.

זי וואַרפט אַף מיר אַ פאַרניכטנדיקן בליק, ווי איינער זאָגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ גוילעם, ער הייבט דאָך ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס מע רעדט צו אים?“ און זי זעצט פאָר ניט געײַלט איר דערציילונג. מיט די צוויי פרויען, פאַרשטייט איר מיך, האָט זי זיך שטאַרק צעוואָרטלט, אַזוי אַז אַלע שכיינים פון הויז זײַנען זיך צונויפגעלאָפן און זיי קוים פאַנאַנדערגענומען. און דאָ האָט „מײַן“ וואָלאָדיע מיט נאָך צוויי פּיאָנערקעס גענומען שעפּטום איבער איר און צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק קומען אויפראַמען אין קיך, אין קאָרידאָר און אין („איך בעט איבער אײַער קאָוועד“) אָפּטריט.

— אויב אזוי, — ענטפער איך איר, — האָט דאָך וואָלאָדיע אראָפּגענומען אן אָל פון אײַך. איז מיט וואָס זשע זײַט איר ניט צופרידן?

— מיט וואָס זאָל איך זײַן צופרידן, אז אלע טײַטלען אף מיר מיט די פינגער און מע רופט מיך עקספּלואַטאַטערקע. עס קומט בא זיי אויס, אז איך זאסטאַווע די קינדער אויספּילן מײַן ארבעט. וואָס, איך פארשטיי דען אליין ניט? מאלע וואָס עס קומט פאַר צווישן שכיינים? אָט צעקריגט מען זיך און אָט בעט מען זיך ווידער איבער. איז צו וואָס דארפן זיך קינדער ארײַנמישן? וואָסי, ס'איז זייער אייסעק? האָב איך געזאָגט וואָלאָדקען מיט די צוויי מיידלעך, אז זיי זאָלן שוין מער ניט קומען, אז איך וועל שוין אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אליין אופראמען. איז ווייסט איר, וואָס ער האָט מיר געענטפערט, וואָלאָדקע אײַערער? ער זאָגט, אז זיי זײַנען טימוראָווצעס. און זיי העלפן אלע אלטע און קראנקע. איז וויל איך אײַך בעטן, איסאַק באָריסאָוויטש, אז איר זאָלט זיך מיט אים דורכריידן, אײַך וועט ער געוויס פאָלגן...

איך האָב איר צוגעזאָגט זיך דורכריידן מיט וואָלאָדיען און זי באַרויִקט, אז אלץ וועט זײַן אין אָרדענונג. זי האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט מיר און איז א צופרידענע אוועק.

✦

א וויסנשאַפטלעכע פּערעץ־סעסיע

אין מעשעך פון דרײַ טעג, פונעם 6 ביזן 8 דעקאַבער, איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען א וויסנשאַפטלעכע פּערעץ־סעסיע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט יִדישע ליטעראַטור־פאָרשער פון פארשיידענע שטעט פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

די סעסיע האָט מיט אן ארײַנפיר־וואָרט געעפנט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ארן ווערגעליס. עס זײַנען ארויסגעטראָטן מיט רעפעראַטן: ריווקע רובין (מאָסקווע), די טעמע פונעם רעפעראַט — „פּערעצעס הארמאָנישקײַט"; ארן ראַסקין (קורסק), — „פּערעצעס ליטעראַריש־עסטעטישע אָנשויונגען"; יאַנקעוו שטערנבערג (מאָסקווע), — „צו דער טעמע פּערעץ־רעוויזיע"; מוישע אַלטמאַן (טשערנאָוויץ), — „א וואָרט וועגן פּערעצן"; יִיסראָעל סערעבריאַני (מאָסקווע), — „מיכאָעלס וועגן פּערעצן"; כאַצקל נאַדעל (כאַרקאָוו), — „דער צושטאַנד פון דער פּערעץ־ביבליִאָגראַפיע"; אירמע דרוקער (אָדעס), — „די טעמע פון נעגינע בא פּערעצן"; אויזער האָלדעס (כאַרקאָוו), — „פּערעץ און אונדזער הײַנטצײַטיקע ליטעראַטור"; הילעל אַלעקסאַנדראָוו (לענינגראַד), — מיטיילונג וועגן ארכיוו־מאַטעריאַלן.

צום סאָף פון דער סעסיע איז מיט א פאָרטראָג „צו די סאַכאַקלען פונעם פּערעץ־יאָר" (וועגן די פּערעץ־מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אין פאַרלויף פון 1965, און וועגן די רעזולטאַטן פון דער איצטיקער פּערעץ־סעסיע) ארויסגעטראָטן דער פאַרוואַלטער פון קריטישן אָפּטייל פון זשורנאַל הערש רעמעניק.

אווראָם גאָנטאר

א זעונג

מיט דער בערעזע זיך צעקריגט עס האָט דער דעמב,
לעמײַ זי שטייט אזוי אין איינעם העמד,
צעכראַסטעט און צעפּאטלט, ניט פאַרקעמט;
און ווו? צעווישן דעמבעס אין דער פרעמד,
און שטרעקט נאָך אויס איר פּיסל אומפאַרשעמט,
אז פון דער זון ס'זאָל ווערן אָפּגעברענט.

האָט די בערעזע זיך צעיאָמערט אף א קאָל,
און טרוי'ריק־שטיל געוואָרן מיטאמאָל:
ווען ניט די וואָרצלען, וואָלט זי אוועק אין טאָל,
ווו ס'שטייען אירע שוועסטער אָן א צאָל.
נאָר פלוצעם האָט דער יונגער שלאנקער קליאָן
זײַן שטאָלצע קרוין צו איר א בייג געטאָן
און זי פאַרשטעלט מיט זײַנע צווײַגן־הענט
אף צעפּיקעניש דעם גאדלעסדיקן דעמב.

א געמעל

אָט האָסטו דיר דעם טײַך,
און אָט צוויי טאָפּאָל־ביימער,
און ווילסטו, מאָל איך אָן דיר גלײַך
א בעהיימע.

ביז די קני איז זי פאַרקראָכן
אין דעם טײַך דעם קאלטן,
מיט די טלאָען אים צעבראָכן,
מיט די הערנער אים צעשפּאלטן
אף שטיקעלעך אף קליינע.

איז דער טײַך — דער גלאטער שפּיגל
שטארק אין קאס געוואָרן
און פון ווייטעק און פון צאָרן
אונדזער קו צעבײַלט דעם האָרן.

ס'איז א כוואליע אָנגעפלויגן
און די פּיס פון די טאָפּאָלן
אויסגעדרייט און אויסגעבויגן —
זאָלן זיי זיך מער ניט גרויסן,

זיך ניט שפּיגלען אינעם וואסער,
זיך ניט גאדלען פאַרן דרויסן.

און די ראבע קו די שטילע
ניט פאַרשטאנען האָט אפילע,
אז אין אלץ איז זי גאָר שולדיק:
ווען ניט אירע שווערע טלאָען,
וואָלט דער טײַך געווען א בלאָער,
וואָלט זי ניט אין טײַך געקראָכן
און דעם שפּיגל ניט צעבראָכן,
וואָלטן שפּיגלען זיך די ביימער
אין די וואסערן די ריינע.

וואָלט קיין כוואליע ניט פאַרפלויגן
און ניט בלוי געמאכט די אויגן
בא מײַן מיידעלע דעם אקשן,
וועלכע קוקט מיר דורכן אקסל
און זי פאָדערט, בעט בא מיר —
אלץ באמאָלן אף פּאפּיר.

נאָך א רעגן

...און ווען די וואָלקנס זײַנען זיך צעשווומען,
און ס'האָט די זון צעשאָטן אירע פונקען,
איז צו דער קאליוזשע א שוואלב געקומען
און האָט מיט זון זיך אָנגעטרונקען.

און ס'האָט דאָס גראָז מיט צינגעלעך מיט דינע
גענאשט פון טראָפּנס הימלדיקע פאַרבן
און איז דערפון געוואָרן גרינער, גרינער
און ניט געטראכט שוין וועגן שטאַרבן.

לופּטשלעסער

דו זאָגסט, אַז בלויז אָפן פּאַפּיר
עס זײַנען מײַנע שלעסער לופטיקע, גערעמע,
אַז אינדערעמעסן איז נידעריק מײַן טיר,
אַז דיר איז אויך באַשערט שוין צוליב מיר
די אוילעמהאַזע אַף דער וועלט פאַרזאַמען.

קאָן זײַן, עס איז אַזוי, דו ביסט גערעכט מיסטאָם...
נאָר כ׳וועל שוין אויסלעבן מײַן וועלט אין טרוימען:
כ׳וועל קוקן אַף אַ ריטשקע און זען וועל איך אַ יאַם,
דעם רויש פון וואַלד כ׳וועל הערן אין די זוימען.

און ווען כ׳וועל קומען אין מײַן אויסגעטרוימטן וואַלד,
און ווען צום אויסגעדיכטן יאַם איך וועל דערגרייכן —
קאָן זײַן, אַז איך וועל זײַן שוין אַלט,
נאָר אין שוואַרצאַפּל מײַנעם בלענדן וועט אַ יונגער שמייכל.

אַפּסנײַ

צי האָט איר ניט געזען, צי האָט איר ניט געטראָפן
אַ ייִנגל מיט אַ רייפל יאָגן פונעם באַרג.
ער איז קאַיאָר נאָך פון דער שטוב אַנטלאָפן,
אַ זומער־טאָג אַ יאָר איז פאַר אים קאַרג.

צי האָט איר ניט געזען, צי האָט איר ניט באַגעגנט
אַ שוואַרצינקן, אַ באָרוועסן און אָן אַ העמד?
די הויט פאַרברענט, פון קאָפּ ביז פיס באַרעגנט —
ווען איר וואָלט אים באַגעגנט, איר וואָלט אים באַלד דערקענט.

די בולבע אַפן פּריפּעטשיק פאַרקליאַקנעט איז געוואָרן,
צעדולט איז ער, דער מאַמזער, פון זינען גאָר אַראָפּ,
אַ באָכערל שוין פון אַזויפיל יאָרן
זאָל האַלטן פייגעלעך און באַבעלעך אין קאָפּ.

די מאַמע בייזערט זיך, דער טאַטע ז׳ניט צופרידן,
נאָר גיי דערצייל זיי, אַז זומער איז אַצינד;
אַז שפרינגערלעך אין גראָז עס שפּילן פידל,
אַז זאָט בין איך אַ גאַנצן טאָג פון ווינט.

איז שפּיליע איך אַליין זיך אַף די הייזלעך
און צי זיך אויס געהאַרכזאַם אַף דער באַנק.
וואָס זײַנען ווערט די שמיץ? אַ גאָרניט, אייסעך־ווייסעך!
דער טאַטע האָט אַ שווערע, נאָר אַ גוטע האַנט...

פאַר אָט דער פרײַז וועל איך אַ גאַנצע וועלט זיך קויפן,
איז האָב איך אַף די שמיץ ניט קיין פאַרדראָס.
פאַרטאָג כ׳וועל ווידער צו דעם טײַך אַנטלויפן
באַהאַלטן זיך אין טערפּקע גראָז.

און קוקן, ווי די מורעשקעס זיך מיִען,
זיך צוהערן, ווי ס׳קלינגען טראָפּנס טוי,
און נאָכשפּירן דעם שפּין, וואָס וועט זײַן פאָדעם ציִען.
כ׳וועל ליגן אַף דער פלייצע גלאַט אַזוי.

די אויגן מײַנע זאָלן ווערן בלויע,
פונקט ווי דער הימל איבער מיר,
עס זאָל מיך נאָגן אזא זיסער טרויער,
אז דוכטן זאָל זיך — איבער וואָלקן איך שפּאַציר.

איז זאָל זיך בייזערן מײַן גוטע מאמע,
און זאָל דער טאַטע שמײַסן מיך געטרײַ.
אזוי־אָ פירט זיך שוין די וועלט מיסטאמע...
ווי הייבט מען אָבער אָן דעם קאָן אפסנײַ.

◇ ◇ ◇

אין שאָטן פון וויִעס באהאלט זיך דאָס אויג,
די קינדער מע פירט אין דעם שאָטן דעם קאַלטן.
מײַן קאָפּ מײַן פארשנייטן טיף איך פארנויג
פאר די, וואָס קיין שאָטן פון גייווע אנטהאלטן.

ווי שיין איז די זון אין דער קרוין פונעם וואלד,
ווי ליב און ווי מילד — דער געוועב פונעם שאָטן.
א טרוים אין מײַן הארצן טיף איך באהאלט —
אין שאָטן פון וואלד זאָל איך זײַן כאָטש געראָטן.

◇ ◇ ◇

אזוי איז אײַנגעשטעלט —
מע דארף זיך שעמען.
אזוי איז אײַנגעשטעלט —
מע דארף זיך האלטן שטרענג.
נאָר דאָ אין וואלד
דו מעגסט מיך
פאר דער פאטלע נעמען
און צודריקן צום הארצן ענג.

ס׳וועט די בערעזע בלויז
זיך סוידען מיט די יעלן,
דער דעמב וועט עפּעס פּלאפּלען
מיטן קליאָן,
איך ווייס געוויס,
אז זיי וועט אלץ געפעלן,
וואָס דו זאָלסט ניט טאָן.

די לערכע וועט אין הייכן
אין די קלאָרע
רימען אף א קאָל
דײַן פלאטערדיק געשטאלט,
דער פיקהאלץ
וועט פארשרײַבן אף דער קאָרע
א נײַ געזאנג
פאר דעם אָרקעסטער פונעם וואלד.
און בלויז דער סיטש
וועט זיך באהאלטן
אינעם שאָטן
און שעלטן דיך און מיך
און אלץ ארום.
דערפאר איז ער א סיטש,
וואָס לעבט אין שאָטן
און שרעקט זיך פאר דער זון.

אף דער טולפּאנען־גאס

אף דער טולפּאנען־גאס
אין שטאָט באם יאם
עס האָט א שטילן סקריפּ געטאָן
דער טויער.
און דו ביסט גלײַכגילטיק
אדורכגעגאן,
מיך ניט דערקענט.
ס׳האָט מיטן הימל זיך געשפּילט
דער יאם דער בלויער.
א ווײַסע שיף פונווײַטן האָט געבלענדט,
זיך קוים פון אָרט גערירט.
און איך,
איך האָב דיר נאָכגעשפּירט

און אלץ פארשטאנען:
שוין וויפל יאָר ביסטו אזוי
באם ברעג געשטאנען,
געוואַרט מיט האָפענונג אף יעדער שיף,
געוואַרט, אז ווי א זעונג
זאָל איך אופשטײַן פון דער טיף —
א שטאלטנער און א בלאָנדער און א שיינער...
נאָר קיינער קומט ניט,
ס׳קומט ניט קיינער...
און איצטער שטיי איך א געבויגענער באם בוים
בא דעם טולפּאנען־פּלויט דעם גרינעם.
דו ביסט אוועק צום יאם באגעגענען דײַן טרוים,
וואָס דו וועסט קיינמאָל ניט געפינען.

איך האָב ניט מוירע פאַרן טויט

כ׳האָב ליב דעם טאַם
פון שוואַרצן ברויט,
פון שאָטן און פון ליכט
די איידעלע געוועבן.
איך האָב קיין מוירע ניט
באַגעגענען דעם טויט —
כ׳האָב מוירע זיך צעשיידן
מיטן לעבן.

זאָל קאַרקען אַפן דאַך
די שוואַרצע קראָ
(מע זאָגט, עס איז
אַ שלעכטער סימען),
נאָר ביז איך אָטעם נאָך,
ביז שלאָגן וועט מײַן שאָ,
וועל איך ניט אופהערן
די וועלט צו רימען.

דער בלינדער מוילוואָרף,
וואָס גראָבט זיך זײַן געצעלט,
דער פויגל, וועלכער פליט
אין טיפקײַט פון די רוימען,
זיי זײַנען אויך
אַ קיילעך פון מײַן וועלט,
ווי איך, די ערד און הימל
זיי באַווינען.

און איך, וואָס בין געבענטשט
מיט אַ טאַלאַנט צו זײַן אַ מענטש,
האָב ליב די פיס אין קאַלטער וואַסער וואַשן,
האָב ליב מײַן אייניקל צעקושן יעדער אייוועך.
איך האָב ניט מוירע פאַרן טויט,
איך האַלט אין דר׳ערד מײַן קײוועך.

הערשל פּאַליאַנקער

אין וועג

(פאַרצייכענונגען)

ווען די ערד דעקט אוף אירע ווונדן...

אז איר זײַט שוין אין וואַגאָן און צעלייגט זיך אַף אײַער אָרט, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, ערשט דעמלט קומען צו אײַך אָן א שיר דערמאָנונגען.

וועגן וואָס, לעמאָשל, דערמאָנט איר זיך?

ערשטנס, אַז איר האָט פאַרגעסן אין שטוב, אַפן טישל, דאָקומענטן, וועלכע זײַנען אײַך איצט נייטיק. טראַכט איר, פון וועלכער סטאַנציע איז גלײַכער קלאַפּן א טעלעגראַמע, מע זאָל זיי אײַך טייקעף אַרויסשיקן.

צווייטנס, אַז פאַרן אָפּפאָרן איז אײַך גאָר אַרויס פון קאָפּ, אַז איר האָט געמוזט אַרײַנכאַפּן זיך כאָטש אַף עטלעכע מינוט צו אײַער קאָלעגע, איר האָט געדאַרפט אָנקלינגען אין א פּאָר אַנשטאַלטן...

נאָר ביז וואָס־ווען, דאַרף מען כאַפּן א קוק, צי האָט איר, כאָלילע, ניט פאַרגעסן דעם באַן־בילעט אין קעשענע פונעם רעקל, וואָס איר האָט איבערגעלאָזט אין שטוב...

וואָס טרעפט דען ניט, ווען מע אײַלט זיך?..

יאָ, אָן א שיר דײַגעס! נאָר עס ווערט אײַך באַלד גוט אַפן האַרצן, ווען איר פילט, אַז דער צוג פאָרט שוין.

איך וואַרף א בליק אין פענצטער אַף די לויפנדיקע פעלדער און דורכשוועבנדיקע טעלעגראַף־סלופּעס, און עס ווערט מיר ווידער א ביסל קאַלעמוטנע. עס איז געקומען אַף גאָטס וועלטל דער פרילינג־כוידעש אַפּרעל, און — מע זעט נאָך אַפילע קיין סימען ניט פון פרילינג. שוין אַף אַן עמעס ווערט באַ מיר קאַליע די שטימונג, ווען איך דערזע די פאַרצאַרנטע אויגן פון אונדזער קאָנדוקטאָר אַנדריי ספּירידאָנאָוויטש. פונוואַנען זאָל זיך צו אים נעמען א פריילעך אויסזען, אַז לויטן גראַפיק קומט אים שוין ניט קיין קוילן און ער דאַרף נאָך הייצן דעם קעסל, קעדיי די פּאַסאַזשירן זאָלן זיך, כאָלילע, ניט צוקילן.

נאָר ס׳איז ניט שרעקלעך. דער צוג טראָגט דאָך אונדז אַף מײַרעוו, צו די וואַרעמע קאַנטן. אין ווײַסרוסלאַנד, לעבן מינסק, וועלן מיר געוויס אָנטרעפן אַף דער זון.

אָט זײַנען מיר שוין אין ווײַסרוסלאַנד, עס איז נאָך אָבער פאָרט גאַנץ קיל.

אינגיכן האָט די זון טאַקע א שײַן געטאָן און גענומען צוערשט פאַרזיכטיק, דערנאָך אַלץ שטאַרקער שמעלצן די לעצטע ביסלעך שניי. די ערד האָט דערפילט דעם פרילינג און אָנגעהויבן קומען צו־זיך. איבער איר האָט זיך אויסגעשפּרייט און געוויקלט א לײַכטער דאַמף. די ערד האָט אימפּעטפול געאָטעמט און אַראָפּגעוואָרפן אירע אַלע ווינטערדיקע צודעקן. זי האָט ניט באַהאַלטן אירע ווונדן, וואָס האָבן זיך אײַנגעקאַרבט אין איר לײַב אין יענע שווערע יאָרן, ווען עס האָט זיך דורכגעטראָגן דער מילכאָמע־הוראַגאַן. און א גענייט אויג פון א געוועזענעם סאָלדאַט האָט זיי באַלד באַמערקט, די ווונדן. אָט דאָרטן, באַם אײַזנבאַן־אָנשיט, זעט מען גריבער — מיט צוואַנציק יאָר צוריק זײַנען דאָס געווען בלינדאַזשן, ניט ווײַט פון זיי זײַנען געווען אײַנגעגראָבן האַרמאַטן...

יאָ, דאָס איז ער, דער וועג, וואָס האָט געפירט אַף בערלין.

מיר דאַרפן זאָגן א דאַנק די באַלעבאַטים פון אָט דער ערד, וואָס האָבן ניט אָפּגעווישט פון איר אַלע סימאָנים פון די סאָלדאַטישע אָקאָפּעס און בלינדאַזשן. מע טאָר קיינמאָל ניט פאַרגעסן, וואָס זי, אָט די ערד, האָט געהאַט אויסצושטיין אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן.

אָט איז יענער שליאַך, יענער קרייצוועג, וווּ עס איז געגאַנגען די שרעקלעכע שלאַכט מיט די פאַשיסטישע שווערע טאַנקען. מײַן אַלטער פראָנט־כאַווער און פרײַנט דער טאַנקיסט איציק פּאָסטאָלאָוו האָט העלדיש זיך געשלאָגן קעגן דרײַ פאַשיסטישע טאַנקען און איז אַרויס אַלס זיגער — צוויי פון זיי האָט ער אונטערגעצונדן און דעם דריטן געצוווּנגען אַנטלויפן... לעבן יענעם־אָ וואַלד האָט איוואַן סאָבקאָ, דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, וואָס האָט געציילט סאַכאַקל עטלעכע צענדליק אווטאָמאַטלער, צוויי טעג נאָכאַנאַנד געהאַלטן צוגעשמידט צום אָרט א גאַנצן דײַטשישן פּאָלק מיט מינענוואַרפערס און שווערע קוילנוואַרפערס. דאָ דערנעבן זעט זיך די לאָנקע, ווו עס האָט זיך געפונען דער אַעראָדראָם פון די שטורמאָוויקעס. אַף דעם אַעראָדראָם האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט מיטן לעגענדאַרן פליִער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד שימען גורעוויטש. ער האָט דעמלט אויסגעזען ווי א פּופּצניאָריק יינגל, נאָר די דײַטשישע טאַנקען האָט ער געצונדן, ווי אַן עמעסער ווירטואָז. וועגן אים טאַקע האָבן די פאַשיסטן געשריבן מיט רעציכע אין זייערע פלוגבלעטלעך, אַז אויב ער וועט אַרײַנפאַלן צו זיי, וועלן זיי זיך שוין מיט אים באַזונדערס צערעכענען...

אויף דעם זעלבן אַעראָדראָם האָב איך זיך באַקענט אויך מיטן באַוואָרטן פליִער־שטורמאָוויק באַריס מאַשקאָוו, וואָס איז, ווי גורעוויטש, געווען באַרימט אויפן גאַנצן ווײַסרוסישן פראָנט...

דער צוג אונדזערער האָט זיך שנעל געטראָגן אויף מײַרעוו, אַלץ נעענטער צו בריסק. קוקנדיק דורכן פענצטער אויפן ערעוו־פרילינגדיקן אַרום, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך לייען אַ בוך געשיכטע פון די מילכאָמע־יאָרן.

■

...עפּעס הערט מען ניט די שטים פון אונדזער קאָנדוקטאָר אַנדריי ספּירידאָנאָוויטש, וואָס האָט נאָך מיט אַ גוטער שעה צוריק צוגעזאָגט געבן אַ הייס גלעזל טיי מיט אַ לימענע. איך האָב זיך אומגעקוקט אויף רעכטס און דערזען אים אַ צוגעזאָטענעם צום פענצטער. ער האָט געקוקט אין דער ריכטונג פון אַ קרום בערגל. זײַנע ליכטיקע אויגן, וואָס האָבן נעכטן אויסגעזען אַזוי באַרויִקט און קאַלט, האָבן איצט געגלאַנצט. דערפילט אויף זיך מײַן פאַרווונדערטן בליק, האָט ער אַ ווונק געטאָן אין דער ריכטונג פון בערגל:

— אָט איז ער, דער קראַסאָוועץ... בײַ דעם דאָזיקן בערגל האָט זיך פאַר מיר געענדיקט די מילכאָמע... דרײַ טעג האָט אונדזער באַטאַליאָן געשטורעמט די „וויסאָטאַ 300,5", ווי דאָס בערגל האָט געהייסן. דאָ בין איך שווער פאַרווונדעט געוואָרן און צוויי יאָר אָפּגעוואַלגערט זיך אין שפּיטאָל...

ער האָט פאַרייכערט, טיף פאַרצויגן זיך מיטן טערפּקן רויך און פאַרגעזעצט דערציילן... גערעדט האָט ער גיך־גיך, ווי מוירע האָבנדיק, אַז עמעצער זאָל אים ניט איבערשלאָגן.

— דאָס ערשטע מאָל פאָר איך אין דער ריכטונג מיטן וואַגאָן, וואָס פירט פון מאָסקווע קיין ווין, — זאָגט ער, ווי פאַרענטפערנדיק זיך פאַר מיר. — געוויינלעך אַרבעט איך אויף אַן אַנדער ליניע, נאָר עס האָט זיך זייער געוואָלט אַ קוק טאָן אויף די ערטער, איבער וועלכע איך האָב מילכאָמע־צײַט מאַרשירט מיט מײַן באַטאַליאָן... דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרק, ווען איך קוק אויף די פעלדער, וועלדער און בערגלעך...

איך קאָן ניט אָפּרײַסן די אויגן פון אָט דעם קרעפטיקן מענטשן, וואָס האָט צוערשט געמאַכט אויף מיר דעם אײַנדרוק פון אַ בייזן, אָנגעדראָלעטעם. גיי וויים, אַז דו ביסט געווען מיט אים אין איין אַרמיי, מאַרשירט מיט אים אין די מילכאָמע־יאָרן אין איין ריכטונג און דו לעבסט איבער דאָס זעלבע, וואָס ער, קוקנדיק אויף די ווײַסרוסישע פעלדער און וועלדער...

דאָס איז געווען אונטער וואַרשע

איך גיב ווידער אַ קוק אין פענצטער — אָט איז בריסק.

אָט איז די בריסקער פעסטונג, ווו עס האָבן געווילדעוועט די עסעס־באַנדעס. עטלעכע שווערע כאַדאָשים האָבן זיך געצויגן דאָ די פאַרביטערטע שלאַכטן.

ווער פון אונדז געדענקט ניט דעם הייסן זומער־טאָג פון פיר־און־פערציקסטן יאָר, ווען אויף אָט דער פעסטונג האָבן זיך ווידער צעפלאַטערט די רויטע פענער. מיר האָבן אויף אירע פאַרייכערטע און צעקרישלטע ווענט נאָך געפונען די אויפשריפטן, וועלכע די סאָוועטישע העלדן האָבן געמאַכט מיט זייער בלוט אין יענע אומפאַרגעסלעכע טעג פון איין־און־פערציקסטן יאָר, ווען זיי האָבן פאַרטיידיקט די פעסטונג ביזן לעצטן אָטעם...

ביז די אײַזנבאַנער וועלן איבערשטעלן אונדזער וואַגאָן אויף דער שמאָלער קאָליי, האָבן מיר זיך אַראָפּגעכאַפּט אין שטאָט, זײַנען געגאַנגען איבער אירע גאַסן, פּלעצער, סקווערן. נאָר מיר האָבן בריסק ניט דערקענט. ווי פּראַכטפול, יונג, ראַכוועסדיק און ברייט ער איז געוואָרן! ניטאָ קיין סימען אַפילע פון רויִנען. בלויז די מירמלנע טאָוולען מיט די אויסגעקריצטע גאָלדענע אויסיִעס, די דענקמעלער, ווי אויך די ווונדן אויף די ווענט פון דער פעסטונג גופע און אויף אייניקע געבײַדעס דערנעבן דערמאָנען אין די אַקשאָנעסדיקע גערעגלען, וועלכע זײַנען דאָ פאָרגעקומען. זיי דערמאָנען אויך די נעמען פון די מוטיקע פאַרטיידיקער און באַפרײַער פון דער שטאָט און פון דער אַלטער פעסטונג, די נעמען, וועלכע זײַנען פאַרייביקט אין לידער און דערציילונגען.

ווי שנעל עס לויפט די צײַט! מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן ווי געהעריק זיך אומקוקן, און מע דאַרף שוין אײַלן. אונדזער צוג איז שוין גרייט אין וועג.

מיט אַ לאַנגזאַמען גאַנג פאַרלאָזט דער צוג בריסק, ווי אָפּגעבנדיק קאָוועד די העלדן פון דער פעסטונג. און אָט זײַנען מיר שוין אויף דער פוילישער ערד.

פאַר די אויגן שוועבן דורך שטעטלעך, דערפער, טשערעפּענע דעכער, קליינינקע אײַזנבאַן־סטאַנציעס. טערנאָפּאָל... שעדליץ... מינסק־מאַזאָוועצק... ערגעץ ניט ווײַט געפינען זיך טלושטש, ראָדזימין... אַלע זײַנען זיי אַזוי באַקאַנט און היימיש־אייגן! דורך זיי האָבן מיר מאַרשירט אין די מילכאָמע־יאָרן, ווען זיי זײַנען געלעגן אין טליִענדיקע רויִנען. איצט האָבן זיי אַלע פאַרהיילט די שווערע ווונדן. ווידער שפּילן זיך קינדער אויף די גאַסן, ווידער לופטערן זיך אויף די פלויטלעך און נידעריקע דעכלעך פון די שטוב־פּידאַשעקעס פּערענעס, קישנס, קאָלדרעס — מע נעמט אַרײַן דעם פרילינג אין שטוב.

אָן אַ שיר דערינערונגען רופן אַרויס די שטעט, די וועלדער, די גאַנצע ערד אַרום, וואָס איז איצט אַקוראַט פאַראַקערט און פאַרזייט. ווי קאָן מען פאַרגעסן די יונגע פוילישע פרוי, די דאָקטערשע וואַנדע פּרושינסקאַ, דעם ליבלינג פון אונדזער אַרמיי.

...געשען איז דאָס אין איינעם פון אָט די שטעטלעך, ניט ווײַט פון וואַרשע. מיר זײַנען געגאַנגען באַפרײַען די פוילישע הויפּטשטאָט, וואָס האָט געשמאַכט אונטערן יאָך פון די היטלעריסטן.

עטלעכע טאַנקען אונדזערע האָבן זיך פאַרנאַכט־צו אַרײַנגעריסן אין אַ שטעטל, נאָר אַ פײַער־וואַנט האָט זיי

פאַרשטעלט דעם וועג. דאָך זײַנען זיי געגאַנגען פאָרויס און מיט זייערע שטאַלענע רויפן געקוועטשט, געשטיקט די פאַשיסטישע אַוטאָמאַטלער, געטריבן זיי פון שטעטל.

דער זיג איז שוין געווען נאָענט, נאָר פון א צווייטער זײַט האָבן זיך באַוויזן עטלעכע שווערע דײַטשישע „פּאַנטערס". די סאָוועטישע טאַנקיסטן זײַנען ניט אָפּגעטראָטן, כאָטש בא זיי איז שוין געבליבן ווייניק סנאַריאַדן און ברענשטאָף.

ניט ווײַט פון דער צווייגאָרנדיקער געבײַדע פון היגן שפּיטאָל זײַנען געבליבן שטיין פאַרגליווערט צוויי אונטערגעקלאַפּטע סאָוועטישע טאַנקען. נאָך זיי האָט נאָכגעשפּירט דורכן פענצטער די דאָקטערשע וואַנדע פּרושינסקא, וועלכע איז ניט אַוועק פון שפּיטאָל, קעדיי ניט איבערלאָזן אַליין אירע כאָלאָים.

די שלאַכטן זײַנען געוואָרן אַלץ העפטיקער, זיי האָבן זיך שוין אַריבערגעטראָגן אין די שכייניש געסלעך. און די צוויי טאַנקען האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט.

„עפּשער זײַנען אין די מאַשינעס פאַראַן פאַרוווּנדעטע, וואָס וואַרטן אויף מײַן הילף?" — האָט דער דאָקטערשע א שניט געטאָן א געדאַנק. און כאָטש אַרויסגיין אין גאַס איז געווען א גרויסע סאַקאָנע, האָט אָבער וואַנדע פאַרשטאַנען, אַז ווי נאָר די שלאַכט וועט זיך ענדיקן, וועלן די דײַטשן זיך אומקערן צו די אונטערגעקלאַפּטע טאַנקען, אויף וועלכע עס זעען זיך רויטע שטערנס. האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט, איז אַרײַנגעלאָפן אין זײַטיקן צימער פון שפּיטאָל, וווּ עס האָבן זיך געפונען עטלעכע סאַניטאַרן און שוועסטער, און אויסגערופן:

— ווער גייט מיט מיר צו די טאַנקען? מע מוז זיי ראַטעווען... אונדזערע ברידער...

דרײַ סאַניטאַרן האָבן געכאַפּט טראָגבעטלעך און זיך געלאָזט נאָך דער דרייסטער דאָקטערשע. דערקליבן זיך צו די טאַנקען, האָט זי אויפגעעפנט די ליוקן און דערזען, ווי אויף איר איז אָנגעצילט א פּיסטאָלעט.

— רויִק... מיר זײַנען אייגענע... — האָט זי שטיל, נאָר דײַטלעך געזאָגט.

פאָרזיכטיק האָט מען אַרויסגעצויגן דורך די ליוקן זעקס שווער־פאַרוווּנדעטע טאַנקיסטן און אַריבערגעטראָגן זיי אין שפּיטאָל.

א גאַנצע נאַכט האָט די דאָקטערשע מיט אירע געהילפן אָפּערירט די פאַרוווּנדעטע. זייערע מיליטערישע בגאָדים, געווער און דאָקומענטן אויסבאַהאַלטן. ראַטעווען די לעבנס פון אָט די סאָוועטישע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען אויף זייערע שלאַכט־מאַשינעס דערגאַנגען ביז איר לײַבלעכער היים און דאָ פאַרגאָסן זייער בלוט, איז פאַר וואַנדען געוואָרן א לעבנס־זאַך.

פאַרטאָג איז א גרופּע היטלעריסטן געקומען צו לויפן צו די פאַרגליווערטע טאַנקען.

— ווו זײַנען אהינגעקומען די עקיפּאַזשן? — האָבן זיי געשריִען — ווו זײַנען די שווײַנען?

עס האָט זיך אָנגעהויבן אן אַבלאַווע. וואַנדע פּרושינסקא איז אן אויפגערודערטע אַרומגעגאַנגען איבערן שפּיטאָל און קיין אָרט זיך ניט געקאָנט געפינען. וואָס טוט מען? די טאַליאַנים קאָנען דאָך זיך אַרײַנרײַסן אַהער!

און זיי האָבן זיך טאַקע אַרײַנגעריסן.

בא דער טיר פון שפּיטאָל האָבן זיך אָפּגעשטעלט דרײַ אַוטאָמאַטלער מיט אן אָפיצער. עס הערט זיך שוין דאָס קלאַפּן פון זייערע געקאָוועטע שטיוול. זיי גייען פון פּאַלאַטע צו פּאַלאַטע און זוכן. פּלוצעם, אין דער לעצטער רעגע, איז בא דער דאָקטערשע אין קאָפּ געבוירן געוואָרן א פּלאַן. זי האָט א כאַפּ געטאָן פונעם טיש א רויטן בלײַער, א שטיק קאַרטאָן און שנעל אָנגעשריבן מיט גרויסע בוכשטאַבן: „טיפוס!"

א טראָג געטאָן זיך מיט א לײַכט גענגל איבערן קאָרידאָר, האָט זי צוגעפעסטיקט דאָס קאַרטאָנדל צו דער טיר פון דער פּאַלאַטע, וווּ עס זײַנען געלעגן די זעקס פאַרוווּנדעטע.

פאַריכטנדיק איר ווײַסן כאַלאַט, האָט זי זיך געלאָזט אנטקעגן די ניט־געבעטענע געסט.

— ביטע שיין... — האָט זי העפלעך א זאָג געטאָן. — וואָס? רוסישע טאַנקיסטן? בא אונדז זוכט איר זיי? אַנטשולדיקט, נאָר דאָ איז א ציווילער שפּיטאָל, קיין מיליטער־לײַט זײַנען דאָ ניטאָ... איר קאָנט זיך איבערצײַגן...

און זי האָט פאַר זיי צעעפנט די טיר פון איין פּאַלאַטע, פון א צווייטער, א דריטער...

די דײַטשן זײַנען צוגעגאַנגען צו דער פּאַלאַטע, וווּ אויף דער טיר איז געהאַנגען דאָס שילדל „טיפוס", געבליבן צעטומלטע און גלײַך אָפּגעטראָטן.

— דאָנערוועטער! — האָט זיך צעשריִען דער אָפיצער. — וואָרום שלעפּט איר אונדז צו די טיפוס־קראַנקע?..

— אַנטשולדיקט, — האָט וואַנדע זיך פאַרענטפערט, — מיר ווײַזן אײַך אַלע פּאַלאַטעס, קעדיי איר זאָלט ניט מיינען, אַז מיר באַהאַלטן דאָ אויס עמעצן...

דער אָפיצער האָט שנעל זיך געלאָזט מיט זײַנע סאָלדאַטן צום אַרויסגאַנג.

מער זײַנען די היטלעריסטן אין שפּיטאָל ניט געקראָכן. און וואַנדע האָט זיך גענומען צום היילן די טאַנקיסטן. דאָ אין פּאַלאַטע איז געוואָרן איר היים. דאָ האָט זי געטאָגט און גענעכטיקט.

א גאַנצע וואָך האָבן הינטער דער שטאָט געדונערט די האַרמאַטן. אויף די זאַמדיקע בערגלעך, אין די וועלדלעך און יאַרן האָבן ניט אויפגעהערט די שלאַכטן, און דאָ, אינעם קליינעם שפּיטאָל, איז געגאַנגען א קעסיידערדיקע שלאַכט פאַרן לעבן פון זעקס שווער־פאַרוווּנדעטע סאָוועטישע טאַנקיסטן. די עסעסאָוועצעס האָבן ניט אויפגעהערט זיי זוכן, נאָר זיי האָבן זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז מע ראַטעוועט די פאַרוווּנדעטע אין דעם קליינעם שפּיטאָל, אַרום וועלכן זיי גייען פאַרבײַ און פאָרן דורך יעדע רעגע...

די דאָקטערשע פּרושינסקא האָט זיך דערוואַרט אויף דער גליקלעכער שאָ — אין איינעם א פרימאָרגן, ווען די לופט איז געווען אָפּגעסאַמט פון רויך פון די סרייפעס, זײַנען אין שטאָט ווידער אַרײַן סאָוועטישע מאַנקען און אַוטאָמאַטלער. אָט זײַנען זיי שוין אין צענטער. פון די קעלערס און בונקערס האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אויף דער ליכטיקער שײַן די באַפעלקערונג און מיט טרערן פון פרייד באַגעגנט זייערע רעטער. אויף דער גאַס איז אַרויסגעלאָפן אין איר ווײַסן כאַלאַט אויך וואַנדע פּרושינסקא און האָט, א צעשײַנטע און גליקלעכע, אויסגעשריִען:

— זיי לעבן, אײַערע קאָלעגן, די טאַנקיסטן! בא אונדז אין שפּיטאָל זײַנען זיי!.. — א כאַפּ געטאָן אונטער די הענט צוויי סאָוועטישע סאָלדאטן, האָט זי אוועקגעפירט זיי אין שפּיטאָל.

צוגעקומען צו דער פּאלאטע, ווו עס איז געהאנגען דאָס טאָוועלע מיט דער אופשריפט „טיפוס", האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און פארוווּנדערט אָנגעקוקט די דאָקטערשע. נאָר בא וואנדע פּרושינסקא האָט א כיינעוודיקער שמייכל זיך באוויזן אף די ליפּן:

— איר מעגט ארײַנגיין! דאָס טאָוועלע איז געווען אָנגעשריבן פאר די קאַטן... דאָ ליגן אײַערע כאַווירים, זיי זײַנען גערעטעוועט...

און זי האָט צעפּראלט פאר די געסט די טיר פון דער פּאלאטע.

צווישן ליבע פרײַנט

איך האָב זיך דערמאָנט אָן יענע שווערע און רומפולע יאָרן און ניט באמערקט, אז די צײַט לויפט, אז מיר דערנעענטערן זיך שוין צו דער פאָרשטאָט פון ווארשע — פּראגע.

די דאָזיקע „פאָרשטאָט" מיט אירע פילשטאָקיקע הײַזער, פאבריקן, מיט די ברייטע גאסן, פּראָספּעקטן און פּלעצער, פילצאָליקע מאגאזינען, רעסטאָראנען און קאפע־הײַזער איז גיכער ענלעך אף א גרויסער שטאָט, איידער אף א פאָרשטאָט.

דער צוג פארלאנגזאמט דאָ א ביסל דעם גאנג ווי אומיסטן, קעדיי די פּאסאזשירן זאָלן קאָנען אָנקוקן פון דעם הויכן אײַזנבאן־אָנשיט די פאָרשטאָט און די ווײַסל, וואָס שײַנט אונטער דער קאלטער פרילינג־זון.

פון וואגאָן־פענצטער זעט איר פּראגע אין איר גאנצער פּראכט. ניט אלע מילכאָמע־וווּנדן זײַנען שוין דאָ פארהיילט. און קיינער טראכט ניט צו פארהיילן זיי. פארקערט, זאָלן זיי בלײַבן אלס אָנדענק פון יענע שווערע יאָרן. זאָלן די קינדער און קינדסקינדער זען און ניט פארגעסן, ווי די פאשיסטישע האָרדעס האָבן געבערענט די פּוילישע שטעט און דערפער, געוואָלט זיי אויסגלײַכן מיט דער ערד, ביז עס זײַנען געקומען די סאָוועטישע ארמייען און צוזאמען מיט דער פּוילישער ארמיי פארטריבן זיי...

דאָ און דאָרטן הענגען אף די ווענט פון די הײַזער מירמלנע טאָוולען, אף וועלכע עס איז מיט גרויסע אויסיִעס אויסגעקריצט: „אף דעם אָרט האָבן די דײַטשישע הענקער דערשאָסן... (אזויפיל און אזויפיל) פּאט־ריִאָטן". מענטשן גייען פארבײַ די טאָוולען און נעמען אראָפּ די היטלען, פארנייגן די קעפּ, לייגן דאָ אוועק לעבעדיקע בלומען...

אזוי איז אויך אין ווארשע, אין גאנץ פּוילן, ווו עס הערשט דאָס הייליקע געבאָט: ניט פארגעסן און ניט פארגעבן...

אָט שוועבן שוין דורך פאר אײַערע אויגן די לעצטע גאסן פון פּראגע, און פון יענער זײַט ווײַסל באווײַזט זיך די הויפּטשטאָט ווארשע מיט אירע נײַע, אָקאָרשט אופגעבויטע און אופגעשטעלטע גאסן און פּלעצער.

ווארשע האָט נאָך מער פון פּראגע געליטן בייס דער מילכאָמע. איך געדענק ווארשע פון יענע טעג פון באפרײַונג. מיר זײַנען געגאנגען פארפרוירענע, פארקאָלייעטע און ניט געפונען קימאט קיין שטוב, ווו ארײַנ־צוגיין זיך אָנוואָרעמען, כאפּן א דרעמל אף א פּאָר שאָ. א פארשנייטע און פארקאָוועטע פון די יאנוואר־פרעסט, איז די שטאָט ענלעך געווען אף א וויסטן בעסוילעם.

און אָט זע איך פאר זיך די באנײַטע פּוילישע הויפּטשטאָט. ווארשע איז אין רישטעוואניעס. צוואנציקשטאָ־קיקע ביניאָנים וואקסן דאָ און דאָרט. בלויז ווו־ניט־ווו זעט מען נאָך רעשטן פון רויִנען.

די בילדער, וואָס האָבן זיך פאנאנדערגעוויקלט פאר אונדזערע אויגן פון יענער זײַט ווײַסל — די ריזיקע ביניאָנים, די ווענט פון דער אלטער פעסטונג ניט ווײַט פון „סטארע מיאסטאָ", די פּראכטפולע בריקן, — האָבן אונדז אזוי פארכאפּט, אז מיר האָבן ניט באמערקט, ווי אונדזער צוג איז אָנגעקומען אפן גדאנסקער וואָקזאָל.

פון יענער זײַט פענצטער האָבן זיך באוויזן שײַנענדיקע פּנעמער פון מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען באגעגענען אייגענע און פרײַנט. צווישן דעם טומל און הו־הא פון די באגעגענישן האָב איך דערזען מײַנע ווארשעווער קאָלעגן. כאָטש ניט אלעמען פון זיי האָב איך געקענט פערזענלעך, נאָר דער אינערלעכער כוש האָט מיר גלײַך אונטערגעזאָגט, אז דאָס זײַנען שרײַבער.

און אָט בין איך שוין אין דער ארומרינגלונג פון טײַערע פרײַנט, מע שמייכלט, מע ווערטלט זיך, מע טוישט זיך מיט די ערשטע פראגן, ווי אלטע באקאנטע.

לעבן מיר שטייט דאָוויד ספּארד, דער טאלאנטפולער דיכטער און רעדאקטאָר פון די „יִדישע שריפטן", וועמען איך קען גוט לויט זײַנע לידער און ארטיקלען. אָט איז דער באגאבטער פּראָזאִיקער מענדל טעמפּעל. כאָטש ער האָט אָנגעהויבן זיך דרוקן, ווען ער איז שוין געווען א באיאָרטער מענטש, זײַנען טעמפּלס נאָוועלן ברייט באקאנט ניט בלויז אין פּוילן. רירנדיק איז די באגעגעניש מיט הערשל סמאָליארן.

איך האָב געלייענט זײַן גלענצנדיקן בוך וועגן מינסקער געטאָ, זײַנע פילצאָליקע פּרעכטיקע ארטיקלען, ליטערארישע ארבעטן, עסייען. נאָר ביז איצט האָב איך נאָך ניט געזען קיין בוך וועגן זײַן אייגענעם אינהאלטס־רײַכן, העראָאִישן לעבן.

הערשל סמאָליאר בייזערט זיך אף מיר:

— גאזלען, — זאָגט ער, — וואָס האָסטו צו מײַנע יאָרן... אָנשרײַבן א בוך וועגן מײַן לעבנסוועג? ס'איז דאָך א געוויינלעך לעבן! איך האָב גאָרנישט ניט אופגעטאָן אזוינס, וואָס זאָל ווערט זײַן צו באשרײַבן...

קימאט א גאנצע נאכט זײַנען מיר געזעסן און גערעדט, דערמאָנט אונדזערע אלטע פרײַנט און באקאנטע. עס

איז געווען וועגן וואָס צו ריידן! און די בעסטע צײַט פאר אזא שמועס איז באנאכט, ווײַל דער טאָג איז דאָך ניט זײַנער. עס איז דען א קליינינקײַט ארויסלאָזן אזא צײַטונג, ווי די „פאָלקס־שטימע“!

ער זאָגט צו מיר מיט זײַן גוטמוטיקן שמייכעלע:

— געוויס האלטן מיר פון א גאסט, נאָר מיין ניט, אז דו וועסט דאָ רוען... מאָרגן וועסטו זיך דארפן אײַנשפאַנען אין דער ארבעט...

און איך האָב דערפילט דעם טאָן, וואָס האָט געקלונגען אין סמאָליארס רייד מיט א סאך, א סאך יאָרן צוריק, אין אומאן, ווען מע האָט מיך אָנגענומען אין לעניניש קאָמיוג, און ער, הערשל סמאָליאר, איז געווען סעקרעטאר פון אומאנער קרײַזקאָם פון קאָמיוג. ער האָט מיך הארציק באגריסט און געוואָרנט וועגן דער גרויסער ארבעט, וואָס מיר שטייט פאָר...

פונקט ווי דעמלט, האָב איך אויך איצט געענטפערט מיטן באוווסטן פּיאָנערישן דעוויז: „שטענדיק גרייט!“

דאָרט, וווּ שטיינער ריידן

דוכט זיך, אז עס איז פאראן א ניט־געשריבן געזעץ, אז אויב דו ווילסט זיך גוט באקאנען מיט א שטאָט, זאָלסטו ניט זשאַלעווען די פיס, ניט ווארטן, ביז א גיד וועט דיך ארומפירן און אלץ ווײַזן. ער וועט דיר שטענדיק ווײַזן דאָס, וואָס אים געפעלט, און דיר וועט זיך גראָד וועלן זען עפּעס אנדערס. ווארשע איז, דוכט זיך, מער, ווי אנדערע שטעט, באשריבן אין די ביכער פון גרויסע שרײַבער און קינסטלער. ווארשע פארנעמט א סאך אָרט אויך אין די אומשטערבלעכע ווערק פון יִצחאָק־לייבוש פּערעץ, שאָלעם אש, אָפּאטאָשו... אזעלכע ווערק קאָנען דינען אלס וועגווײַזער איבער דער פראכטפולער שטאָט. איך אליין געדענק גוט ווארשע פון די טעג, ווען די גאָר ווייניקע מענטשן זײַנען אָקאָרשט ארויס פון זייערע באהעלטענישן און בונקערס. געווען איז דאָס דעם זיבעצעטן יאנוואר פון פינף־און־פערציקסטן יאָר.

פארהיילנדיק די שרעקלעכע וונדן, האָבן די פּאָליאקן ארײַנגעלייגט א סאך מי און ליבע, קעדיי אופשטעלן די היסטאָרישע שטאָט, אירע בנינאָנים, גאסן און הײַזער אזוי, ווי זיי האָבן אויסגעזען ביז דער מילכאָמע. אפילע די לאַמטערנס האָט מען געמאכט לויט אזא פאָרם, געפארבט מיט פונקט אזא פארב, ווי ביז דער מילכאָמע...

די אויגן צעלויפן זיך אין אלע זײַטן פון די פרעכטיקע פילשטאָקיקע מאָדערנע בנינאָנים און פאלאצן. זייער שטארק איבערראשט די אויסערסט אינטענסיווע באוועגונג. לאנג קומט אויס ווארטן, ביז עס לויפט דורך דער אווטאָמאָבילן־שטראָם. שטייענדיק אף די קרייצוועגן און ווארטנדיק, ביז דו וועסט קאָנען דורכגיין די גאס, דער־מאָנסטו זיך ניט ווילנדיק שאָלעם־אליינעמס ווערטער, אז „ניט מע גייט, נאָר מע ראטעוועט זיך“.

פון די צענטראלע גאסן פארקערעווען מיר צו יענעם ראיאָן, וועלכן אלע דערמאָנען דאָ מיט הארץ־צאפּל אלס אָרט פון העלדנטום און פאָלקס־גווורע.

מילא־גאס, פּאַוויא־גאס, מוראנאָוו, נאָוואָליפּיע...

דאָ איז געווען די ווארשעווער געטאָ. אהער האָבן די היטלערישע מענטשנפרעסער פארטריבן די יִדישע באפעלקערונג, פארשפארט זי הינטער א הויכער ציגל־וואנט. דאָ, אין די ענגע געסלעך, האָבן די גיבוירים אין טאָג פון 19 אפּרעל 1943 אופגעהויבן דעם אופשטאַנד, ארויס אף די באריקאַדעס. הונגעריקע, אויסגעמאטערטע, אויסגעצערטע מענער און פרויען, קינדער און זקיינים, ווער נאָר עס האָט געקאָנט האלטן א ביקס אין די הענט, האָט זיך געשלאָגן קעגן די פון קאָפּ ביז די פיס באוואָפנטע פאשיסטישע טאליאָנים פאר דעם קאָוועד און ווירדע, פאר דער פרײַהײַט פון פאָלק.

דרײַ און פערציק טעג האָט געדויערט דער אופשטאנד פון די ווארשעווער גיבוירים. און קימאט אלע אופשטענדלער זײַנען געפאלן אין שלאכט. זיי האָבן געבראכט אַן עכטע מאָראלישע מאפּאָלע די פאשיסטישע כאיאָלעס, דעם דריטן רײַך, ארײַנשרײַבנדיק דאָס העלדישסטע קאפּיטל אין דער געשיכטע פונעם יִדישן פאָלק...

די נעמען פון די שרעקלאָזע אופשטענדלער זײַנען אף אייביק פארצייכנט אין שטיין און בראָנזע. אין ראיאָן פון דער געוועזענער געטאָ שטייט איצט דער מערקווירדיקער דענקמאָל לעקאָוועד די העלדן.

ברייטע טרעפּ, ארומגערינגלטע מיט מענוירעס, אין וועלכע עס צינדן זיך אָן די פײַערן, בעשאס דאָס פאָלק מערקט אָפּ דעם יאָרצײַט פונעם אופשטאנד. א פעסטע וואנט פון שוועדישן שווארצן גראניט. אין דעם גראניט זײַנען אײַנגעמויערט בראָנזענע בארעליעפן פון די העלדן. די פיגורן פון די גיבוירים זעען אויס ווי לעבעדיקע.

דער סקולפּטאָר נאטאן ראפּאָפּאָרט האָט אויסגעדריקט אין דעם דאָזיקן דענקמאָל גרענעצלאָזן דערעכערעץ און ליבע צו די גיבוירים, ער האָט ארײַנגעלייגט אין אים הארץ און נעשאָמע.

ניט בלויז יעדע פיגור, נאָר אפילע דער שווארצער גראניט, אין וועלכן די פיגורן זײַנען אײַנגעמויערט, האָט זײַן געשיכטע. דער דענקמאָל איז געמאכט פון יענעם זעלבן גראניט, וועלכן היטלער האָט אָפּגעקליבן פאר זיך אלס מאָנומענט אין פאל, אויב ער וועט זיגן אין דער מילכאָמע. נאָר דאָס שוועדישע פאָלק האָט געשענקט דעם דאָזיקן גראניט פאר א דענקמאָל די געטאָ־העלדן. ארום דעם דענקמאָל שפּרייט זיך א ראכוועסדיקער פּלאץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּלאץ פון די העלדן פון ווארשעווער געטאָ“. די פרעכטיקע גאסן, וועלכע זײַנען אויס־געוואקסן אף די כורוועס פון דער געטאָ, האָט דאָס פאָלק אָנגערופן: אנילעוויטש־גאס, לעווארטאָווסקי־גאס, שמידט־גאס...

דאָס פאָלק הערט ניט אוף צו אוילע־רעגל זײַן צו דעם דאָזיקן דענקמאָל. בא זײַן צופוסנס וואקסן אָן אופהער בערג מיט בלומען.

יעדעס יאָר, דעם נײַנצעטן אַפּרעל, שטעלט זיך אויס באַם דענקמאָל אַן ערן־קאַראַול פֿון יונגע פּיאָנערן און סאָלדאַטן פֿונעם פּוילישן מיליטער. עס קומען אַהער דעלעגאַציעס פֿון דער פּוילישער רעגירונג, פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציעס, שולן, פֿאַבריקן, זאַוואָדן, קעדײַ באַערן די העלדן.

ניט ווײַט פֿון דעם דענקמאָל איז די מילע־גאַס. דערנעבן זעט מען אַ קליין בערגל פֿון געלער ליים. אויפֿן בערגל — אַ גרויסער גראַניטשטיין מיט אַן אויפֿשריפֿט. דאָ איז געווען דער בונקער, וווּ עס האָט זיך געפֿונען דער שטאַב פֿונעם לעגענדאַרן אויפֿשטאַנד. פֿונדאַנען האָט מאָרדכע אַנילעוויטש מיט זײַנע שלאַכט־פֿרײַנט אָנגעפֿירט מיט די שלאַכטן. ווען אַלע קעמפֿער זײַנען אומגעקומען און דער בונקער איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די היטלעריסטן, האָבן דער קאָמענדאַנט פֿון אויפֿשטאַנד מאָרדכע אַנילעוויטש און זײַנע פֿרײַנט אויסגענוצט פֿאַר זיך די לעצטע קוילן, קעדײַ לעבעדיקערהייט ניט אַרײַנפֿאַלן צו די קאַטן אין די הענט. וועגן דעם דערציילט די אויפֿשריפֿט אויף דער גראַניט־הליבע.

איך האָב דאָ באַגעגנט רות גוטקאָווסקאַ.

אָט די יונגע פֿרוי איז שוין אינגאַנצן גראָו. אירע גרויסע קאַרע אויגן זײַנען ביז איצט פֿול מיט צאַר.

רות איז נאָך געווען אַ קינד, ווען מע האָט זי געבראַכט אין געטאָ. עטלעכע מאָל האָט זי מאַמעש אַלפּי־נעס אַרויסגעדרייט זיך פֿון די אַקציעס. וויפֿל מאָל איז איר לעבן געהאַנגען אויף אַ האָר! איר האָט זיך אײַנגעגעבן אַנטלויפֿן פֿון געטאָ, קריגן אַ פֿאַלשן פּאַספּאָרט אויפֿן נאָמען פֿון זאָפֿיע ראָגאַלסקאַ. העכער אַ יאָר צײַט האָט זי אויסבאַהאַלטן זיך אויף דער אַרישער זײַט, באַ פּוילישע פֿרײַנט.

בייס דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד פֿון פֿיר־און־פֿערציקסטן יאָר איז זי געכאַפּט געוואָרן דורך די עסעסאָווצעס, וועלכע האָבן זי דעפּאָרטירט קיין אָשווענטשים. זי איז אויסגעשטאַנען די יעסורים פֿון די טויט־לאַגערן אָשווענטשים און ראַווענסברוק, נאָר פּאָשעט לויט אַ צופֿאַל געבליבן לעבן. די איינציקע פֿון איר גאַנצער מישפּאָכע...

אַזעלכע לעבעדיקע אײדעס פֿון יענע גרויליקע יאָרן דערמאָנען אײַך טאָגטעגלעך, אַז די רעשטן פֿונעם פֿאַשיזם זײַנען אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד נאָך ניט פֿאַרניכטעט, אַז מע טאָר ניט פֿאַרגעסן און פֿאַרגעבן די קוילער זייערע שוידערהאַפֿטע פֿאַרברעכנס קעגן דער מענטשהײַט...

אין פּוילן לעבן איצט ניט ווייניק מענטשן, וואָס טוען אַלץ, קעדײַ צונויפֿזאַמלען יעדן דאָקומענט, יעדן כייפֿעץ, וואָס האָט אַ שײַכעס צו דער געשיכטע פֿון די ייִדן אין דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

אַלס בײַשפּיל דינט זיי דער געלערנטער און העלד, וואָס האָט אין די גרויזאַמסטע באַדינגונגען געשאַפֿן דעם באַרימטן געטאָ־אַרכיוו, — עמאַנויל רינגעלבלום.

אינעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע ווערן אַלע אויפֿגעזאַמלטע מאַטעריאַלן טרײַ באַאַרבעט. אין דער אינסטיטוט־געבײַדע, אויפֿן דריטן שטאָק, געפֿינט זיך די אויסשטעלונג „דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ“.

אָט דאָ ליגן אונטערן גלאָז די קעסטלעך און „בידאָנעס“, וווּ עס זײַנען געווען באַהאַלטן די מאַטעריאַלן פֿונעם רינגעלבלום־אַרכיוו. צום גרויסן באַדויערן, זײַנען נאָך ניט אַלע קעסטלעך און „בידאָנעס“ אויפֿגעזוכט, פֿיל וויכטיקע דאָקומענטן זײַנען נאָך צוגעדעקט מיט דער ערד. נאָר דאָס געפֿונענע גיט אַ רײַכע פֿאָרשטעלונג וועגן דער שוידערלעכער טראַגעדיע, גלײַכצײַטיק כאַראַקטעריזירט עס דעם העראָיִזם פֿונעם היסטאָרישער און קעמפֿער, וועלכער האָט אין אַזעלכע שרעקלעכע באַדינגונגען פֿאַרצייכנט אַלץ, וואָס זײַנע אויגן האָבן געזען און זײַנע אויערן האָבן געהערט.

צווישן די הונדערטער עקספּאָנאַטן פֿון דער אויסשטעלונג קאָן מען זען דאָס געווער, מיט וועלכן די געטאָ־העלדן זײַנען געווען באַוואָפֿנט, זייער אָנטאָן, זייערע בריוו, די אויפֿרופֿן פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די העלדן, בילדער, ווי די טאַליאָנים האָבן אויסגעקוילעט פֿרויען, קינדער, זקיינים.

מיט דער גרופּע וויסנשאַפֿטלער, וועלכע אַרבעט אינעם אינסטיטוט — אײַזענבאַך, רוטקאָווסקי, פּופּס און אַנד., — פֿירט אָן דער היסטאָריקער און ליטעראַטור־פֿאָרשער בער מאַרק.

פֿיל פֿון די דאָקומענטן, וועלכע זײַנען צונויפֿגעזאַמלט אינעם אינסטיטוט, דינען אַלס באַווײַזן אויף די פּראָצעסן קעגן די היטלערישע ראָצכים.

אויסער דעם רינגעלבלום־אַרכיוו ווערן אינעם אינסטיטוט באַאַרבעט אויך דער אַרכיוו פֿון לאָדזשער געטאָ, די מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען געפֿונען געוואָרן אין דײַטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער און וועלכע גיבן איבער פּראָטים וועגן די רעציכעס פֿון די היטלעריסטן. עס זײַנען דאָ אויך אויפֿגעזאַמלט אַ סאַך דערציילונגען פֿון לעבעדיקע אײדעס — פּאָליאַקן, דײַטשן און פֿיל טאָגביכער פֿון די מילכאָמע־פֿאַרברעכער גופֿע.

אויף נאָוואָגראָדזקע, 5

ווער פֿון אונדז ווייסט ניט דעם אַדרעס: נאָוואָגראָדזקע, 5?

אַ זעקסשטאָקיקע געבײַדע אין צענטער פֿון וואַרשע. דאָ איז קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע לעבן פֿון די ייִדן אין פּוילן. דאָ געפֿינט זיך דער פּרעזידיום פֿונעם קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד, דער פֿאַרלאַג „ייִדיש בוך“, די פּאָפּולערע ייִדישע צײַטונג „פֿאָלקס־שטימע“, דער זשורנאַל „ייִדישע שריפֿטן“ און אַנדערע אינסטיטוציעס.

אַהער קומען טעגלעך אַרבעטער, שרײַבער, זשורנאַליסטן, אַקטיאָרן, קינסטלער, דאָ קומען פֿאָר פֿאַרשיידענע באַגעגענישן, ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס, דיסקוסיעס.

אינעם גערוימען קאַבינעט פֿונעם דירעקטאָר פֿון פֿאַרלאַג „ייִדיש בוך“ קאָנט איר זען פּרעכטיקע אויסגאַבעס, וועלכע זײַנען דערשינען די לעצטע יאָרן, אָנגעהויבן פֿונעם ייִדישן אַלעפֿבייס, לערנביכער פֿאַר די ייִדישע שולן און ליצייען ביז די לידער־זאַמלונגען פֿון דאָוויד ספֿאַרד, עליע ריזמאַן, מוישע שקליאַר, זאַמלונגען

פונעם קריטיקער שלוימע בעליס, פראָזע־ווערק פון מענדל טעמפּעל, קאַלמען סעגאַל, שלוימע שטראוס־מאַרקאָ און נאָך און נאָך. אין פאַרלאַג אַרבעטן געציילטע מענטשן, נאָר עכטע ענטוזיאַסטן פון יידישן בוך. דאָס זיינען דער לאַנגיאָריקער זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכער טוער, דער דירעקטאָר דאָמב, דער ענערגישער און אומדערמידלעכער טעכנישער לייטער ליכטענשטיין, דער רעדאַקטאָר גרובער, דער גלענצנדיקער קענער פון דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור וואַסנער, וועמען מע רופט „די לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע".

דו בלעטערסט די צענדליקער און הונדערטער ביכער, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן מיט פיל געשמאַק, און דיר גלייבט זיך ניט, אַז אַ קליינע גרופּע מענטשן איז בעקויעך געווען אַזויפיל אויפצוטאָן!

די אַלטע זעצער בראַנדעס און געלערשטיין דערמאָנען זיך, ווי מיט צוואַנציק יאָר צוריק זיינען זיי געקומען צו דער יידישער דרוקעריי, וועלכע איז געלעגן אין רויִנען. צווישן די כורוועס האָט מען געגומען זאַמלען יידישן שריפט — בוכשטאַב נאָך בוכשטאַב. אַ ביסל שריפט האָט מען געפונען אין געטאָ, ווו מע האָט געהאַט אַרויסגעלאָזט די קאַמפּס־אויפרופן.

מיט אָט דעם שריפט האָט מען אַרויסגעלאָזט די ערשטע יידישע צייטונג נאָכן שרעקלעכן חורבן. שריפט האָט אָבער געקלעקט בלויז אויף איין זייט. פלעגט מען אָפּדרוקן פריִער איין זייט, באַלד צענעמען דעם שריפט, אויסזעצן די צווייטע זייט און ווידער דרוקן...

פאַר די לעצטע יאָרן האָט דער פאַרלאַג „יידיש בוך" אַרויסגעגעבן פיל ביכער פון אונדזערע קלאַסיקער און היינטצייטיקע שרייבער. ער דרוקט אַלבאָמען, וועלכע באַווייזן די שוידערלעכע רעציכעס פון די פאַשיסטן און וועלכע פיגורירן אויף די פּראָצעסן קעגן די מילכאָמע־פאַרברעכער אַלס באַשולדיקונגס־אַקטן.

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער קינסטלערישער אויספאָרעמונג פון די ביכער. די איליוסטראַציעס זיינען געמאַכט מייסטערהאַפט. באַזונדערס טיילן זיך אויס די צייכענונגען פונעם קינסטלער רעפאָעל כוואָלעס.

דעם נאָמען רעפאָעל כוואָלעס האָבן מיר געהערט שוין לאַנג. אונדזער פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען דאָ אין פּוילן, אין דער קליינינקער קאַפע אויף נאָוואָגראָדזקע, 5. איך בין געזעסן מיט פריינט בא אַ גלאָז קאַווע, געבלעטערט אַ פּראַכטפולן אַלבאָם פון רעפאָעל כוואָלעס. בא אַ טישל דערנעבן איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ צייטונג אַ מיטלוואָקסיקער דאַרלעכער מאַנצבל, מיט אַ ברעט אַפּן קאָפּ און אַ ציגאַר צווישן די ציין. מיטאַמאָל דערהערן מיר, ווי די בופעט־באַלעבאָסטע, וואָס האָט דערלאַנגט די באַזוכער געפילטע פיש און קאַווע, האָט זיך אָנגערופן צו אים:

— רעפאָלעק, וואָס שווייגסטו? ווען מע לויבט אַזוי מיינע פיש, ווי דיינע בילדער, וואָלט איך געזאָגט אַ דאַנק!..

דער מאַנצבל איז צוגעגאַנגען צו אונדז, זיך באַגריסט און באַשיידן געזאָגט:

— אַ געוויינלעכער אַלבאָם... ווען איך לאָז אים אַרויס איצט, וואָלט איך איינגעשלאָסן נייע בילדער, וועלכע איך האָב ערשט ניט לאַנג געצייכנט אין פּאַריזש...

יאָ, מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דער קינסטלער געווען אין פּאַריזש, אויף זיינער אַן אויסשטעלונג. די פראַנצויזישע הויפּטשטאָט איז, ווי באַוווּסט, ניט זשעדנע אויף קינסטלער און אויסשטעלונגען, נאָר רעפאָעל כוואָלעסעס אויסשטעלונג האָט דאָרט געהאַט גרויס דערפאָלג. די פּרעסע האָט זיך זייער וואַרעם אָפּגערופן סיי וועגן דער אויסשטעלונג, סיי וועגן דעם קינסטלער. מיט אַ זעלטענעם דערפאָלג זיינען דורכגעגאַנגען זיינע אויסשטעלונגען אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט פון פּוילן.

אַליין אַ ווילנער, האָט כוואָלעס אין אַ וווּנדערלעכער סעריע בילדער פאַרייביקט זיין היימשטאָט. איר זעט די קרומע געסלעך נאָכן שוידערלעכן חורבן, ווען אַלע זייערע יידישע איינוווינער זיינען דורך די פאַשיסטישע רוצחים פאַרטריבן געוואָרן אין געטאָ.

דאָס גרויסע צימער, ווו דער קינסטלער אַרבעט, איז פול מיט קאָלירליי לייוונטן — גרויסע און קלענערע. יעדעס בילד איבעראַשט. איר דערזעט פאַר זיך אַ פילזייטיקן צאַרטן קינסטלער מיט אַן אייגענעם קסאַוו, מיט אייגענע פאַרבן, מאָטיוון.

ער איז נאַציאָנאַל, נאָר אינטערנאַציאָנאַליסטיש. ער איז טיף־פילאָסאָפיש, נאָר ער לעבט מיטן לעבן פון זיין פאָלק און פון דער שטורמישער צייט. אים האָבן פאַרכאַפּט די לאַנדשאַפטן פון פראַנקרייך און פון זיין נייער היים, די העלדנטאַטן פון די סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן. אָריגינעל, אויף זיין אויפן, מאָלט ער דעם קאָסמאָס, דעם מענטשן, וואָס שטרעבט אין רוים אַריין. ער זוכט נייע און נייע מאָטיוון און ער געפינט זיי.

פּערעצעס יאָרשים

אין אַפּרעל כוידעש האָט זיך אָנגעהויבן די פייערונג פונעם 50־טן יאָרצייט פון יִצכאָק־לייבוש פּערעץ. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיקער געשעעניש איז אין וואַרשע פאָרגעקומען אַ סימפּאָזיום, אויף וועלכן עס זיינען פון אַלע עקן לאַנד זיך צונויפגעקומען געזעלשאַפטלעכע טוער, שרייבער, וויסנשאַפטלער, זשורנאַליסטן, לערער, קינסטלער, אַקטיאָרן און אויך געסט פון אויסלאַנד.

דער פאָרזיצער פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד לייב דאָמב האָט אין זיין אַריינפיר־וואָרט געזאָגט: „מיר זיינען פון פּערעצן און מיר אַלע קאָנען דאָס איבערכאַזערן: מיר זיינען פון פּערעצן — דעם אָנזאָגער פון נייע צייטן, פון שטאָלצע יידן. יִצכאָק־לייבוש פּערעץ איז פאַר אונדז דער נעכטן, דער היינט און דער מאָרגן. זיינע געדאַנקען און אידייען זיינען אָרגאַניש באַהעפט אין אונדזער שאַפן אין סאָציאַליסטישן פּוילן..."

דעם דאָזיקן טעזיס האָט אין זיין פאָרטראָג ברייטער אַנטוויקלט הערש סמאָליאַר. יעדע אַרויסטרעטונג איז געווען אָנגעזעטיקט מיט טיפן אינהאַלט און האָט אַ סאַך אַריינגעטראָגן אין דער פּערעץ־פאָרשונג.

נאָכן סימפּאָזיום זײַנען די אָנטײלנעמער זײַנע אַוועק צום אויהעל פּערעץ. אהער, צום געזשער בעסוילעם, האָבן זיך געצויגן מענטשן פון אַלע עקן וואַרשע. דאָס איז געווען זונטיק דעם 4 אַפּרעל. די גאַנצע וואָך האָט מאַראַקעט אַן אײַנגעגעסן רעגנדל, נאָר אין דעם זונטיקדיקן אינדערפרי האָט זיך די זון צעשײַנט און געשיקט אירע וואַרעמע שטראַלן צו דעם אָרט, וווּ עס ליגט אין זײַן אײביקער רו דער גרויסער פאָלקס־שרײַבער. מע איז געגאַנגען אהער מיט בלומען און קרענץ. אַן עמעסער יאַם פון מענטשן האָט פאַרפלוצט די ברייטע אַליי באַם אויהעל, וועלכע מע רופט דאָ „די ליטעראַרישע אַליי". בישכיינעס מיטן פּערעץ־אויהעל געפינען זיך דאָ די קוואָרים פון עסטער־ראָכל קאַמינסקאַיאַ, ווײַסענבערג, בראָדערזאָן, זאַנשײַן, פּערעצעס טרײַע פרײַנט און שילער יאַקאָוו דינעזאָן און ש. אַנ־סקי...

ווען די צענדליקער דעלעגאַציעס האָבן אַוועקגעלייגט זייערע קרענץ, זײַנען צום אויהעל פּערעץ, וואָס איז געווען אײַנגעהילט אין אַ באַרג לעבעדיקע בלומען און אַרומגערינגלט מיט אַן ערן־קאַראַול פון פּיאָנערן און שול־קינדער, צוגעגאַנגען די אַקטיאָרן פונעם ייִדישן טעאַטער אידאַ קאַמינסקאַיאַ, מ. מעלמאַן, ה. גרינבערג און ה. קאַוט. זיי האָבן מיט גרויס מײַסטערשאַפט געלייענט פראַגמענטן פון דער „גאָלדענער קייט" און די שלוס־שורעס פון „באַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק"...

עס האָט זיך געוואָלט אויסרופן:

„יאָ, די גאָלדענע קייט פון דער ייִדישער קולטור איז ניט איבערגעריסן געוואָרן!"

אויפן בעסוילעם פון די קדושים

קראָקע איז, דוכט זיך, די עלטסטע שטאָט אין פּוילן. מע האָט שוין אָפּגעמערקט איר טויזנטיאָריקן יובילײ. וועגן איר לאַנגער געשיכטע דערציילן די ווענט פון אירע פעסטונגען, אירע דענקמעלער, וואַלן, די שמאָלע, טונקעלע, מאָרעשכוירעדיקע געסעלעך, וואָס קרייצן זיך אויף איבער און דערמאָנען אין באַרג־שפּאַלטן.

מיט אַלטקײַט און געשיכטע ווייעט פונעם באַרימטן וואַוועל, וואָס האָט מיט זײַנע פּאַלאַצן און קאַסטיאָלן אַרופגעדראַפּעט זיך אויפן הויכן באַרג און קוקט אין אַלע זײַטן מיט זײַנע פעסטונג־ווענט און „בויניצעס".

אָט שטייט דער בעסמעדרעש, וואָס איז שוין אַלט קנאַפּע פינף הונדערט יאָר, זײַנע דיקע ווענט דערמאָנען אין אַ פעסטונג. ביז איצט שטייט נאָך דער באַלעמער, פון וועלכן עס איז צוויי מאָל אַרויסגעטראָטן דער לעגענדאַרער קאָסטיושקאָ מיט אַ רוף צו די ייִדן, זיי זאָלן גיין מיט אים...

איצט איז דער בעסמעדרעש אַ מוזיי. אינמיטן דעם גרויסן זאַל שטייט אַן אורנע מיט אַש פון די קדושים, וועלכע זײַנען פאַרברענט געוואָרן אין די אָשווענטשימער קרעמאַטאָריעס.

ניט ווײַט פון דעם דאָזיקן מוזיי שטייט נאָך איין בעסמעדרעש, נאָך אַן עלטערער. אויף זײַן הייף האָט זיך פאַרהיט אַן אַלטער בעסוילעם מיט נידעריקע מאַצייוועס. די אויפשריפטן אויף זיי איז שוין אוממעגלעך איבערצולייענען. די געסלעך אַרום אָט די באָטעמעדראָשים דערמאָנען וועגן דעם לאַנגיאָריקן ייִדישן ייִשעוו אין קראָקע, וועלכער איז פאַרטיליקט געוואָרן דורך די פאַשיסטישע טאַליאָנים...

יאָ, קראָקע איז אַלט. אירע גאַסן און געסלעך דערמאָנען אין אַלטערטום־מוזיי. נאָר ווען מע דערווײַטערט זיך פון קראָקע אויף עטלעכע קילאָמעטער און מע קוקט זיך דערנאָך אום אויף איר, דערזעט מען אַ שפּאָגל־נײַע שטאָט, וואָס איז אַלט סאַכאַקל אַ צענדליק יאָר. נײַע הויכע ראַכוועסדיקע הײַזער, וועלכע זעען אויס ווי עמעסע פּאַלאַצן, ליכטיקע קינדער־גערטנער, בלי־ענדיקע סעדער, רײַכע ביבליאָטעקן און טעאַטערן, מאַגאַזינען און שולן. די באַפעלקערונג ציילט שוין דאָ העכער הונדערט צוואַנציק טויזנט מענטשן. די מערהײַט פון זיי אַרבעט אין דעם גרויסן מעטאַלורגישן קאָמבינאַט — אין דער נײַער הוטע אויף לענינס נאָמען.

קומען קיין פּוילן און ניט זען קראָקע, אירע היסטאָרישע ערטער, מוזייען, די נײַע הוטע — הייסט אַ סאַך פאַרלירן.

קראָקע ווערט יעדן טאָג באַזוכט דורך פיל מענטשן פון פאַרשיידענע עקן וועלט. נאָר אַזאַ אוילעם, וואָס האָט זיך דאָ פאַרזאַמלט דעם 10 און 11 אַפּרעל, איז גאָר שווער פאָרצושטעלן זיך, ווען מע זעט דאָס ניט מיט די אייגענע אויגן. צענדליקער טויזנטער מענטשן פון די פאַרשיידנסטע לענדער זײַנען געקומען אהער אָפּמערקן דעם צוואַנציקסטן יאָרטאָג פון דער באַפרײַונג פון אָשווענטשים, באַזוכן דעם גרעסטן און שוידערהאַפטסטן בעסוילעם אין דער וועלט, די קוואָרים פון פיר מיליאָן קדושים. דער בעסוילעם געפינט זיך באַ זעכציק קילאָמעטער פון קראָקע, אינעם געוועזענעם היטלעריסטישן טויט־לאַגער אָשווענטשים.

קראָקע איז באַפּוצט מיט פאָנען, פּלאַקאַטן, וועלכע דערמאָנען, אַז זונטיק וועט אין אָשווענטשים פאָרקומען די גרויסע מאַניפעסטאַציע, געווידמעט דעם 20־טן יאָרטאָג, זינט די סאָוועטישע אַרמײ האָט צעריסן די דראָטן פונעם טויט־לאַגער און באַפרײַט די עטלעכע טויזנט לעבן־געבליבענע. דעם זעלבן טאָג וועט אין בזשעזשינקע־בירקענאַו פאַרלייגט ווערן דער דענקמאָל די קאָרבאָנעס פון אָשווענטשים. אין די פאַבריקן און זאַוואָדן פון שטאָט זײַנען פאָרגעקומען מיטינגען, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען אונטערן צייכן: „קיינמאָל ניט פאַרגעסן, קיינמאָל ניט מויכל זײַן! קיינמאָל מער אָשווענטשים!"

דער קראָקער ייִדישער פאָלקס־קלוב, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון מאָרדכע געבירטיג, איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי פולגעפּאַקט, ווי אינעם שאַבעסדיקן אָפּדערנאַכט ערעוו דער מאַניפעסטאַציע אין אָשווענטשים.

אין זאַל האָבן זיך געפונען פיל גרעזשלשאַפטלעכע דעלעגאַציעס, אויך שליכים פון רומעניע און אונגאַרן, פון טשעכאָסלאָוואַקיע און דײַטשלאַנד, בעלגיע און גריכנלאַנד, סאָוועטנפאַרבאַנד און ענגלאַנד, ייִסראָעל און אַמעריקע.

אויף דער בינע שטייט אַ מענטש, אויף וועמעס האַנט עס איז אויסגעברענט דער אַרעסטאַנטן־נומער פונעם

אַשוויענטשימער טויט־לאַגער. ער איז איינער פון די, וואָס זײַנען אַלפּי־נעס געבליבן לעבן. דאָס איז דער באַקאַנטער זשורנאַליסט, אַקטיווער טוער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין אַשוויענטשים ייִדל קאַרמאַן.

ער איז אַ לעבעדיקער איידעס. ער האָט מיט זײַנע אייגענע אויגן געזען, ווי מע האָט פאַרברענט לעבעדיקע מענטשן — פרויען, קינדער, זקיינים. אַפילו אין די שווידערלעכע באַדינגונגען האָט ער געפונען די סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געקעמפט קעגן די טאַליאַנים און געהאָלפן הונדערטער מענטשן צו אויסהאַלטן און בלײַבן לעבן.

די פלאַמיקע ווערטער פון אָט דעם שרעקלאַזן מענטשן קאָנען מאַמעש רירן אַ שטיין. דאָס האָבן אַזעלכע, ווי ער, אויפגעהויבן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אין ביאַליסטאָקער און אַנדערע געטאָס, די אויפשטאַנדן, וועלכע זײַנען מיט גאָלדענע אויסיִעס ארײַנגעשריבן אין דער העראָיִשער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק.

ייִדל קאַרמאַנס רעדע איז קורץ. ער דערמאָנט, אַז מע טאָר ניט פאַרגעסן די צוואָע פון די מיליאָנען קדושים, ער דערמאָנט, אַז ניט ווײַט פונדאַנען, אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד, גרייט מען זיך אַמניסטירן די טאַליאַנים.

און דער אוילעם שטייט אויף פון די ערטער און מעלדעט:

— ניין, מירן ניט דערלאָזן! מירן ניט פאַרגעסן, מיר וועלן ניט מויכל זײַן!..

„טעוויע דער מילכיקער“ פון בעלגיע...

אין די דאָזיקע טעג האָבן מיר זיך באַקענט מיט אַ סאַך פּאַשעטע, זייער אינטערעסאַנטע מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער. איך וויל דאָ דערציילן כאָטש וועגן איינעם פון זיי.

דאָוויד שטערן... ער איז געקומען אף קייווער־אָוועס אין אָשוויענטשים. זײַן וויזיט־קאַרטל איז דער לאַגער־נומער, וואָס איז אויסגעברענט אף זײַן האַנט: 172407...

אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, פּולבלעכער, מיט אַן ענערגיש פאַרברוינט פּאָנעם און גרויסע קאַרע אויגן. זײַנע לאַגער־פרײַנט, מיט וועלכע ער האָט זיך איצט, אין צוואַנציק יאָר אַרום, באַגעגנט, האָבן אים קוים דערקענט: אין בוכענוואַלד, אין טוויבערג, אין אָשוויענטשים איז דאָס געווען אַ שאָטן, הויט און ביינער. געוויגן האָט ער דעמאָלט 35 קילאָ.

שטערן איז געבוירן אין די טראַנסקאַרפּאַטן, ניט ווײַט פון מוקאַטשעוו. ער איז געווען איינער פון די צען קינדער אין דעם געזינד פון אַ האָלצהעקער, דאָס ייִנגל איז געוואַקסן אַ געזונטער, אַ פעסטער, ווי אַ דעמב. אַז ער איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, האָט דער טאַטע אים גענומען מיט זיך אין די בערג, געבראַכט אים צו די האָלצהעקער און געגעבן אַ האַק אין האַנט.

דאָוויד האָט ניט באַוויזן זיך רעכט אַרומקוקן, ווי מע האָט אים גערופן אין דער אַרמיי. אומגעקערט זיך אַהיים, איז דאָס באָכערל לאַנג אַרומגעגאַנגען אַרבעטסלאָז. דאַן האָט ער, ווי פיל אַנדערע זײַנע גלײַכן, זיך אַוועקגעלאָזט אין דער וועלט אַרײַן זוכן גליק און איז מעגולגל געוואָרן קיין בעלגיע.

דאָוויד איז אָנגעקומען אַלס קוילן־העקער אין אַ שאַכטע. נאָר אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט ער, קומענדיק אף דער אַרבעט, געטראָפן אַ שלאָס אַפן אַרײַנגאַנגס־טויער.

לאַנגע כאָדאָשים האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער בריסעל אָן אַ שטאָך אַרבעט, ביז ער האָט אָנגעטראָפן אף אַ באַלעבאָס פון אַ מילך־געשעפט, וועלכער האָט אים פאַרגעלייגט פאַנאַנדערטראָגן מילך און קעז צו זײַנע קליִענטן אַהיים.

געקראָגן ערגעץ אַ וועלאָסיפּעד, האָט דאָוויד צוגעפּאַסט צו אים דעם קאָרב, וווּ ער האָט געהאַלטן מילך און קעז. אַ מענטש אַ פריילעכער, אַ ווערטלזאָגער, פלעגן אים די קונדן אויפנעמען פרײַנטלעך. צווישן די בריסעלער ייִדן האָט ער באַקומען דעם נאָמען „טעוויע דער מילכיקער“.

אָבער ניט בלויז מילך און קעז האָט דער בריסעלער „טעוויע“ געפירט אין זײַן קאָרב. אונטער די מילך־פלעשער זײַנען געלעגן קאָמוניסטישע בלעטלעך און צײַטונגען.

אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן האָט שטערן פאַרלאָזט זײַן וועלאָסיפּעד מיטן קאָרב מילכיקס און צוזאַמען מיט נאָך כאַווירים אַוועק צו דער גרענעץ, קעדיי בישטיקע אַריבערגיין אף דער פראַנצויזישער זײַט און פון דאָרט אַוועקפאָרן קיין שפּאַניע, שלאָגן זיך קעגן דעם פאַרעטער פראַנקאָ.

אין איינער אַ פאַרביטערטער שלאַכט איז שטערן שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. ער האָט דורכגעמאַכט צוויי אָפּעראַציעס — איינע אין באַרסעלאָנע, אין באַדינגונגען פון אַן אינטענסיווער באָמבירונג, די צווייטע שוין אין בריסעל. נאָר אַרויסציִען דעם שפּליטער פון פוס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, און ער איז פאַרבליבן אַ קאַליקע.

די בריסעלער אַרבעטער האָבן מיט ליבשאַפט אויפגענומען זייער „טעוויע“. ער האָט שוין אָבער ניט געקאָנט אַרומפאָרן אף זײַן וועלאָסיפּעד מיט אַ קאָרב מילכיקס, ווײַל ער איז געגאַנגען אף קוליעס. דערצו האָבן די באַלעבאַטים געקוקט אף אים מיט סינע און די פּאָליציי־שפּיקעס האָבן פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען.

אַז עס איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע און אין בעלגיע האָבן זיך אַרײַנגעריסן די פאַשיסטישע האָרדעס, איז שטערן אַוועק אין אונטערערד. ער איז אַריבערגעפאָרן קיין אַנטווערפּען, וווּ מע האָט אים ווייניקער געקענט. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט מען אים געכאַפּט און פאַרשפּאַרט אין אַ לאַגער לעבן אַנטווערפּען.

פונעם לאַגער האָט זיך שטערנען אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן. ער איז אַוועק אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער.

אין האַרבסט 1943 איז ער ווידער אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ. דרײַ כאָדאָשים האָט מען אים געפּײַניקט אין די טפיסעס. לעסאָף האָט מען אים מיט זײַן פרוי און צוויי קינדער צוזאַמען מיט 12 טויזנט אַנדערע אסירים דעפּאָרטירט קיין אָשוויענטשים. דאָס ווײַב מיט די קינדער האָט מען גלײַך פון באַן אָפּגעפירט אין

קרעמאטאָרי. אים, דאָווידן, האָט מען אויסגעבערענט אָף דער האַנט אַ לאַגער־נומער און אַוועקגעטריבן אין אַ פאַבריק.

עטלעכע סעלעקציעס איז ד. שטערן דורכגעגאַנגען בעשאָלעם, די טאַליאַנים האָבן ניט באַמערקט, אַז ער האָט אַ קראַנקן פוס. נאָר איינמאָל האָט דער קאָמענדאַנט דערזען, אַז ער הינקט אונטער, און מע האָט „טעוויען" איינגעשלאָסן אין צעטל אָף אַרויספירן קיין בזשעזשינקע־בירקענאַו, אין קרעמאַטאָרי.

אין לאַגער האָט ער זיך באַגעגנט מיט עטלעכע פרײַנט, מיט וועלכע ער איז געווען אין שפּאַניע. ער האָט זיך דאָ באַפרײַנדעט מיט ייִדל קאַרמאַנען, זיי האָבן אים צונויפגעפירט מיט די דאָקטוירים, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן אויסצומעקן אים פונעם טויט־צעטל...

ערעוו דער באַפרײַונג פון אָשווענטשים, ווען די היטלעריסטן האָבן שנעל געמוזט עוואַקוירן דעם לאַגער, האָבן פיל אַסירים אַרויסגעריסן זיך פון דער קאָלאָנע, אין וועלכער שטערן האָט זיך געפונען, און אַנטלאָפן אין די וועלדער און בערג. צווישן זיי איז געווען אויך „טעוויע דער מילכיקער".

איצט וווינט ער אין בודאַפּעשט.

19 אַפּרעל...

דער פרימאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן אָנגעכמורעטן הימל, וואָס איז געהאַנגען נידעריק איבער וואַרשע, מיט אַ פאַראַקשנט נימעס וווערנדיק רעגנדל. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט דער גרויסער פאָלקס־מאַניפעסטאַציע, געווידמעט דער אומפאַרגעסלעכער דאַטע — דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן יאָרטאָג זינט דעם אָנהייב פונעם אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

פון אַלע עקן שטאָט ציִען זיך הײַנט קאָלאָנעס צום פּלאַץ, וואָס איז דורכגעווייקט מיטן בלוט פון די העלדן פון געטאָ.

עס איז שוין שווער צו זאָגן, ווו געפינט זיך דאָס צווישטאָקיקע הויז לעבן דעם בערשטל־שאַפּ, וואָס איז מיט 22 יאָר צוריק אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ האָרדע פאַשיסטן מיט טאַנקען, קוילנוואַרפערס, און איינס פון די יונגע מיידלעך, מוירע האָבנדיק, אַז אירע גראַנאַטן, וואָס זי האָט פאַרדריקט אין ביידע הענט, וועלן ניט טרעפן פינקטלעך, האָט זיך מיט זיי אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער פון דריטן שטאָק אין דער סאַמע געדיכטעניש פון די היטלעריסטן און איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיי... עס איז שוין ניט באַוווּסט פינקטלעך, ווו זײַנען געווען די רויִנען, פון אונטער וועלכע עס האָבן אַלע טאָג זיך אופגעהויבן נײַע און נײַע העלדן פון געטאָ און זיך געוואָרפן מיט הוילע הענט אָף די באַוואָפנטע רעצחים.

דער אופשטאַנד איז אָף אייביק אַרײַן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק און אין דער געשיכטע פונעם העראָישן קאַמף פון די פעלקער קעגן דער היטלערישער פּעסט.

עס גייען און גייען די אומענדלעכע קאָלאָנעס צו דעם באַרימטן דענקמאָל, וואָס אָפן פּלאַץ פון די געטאָ־גיבוירים.

עס שטייט באַם דענקמאָל מיט די הוילע שווערדן אין דער לופט דער ערן־קאַראַול פונעם פּוילישן מיליטער. אַנטקעגן אים האָבן זיך אויסגעשטעלט די פאַראַשוטיסטן מיט די רויטע בערעטן. אין ערן־קאַראַול שטייען די קינדער פון די שולן און ליצייען, אָף וועמעס העלדזער עס פלאַטערן רויטע האַלדזטיכלעך.

עס ברענען די פײַערן באַם צופוסנס פונעם דענקמאָל.

דער גראַנדיעזער פּלאַץ איז פון ברעג ביז ברעג פול מיט מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען אַהער פון אַלע עקן וואַרשע, פון אַלע שטעט פון פּוילן, פון אַלע לענדער פון דער וועלט.

דער זייגער שלאָגט 12.

עס צעשיט זיך דער שרויט פון די פײַקלעך. מיט אַ גרויסן קראַנץ רויטע רויזן פונעם פּרעמיער יוזעף ציראַנקעוויטש גייט צום דענקמאָל אַ דעלעגאַציע מיניסטאָרן. הינטער איר טראָגן קרענץ דעלעגאַציעס פון די וואַרשעווער פּאַרטיי־ און מעלוכע־אָרגאַניזאַציעס, פון זאַוואָדן און פאַבריקן, אינסטיטוטן און אוניווערסיטעט, פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די ייִדן אין פּוילן, פון די קאָאָפּעראַטיוון, יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, קעמפער קעגן פאַשיזם, פון ייִדישע שרײַבער פון סאָוועטנפאַרבאַנד, דעלעגאַציעס פון אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע, פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק און אַמעריקע, פון האָלאַנד און ייִסראָעל, פון פראַנקרײַך און בעלגיע, פון אַ סאַך, אַ סאַך לענדער.

קיין רעדעס וועלן הײַנט ניט זײַן. עס רופן זיך נאָר איבער הערצער מיט הערצער. ווי לעבעדיקע קוקן אַראָפּ די בראָנזענע העלדן. עס דוכט זיך, אַז זיי וועלן באַלד אָנהייבן ריידן, דערמאָנען די לעבעדיקע, מע זאָל זײַן וואַך, ווײַל עס לעבן נאָך פאַשיסטישע טאַליאַנים אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד און אין פיל לענדער פון דער וועלט.

די זון באַווײַזט זיך נאָך אַלץ ניט. פונעם הימל זיפּט אַלץ שטאַרקער דאָס נימעס געוואָרענע רעגנדל, נאָר קיינער באַמערקט דאָס ניט.

דער העמשעך פון דער פײַערונג קומט פאָר אין אָוונט, אין גרויסן זאָל פון דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע.

אָף דער בינע לייענט אידאַ קאַמינסקאַיאַ יוליאַן טווימס „מיר, פּוילישע ייִדן". איר אָרט פאַרנעמט דער יוגנט־אַנסאַמבל באַם לאָדזשער פיליאַל פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. רירנדיק און עמאָציאָנעל האָבן די טאַלאַנטפולע ייִנגלעך און מיידלעך אויסגעפילט אין ייִדיש און פּויליש דעם מאָנטאַזש פון די לידער פון די דיכטער שמואל האַלקין, דאָוויד ספאַרד, מוישע שקליאַר און לידער פון וואַרשעווער געטאָ. דער פאַרייניקטער ייִדישער כאָר האָט געזונגען מאָרדכע געבירטיגס „עס ברענט" און אַנד. ווען דער כאָר האָט אָנגעהויבן זינגען דעם געטאָ־הימען, איז דער גאַנצער זאַל אופגעשטאַנען און מיטגעזונגען:

„זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!"

באַגעגענישן

שוין אין די ערשטע עטלעכע טעג פֿון מײַן קומען בין איך אַרויסגעטראָטן אַף ליטעראַרישע אָוונטן אין וואַרשע און אין פֿיל שטעט און שטעטלעך פֿון אויבערשלעזיע און נידערשלעזיע.

די ליטעראַרישע אָוונטן האָבן זיך שטענדיק פֿאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. איך האָב געזען פֿאַר זיך פֿיל מענטשן, וועלכע האָבן שטאַרק ליב די ייִדישע ליטעראַטור, קענען גוט די סאָוועטישע שרײַבער, זײַנען אַקטיווע לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד".

אַ גלענצנדיקער לייענער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע איז אין די שטעט און שטעטלעך פֿון פּוילן! עס איז ניטאָ, דוכט זיך, קיין איין שטוב, וווּ עס זאָל ניט זײַן אַ ייִדישע צײַטונג, זשורנאַל, בוך.

בײַם מײַן רײַזע איבער פּוילן האָב איך געהאַט אַ ריי באַגעגענישן, וועלכע איך וועל קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. אין דער גרויסער אינדוסטריעלער שטאָט פֿון אויבערשלעזיע ביטאָם, אַ שטאָט פֿון שאַכטיאָרן און מעטאַלורגן, האָב איך זיך באַקענט מיט כאַיִם זשוקן, אַ געוועזענעם אַנטיילנעמער אין קאָוופּאַקס פּאַרטיזאַנער־פֿאַרייניקונג, ער האָט זיך געשלאָגן הינטער סאַרנע, בײַ קאָוועל, אין די פּינסקער בלאָטעס. זײַן פֿרוי ציפּע שוסטער איז געווען אַן אויטאָמאַטלערן און מעדיצין־שוועסטער בײַ קאָוופּאַקן. זיי ביידע — כאַיִם און ציפּע — זײַנען פֿאַר העלדישקייט באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאַלן. בערל גאַלאָוונער איז געווען אַ פּאַרטיזאַנער בײַ פֿיאָדאָראָוון. און אָט איז געקומען אַפֿן ליטעראַרישן אָוונט די פּוילישע פֿרוי מאַריִאַ גראַדאָוויטש. מילכאָמע־צײַט האָט זי געוווינט אין סאַמבאָר, הינטער לוואָוו. בײַם דער דײַטשישער אָקופּאַציע האָט זי — אַן אָרעמע אַלמאָנע מיט דרײַ קינדער — אויסבאַהאַלטן בײַ זיך אין שטוב עטלעכע ייִדן, כאָטש דאָס האָט געדראָעט מיט טויט־שטראָף. איר הויז איז געשטאַנען אין דער פֿאָרשטאָט פֿון סאַמבאָר. ווען מע פֿלעגט טרײַבן די ייִדן אין די לאַגערן, פֿלעגט זי אַרויסגיין אַפֿן וועג און ראַטעווען צענדליקער מענטשן, אַרויספֿירן זיי אין וואַלד, געבן זיי באַהעלטענישן. זי איז איצט אַן אָפֿטער גאַסט אין ביטאָמער ייִדישן פֿאָלקס־קלוב. וועגן אָט דער באַשיידענער און האַרציקער פֿרוי קאָן מען אָנשרײַבן אַ בוך.

ניט ווייניק קאָן מען דערציילן וועגן דער פּאַריזשער אײַנוווינערן, דער שרעקלאָזער טאָכטער פֿון ייִדישן פֿאָלק ציפּוירע גוטניק, אַף וועמעס האַנט עס איז אויסגעבערנט געוואָרן אין אָשווענטשים דער נומער 52345. פֿאַר איר רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט איז זי אויסגעווען אין פֿיל טפֿיסעס. אין 1943 האָט די געסטאַפּאָ זי אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער באַרימטער פּאַריזשער טורמע ראָזשע, מיט וועלכער זי איז שוין געווען גוט באַקאַנט נאָך פֿון פֿאַר דער מילכאָמע, ווען זי איז דאָ געזעסן עטלעכע מאָל. פֿון ראָזשע האָט מען זי דעפּאָרטירט קיין אָשווענטשים, ווו זי האָט זיך באַלד אײַנגעשלאָסן אין דער אונטערערדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דער נאָמען ציפּוירע גוטניק איז ברייט באַקאַנט אין פֿראַנקרײַך.

מיטן באַרימטן „באַלעגאָלע פֿון קראָקע" ייִסראָעל הערצעל האָב איך זיך באַקאַנט דעם ערשטן טאָג, ווען איך האָב זיך אַרײַנגעזעצט אין זײַן טאַקסי, קעדיי פֿאָרן קיין נײַ־הוטע. באַלד פֿון די ערשטע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט, האָב איך דערפֿילט, אַז דאָס איז איינער פֿון מײַנע פּערסאָנאַזשן, אַ שטיק שמײַע גאָזלען און אַווראָם גינזבורג פֿון דער דערציילונג „דעראַזשנע — בערלין".

אַ באַיאָרטער, פֿעסטגעבויטער ייִד פֿון קנאַפּע זעכציק, אַן עכטער פֿאָלקסמענטש, בײַס דער מילכאָמע איז ער געווען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. כאָטש ער איז געווען פֿרײַ פֿון מיליטער־דינסט, האָט ער די גאַנצע צײַט פֿרײַוויליק געדינט אין דער אַרמיי, זיך געפֿונען אַפֿן פֿראָנט, געפֿירט סנאַריאַדן צו די פֿאָדערשטע פּאָזיציעס. און וועגן דעם, וויִאַזוי ער האָט געדינט, דערציילן זײַן אָרדען „סלאַוואַ", זײַנע צוויי שלאַכט־מעדאַלן „פֿאַר געוואַגטקייט".

און ווי קאָן מען פֿאַרשווײַגן וועגן דעם דײַטשישן אַרבעטער פֿרידריך האַמאַן, וואָס האָט געשמאַכט צוועלף יאָר אין די היטלערישע טפֿיסעס צוזאַמען מיט ערנסט טעלמאַנען! ווען ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אָשווענטשים, האָט ער פֿאָרגעזעצט זײַן אַנטיפֿאַשיסטישע טעטיקייט און געראַטעוועט פֿון טויט אַ סאַך ייִדן.

סאַראַ אינטערעסאַנטן בוך מע קאָן אָנשרײַבן וועגן לייב דאָמבן, וואָס האָט מילכאָמע־צײַט אָפּערירט באַם סוינע אין הינטערלאַנד און דאָרט אופֿגעטאָן אַזעלכע העלדנטאַטן, וועלכע קלינגען מאַמעש ווי אַ לעגענדע!

יאָ, פֿיל באַגעגענישן מיט אויסערסט אינטערעסאַנטע מענטשן האָבן מיר געהאַט אין פּוילן. צו זיי וועל איך זיך נאָך אומקערן.

■

און אָט איז דורכגעלאָפֿן אַ כוידעש און עס ענדיקט זיך מײַן רײַזע.

ווידער זיץ איך אין וואַגאָן, ווידער קומען אויף פֿאַרשיידענע דערמאָנונגען.

וועגן וואָס, אַשטייגער?

אַז צו אַ סאַך מענטשן האָב איך פֿאַרן אָפּפֿאָר באַדאַרפֿט אַרײַנכאַפּן זיך און ניט באַוויזן. אין אַ ריי אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס האָב איך באַדאַרפֿט נעמען וויכטיקע מאַטעריאַלן, נאָר עס איז מאַמעש פֿון קאָפּ אַרויס...

עס איז אָבער, ווי באַוווּסט, פֿאַראַן אַ געזעץ, אַז ווען מע איז אין געסט און מע פֿאַרגעסט עפּעס, איז עס דער בעסטער סימען, אַז מע וועט זיך אינגיכן אומקערן. וועלן שוין זײַן נײַע און נײַע באַגעגענישן.

■

הערש רעמעניק

נאָטע לוריע

(נאָטיצן צו זײַן זעכציקסטן
געבורטסטאָג)

1

מיט העכער דרײַסיק יאָר צוריק איז דערשינען דער ערשטער טייל פון נאָטע לוריעס בוך „דער סטעפּ רופט“, וואָס האָט געבראַכט דעם יונגן אַווטאָר אַלגעמיינע אָנער־קענונג אַלס אַן ערשטראַנגיקער פּראָזע־מײַסטער. דאָס איז געווען אַ רײַף ווערק פון אַ גלענצנדיקן רעאַליסט, וואָס האָט באַרײַכערט די ייִדישע ליטעראַטור מיט אַ נײַער טעמע און מיט נײַע געשטאַלטן. דער יונגער שרײַבער האָט אַרײַנגעפירט דעם לייענער אין אַ נײַער ספערע פון שטייגער און פּסיכאָלאָגיע, וועלכע איז ביז דאַן ווייניק געווען באַקאַנט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אין אַ נײַער וועלט, וועלכע דער אַווטאָר האָט קינסטלעריש אויסגע־פאָרשט אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען.

עס איז שוין לאַנג פעסטגעשטעלט, אַז דאָס דאָרפישע לעבן האָט צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקײַט פון די גרעסטע וועלט־קינסטלער. וואָס איז שײַך דער רוסישער ליטעראַטור, איז דאָס דאָרפישע לעבן און די דאָרפישע טעמע איר נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַט. די דאָרפישע טעמע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע אָנגעזעענסטע שעפער פון דער רוסישער ליטעראַטור אין פאַרלויף פון קימאַט צוויי הונדערט יאָר, אָנגעהויבן פון ראַדישטשעוו און ביז שאָלאָכאָוון.

אין דער ייִדישער ליטעראַטור, איז אָנגענומען צו מיי־נען, האָט דאָס דאָרף קימאַט ניט פאַרנומען קיין אָרט, אַף וויפל ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די ייִדישע באַפעלקערונג געוווינט דעריקער אין שטעטל. די דאָזיקע מיינונג איז אָבער ניט אינגאַנצן ריכטיק. די דאָרפישע טעמע, עמעס אין אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער אַנטפּלעקונג, האָט דאָך געפונען איר אָפּשפּיגלונג סײַ בײַ אונדזערע קלאַסיקער, סײַ אין דער פאָלקס־ליד און אין דער פאָלקס־מײַסע, בײַ מאָרדכע ספּעקטאָר און בײַ שימען פרוג. יעדנפאַלס, אַדאַנק דעם ייִשוּווניק איז די ייִדישע ליטעראַטור באַרײַכערט געוואָרן מיט שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער“, מיט דער נאַטור־ליריק פון ביאַ־ליקן, שוואַרצמאַנען, האָפשטיינען.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די דאָרפישע טעמע זיך אַרײַנגעריסן אין דער שאַפונג קימאַט פון אַלע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. ווער פון זיי האָט ניט געשריבן וועגן דער איבערוואַנדערונג אַף ערד, וועגן ייִדישע קאָלווירטן, וועגן בירָאָבידזשאַן?

עמעס, בײַ אַט די שרײַבער איז דאָס דאָרף ניט געוואָרן די צענטראַלע טעמע פון זייער שאַפן. דאָס איז געווען בײַ זיי בלויז איינע פון די טעמעס.

עכט אָרגאַנישע שילדערונג פון פויערטום האָט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור באַקומען אין די ווערק פון אַזעלכע פּראָזע־שרײַבער, ווי עליע שעכטמאַן, עליע גאָרדאָן, שמועל גאָרדאָן, און באַזונדערס אין די ווערק פון נאָטע לוריע.

אין אַט די ווערק האָבן מיר דערזען פעלד, דאָרפישע אַרבעטס־פּראָצעסן, פויערשן אינווענטאַר, פויערשע הײַ־זער, שליאַכן, באַלקעס, בעהיימעס, אויפּעס; עס האָבן זיך דערהערט נײַע קלאַנגען — דאָס טראַכקען פון אַ קאָמבײַן, דאָס הודען פון אַ טראַקטאָר, און דער איקער, עס האָבן זיך באַוויזן נײַע מענטשן — דער פויער מיט זײַן פּסיכאָלאָגיע און מיט זײַן לאָשן, מיט זײַן צוגעבונדנקײַט צו דער ערד.

כאַראַקטעריסטיש פאַר נאָטע לוריען איז דאָס, וואָס ער מאָלט דאָס דאָרף אין מאָמענט פון איבערבראָך, אין מאָמענט פון אַ שאַרפן קער פון דעם סאָוועטישן פויער־טום צו נײַע לעבנס־פאָרמען, צו אַ נײַער לעבנס־אָרדענונג. דער שרײַבער, ניט געקוקט אַף זײַן יונגקײַט, האָט אין זײַנע ווערק אַרויסגעוויזן טיפן פאַרשטאַנד פאַר די נײַע היסטאָרישע פּראָצעסן.

אמאָל קומט אויס צו הערן, אַז די ווערק וועגן ייִדישן פּויערטום האָבן שוין הײַנט קיין באַדײַטונג ניט, אַף וויפל קיין ייִדיש דאָרף איז איצט ניטאָ. בא אַזאַ צוגאַנג צו ליטעראַטור קאָן מען זאָגן, אַז די גאַנצע וועלט־ליטעראַטור ביז, לאָמיר זאָגן, דעם קאַפּיטאַליזם האָט שוין איצט קיין באַדײַטונג ניט, ווײַל זי האָט געמאָלט שקלאַפן און שקלאַפן־באַזיצער, פעאָדאַלן, פּריצים און לײַב־אייגענע פּויערים. עמעסע קונסטווערק היטן אײַן זייער צויבערנדיקן צאַפּל פאַר אַלע ווײַטערדיקע דורות און עפּאָכעס.

נאָטע לוריעס נײַער ראָמאַן „הימל און ערד", וועלכער מאָלט דעם פאַראַנטוואָרטלעכסטן פּעריאָד אינעם לעבן פון פאָלק, דעם פּעריאָד פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, באַווײַזט, אַז דער שרײַבער איז ניט באַגרענעצט בלויז מיט דער דאָרפישער טעמע. נאָטע לוריען אַלס קינסטלער זײַנען צוטריטלעך אַלע גרויסע היסטאָרישע דראַמאַטישע געשעענישן אין דעם לעבן פון פאָלק (דער בירגערקריג, די קאָלעקטיוויזאַציע, די מילכאָמע). דאָס דאַרף איז דער שטענדיקער אָבסערוויר־פּונקט, פון וועלכן דער אויטאָר באַטראַכט און מאָלט דאָס גאַנצע לאַנד און דאָס גאַנצע פאָלק.

2

וועגן נאָטע לוריעס „דער סטעפּ רופט" איז געשריבן געוועזן ניט ווייניק. אָבער אַז מע לייענט איצט דאָס ווערק, וואַרפט זיך קוידעמקאָל אין די אויגן זײַן פאָלקסטימלעכער כאַראַקטער. און גראָד וועגן דעם האָט די קריטיק גאָרנישט אָדער קימאַט גאָרנישט ניט געזאָגט. די פאָלקסטימלעכקײַט פונעם ראָמאַן „דער סטעפּ רופט" דריקט זיך אויס פריִער פאַר אַלץ אין דעם, וואָס לוריע מאָלט פאָלקס־טיפּן. אין דעם ראָמאַן זײַנען אַרויסגעבראַכט געשטאַלטן, וואָס זײַנען פלייש און ביין פונעם פאָלק. נאָטע לוריע ווײַזט, אַז די עלקע רודנערס, די כאָנצעס גייען אין אַוואַנגאַרד פון דער מאַסע און טיילן זיך אויס פון איר בלויז דערמיט, וואָס זיי זײַנען מער ענערגיש, מער באַוווּסטזיניק פון אַנדערע, אַזעלכע, ווי זיי; זיי זײַנען פּראָסט און געזונט און לעבנסדאָרשטיק, ווי דאָס פאָלק אַליין. באַנאַנד דערמיט שאַפט נאָטע לוריע דאָס קאָלעקטיווע געשטאַלט פונעם גאַנצן פאָלק, אַ פילפאַרביקע געשטאַלטן־גאַלעריי פון מענער און פרויען, זקיינים און קינדער, באַלעגופים, באַטראַקעס, מיטלפּויערים, אָרעמפּויערים. לויט דעם געשטאַלטן־באַשטאַנד, לויט דער קונסט פון שילדערן מאַסן־סצענעס, מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, איבערגעבן האַנדלונג פון די מאַסן און מאַסן־רייד, מאַסן־רעפּליקעס איז נאָטע לוריעס ווערק אַן עמעסער פאָלקס־ראָמאַן.

אַ שרײַבער, וואָס קען אַזוי איבערגעבן פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע, פאָלקס־אינטאָנאַציע, איז ניט בלויז אַליין אַ פאָלקס־מענטש, נאָר אַ קענער פונעם פאָלקס־לעבן און אַ מײַסטער פון שילדערן עס. אין דער זעלבער צײַט איז נאָטע לוריע אַ מײַסטער פון שאַפן אינדיווידואַליזירטע טיפּן און געשטאַלטן. דער גוירל פונעם פאָלק איז געוויזן דורכן גוירל פון באַזונדערע מענטשן. עלקע רודנער און שעפּטל קאָבילעץ — די הויפּט־העלדן פון „דער סטעפּ רופט" און פון „הימל און ערד" — זײַנען פאַראַלגעמיינערטע קינסטלערישע געשטאַלטן, וואָס פון אַזעלכע האָט די ייִדישע ליטעראַטור ביז לוריען ניט געוווּסט.

די קלאַסישע ייִדישע ליטעראַטור האָט געשאַפן אַזאַ טיפּ פון אַ פרוי, ווי ראָכעלע אין שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן „סטעמפּעניו", ווי האָדל, בײַלקע און אַנדערע טעכטער פון טעוויע דעם מילכיקן, ווי די פרויען אין פּערעצעס דראַמעס און נאָוועלן, ווי מירעלע הורוויץ אין דאָוויד בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען". אַף זיי אַלע ליגט דאָס שטעמפּל פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער פאַרווּרטײלטקײַט. זיי שטרעבן צו פרײַהײַט, צו עמאַנסיפּאַציע, צו גליק, אָבער די אומשטענדן זײַנען שטאַרקער פון זיי. זיי זײַנען געפּײַניקט פון דער שווערער דוירעסדיקער רעליגיעזער, סאָציאַלער און שטייגערישער לאַסט. אין נאָטע לוריעס ווערק טרעפן מיר גאָר אַן אַנדער טיפּ פון אַ פרוי — אַ פרוי, וואָס איז דורך דער רעוואָלוציע באַפרײַט געוואָרן פון סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן דרוק. נאָך מער, עלקע רודנער איז אַליין אַ באַפרײַערן, אַ טרעגערן פון ליכט און פרײַהײַט פאַר אַנדערע, אַ פירערן פון די מאַסן, אַף לעבן און טויט איבערגעגעבן דעם פאָלק. עלקע רודנער, די טאָכטער פון נויט און מי, איז אויך אַ קעמפערן פאַר אַ נײַ לעבן. אָבער נאָטע לוריע מאָלט זי ניט נאָר פון דעם אַספּעקט. זי טרעט אויף ניט בלויז אַלס קאָמוניסטקע, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון קאָלווירט, אַ טראַקטאָריסטקע, נאָר אויך אַלס אַ פרוי לויט איר כאַראַקטער און פּסיכאָלאָגיע. עס שפּרודלט פון איר מיט געזונטער לעבנספרייד, מיט נאָרמאַלע לעבנס־באַגערן; זי איז פול מיט איבערצײַגטער זיכערקײַט אין איר באַרוף אַלס מענטש, און אָט דערפאַר טאַקע איז נאָטע לוריען געלונגען אָפּשפּיגלען אין איר לעבן דאָס לעבן פונעם פאָלק.

ניט בלויז אין דער קלאַסישער, נאָר אויך אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור האָבן מיר ניט באַגעגנט אַזאַ געשטאַלט, ווי עלקע רודנער. עס איז שוין פון לאַנג אָפּגעמערקט געוואָרן, אַז שאַפן אַ פּאָזיטיוו געשטאַלט — און באַזונדערס פון אַ פרוי — איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע פּראָבלעם. דערצו איז קעדײַ צו דערמאָנען דאָס, וואָס טשעכאָוו האָט אַמאָל געזאָגט, אַז שאַפן אַ געשטאַלט פון אַ גראַפיניע איז אַ סאַך לײַכטער, ווי שאַפן אַ געשטאַלט פון אַ פּויערטע. אין דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז שאָלאָכאָוון אין „שטילן דאָן" געלונגען שאַפן אַ ריי פרויען־געשטאַלטן סײַ פּאָזיטיווע, סײַ נעגאַטיווע (אַקסיניע אַסטאַכאָוואַ, נאַטאַליע קאָרשונאָוואַ, דאַריע מעלעכאָוואַ אאַ.). באַזונדערס אַקסיניע איז געמאָלט מיט דער האַנט פון אַ מעכטיקן מײַסטער. אַקסיניע איז קאָלאָריטפול ניט בלויז אַלס סאָציאַלער, נאָר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס אַלס נאַציאָנאַלער טיפּ; פּסיכאָלאָגיש איז איר געשטאַלט פילפאַרביקער, טיפער, אַלזײַטיקער, ווי דאָס געשטאַלט פון עלקע רודנער. אָבער אויב פאַרגלײַכן די צוויי פרויען־געשטאַלטן לויטן ניוואָ פון זייער גײַסטיקער און אידייִשער אַנטוויקלונג, איז עלקע אַוועק אַ סאַך ווײַטער פון אַקסיניען. נאָטע לוריעס עלקע איז אַזוי ווײַט פון שאָלאָכאָווס אַקסיניע, ווי ווײַט ס'איז דאָס נײַע לעבן פונעם אַלטן. מערקווירדיק, וואָס אויך שאָלאָכאָוו האָט געפּרוּווט געבן אַ פּאָזיטיוו געשטאַלט פון דער נײַער פרוי אין „אויפגעאַקערטער רויערד", דאָס הייסט אין דעם זעלבן פּעריאָד, ווען נאָטע לוריע האָט געשאַפן זײַן ראָמאַן „דער סטעפּ רופט"; דאָס דאָזיקע געשטאַלט (פון וואַריוכאַ־גאָריוכאַ) האָט זיך באַקומען בלאַסער, און דאָס איז אַן איבעריקער באַווײַז, ווי שווער עס איז צו שאַפן אַ פּאָזיטיוו געשטאַלט פון אַ פרוי אַפילע פאַר אַזאַ ריז, ווי שאָלאָכאָוו.

דאָס געשטאַלט פון עלקע רודנער אין „דעם סטעפּ רופט" איז געווען אַ גרויסער שעפערישער דערפאָלג. נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג האָט אָפּגעהאַלטן נאָטע לוריע מיט דעם געשטאַלט פון שעפּטל קאָבילעץ. די עוואָלוציע פון שעפּטלס כאַראַקטער האָט לוריע געגעבן אַזוי רײַך, אַר־

גאניש און פילזײַטיק, אַז מיר באַקומען אַ פּאַראַלגעמיי־נערטן טיפּ אין אַלע זײַנע מענטשלעכע אַנטפּלעקונגען. און דאָס איז צו זען ניט בלויז אין „דעם סטעפּ רופט“, נאָר אויך אינעם נײַעם ראָמאַן „הימל און ערד“. דאַכט זיך, מיר ווייסן שוין אַלץ וועגן שעפּטלען, נאָר אָט זעען מיר אים אין „הימל און ערד“ דעם זעלבן, און דאָך אַן אַנדערן.

מיר קענען שעפּטל קאָבילעץ דעם האָרעפּאַשניק, פאַר וועלכן אַרבעט איז דער גאַנצער טאָך פונעם לעבן. אין מי, אין שטענדיקן שאַפן איז דער זין פון זײַן עקזיסטענץ. אין דעם נײַעם ראָמאַן ווערט ער געוויזן, ווען אַלע זײַנע שעפערישע אַרבעטס־אימפּולסן און טאַלאַנטן, וועלכע האָבן פריִער אונטער דער שווערער לאַסט פון אינדיווידואַליס־טישע, פּריוואַט־אייגנטימערישע פאָרורטיילן געדרעמלט אין אים און זיך געפונען אין אַן אַנאַביאָזן צושטאַנד, האָבן זיך אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצער רײַכקייט און שיינקייט. דער סאָוועטישער לעבנס־שטייגער געשטאַלטיקט איבער דעם מענטשן. שעפּטל קאָבילעץ איז פריִער געווען אַ פאַרקערפּערונג פון טעמפּער, קאָנסערוואַטיווער באַגרע־נעצטקייט; ער האָט געטראַכט בלויז וועגן זײַן נאַכלע, וועגן זײַן שקאַפּע, וועגן זײַן שטיקל ערד; עלקע רודנער, וועלכע האָט אים ליב געהאַט, האָט אַמאָל געזאָגט אויף אים, אַז דאָס איז אַ קופּע ערדזאַפּט. אָבער אין די נײַע באַדינגונגען פון קאָלווירטישן לעבן איז שעפּטל געוואָרן אַ פאָרגעשריטענער בריגאַדיר, וועלכער שטעלט די אינ־טערעסן פונעם קאָלווירט העכער פון זײַנע פערזענלעכע אינטערעסן. פריִער האָט ער געוואָלט, אַז זײַן הויף, זײַן ווירטשאַפט זאָל זײַן די בעסטע אין כוטאָר; איצט שטרעבט ער דערצו, אַז זײַן בריגאַדע זאָל זײַן די בעסטע. ער ווייסט ניט פון קיין אָפּרו, פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט טראָגט ער זיך אַרום איבער די פעלדער, קוקט, אַז די אַרבעט זאָל געטאָן ווערן גוט; אונטערן האַרבסטיקן רעגן שפּאַנט ער אין שווערע קירזעווע שטיוול איבערן שוואַרצן סטעפּ און שפּירט נאָך, אַז דער טראַקטאָר זאָל טיף אַקערן אי אויף די בערגלעך, אי אין די באַלקעס, עס זאָל זײַן געזיכערט אַ הויכע גערעטעניש.

און אין דער גרויזאַמער שאָ גייט ער פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, קעדיי צו באַשיצן דאָס נײַע לעבן פאַר זיך און פאַר זײַנע קינדער און פאַר זײַן פאָלק. דער פריִער אָפּגעשטאַנענער, באַגרענעצטער, מע קאָן זאָגן, קימאַט פּאַטאָלאָגישער פּריוואַט־אייגנטימער שעפּטל קאָבילעץ איז איצט, אין ראָמאַן „הימל און ערד“, אַזוי מענטשלעך־איידל אין זײַן באַציִונג צו מענטשן, צו זײַן פרוי, צו זײַנע קינדער און צו עלקען, אַז מיר דערקענען יאָ און דערקענען ניט אין אים דעם אַמאָליקן שעפּטל קאָבילעץ פונעם ראָמאַן „דער סטעפּ רופט“.

אין די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר מיטן העלד, זײַ־נען פאַרקערפּערט די גרונטלעכע סאָציאַלע ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין לאַנד.

זייער בוילעט מאָלט לוריע ניט בלויז די הויפּט־העלדן עלקע רודנער און שעפּטל קאָבילעץ. טיפּיש זײַנען אויך אַנדערע געשטאַלטן אין די ראָמאַנען „דער סטעפּ רופט“ און „הימל און ערד“, וואָס אין טאָך גענומען שטעלן זיי מיט זיך פאָר איין ווערק וועגן דעם לעבן פונעם סאָוועטישן פאָלק אויף פאַרשיידענע עטאַפּן פון זײַן געשיכטע. אַזעלכע געשטאַלטן, ווי די אָרנטלעכע קאָלווירטניקעס קאַלמען זאַהאָט, כאָמע טראַסקון, דאָוויד־בער, שיִע קוקוי, און פון דער אַנדערער זײַט, ווי די באַלעגופים יאַנקעוו אָקסמאַן, סימכע בערעזין, ווי דער אַגראָנאָם וואַלעריאַן סיניאַקאָוו און זײַן מיטהעלפער יודל פּיסקון, פאַרבלײַבן

אין זיקאָרן. אין די ערשטע ביכער פון „הימל און ערד“ טיילן זיך שוין אויס די קאָלאָריטפולע געשטאַלטן פון דער יוגנט: נעכאַמקע, וואַווע, סעניע און אַנד. „הימל און ערד“ איז אַן עפּיש ווערק וועגן סאָוועטישן פאָלק, וואָס איז זיכער אין זײַנע קויכעס און איז גרייט צו באַגעגענען און בײַקומען די שווערע ניסיוינעס, וואָס רוקן זיך אָן אויף אים.

3 ——————

נאָטע לוריעס קינסטלערישע קראַפט אַנטפּלעקט זיך דעריקער אין דער מײַסטערהאַפטער שילדערונג פון דערווירקלעכקייט. אין דער הײַנטיקער ייִדישער פּראָזע איז ער, וואָלטן מיר געזאָגט, דער סאַמע אויסגעשפּראָכענער רעאַ־ליסט. צו די באַזונדערקײַטן פון זײַן רעאַליזם, וואָס טראָגט אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער, וואָלט איך אין דער ערשטער ריי פאַררעכנט די קלאָרקייט פון שילדערונג. אַז מע לייענט אין נאָטע לוריעס ווערק די באַשרײַבונג פון אַ בילד, אַ געשעעניש, אַ דערשײַנונג, ווערט אינגאַנצן פאַרלאָרן דאָס געפיל פון באַדינגלעכקייט און עס שאַפט זיך אַן איליוזיע פון פולשטענדיקער לעבנס־רעאַליטעט. די זע־בילדער, די הער־בילדער, די פּלאַסטישע און סקולפּטור־רישע שילדערונגען זײַנען אַזוי קאָנקרעט און בוילעט, שטאַרק און איבערצײַגנדיק, אַז צוזאַמען מיט די העלדן לעבט דער לייענער איבער זייער פרייד און פּײַן, זייערע ליידן און טריִומפן. דער לייענער ווערט פולשטענדיק אַרײַנגעצויגן אין דער וועלט, וועלכע עס האָט געשאַפן דער קינסטלער.

דורך אַ ריי קינסטלערישע מיטלען שאַפט דער שרײַבער די שטײַפע קאָמפּאָזיציאָנעלע סטרוקטור פונעם ווערק, וואָס אַנטפּלעקט ביז גאָר בוילעט סײַ די כאַראַקטערן פון די העלדן, סײַ דעם לעבנס־פּראָצעס אינגאַנצן גענומען.

די לייענער פונעם ערשטן טייל פון „דער סטעפּ רופט“ האָבן זיכער באַמערקט, אַז די עקספּאָזיציע פונעם ווערק האַלט זיך אויף צוויי פאַקטאָרן.

איינס. די קאָמוניסטקע עלקע רודנער איז געקומען קיין בוריאַנאָווקע.

צוויי. פון קאָוואַלעווסק דערטראָגט זיך קיין בוריאַנאָווקע דאָס הודען פון קאָלווירטישע טראַקטאָרן.

דער ערשטער, וואָס דערפילט, אַז מיט עלקע רודנער איז געקומען אַן איבערקערעניש אין זײַן לעבן, איז שעפּטל קאָבילעץ. אין דעם בילד, ווו עס ווערט באַשריבן די ערשטע באַגעגעניש פון שעפּטלען מיט עלקען, איז פאַראַן אַ טיפע סימבאָלישע אָנדײַטונג אויף דעם, אַז עס איז אַ באַגעגעניש אי פון אַ יונגן באָכער מיט אַ יונג מיידל, אי פון צוויי וועלטן.

און אָט די רעאַליסטישע שילדערונג און דער טיפער אונטערטעקסט באַדינגט די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פונעם סוזשעט אין ווערק. דער אַוטאָר ניצט אויס דאָס קינסטלע־רישע מיטל פון איבערכאַזערן און שטרײַכט דערמיט אונ־טער די ווירקונג פון ביידע פאַקטאָרן — פון עלקעס קו־מען אין כוטאָר און פון די קאָוואַלעווסקער טראַקטאָרן — אויף פאַרשיידענע פּערסאָנאַזשן, פאַרשיידענע סאָציאַלע קויכעס פון בוריאַנאָווקע.

דער באַטראַק קאָפּלדינער נעמט אויף מיט פרייד סײַ דאָס הודען פון די טראַקטאָרן, סײַ עלקע רודנער. „פון דער קאָוואַלעווסקער באַלקע האָט פּלוצלינג זיך דערטראָגן אַהער דאָס גראַגערן און הודען פון די אַרויסגעפּאַרענע אין סטעפּ באַנאַכטיקע טראַקטאָרן.

קאַפּלדינגער איז געבליבן שטיין, געקוקט אַהין, צו קאָוואַלעווסקער קאָלעקטיוו, און דערפילט, ווי דער באַנאַכטיקער טוי האָט בא אים א טריף געטאָן אפן הארצן.

— אוך, ווי זיי הודען דאָס, אונדזערע... ווי די וועסנע... — ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן עלקען, און דאָס הארץ האָט, דוכט זיך, אָנגעהויבן קלאַפּן אַלץ שטארקער און שטארקער.

ער האָט זיך ארויפגעלאָזט צווישן די קוסטעס, געטראכט וועגן קאָלעקטיוו, וואָס זיי וועלן סאַפּקאָלסאָף דאָ אפן כוטאָר אויסבויען. זיי וועלן ברענגען א טראַקטאָר. זי איז א טײַער מיידל. וויפל וועט זי נאָך זאמען דאָ?.. אָט איצט וועט מען שוין אים צעקוועטשן, אָקסמאנען.

קאַפּלדינגער האָט זיך דערפילט מונטערער, ווי ער וואָלט דארפן איצט אָפּטאָן זייער א וויכטיקע זאך אפן כוטאָר"[1].

דער באטראַק קאַפּלדינגער האָט דערפילט, אַז איצט איז געקומען זײַן צײַט, אַז איצט ווערט ער באַלעבאָס פונעם לעבן.

גאָר אנדערש טראַכטן וועגן עלקע רודנער און וועגן די טראַקטאָרן די בוריאַנאָווקער באַלעגופים סימכע בערעזין און יאַנקעוו אָקסמאַן.

„דאָרט, וווּ עס האָט געארבעט דער קאָלעקטיוו, האָבן די טראַקטאָרן שווער געראַדערט און געלויכטן פון דאָרט מיט די צום ערשטן מאָל דאָ אין סטעפּ אָנגעצונדענע עלעקטרישע לאָמפּן. פון די קײַלעכדיקע ליכטיקע פּארעס האָבן אהער אין כוטאָר געשלאָגן פאַסן שײַן. די ליכטפאַסן זײַנען געפאַלן איבער די פינצטערע רויִקע הויפן, געפאַלן איבער די קרומע און נידעריקע פענצטער און האָבן אופגעהויבן סימכע בערעזינען פונעם געלעגער... דאָס הודען פון די טראַקטאָרן האָט אף אים איצט ווידער ארופגעוואָרפן א שרעק"[2].

יאַנקעוו אָקסמאַן פילט, אַז מיט עלקעס קומען און מיטן ארײַנדרינגען פון דער טעכניק אין דאָרף האָט גענומען א סאָף צו זײַן הערשאַפט איבערן כוטאָר; יאַנקעוו אָקסמאַן זאָגט:

„— וואָס איז איצטער שײַעך... אַז מיר האָבן זיך לעכאַטכילע כיענע, געבויט אף א סטאַוואָק... אָט איז שוין ווײַטער געקומען עפּעס א שלאַק, זיי ווילן דאָך זייערס אופטאָן...

די טראַקטאָרן האָבן אַלץ שווערער און נעענטער געהודעט הינטערן שווארצן כוטאָר, און די הודערײַ האָט זיך מיט אימפּעט צו יאַנקעוו אָקסמאַנס הויף דערטראָגן און ווי א זאווערוכע ארײַנגעשמיסן אין די פאַרהאַנגענע פענצטער און א ציטער אָנגעוואָרפן.

— זיי וועלן שוין באַלד ארוף אף אונדזער ערד... לעבעדיקע וועלן זיי אונדז דערשטיקן, דערשטיקט און דערוואָרגן זאָלן זיי ווערן, — האָט כיענע געזיפצט"[3].

פאַר נאָטע לוריען איז כאַראַקטעריסטיש די דראַמאַטישע געשפּאַנטקײַט פון סוזשעט. אָן דעם קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן קיין עמעס קינסטלערישן ווערק. דאָס לעבן איז שטענדיק רײַך מיט דראַמאַטישע און טראַגישע קאָליזיעס, און ווער עס מײַדט זיי אויס אין זײַן שאַפונג, מוז אומפארמײַדלעך צוקומען צו זיסלעך־סענטימענטאַלער אידילישער שילדערונג, וואָס באַטײַט אין טאָך קאָניונקטורישע פאַלסיפיקאַציע פון דער ווירקלעכקײַט.

כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּראַט איז דער ענטפער, וואָס נאָטע לוריע האָט געגעבן זײַנעם א לייענער, דעם פּראָפעסאָר פון אווטאָמאַטיק און טעלעמעכאַניק מיכאַיִל וולאַדימיראָוויטש מייעראָוו, וועלכער האָט געבעטן באַם אווטאָר פון „הימל און ערד", אַז די העלדן פונעם ראָמאַן זאָלן בלײַבן לעבן „ביז דער לעצטער שורע".

נאָטע לוריע שרײַבט:

„אוואדע וואָלט איך וועלן, אַז אי אַלעקסיי אָרעשין, אי נעכאַמקע, אי קורט — די נײַע געשטאַלטן, — אי שעפּטל, עלקע, זעלדע, שעפּטלס מאַמע און אנד., וועלכע איך האָב געשילדערט נאָך מיט א סאך יאָרן צוריק אין ראָמאַן „דער סטעפּ רופט", — אַז זיי אַלע זאָלן בלײַבן לעבן „ביז דער לעצטער שורע" פונעם ראָמאַן. אָבער דאָס איז ניט אָפּהענגיק פון מיר. ניט אַלעמען האָב איך, ווי זיי זאָלן מיר ניט טײַער און ליב זײַן, געקאָנט ראַטעווען, פארהיטן פון אומקום, און ניט אַלעמען פון זיי איז באַשערט צו לעבן „ביז דער לעצטער שורע", מע דארף שילדערן דאָס לעבן עמעסדיק, אַזוי ווי עס איז געווען"[1].

„מע דארף שילדערן דאָס לעבן עמעסדיק" — אָט דאָס איז לוריעס שעפערישער פּרינציפּ, דער שעפערישער פּרינציפּ פון א קינסטלער, וואָס איז שרעקלאָז אין זײַן טרײַהײַט דעם עמעס. און דעריבער זײַנען אַזוי אומראַכמאָנעסדיק אין לוריעס ווערק די בילדער און שילדערונגען פון ליידן, פון טראַגישן אומקום, פון טויט און פאַרניכטונג.

אין „דעם סטעפּ רופט" ווערט פארוווּנדעט עלקע רודנער, עס ווערט דערמאָרדעט דאָוויד־בער; אין „הימל און ערד" קומען אום שעפּטלס מאַמע, עס פאַלן ארײַן אין געטאָ זײַן פרוי זעלדע, נעכאַמקע, קורט; אַלעקסיי אָרעשין געפינט זיך אין טפיסע, עס ווערט גערוידעפט עלקע רודנער, עס קומט אום איר פינפיאָריק טעכטערל סוועטע, און דאָס איז ניט קיין קינסטלעכע אָנוואַלגערונג פון גרויל. דאָס זײַנען דורכויס רעאַליסטיש פאַראַלגעמיינערטע לעבנס־דערשײַנונגען.

און אויב מיר ריידן וועגן מײַסטערשאַפט און וועגן קינסטלערישע מיטלען, דארף אויך געזאָגט ווערן וועגן נאָטע לוריעס קונסט פון מאָלן פּייזאַזש. מענדעלע מוכער־ספאָרים און דאָוויד בערגעלסאָן זײַנען צוויי גרויסע מײַסטערס פון נאַטור־שילדערונג אין דער יידישער פּראָזע. וועגן זייער פּייזאַזש איז אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג שוין גענוג גערעדט געוואָרן. סײַ בא מענדעלען, סײַ בא בערגעלסאָנען איז די נאַטור־שילדערונג א רעאַליסטישע. זי איז אָבער אין א באַדײַטנדיקער מאָס באַדינגלעך און פארבונדן מיט זײַטיקע קינסטלערישע קאַוואָנעס פון די שרײַבער: בא מענדעלען — מיט נאַציאָנאַלע און אופקלערערישע טענדענצן, בא בערגעלסאָנען — מיט אימפּרעסיאָניסטיש־סוביעקטיווע שטימונגען און איבערלעבונגען פון די העלדן.

נאָטע לוריע האָט געשאַפן א נײַעם, פולשטענדיק רעאַליסטישן, אָביעקטיוון פּייזאַזש, וואָס איז טאַקע עכטע מאָלערײַ און איז אין דער זעלבער צײַט אָרגאַניש פארבונדן מיטן לעבן און מיט די איבערלעבונגען פונעם מענטשן, פון דעם דאָרפישן מענטשן, וואָס פארשטייט די נאַטור, פילט זי און נעמט זי אוף אַלזײַטיק, מיט אירע

---

[1] נאָטע לוריע. דער סטעפּ רופט. א ראָמאַן אין צוויי טיילן, אָגיז, מעלוכע־פארלאַג „דער עמעס", מאָסקווע, 1948, 17—18.

[2] דאָרט, ז. 20. מײַן אונטערשטרײַכונג. — ה. ר.

[3] דאָרט, ז. 22—23. מײַן אונטערשטרײַכונג. — ה. ר.

---

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד", 1965, נומ. 1, ז. 157.

קאָלאָריטן און פאַרבן, מיט אירע שאָרכן און קלאַנגען, מיט אירע דופטן און אַראָמאַטן:

„די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין העל־בלויען, לויטערן הימל, ווען נעכאַמקע האָט זיך אויפגעכאַפּט...

די בונט־באַפאַרבטע לאָנקע איז באַשפּרענקלט געווען מיט לענגלעכע בלויליגלעך, מיט געלן שאַרפן קאַטראַן, מיט לופּטיקע אָדוואַנטשיקעס, מיט ראָזלינג־גלעקעלעך און מיט קאָלערליי אַנדערע פילקאָלירנדיקע פעלדקווייטן... נעכאַמקע האָט איצט, ווי צום ערשטן מאָל, דערזען דאָס אַלץ אין אַן אויסערגעוויינלעכער פילפאַרביקייט, אין אַן איבעראַשנדיקער פילבליענדיקייט, און זי איז פול געוואָרן מיט אַנציקונג פון דעם, וויאַזוי די נאַטור שאַפט עס, וויאַזוי זי וועבט עס אויס, וויאַזוי זי מאָלט עס קונציק אויס מיט די דינסטע, מיט די שענסטע און איידלסטע קאָלירן... יעדעס בלימל פאַרמאָגט זיך זײַנע פאַרבן, זײַן גערוך, און ווען מע נעמט עס אַף די ציין, האָט יעדעס בלימל, יעדער געוויקס אַ באַזונדערן טאַם... און גיי פאַרשטיי עס... גיי באַנעם עס... פונוואַנען נעמען זיך אָט די אַלע אויסטערלישע דינסטע פאַרבן? פון דער ערד?.. די ערד איז דאָך פאַר אַלע געוויקסן די זעלבע, און יעדער געוויקס האָט זיך זײַנס... מענטשן זײַנען אויך אַזוי, — טראַכט זי, — יעדער מענטש האָט זיך זײַנס... עפּעס אַזוינס, וואָס טיילט אים אויס פון אַלע אַנדערע...“[1]

די יונגע נעכאַמקע, אַליין אַ קינד פון דער נאַטור, פילט אַרום זיך די דערהויבענע שיינקייט פונעם לעבן, די אויפוואַכונג פון אַלע לעבנס־פּאָטענצן אַף דער ערד. זי פילט אָבער אָט די אַלע לעבנס־אימפּולסן ניט בלויז אין דער אַרומיקער נאַטור, נאָר אין איר אייגענער נאַטור, אין זיך זעלבסט. זי דערפילט אין זיך די מעכטיקע אויפוואַכונג פון אירע אייגענע פּאָטענצן און באַגערן, וואָס זײַנען שטאַרקער פון דער מילכאָמע, שטאַרקער פונעם טויט.

לוריעס קינסטלערישע מײַסטערשאַפט איז פולשטענדיק דורכגעדרונגען מיט לעבנספרייד, מיט גרענעצלאָזער ליבע צום לעבן, זײַן האָפערדיק־מונטערער קוק אַפן לעבן דריקט זיך אויס אין אַלע קאָמפּאָנענטן פונעם ווערק, אין אַלע זײַנע שעפערישע מיטלען אַלס אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון זײַן קונסט. לוריע לאָזט זיך קיינמאָל ניט אַראָפּ צו דידאַקטישער פּלוידעריי אָדער צו אויסערלעכן אויבערפלעכלעכן ריגאָריזם. און אויב דער אַווטאָר גופע, אָדער דער פּערסאָנאַזש, אָדער די פאָלקסמאַסן קומען אָן צו פּובליציסטישע רייד, צו פּאָליטישער לאָגיק, איז דאָס געוויינלעך אויסגעדריקט אין אַזעלכע קאָנטעקסטן, אין אַזעלכע צוזאַמענהאַנגען אָדער אין אַזאַ עמאָציאָנעלער אַטמאָספער, אַז אַפילו די פּובליציסטישע שפּראַך און די פּאָליטישע אַרגומענטאַציע, ניט פאַרלירנדיק דעם סאָציאַלן און לאָגישן טאָך און די לײַדנשאַפטלעכע פאַרשאַרפטקײַט, ווערן אײַנצײַטיק אַן אָרגאַנישער עלעמענט פון דער עמאָציאָנעלער סטיכיי אין דעם גאַנצן קינסטלעריש־סטיליסטישן געוועב פונעם ווערק. נאָטע לוריע רעדט שטענדיק אַף דער שפּראַך פון קונסט.

4

מיר וואַרפן אָפּ קאַטעגאָריש די אומגעלומפּערטע פראַגן, וואָס ווערן ניט זעלטן געשטעלט אין אויסלאַנד, צי איז די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור נאַציאָנאַל. ניט קיין נאַציאָנאַלע ליטעראַטור עקזיסטירט ביכלאַל ניט אין דער נאַטור. דאָס איז אַן אויסטראַכטעניש, אַ מעלאַמדישע כקירע פון נאַציאָנאַל־באַגרענעצטע פיליסטערס. אַ ליטעראַטור, וואָס האָט געשאַפן אַזעלכע ווערק, ווי דאָוויד בערגעלסאָנס „באַם דניעפּער“, „פּרינץ רעוווייני“, מאַרקישעס „וואָלין“, „די קופּע“, „ברידער“, „דאָר־אויס, דאָר־אײַן“, „צו אַ ייִדישער טענצערין“, „מילכאָמע“, „קאַווקאַז“, „טראָט פון דורות“, קושניראָווס „הירש לעקערט“, דעם ניסטערס „מישפּאָכע מאַשבער“, פּעפערס, כאַריקס, האַלקינס, שוואַרצמאַנס, האָפשטיינס און קוויטקאָס דיכטונג און נאָך פיל אַנדערע, דאַרף פון קיינעם קיין העכשער ניט באַקומען. די ייִדישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז ניט ווייניקער נאַציאָנאַל, ווי אין יעטווידן אַנדער לאַנד.

די שפּראַך, אַף וועלכער עס ווערט אורשפּרינגלעך געשאַפן אַ קינסטלעריש ווערק, באַשטימט די אָנגעהעריקײַט פונעם ווערק צו דער אָדער יענער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. אָבער די שפּראַך אַליין איז נאָך ניט אַלץ. אויב די שפּראַך פון אַ קינסטלעריש ווערק איז אויסגעהוילט פון פאָלקלאָר, פון נאַציאָנאַלער טראַדיציע און נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, איז דאָס ווערק ניט קינסטלעריש, ניט נאַציאָנאַל און דעריבער אויך ניט אינטערנאַציאָנאַליסטיש.

דעם ייִדישן לייענער און ניט נאָר אים, אויך דעם רוסישן, דעם אוקראַיִנישן, דעם ווײַסרוסישן, ווען ער נעמט אַן איבערגעזעצט בוך, אינטערעסירט די ייִדישע ליטעראַטור קודעמקאָל פונעם שטאַנדפּונקט, צי קאָן מען אין איר געפינען די געפילן און געדאַנקען פון דעם הײַנטיקן סאָוועטישן ייִדן. אויב אַ ווערק אַנטפּלעקט די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט, דעם כאַראַקטער, די פּסיכאָלאָגיע פון זײַן פאָלק, באַרײַכערט עס דאַן די פילנאַציאָנאַלע סאָוועטישע ליטעראַטור.

אויב מיר וועלן פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט באַטראַכטן נאָטע לוריעס שאַפונג, וועלן מיר זען, אַז זײַנע ווערק זײַנען טיף נאַציאָנאַל. אין ראָמאַן „דער סטעפּ רופט“ איז אָביעקטיוו ריכטיק געוויזן דער ייִדישער דאָרפישער קלאַל מיט זײַן פּסיכאָלאָגיע, אָבער אַלס סאָוועטישער שרײַבער האָט לוריע געוויזן, אַז דער נאַציאָנאַלער קוואַל ווערט צעשפּאָלטן פון סאָציאַלן קאַמף. דער שרײַבער דעקט אויף דעם קאָמפּליצירטן איבערפלעכט פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע שלאַכטן און פאַרוויקלטע קאָליזיעס אין פּעריאָד פון גרויסע ענדערונגען אין לעבן פונעם דאָרף ביכלאַל און פונעם ייִדישן דאָרף באַזונדער.

מע קאָן אָבער נאָך זאָגן, אַז אין לוריעס ווערק איז ניט פאַראַן קיין נאַציאָנאַלער שטייגער, קיין שילדערונג פון ייִדישע מינהאָגים אאַוו. און אויך דאָס איז ניט ריכטיק. איך וועל ברענגען בלויז איין בײַשפּיל, וואָס גיט אַן ענטפער אַף די טײַנעס פון אַזעלכע קריטיקער:

„און דער כוטאָר האָט זיך געגרייט צו דער מאָרגנדיקער סימכע, צו דאָדיעס און כאַנע־איטקעס גאָלדענער כאַסענע. די ווײַבער האָבן זיך געייסעקט אין די קיכן, געהייצט די אויוונס, געבאַקט, געבראָטן, געקאָכט, געפּרעגלט. יעדע באַלעבאָסטע האָט געקאָכט אירס אַ באַזונדער מײַכל, איר באַזונדער געריכט צו דער סימכע. און יעדע איינע האָט געוואָלט און זיך געסטאַרעט, אַז איר געריכט זאָל באַזונדערס אויסנעמען. העניע־ריווע קאַלמען זאַהאַטס האָט געמאַכט אַ געבלעטערטן קוגל אַף געלכלעך, איבערגעשאָטן מיט שאַרפן צימערינג און פאַרגאָסן

[1] נאָטע לוריע. הימל און ערד. ראָמאַן. „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“. מאָסקווע, 1965, ז. 56—57. מײַן אונטערשטרײַכונג. — ה. ר.

מיט גענדזן־שמאַלץ; זעלדע האָט געקאָכט א גאָלדענע יויך מיט מאַנדלען[1].

דאָס איז דער ייִדישער סאָוועטישער שטייגער, דער נײַער שטייגער פון נײַע ייִדן. ווער זײַנען אָט די נײַע ייִדן? וועגן דעם דערציילט אונדז אויך דער אווטאָר:

„צו פאַרנאַכט־צו האָט צו בורלאַקן זיך שוין געהאַט צונויפגעפאָרן קימאַט די גאַנצע מישפּאָכע — פיר זין, אַלע הויכע, ברייטפּלייציקע, שוואַרץ־אויגיקע, ווי דער טאַטע, מיט פאַרפאַליעטע פון דער זון ווײַבער און קינ־דערלעך, דרײַ טעכטער און איידעמס; אייניקלעך און אוריייניקלעך, פּלעמעניקעס, שוועסטערקינדער, פעטערס און מומעס... דער גרעסטער טייל פון זיי האָט געלעבט אין די דערבײַיִקע דערפער און כוטאָרס. דאָס זײַנען געווען באַרימטע מעלקערנס, שמידן, פּיציכטלער, קאָמבײַ־נערס, גאָרטנציכטלער, קאָניוכעס, ברינדזאַרעס, בינענ־ציכטלער און געוויינלעכע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטני־צעס — געזונטע האָרעפּאַשנע ייִדן און ווײַבער מיט גרויסע עטוואָס פאַרגראָבטע הענט און מיט פאַרווינטיקטע, שטאַרק פאַרברוינטע, גוטמוטיקע פּנימער... מע איז געקומען פון די נאָענטסטע קליינע סטאַנציעס, ווו אייניקע פון דער מישפּאָכע האָבן געאַרבעט אַף די עלעוואַטאָרס און אַף דער אײַזנבאַן־ליניע, און אויך פון ווײַטערע שטעטלעך און שטעט. פון זאַפּאָראָזשיע איז אַראָפּגעקומען די גרויסאַרטיק פאַרפּוצטע טאָכטער מאַריאַשע מיט דעם זייער געראָטענעם איידעם, דעם קאָנסטרוקטאָר פון קאָמ־בײַנען־זאַוואָד; פון הינטער מאַקייעווקע — דער ייִנגסטער זון אויזער, אַן אָרדענטרעגער, א טעכניקער אַף א שאַכטע; פון הולײַפּאָליע איז געקומען די מומע פּערל — די דעפּו־טאַטקע פון ראַיסאָוועט, מיט צוויי אייניקלעך — סטודענט־קעס פון פּיצוכט־טעכניקום; און אַזש פון הינטער דווינסק, פון דער סאַמע גרענעץ, איז געקומען צו פליִען אַף צוויי וואָכן אין אורלויב דאָס עלטסטע אייניקל, דער שטאַלטנער לייטענאַנט זאָרעך מיט דעם בלאָנדן זייער שיינעם ווײַבל קסעניע און דרײַיאָריקן מיידעלע“[1].

דוכט זיך, אַז אָט דאָס בילד און פיל אַנדערע ענלעכע בילדער לאָזן ניט איבער קיין שום צווייפל דערין, אַז נאָטע לוריע איז אַן עכט סאָוועטישער און אין דער זעלבער צײַט אַן עמעס ייִדישער נאַציאָנאַלער קינסטלער.

■

דערמיט פאַרענדיקן מיר די נאָטיצן וועגן נאָטע לוריע, אונדזער האַרציקן פרײַנט, אונדזער גרויסן רעאַליסט. און, ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן, אַז מע פײַערט א יאָמטעוו פון א שרײַבער און פון דער ליטעראַטור, דריקן מיר זײַן געבענטשטע האַנט, נעמען אים אַרום און ווינטשן פון פולן האַרצן געזונט, פיל גליק, לאַנגע יאָר לעבן און גרויסע שעפערישע דערפאָלגן לטובֿת אונדזער פאָלק און אונדזער ליטעראַטור.

---

[1] נאָטע לוריע. הימל און ערד. ראָמאַן. „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, מאָסקווע, 1965, ז. 26.

[2] דאָרט, ז. 26.

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

ליטעראַרישע שטרײַטן און אַרויסטרעטונגען אין דער רוסישער פּעריאָדיק

1. נאַציאָנאַל — צי איז דער באַגריף פאַרעלטערט?

אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָט אַף די שפּאַלטן פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ זיך פאַנאַנדער־געוויקלט א דיסקוסיע וועגן נאַציאָנאַלן אייגנאַרט פון דער קונסט. אָנגעהויבן האָט די דיסקוסיע דער לייענער יו. א. אַנדרונאַס. אין זײַן בריוו, וואָס איז געווען געדרוקט אין נומ. 34 פון דער צײַטונג, שטעלט ער די פראַגע, צי איז ריכטיק די פאָר־מולירונג, אַז די סאָוועטישע ליטעראַטור איז „סאָ־ציאַליסטיש לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם“. צי איז ניט פאַרעלטערט דער צווייטער טייל פון אָט דער פאָרמול? — פרעגט דער לייענער.

דער געדאַנקענגאַנג זײַנער איז אַזאַ: גלײַך פון די ערשטע טעג נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע אַנטוויקלט זיך בא אונדז אין לאַנד די אינטערנאַ־ציאָנאַלע קולטור. אויב פאַר א באַשטימטן פּעריאָד (פאַר דעם פּעריאָד פון אויפבויען דעם סאָציאַליזם) איז די דעפיניציע „נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם“ געווען ריכטיק, איז זי איצט, ווען דער אויפבוי פון סאָציאַליזם האָט זיך פאַרענדיקט, בלויז אַן איבע־ריקע און פּוסטע פראַזע, ווײַל די סאָוועטישע מענטשן, אומאָפּהענגיק פון זייער נאַציאָנאַליטעט, קעמפן אין לעבן (און דאָס הייסט, אויך אין דער ליטעראַטור) פאַר איינהייטלעכע און אַלציינע קאָ־מוניסטישע אידעאַלן. און ווײַל אונטער דעם וואָרט „פאָרם“ פאַרשטייען מיר דעם אויסוואַל און די שילדערונג פון לעבנס־בילדער און כאַראַקטערן, דעם סוזשעט און די קאָמפּאָזיציע פונעם ווערק, איז ניטאָ, לויט דער מיינונג פון יו. אַנדרונאַס, קיין שום אונטערשייד צווישן א רוסישן, אוקראַי־נישן, קאַזאַכישן, טאָטערישן שרײַבער. דעריבער שלאָגט ער פאָר אַזאַ פאָרמולירונג: „סאָציאַליס־טיש לויטן אינהאַלט און לויט דער פאָרם“.

אַף דעם דאָזיקן בריוו האָט אין דעם זעלבן צײַטונגס־נומער געענטפערט דער ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער, דאָקטאָר פון פילאָלאָגי־שע וויסנשאַפטן ג. לאָמידזע. דער געלערנטער האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פון יו. אַנדרונאַס. דער פעלער, וואָס ס׳דערלאָזט דער אווטאָר פונעם בריוו, ווײַזט אָן ג. לאָמידזע, באַשטייט דערין, וואָס ער באַטראַכט נאַציאָנאַלע פאָרם, אינגאַנצן גענומען, אַלס אַן אויסדרוק פון ניט־אַנטוויקלטקײַט און אָפּ־געזונדערטקײַט. אָבער נאַציאָנאַלע פאָרם אין א דעסטילירטן צושטאַנד איז אין דער נאַטור ניט

בענימצע. „און דעריבער, ווען מיר דעשיפרירן דעם דאָזיקן באגריף, — שרײַבט לאָמידזע, — איז ניט ריכטיק צו מיינען, אז די באזונדערקײַטן, וואָס זײַנען אייגנטימלעך דער אָדער יענער נאציִאָנאלער פאָרם, כאזערן זיך שוין מער אין ערגעץ ניט איבער". ווען עס וואָלט אזוי געווען, וואָלט ניט מעגלעך געווען די קעגנזײַטיקע ווירקונג פון קולטורן. א רוס, אשטייגער, וואָלט ניט געקאָנט האנאָע האָבן פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק, און א ייִד, — לאָמיר זאָגן, פון טשעכאָווס דערציילונגען.

דער באגריף נאציִאָנאלע פאָרם, דערקלערט ווײַטער ג. לאָמידזע, שליסט אײַן אין זיך א סאך: סײַ אייגנארטיקע קינסטלערישע שילדערונגס־מיטלען, סײַ עסטעטישע טראַדיציעס און, דעריקער, דעם נאציִאָנאלן לעבנס־באָדן, פון וועלכן די קולטור איז אויסגעוואקסן. דער נאציִאָנאלער אייגנארט פון א קולטור ווערט געשאפן אין מעשעך פון דוירעס. ווען עס ענדערן זיך די סאָציִאלע לעבנס־באדינגונגען, ענדערן זיך אויך, ווערן אויך באנײַט די ליטעראַרישע פאָרמען, דה. דער אויפן פון קינסטלעריש אָפשפּיגלען די ווירקלעכקײַט. „אין דער סאָציִאליסטישער געזעלשאפט באקומט דער באגריף „נאציִאָנאל" אן אנדער געדאנקלעכע אָנלאָדונג, ער קריגט א נײַע קוואליטעט, וואָס הארמאָנירט פולשטענדיק מיטן סאָציִאליסטישן אידעאל".

יאָ, ס'איז עמעס, אז אין דער סאָוועטישער ליטעראטור זײַנען פאראן ניט ווייניק ווערק אף איין און דער זעלבער טעמע. אָבער, לעמאָשל, דרײַ ראָמאנען וועגן קאָלעקטיוויזאציע וועלכע עס האָבן אָנגעשריבן צי ס'וועלן אָנשרײַבן אן אוזבעקישער, אן אוקראיִנישער און א גרוזינישער שרײַבער, וועלן ניט זײַן ענלעך איינער אפן אנדערן, ווײַל אין יעדן פון די ראָמאנען וועלן זײַן געמאָלט פארשיידענע מענטשן, מענטשן פון א באשטימטער סוויווע, מיט באשטימטע מינהאָגים. גופע די „ליטערארישע ווירקלעכקײַט" וועט אין זיי ניט צונויפאלן, און, דעריקער, יעדערער פון די דאָזיקע שרײַבער וועט זיך סוימעך זײַן אף ניט אלציינע נאציִאָנאלע עסטעטישע טראדיציעס.

דער אווטאָר פונעם בריוו האלט, אז אויב אין דער קונסט גילט דאָס געזעץ וועגן „איינהײַטלעכקײַט פון פאָרם און אינהאלט", ווערט די נאציִאָנאלע פאָרם אָפּגעפרעגט, ווען מיר האָבן צו טאָן מיט סאָציִאליסטישן אינהאלט. „אויב שוין יאָ ריידן וועגן פאָרם, איז זי הײַנט־צו־טאָג אינטערנאציִאָנאל לויט איר טאָך", — שרײַבט ער. עס באקומט זיך אזויארום, אז דאָס נאציִאָנאלע פאָרט זיך ניט מיטן סאָציִאליסטישן.

דאָס איז ניט ריכטיק, זאָגט ג. לאָמידזע: „עס פאָרט זיך ניט מיטן סאָציִאליסטישן דאָס, וואָס האָט אויסגעלעבט זײַנע יאָרן, דאָס, וואָס איז געווען שעדלעך אינעם נאציִאָנאלן, ווײַל גופע דאָס אינטערנאציִאָנאלע איז ניט קיין נעפלדיקע סובסטאנץ. דאָס אינטערנאציִאָנאלע איז דער אויסדרוק פון די בעסטע, רעוואָליוציִאָנערע אייגנשאפטן פונעם נאציִאָנאלן זײַן. „נאציִאָנאל לויט דער פאָרם" באַטײַט קלאל ניט, אז עס דארף אָנגעבונדן ווערן דער „נאציִאָנאלער" מאָמענט. עס באטײַט, אז דער שרײַבער איז פרײַ אין זײַן שאפונג זיך סוימעך צו זײַן אף די פרוכטבארע נאציִאָנאלע טראדיציעס, אף דער ווירקנדיקער קינסטלערישער דערפארונג פון דער פארגאנגענהײַט און פון דער צוקונפט", — פארענדיקט ג. לאָמידזע.

אלזאָ, נאציִאָנאלע פאָרם — צי איז עס א פארעלטערטער באגריף?

די דאָזיקע פראגע און דער ענטפער אף איר האָבן געבראכט צו א נײַער ברייטער באהאנדלונג פון דער פראָבלעם וועגן די קעגנזײַטיקע ווירקונגען פון דעם נאציִאָנאלן און אינטערנאציִאָנאלן אין דער הײַנטיקער קולטור פון די סאָוועטישע פעלקער. אין גאנג פון דער דיסקוסיע זײַנען אויסגעדריקט געוואָרן פארשיידענע שטאנדפונקטן, וואָס האָבן אנטפלעקט צוויי מיינונגען וועגן דער דאָזיקער פראָבלעם.

די ערשטע איז דײַטלעך אויסגעדריקט אין די ארטיקלען פון אי. גרעקול און יו. קאראסיאָוו („ליט. גאזעטא" נומ. 71 און 98). באטאָנענדיק מיט רעכט, אז „וואָס מער די סאָוועטישע פעלקער דערנעענטערן זיך צום קאָמוניזם, אלץ א גרעסער אָרט פארנעמען אין זייער קולטור די אלגעמיינע אינטערנאציִאָנאלע עלעמענטן", האלט דאָך אי. גרעקול, אז אזא „איינהײַט פון די אידייִש־קינסטלערישע פרינציפן אין דער ליטעראטור און קונסט" שטויסט פאָשעט און פראָסט ארויס דאָס נאציִאָנאלע סײַ פון דער ספערע פון אינהאלט, סײַ אויך פון פאָרם. דער קריטיקער באטראכט דאָס נאציִאָנאלע בלויז אלס א פראט אין דער איינהײַטלעכער אינטערנאציִאָנאלער פאָרם פון דער קונסט. בא די זעלבע פאָזיציעס האלט זיך אין אלגעמיין אויך יו. קאראסיאָוו.

„עס איז ניט שײַעך צו שטרײַטן, — ווערט געזאָגט אינעם שלוס־ארטיקל פון דער „ליטעראטורנאיא גאזעטא", — אז די לעבנס־שאפנדיקע פראָצעסן פון קעגנזײַטיקער ווירקונג, פון קעגנזײַטיקע האשפּאָעס און קעגנזײַטיקער באַרײַכערונג פון די ברידערלעכע ליטעראטורן, וועלכע אנטוויקלען זיך אזוי אינטענסיוו אין אונדזער צײַט, שפיגלען אָפּ דעם רעאלן גאנג פון די סאָוועטישע נאציעס און פון זייער קולטור צו אלץ וואקסנדיקער איינהײַט און דערנעענטערונג. אָבער דאָס זײַנען נאטירלעכע פראָצעסן. זיי דולדן ניט קיין וואָליונטאריסטישע אָנשטרענגונגען, אפריִאָרישע לייזונגען, מע קאָן זיי קינסטלעך ניט פארשנעלערן און ניט פארלאנגזאמען".

די רעדאקציע פון דער צײַטונג האלט פאר אמערסטן ריכטיק דעם שטאנדפונקט פונעם קריטיקער ו. פיסקונאָוו. די קעגנשטעלונג פונעם „נאציִאָנאלן" און „אינטערנאציִאָנאלן" איז, לויט זײַן מיינונג, ניט מער ווי א „מאָגערע מעטאפיזישע סכעמע". „דאָס נאציִאָנאלע אין דער קונסט, — שרײַבט ער, — איז ניט בלויז און ניט אף אזויפיל די צאָל ווערטלעך און שפריכווערטער, וויפל די פײַיקײַט צו זען און דערקענען אף אן אייגענעם אויפן די וועלט, דאָס איז דער קינסטלערישער זעלבסטבאוווסטזײַן פונעם פאָלק. זײַן קוואל איז — אין דער היסטאָרישער און עסטעטישער דערפארונג פון די נאציעס („ליט. גאזעטא" נומ. 119). און ווײַטער: „אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט האָט קארל קאוטסקי ארויסגעזאָגט א האשאָרע וועגן דער אסימילירונג פון אלע נאציעס דורך איין נאציע, פון אלע שפראכן דורך איין שפראך. די קימאט פופציקיאָריקע דערפארונג פון קולטור־בויונג בא אונדז אין לאנד באשטעטיקט ניט דעם דאָזיקן פראָגנאָז. ווי עס באווײַזט די געשיכטע פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, פארלירט זי ניט איר נאציִאָנאלן אייגנארט, נאָר פארפעסטיקט און אנטוויקלט אים אף א קוואליטאטיוו נײַעם אינטערנאציִאָנאלן יעסאָד. דאָס נאציִאָנאלע ווערט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע א פאָרהאנאָכע פאר דער העכערער אינטערנאציִאָנאלער איינהײַט פון דער מענטשהײַט".

2. וועגן די קאַנאָנען פונעם פּאָעמע־זשאַנער

ריידנדיק וועגן די ליטעראַרישע שטרײַטן אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר, קאָן מען ניט פאַרבײַגיין די דיסקוסיע וועגן דעם פּאָעמע־זשאַנער. די דאָזיקע דיסקוסיע, אויך אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", האָט געדויערט פון יול ביז סעפּטיאַבער. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט פּערצן אָנגעזעענע דיכטער און קריטיקער.

די אַוטאָרן פון די ערשטע אַרטיקלען (א. אַדאַליס און אי. סעלווינסקי) האָבן זיך געשטעלט א ציל קלאָר מאַכן, וואָס קומט פאָר מיט דער מאָדערנער פּאָעמע, צי לעבט איבער דער דאָזיקער זשאַנער א קריזיס אָדער א בלי־פּעריאָד.

אָבער אַף דער פראַגע, אין וואָס פאַר א צושטאַנד געפינט זיך דער אָדער יענער זשאַנער, וואָס פאַרא פּערספּעקטיוון האָט ער, ווי די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" האָט געשריבן, אונטערצינ̇ענדיק די סאַכאַקלען פון דער דיסקוסיע, קאָן מען ניט ענטפערן, האַלטנדיק זיך בלויז אין די גרענעצן פון א „ריין ליטעראַרישן צוגאַנג" צום איניען. מע קאָן ניט ריידן וועגן דער פאָרם פונעם ווערק, ניט נעמענדיק אין אַכט זײַן אינהאַלט, פאַרגעסנדיק, אַז די פאָרם איז א מיטל פון „אָרגאַניזירן" דעם אינהאַלט.

טאַקע פון אַזעלכע פּאָזיציעס איז די פּראָבלעם באַהאַנדלט געוואָרן. די דיסקוסיע האָט זיך ניט אָפּגעשלאָסן אין ענגע פּראָפעסיאָנעלע ראַמען, זי איז ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שטרײַט וועגן ליטעראַרישע טערמינען. די אָנטיילנעמער האָט קוידעמקאָל אינטערעסירט דאָס איקערדיקע — ווי שפּיגלט אָפּ אונדזער פּאָעזיע דאָס לעבן, ווי ווערט געשטאַלטיקט אין דער פּאָעמע דער גוירל פון מענטש, דער פאָלקס־גוירל.

אינטערעסאַנטע געדאַנקען וועגן דער פּאָעמע האָבן אַרויסגעזאָגט אַלע אָנטיילנעמער פון דער דיסקוסיע. אייניקע אַוטאָרן, אַרויסגייענדיק פון זייער אייגענעם געשמאַק, האָבן פאַרגעלייגט אָנצונעמען, אַז די סאַמע פּערספּעקטיוופולע איז די עפּישע שטרענג־סוזשעטישע פּאָעמע (סעלווינסקי). אַנדערע האָבן, פאַרקערט, באַהויפּט, אַז די לירישע פּאָעמע האָט פאַרצויגן לעגאַבע דער עפּישער. זיי האַלטן, אַז גופע אין דער אַנטוויקלונג פונעם זשאַנער איז פאַראַן א געוויסע טענדענץ צו „ליריזאַציע" (ב. רונין). די מערהײַט אַוטאָרן האָט אָבער דערווידערט קעגן איינזײַטיקע מיינונגען. נ. קאָרזשאַווין, לעמאַשל, האַלט, אַז אין יעדער פּאָעמע זײַנען פאַראַן סײַ לירישע, סײַ עפּישע, סײַ דראַמאַטישע עלעמענטן.

אָפּעררינדיק מיט בײַשפּילן פון דער קלאַסישער און סאָוועטישער ליטעראַטור, האָבן די אָנטיילנעמער פון דער דיסקוסיע באַוויזן, אַז די פּאָעמע האָט אין איר אַנטוויקלונג בײַגעקומען, צעשטערט די סכאָלאַסטישע „קאַנאָנען" פונעם זשאַנער. בא דער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקײַט פון די מיינונגען זײַנען אַלע מאַסקים, אַז די פּאָעמע דאַרף גרינטלעך און טיף אָפּשפּיגלען דאָס לעבן.

3. טוואַרדאָווסקי וועגן בונינען

פון ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען אין פאָריקן יאָר ווילט זיך אָפּמערקן אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקיס אַרטיקל „וועגן בונינען" („נאָווי מיר" נומ. 7). דאָס איז אַן אויסגעצייכנט ווערק פון א מענטשן, וועלכער איז גרענעצלאָז פאַרליבט אינעם טאַלאַנט פונעם מערקווירדיקן רוסישן שרײַבער. טוואַרדאָווסקי דערציילט וועגן בונינען דעם מענטשן און דעם קינסטלער, גאָרנישט ניט צופּוצנדיק, ניט פאַרשטעלנדיק גלאַטער דעם וועג, וואָס בונין האָט דורכגעמאַכט.

טוואַרדאָווסקי דערציילט וועגן דער אומפאַרמײַדלעכער טראַגעדיע פונעם שרײַבער, וואָס איז פאַרבליבן אין דער עמיגראַציע, א טראַגעדיע, וואָס איז געווען מער א סאָציאַלע, איידער א גײַסטיקע. טוואַרדאָווסקיס אָבסערוואַציעס זײַנען טיף, פּינקטלעך, די אָפּשאַצונגען — נאַטירלעך, אָן קינסטלעכע און אַבסטראַקטע האַשאָרעס. גלענצנדיק שרײַבט טוואַרדאָווסקי וועגן דער מוזיק פון בונינס פּראָזע, וועגן זײַן אייגנאַרטיקער שפּראַך.

דער אַוטאָר רעדט אויך וועגן דעם, וואָס עס דאַרפן אָפּלערנען פון בונינען די הײַנטיקע שרײַבער. בונינס שאַפונג לערנט די הײַנטיקע שרײַבער, באַזונדערס די יונגע, „שטענדיק פילן די גרויסע ווערט פון דער מוטערשפּראַך, קענען אָפּקלײַבן די נייטיקע ווערטער, וואָס לאָזן זיך ניט פאַרבײַטן... האָבן אָפּשײַ פאַר דער זאַך, וואָס פאָדערט קעסיידערדיקע קאָנצענטרירטקײַט, און אָפּשײַ פאַר די, פאַר וועמען דו טוסט די דאָזיקע זאַך, — פאַר די לייענער".

ווען דו לייענסט טוואַרדאָווסקיס אַרטיקל וועגן בונינען, האָסטו דאָס געפיל, ווי דו לייענסט א קינסטלעריש ווערק. און צוזאַמען דערמיט איז דאָס א היסטאָריש פּינקטלעכער קריטיש־פילאָסאָפישער עטיוד, וואָס באַלײַכט און באַזיניקט די טעטיקײַט פון אַזא גרויסן, שטרענגן צו זיך קינסטלער, ווי עס איז געווען איוואַן בונין.

י. ווײַנבערג

50-טער יאָרצײַט פון שאָלעם-אליכעם

אין פארלויף פונעם יאָר 1965 זײַנען אין „סאָוועטיש היימלאנד“ פארעפנטלעכט געוואָרן א ריי מאטעריאלן, געווידמעט פארשיידענע פראָבלעמען פון י.־ל. פערעצעס שאפן אין צוזאמענהאנג מיטן 50־טן יאָרצײַט פונעם גרויסן קלאסיקער.

אין דעקאבער 1965 איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען א ספעציעלע וויסנשאפטלעכע פערעץ־סעסיע.

מיר האלטן, אז סײַ די מאטעריאלן, וואָס זײַנען געדרוקט אין זשורנאל, סײַ די, וואָס זײַנען פאָרגעלייענט געוואָרן אף דער סעסיע, שטעלן מיט זיך פאָר א צושטײַער אין דער פערעץ־פאָרשונג.

די רעדאקציע האָט באשלאָסן אויפן זעלבן אופן אָפמערקן דעם 50־טן יאָרצײַט פון אונדזער פאָלקס־שרײַבער שאָלעם־אליכעם, וואָס פאלט אויס אין 1966 (דעם 14 מײַ).

מיר הייבן אָן דאָס שאָלעם־אליכעם־יאָר אין „סאָוועטיש היימלאנד“ מיט דער ארבעט פון כאַיִם רײַזע (לענינגראד) „שאָלעם־אליכעמס אפאָריסטיק“ און מיט דער פובליקאציע פון א בינטל ניט־פארעפנטלעכטע שאָלעם־אליכעמס בריוו.

אין פאָרטפעל פון דער רעדאקציע איז פאראן א גרויסע צאָל ארטיקלען און פאָרשונגען, ווי אויך ניט־פובליקירטע מאטעריאלן וועגן שאָלעם־אליכעמען, וועלכע וועלן געדרוקט ווערן אין מעשעך פונעם יאָר 1966.

כאַיִם רײַזע

שאָלעם־אליכעמס אפאָריסטיק

מיר קענען שאָלעם־אליכעמען דעם ראָמאניסט, דעם מײַסטער פון דער קורצער דערציילונג, דעם קאָנסעקווענטן קעמפער פאר רעאליזם און פאר קינסטלערישן עמעס אין ליטעראטור; מיר קענען אים אלס פרוכטבארן דראמאטורג און ווי א גענִיאלן הומאָריסט. נאָר ווייניק, זייער ווייניק קענען מיר שאָלעם־אליכעמען דעם מײַסטער פון אפאָריזם.

שאָלעם־אליכעם האָט געוווּסט דעם סאָד פון אָריגינעלער טיפקײַט, און ער איז געוואָרן דער גרויסער מײַסטער פונעם גלײַכווערטל. און טאקע דערפאר זײַנען זײַנע גלײַכווערטלעך ארײַן אין דעם גאָלדענעם פאָנד פון דער אפאָריסטיק, טאקע דערפאר זײַנען אונדז אזוי טײַער, אזוי באליבט זײַנע קלוגע, פריילעך־טרויעריקע, אָפטמאָל פאראדאָקסאלע אפאָריזמען.

שאָלעם־אליכעמס גלײַכווערטלעך פרעטענדירן ניט צו זאָגן אונדז מוסער, ווי, לעמאָשל, די אפאָריסטיק פון לעוו טאָלסטאָי. די אפאָריסטיק פון אונדזער קלאסיקער איז זייער זעלטן דידאקטיש. זי איז פראָסט, ווי דאָס לעבן אליין. נאָר אין איר פראָסטקײַט געפינט איר אַן אומבאזיגבארע לעבנס־קראפט, אַן אומשטערבלעכן לעבנס־עמעס.

שאָלעם־אליכעם, דער גרויסער פרײַנט פון עמעס, דער פריילעכער זינגער פונעם טרויעריקן עמעס, קאָן זיך ניט באגיין אָן א גלײַכווערטל. זײַנער אַן אפאָריזם איז ניט קיין מעליצע, ניט קיין קלינגענדיקע פראזע, נאָר א מין יִישעוו־האדאס, וועלכער איז אָרגאניש אײַנגעוועבט אינעם ווערק, פירט אונטער א מין סאכאקל צו געווויסע אידייען און געדאנקען. שאָלעם־אליכעמס אפאָריזם וויל אי טרייסטן, אי אנטפלעקן סאָציִאלן פראָטעסט.

אין זײַן ארטיקל וועגן שאצקעסן בארירט שאָלעם־אליי־כעם די טעמע פון גלײַכווערטלעך און שפּריכווערטלעך: „א לאנגע דראָשע פונעם שענסטן באל־דארשן ווערט אונדז נימעס צו הערן, נאָר קיינמאָל דערעסן ניט די קלוגע שפריכווערטלעך, וועלכע גיבן א געטרײַע אייצע, וועלכע קומען אונדז צוניץ און וועלכע צווינגען אײַך ערנסט צו פארטראכטן זיך“.

שאָלעם־אליכעם האָט טאקע ליב געהאט די ווערטער, וועלכע צווינגען צו פארטראכטן זיך. ער האָט זייער גוט פארשטאנען, וואָס פאר א ווירקונגס־קראפט עס האָט א גלײַכווערטל. און ער האָט טאקע באשטימט ארויסגעבן א זאמלונג אפאָריזמען. ווי באווּוסט, האָט ער אין 1888, ווען ער האָט אָנגעהויבן ארויסגעבן די „יִידישע פאָלקס־ביבליִאָטעק“, געשריבן יאקאָוו דינעזאָנען:

„ווײַסנבערג האָט מיר געזאָגט, אז איר קענט מיך מעהאנע זײַן מיט גלײַכווערטלעך פון כאכאָמים, עפיגראמען, שפריכווערטער“[1].

---

[1] א בריוו פון 1 אפרעל 1888.

אין א הומאָריסטישן טאָן, נאָר גאנץ ערנסט שרײַבט שאָלעם־אליכעם:

„אפאָריזמען, גוואלד, ראטעוועט. לעמאַן־האשעם — שיקט צו אפאָריזמען, ווײַל פריִער גאָט און דערנאָך איר אליין קענט מיך ראטעווען!..“

אין יעדן קנייטש פון יעדן אפאָריזם דערקענען מיר די קלוגע פּען פון שאָלעם־אליכעמען — דעם גרויסן פּאָרשער פונעם מענטשלעכן הארץ, דעם גרויסן טרייסטער פון מענטשלעכן טרויער. שאָלעם־אליכעמס שפּראַך איז פאָלקסטימלעך און אייגנארטיק; זי איז ווי אָנגעמאָסטן פאר א שארף ווערטל, פאר א שמייכלענדיקן, טרייסטנדיקן אפאָריזם.

שאָלעם־אליכעמס אפאָריסטיק וועלן מיר פּרוּוון באַטראכטן פון דרײַ זײַטן: ד י ט ע מ א ט י ק, ד ע ר א י נ ה א ל ט א ו ן ד י פ אָ ר ם.

ד י ט ע מ א ט י ק

קימאט אלע זײַטן פון מענטשלעכן לעבן שפּיגלען זיך אָפּ אין דער טעמאטיק פון שאָלעם־אליכעמס אפאָריזמען: סאָציִאַלע מאָטיוון, מענטשלעכע מײַלעס, כעסרוינעס, שיקזאַל, זיסן, פרייד און טרויער, מענטש און נאטור, מענטש און מענטש, מענטש און גאָט...

די טעמע מ ע נ ט ש איז אָפּגעשפּיגלט אין א סאך אפאָריזמען.

„א מענטש איז דאָס, וואָס ער וויל זײַן“. אָט דעם גלענצנדיקן אפאָריזם וואָלט מען געקאָנט אוועקשטעלן ווי אן עפּיגראַף צו דער גאנצער שאפונג פונעם גרויסן קלאַסיקער.

„א מענטש איז שוואכער פון א פליג און שטארקער פון אײַזן“ — אזוי שרײַט אויס דאָס אָנגעווייטיקטע הארץ פון טעוויע דעם מילכיקן („האָדל“).

„א מענטש, וואָס האָט עפּעס, וועט ער עס אויסגעבן“, — זאָגט „דער גליקלעכסטער פון קאָדני“.

„דאָס בעסטע פערד באדארף האָבן א בײַטש, דער קליגסטער מענטש — אן אייצע“, — אזוי דערקלערט טעוויע — דער פאָלקס־מענטש, אין וועמעס מויל שאָלעם־אליכעם האָט ארײַנגעלייגט אזויפיל קלוגע ניכטערקײַט און פאָלקס־כאָכמע.

אן אָנגעזעען אָרט אין שאָלעם־אליכעמס אפאָריסטישער שאפונג פארנעמט די טעמע לעבן און טויט.

„דאָס לעבן איז א כיידער, וואָס מע דארף אים דורכגיין“ („יויסעף“).

„יעדער מינוט, וואָס מיר לעבן, איז א געשענקטע און מע דארף זי וואָס גיכער אויסנוצן“ (א בריוו צו מענדעלען).

„פון דענקען וועגן טויט ביז גרייטן זיך צו אים איז נאָך גאנץ ווײַט“ (א בריוו צו ד״ר פערפער).

די טעמע גליק און אומגליק, מאזל און צאָרעס בארירט שאָלעם־אליכעם ניט נאָר אין זײַנע קינסטלערישע ווערק, נאָר אויך אין זײַן עפּיסטאָלארישער שאפונג:

„צו אלעס דארף מען האָבן מאזל, אפילע צום טויט“ (א בריוו צו לאָיעוון).

מענאכעם־מענדל זאָגט: „אז מע זעט זיך אָן יענעמס צאָרעס, ווערט א ביסל גרינגער אף דער נעשאָמע“.

מענטשלעכע זיטן האָבן, פארשטייט זיך, געפונען אן אייגנארטיקע אָפּשפּיגלונג אין שאָלעם־אליכעמס אפאָריסטישער שאפונג. דאָס איז גאָר א ברייטע טעמע, אין וועלכער עס ווערט אײַנגעשלאָסן א גאנצע ריי טעמעס און אונטערטעמעס. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן בלויז אף אייניקע פון זיי.

„וואָס ווינציקער געזאָגט, איז אלץ מער געמיינט“ (צו דער רעדאקציע פון „נײַע וועלט“).

אין אן אנדער אָרט ווערט דער זעלבער געדאנק אויסגעדריקט נאָך קירצער. „געשוויגן איז גערעדט“ („מע טאָר ניט זײַן קיין גוטער“) אָדער טאקע דאָרטן: „קיין טשוווע איז אויך א טשוווע“.

זייער פיל אפאָריזמען זײַנען געווידמעט דער טעמע קלוגשאפט און נארישקײַט:

„גיכער וועט זיך א שיקער אויסניכטערן, איידער א נאר וועט קליגער ווערן“ („מיליאָנען“).

„אז מע איז עפּשער רײַך, איז מען געוויס קלוג“ („טעוויע דער מילכיקער“).

„וועלן זײַן קליגער פון אלע — איז די גרעסטע נארישקײַט“.

אָריגינעל און נײַ איז דער אפאָריזם וועגן קארגשאפט:

„א קארגער מענטש און א פעטע קו ברענגען נוצן ערשט נאָכן טויט“.

עגאָיִזם — דאָס איז א טעמע, צו וועלכער שאָלעם־אליכעם קאָן זיך ניט באציִען גלײַכגילטיק. ער איראָניזירט:

„האָב אין זינען זיך, וועסטו פארגעסן אין יענעם...“

שטייגער פארנעמט, פארשטייט זיך, גאָר א גרויס אָרט אין שאָלעם־אליכעמס אפאָריזמען. פיל געביטן, פארשיידענע זײַטן פון מענטשלעכן לעבנס־שטייגער באקומען זייער אָפּשפּיגלונג אין א ריי אָפּגעטאָקטע, קלוגע גלײַכווערטלעך, ווי, לעמאָשל:

„אן איבעריקער ביסן קען פארשאטן“ („דאָס גרויסע געווינס“).

„א טאטע שמײַסט אָפּ און נאָכדעם האָט ער ראכמאָנעס“ (א בריוו צו ביאליקן).

„אז מע עסט ניט קיין קנאָבל, הערט זיך ניט נאָך“ („דער ניסרעף“).

בא שאָלעם־אליכעמען דעם הומאָריסט איז צו געפינען ניט ווייניק אפאָריזמען אף דער געלעכטער־טעמע. מיר באגרענעצן זיך בלויז מיט צוויי זייער כאראקטעריסטישע אפאָריזמען: דעם באוווּסטן און פּאָפּולערן „לאכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאכן“ („דער פארקישעפטער שנײַדער“) און דעם קימאט ניט באוווּסטן אפאָריזם: „לאכן איז טאקע געזונט, נאָר אז אָך און ווי, אז דער דאָקטער הייסט שוין לאכן“.

שאָלעם־אליכעם האָט ניט געקאָנט ניט בארירן די טעמע וועגן ביכער. מיר ברענגען דאָ צוויי אפאָריזמען, איינעם אן ערנסטן און דעם צווייטן אן איראָנישן:

„אונדזער געווער איז פון טאָמיד אָן און וועט זײַן: דער בוך“ („דער בלוטיקער שפּאס“).

„ביכער — דאָס איז א זאך, וואָס מע לײַט עס, נאָר מע קויפט דאָס ניט“.

גלײַכווערטלעך וועגן וואָרט:

„פאראן ווערטער, וואָס זײַנען ערגער טויזנט מאָל פון פעטש“ („די גרויסע בעהאָלע פון די קליינע מענטשעלעך“).

„בעסער צוויי מאָל פרעגן, איידער איין מאָל בלאָנדזשען“ („דאָס גרויסע געווינס“).

אין א ריי בריוו, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן שרײַבער־מײַסטערשאפט, געפינען מיר סײַ ערנסטע, סײַ

איראָנישע באַמערקונגען, צווישן וועלכע עס בלישטשען און שעמערירן אויסגעשפּראָכענע אפאָריזמען:

„בעסער ווינציק און גוט, איידער א סאַך און וואַסער־דיק" (א בריוו צו ספּעקטאָרן).

„מע דאַרף שיין שרייַבן, שיין דענקען, שיין שאַפן" (א בריוו צו מ. אַסטראָווסקין).

„זאַלץ — א סאַך אין די קלייטן און ווינציק אין די פּעליעטאָנען".

מיר קאָנען בא שאָלעם־אַלייכעמען געפינען גלייַכווערט־לעך אף אזעלכע טעמעס, ווי ליבע:

„א האַרץ פילט א האַרץ" („יוסעף").

„פון דעם, וואָס מע האָט ליב, איז א פּאַטש אויך א מאַטאָנע" („פון יאַריד").

אף דער טעמע פריינט און פיינט:

„בעסער א פּאַטש פון א פריינט, איידער א קוש פון א פיינט" („מיליאָנען").

א מענגע אפאָריזמען זייַנען געשאַפן געוואָרן אף דער טעמע אָרעם און רייַך:

„וואָס מער קאַפּצן, מער לעבעדיק, וואָס מער הונגעריק, מער געזונגען" („דער פאַרקישעפטער שנייַדער").

„אָרעם איז ניט רייַך, קרום איז ניט גלייַך" („דאָס גרויסע געווינס").

„א מאַשקן צו פאַרזעצן און א גוויר זאָל מען זייַן" (דאָרטן).

די טעמע אָרעם — רייַך וואַריִירט זיך אין שאָלעם־אַלייכעמס גרויסער טעמע — דער סאָציִאַלער: גוויר, קאַפּצן, געלט, קאַפּיטאַליסטישע מאָראַל, מילכאָמע, שאָלעם, צאַריזם, פּאָגראָמען, קלאַסן — דאָס אַלץ איז א שעמערירנדיקער טעפּיך, אף וועלכן די געניטע און קלוגע האַנט פון אונדזער קלאַסיקער האָט אויסגעניייט אָן א שיר קוויטן פון אפאָריסטיק.

דער קלוגער פאָלקס־מענטש, דער פאַשעטער און טיפער העלד שאָלעם־אַלייכעמס — טעוויע, אין די ווערטער פון וועלכן עס הילט זיך אָפּטמאָל דער געדאַנקענגאַנג פון שאָלעם־אַלייכעמען גופע, זאָגט:

„אז עס קומען די מייעס, קומען די דייעס".

געלט! וויפל אפאָריזמען זייַנען געווידמעט אָט דער אָנגעווייטיקטער טעמע!

די ניכטערע און קלוגע שיינע־שיינדל איראָניזירט:

„פאַר געלט קריגט איר אַלץ, אכוץ קאַדאָכעס".

אינעם באַוווּסטן שאָלעם־אַלייכעמס „אַלעפבייס" (צו אים וועלן מיר זיך נאָך שפּעטער אומקערן) לייענען מיר:

„געלט — א זאַך, וואָס אַלע ווילן עס און קיינער האָט עס ניט"...

די קאַפּיטאַליסטישע און קלייַנבירגערלעכע מאָראַל געפינט איר אָפּשפּיגלונג אין א שעפע אפאָריזמען, איינער בייַסנדיקער און שטעכיקער פונעם צווייטן:

„א גוטער־ברודער איז נאָר ביז דער קעשענע" („מיליאָנען").

„ווו א סאָד, דאָרט איז א גנייווע" („האָדל").

„פּאַרנאָסע ברענגט צו קינע, קינע ברענגט צו סינע" („ווען איך בין רויטשילד").

און דער אויסגעצייכנטער לויט דער אויסדריקלעכקייַט און לאַקאָנישקייַט אפאָריזם:

„ערלעך איז שווערלעך" („די פריילעכע קאָמפּאַניע").

אין שאָלעם־אַלייכעמס אפאָריסטיק האָבן זיך די סאָציִאַלע מאָטיוון געלאָזט הערן פונקט אזוי, ווי אין זייַן שאַפונג אינגאַנצן גענומען. מע מוז אָבער אונטערשטרייַכן, אז ביז 1905 זייַנען די געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון בא שאָלעם־אַלייכעמען דורכגעדרונגען געווען מערסטנטייל מיט שטילן פּראָטעסט. אָנהייבנדיק פון 1903 — נאָך די בלוטיקע געשעענישן אין קעשענעוו און נאָך מער — פון 1905 — דאָס יאָר פון דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציע — איז דער סאָציִאַלער פּראָטעסט בא שאָלעם־אַלייכעמען געוואָרן אקטיוו און אָפן.

דאָס יאָר 1905 שטעלט מיט זיך פאָר א מין גרענעץ, א מין קער־פונקט אין דער אנטוויקלונג פון שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג ביכלאַל און זייַן אפאָריסטיק בים־ראַט.

אַנדערש האָט אָנגעהויבן קלינגען זייַן בירגערלעכער פּראָטעסט, דער פּראָטעסט קעגן נאַציִאָנאַלער און סאָציִאַלער אונטערדריקונג. עפּעס האָט זיך נאָך 1905 אַנדערש געלאָזט הערן שאָלעם־אַלייכעמס קאָל, דאָס קאָל פון האַס און צאָרן, פאַרביטערונג און סינע...

א כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציע דערצו איז „טעוויע דער מילכיקער".

אין „גרויסן געווינס" זאָגט טעוויע, ווענדנדיק זיך צו גאָט:

„ווי קומט עס, דו זאָלסט אוועקגעבן איינעם גאָר און דעם אַנדערן גאָרניט? איינעם פּוטער־בולקעס, דעם אַנדערן מאַקעס־בכוירעס. און צוריק אָבער באַטראַכט איך מיך... מיסטאַמע, אז ער הייסט אזוי, באַדאַרף זייַן אזוי; א סימען האָט איר, אז ווען עס זאָל באַדאַרפן זייַן אַנדערש, וואָלט דאָך געווען אַנדערש..."

אזוי טייַנעט שאָלעם־אַלייכעמס טעוויע אין 1895. מיר הערן פּראָטעסט, נאָר דער פּראָטעסט איז שוואַך, אומבאַהאָלפן, ניט אנטשיידן, מיט בוילעטע עלעמענטן פון האַכנאָע צו גאָט. אין די רעוואָליוציאָנערע יאָרן הערן מיר פון דעם זעלבן טעוויען גאָר אַנדערע ווערטער. מיר געפינען בא „האָדלען" דעם וווּנדערבאַר־שיינעם און וווּנדערבאַר־טיפן אפאָריזם:

„אז גאָט זאָל ליב האָבן א קאַפּצן, וואָלט א קאַפּצן קיין קאַפּצן ניט געווען".

אין דעם אפאָריזם איז קימאַט קיין שפּור ניט געבליבן פון שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר. דאָ איז פאַראַן סאַרקאַזם, א פאַרביטערטער סאַרקאַסטישער פּראָטעסט ניט נאָר קעגן אָרעמקייַט, נאָר אויך קעגן גאָט, וועלכער האָט פיינט דעם קאַפּצן און האָט ליב דעם גוויר.

די טעמע געלט. אין 1900 אין „פאַרקישעפטן שנייַדער" און אינעם 1902 אינעם מאָנאָלאָג „ווען איך בין רויטשילד" כאָזערט שאָלעם־אַלייכעם איבער זייַן אפאָריזם: „געלט איז ניט מער ווי א יעיִצערהאָרע". פונעם גלייַכווערטל שמייכלט צו אונדז א באַקאַנטער, עטוואָס טרויעריקער, עטוואָס איראָנישער שאָלעם־אַלייכעם. און א ביסל שפּעטער שרייַט טעוויע דער מילכיקער אויס מיט שמאַרץ און ווייטאָג:

„געלט איז א שכיטע פאַר דער וועלט!" („האָדל").

אין דעם דאָזיקן גלייַכווערטל איז קיין שפּור ניט געבליבן פון שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר, פון זייַן ליבלעכן שמייכל. דער אפאָריזם איז אָנגעזאַפּט מיט צאָרן און פאַרביטערונג.

די נייַע סאָציִאַלע מאָטיוון אין שאָלעם־אַלייכעמס שאַפונג אָנהייבנדיק פון 1905 באַקומען א בוילעטע פאָרם פון קאָמפּעריִשן פּראָטעסט. דער פּראָטעסט דריקט זיך אויס אין סאַטירישע פאָרמעס.

אין 1905 איז געווען פאַרשפּרייט אין די אונטערערדישע רעוואָליוציאָנערע קרייַזן שאָלעם־אַלייכעמס סאַטירישע ליד „שלאָף, אַלעקסע".

ניט צופעליק שרײַבט ער אין 1905 א ריי דערציילונגען וועגן דער רוסישער רעוואָליוציע („האָדל", „יויסעף", „שמוליק") און הייבט אָן ארבעטן איבערן ראָמאן „דער מאבל".

נײַע סאָציאַלע מאָטיוון — נײַע ווערטער; איינער פון די פּערסאָנאַזשן פון „יויסעף" טײַנעט: „איך האָב פײַנט, אז מע זאָגט מיר, אז איך בין א בורזשוי. וואָס פאר א בורזשוי בין איך? איך בין א מענטש גלײַך מיט אלע".

שמוליק שרײַט אויס מיט האַס:

„זאָלן די פּריצים זיך מאטריִען זײַן אליין די ערד באארבעטן, אליין גראָבן, זייען, אקערן, שנײַדן, בינדן!".

אין 1907 דערשײַנען „מענטשן". מיר זעען דעם פארביטערטן פּראָטעסט פון פאניטשקען („ס'זאָל זיי זײַן אזוי גוט, ווי מיר..."), דעם בונט פון דאניִעלן („מענטשן זײַנען אויך מענטשן!..").

אין 1909 פארעפנטלעכט שאָלעם־אליי‌כעם זײַן דערציילונג „גיטל פורישקעוויטש". דאָס איז א פּאָשעטע ייִדענע. אין אירע שפּריכווערטער פילן מיר די פארביטערטע סינע פון ארבעטס־פאָלק צו די גווירים און גאַטס מעיוכאָסים:

„באשרײַבט זיי, — שרײַט גיטל אויס, — די נעגידים, די מעיוכאָסים פון גאָט, וואָס האָבן זיך אײַנגערעדט, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געוואָרן פונזייערטוועגן. מיר דארפן האָרעווען און פארשווארצט ווערן, און זיי וועלן זיך אויסקויפן מיט געלט"...

אכט ווערק האָט שאָלעם־אליי‌כעם אָנגעשריבן אין אמעריקע און וועגן אמעריקע: „בערל־אײַזיק", אוילעמהאבע", „מיסטער גרין האָט א דזשאב", „ניטאָ קיין נײַס", „מיסמער בוים", „א מײַסע מיט א גרינהאָרן", „א מענטש פון בוענאָס־אײַרעס" און „מיסטייק". כוץ דעם זײַנען א סאך קאפּיטלעך פון „די בלאָנדזשנדע שטערן" און „מאָטל פּייסי דעם כאזנס" געווידמעט דער טעמע אמעריקע, ביזנעס און „מאכן א לעבן".

שאָלעם־אליי‌כעם ווארפט ארײַן זײַנע באגרענעצטע קליינע קאסרילעווקער מענטשעלעך אינעם קאפּיטאַליסטישן גענעם, וואָס הייסט אמעריקע, און ווײַזט אונדז אין אן עכט קינסטלערישער פאָרם, ווי דער ציניזם, די צוויִעס און פארדאָרבנקײַט פון דער קאפּיטאַליסטישער געזעלשאפט דערשטיקט אלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו מאָראל, יוישער, ליבע. שאָלעם־אליי‌כעם האָט פײַנט בעטאכלעס סינע די קלוימערשטע דזשענטלמענישקײַט, די מענטשנפײַנטלעכע מאָראל און דורכויסיקע פאלשקײַט פון דער קאפּיטאַליסטישער אמעריקע.

אינעם רײַכן ארסענאל פון סארקאַזם געפינט שאָלעם־אליי‌כעם די סאמע גיפטיקע פײַלן, קעדיי צו טרעפן אין די סאמע אָנגעווייטעקטע ערטער:

„א פײַנע מעדינע! איר קאָנט געשוואָלן ווערן פאר הונגער, אויסציִען זיך אין גאס, וועט אײַך קיינער ניט שטערן, קיין וואָרט ניט זאָגן" („בערל־אײַזיק").

אין „מיסטייק"[1] געפינען מיר אזעלכע שורעס, געווידמעט דעם ביזנעס:

„וויִאזוי לעבן דאָס מענטשן נאָר צוליב ביזנעס, און וואָס פאר א לעבן קאָן דאָס זײַן, אז די ביזנעס שטייען העכער פונעם לעבן, אז די ביזנעס לאָזן ניט לעבן אזוי, ווי מע וויל".

אין שאָלעם־אליי‌כעמס אפּאָריסטישער שאפונג האָט די טעמע אמעריקע באקומען גאָר א רײַכע אָפּשפּיגלונג:

„אָן געלט זאָל מען גאָר ניט געבוירן ווערן" („בערל־אײַזיק"). דאָס איז דער הויפּט־קלאל פונעם ביזנעס, דער דעוויז זײַנער.

„נעגידים בלאָזן זיך, דער אָרעמאן ווערט געשוואָלן".

„אין אמעריקע לעבט מען ניט, אין אמעריקע ראטעוועט מען זיך".

צו אזא סארקאסטישן אויספיר קומט שאָלעם־אליי‌כעם, שילדערנדיק דעם אמעריקאנישן לעבנס־שטייגער. אנטוויקלענדיק די טעמע וועגן לעבן אין אמעריקע, שאפט שאָלעם־אליי‌כעם איינעם פון זײַנע בעסטע אפּאָריזמען:

„לעבן — דאָס איז א דראמע פאר א קלוגן, א שפּילכל פאר א נאר, א קאָמעדיע פאר א גוויר און א טראגעדיע פאר א קאפּצן" („דאָס שאָלעם־אליי‌כעם־בוך").

ד ע ר   א י נ ה א ל ט •

שאָלעם־אליי‌כעמס אפּאָריזמען זײַנען פארשיידנארטיק לויט דער טעמאטיק, לויטן אינהאלט, לויט זייער אינערלעכן טאָך.

מיר געפינען בא שאָלעם־אליי‌כעמען אפּאָריזמען פעסטשטעלונגען, אפּאָריזמען סענטענציעס, פילאָסאָפישע באדאכטקײַט, לעבנסשטייגערישע כאָכמע, איראָניזמען, פּאראדאָקסן אדג.

דאָ גיבן מיר א קורצע אילוסטראציע פון אייניקע אזעלכע אפּאָריזמען לויט זייער אינהאלט.

פ ע ס ט ש ט ע ל ו נ ג. דאָס איז אזא אפּאָריזם, וואָס אנטהאלט אין זיך א באשטימונג, וועלכע מאכט א געוויסן לאָגישן אויספיר, אָדער וואָס שטעלט פעסט א געוויסע פאראלגעמיינערטע האנאָכע:

„אפּאָנעם, אז קיין גליק איז גאָר ניטאָ אף דער וועלט, עס איז פאראן נאָר דאָס שטערבן צום גליק" („בלאָנדזשנדע שטערן").

„די קונסט פארלירט קיינמאָל ניט איר ווערט". אָדער דאָס שוין דערמאָנטע גלײַכווערטל: „פאראן ווערטער, וואָס זײַנען ערגער טויזנט מאָל פון פעטש" („די גרויסע בעהאָלע").

ס ע נ ט ע נ צ י ע. אן אפּאָריזם, וועלכער דריקט אויס ניט נאָר איין אויספיר, נאָר צוויי — איינעם אן אלגעמיינעם, דעם צווייטן — א פּריוואטן, א קאָנקרעטן, וועלכער דרינגט ארויס פונעם אלגעמיינעם אָדער טײַטשט אים אויס. צום בײַשפּיל:

„ניטאָ קיין מאלאָכים אף דער נידעריקער ערד און ניטאָ קיין מענטשן מיט אלע מײַלעס" („דער מיסטייק").

„דאָס בעסטע פערד באדארף האָבן א בײַטש, דער קליגסטער מענטש — אן אייצע".

„וואָס מער קאפּצן — מער לעבעדיק, וואָס מער הונגעריק — מער געזונגען" („דער פארקישעפּטער שנײַדער").

דער בוי פונעם דאָזיקן אפּאָריזם שאפט א שטרענגע סימעטריע: צו צוויי מאָל ווערט איבערגעכאזערט איןביידע אויספירן דאָס וואָרט „מער", אין רעזולטאט — אן אויסגעטאָקטע, קימאט סקולפּטורישע פּראָזע — אפּאָריזם.

ניט ווייניק אפּאָריזמען געהערן לויטן אינהאלט צו דער קאטעגאָריע ד י ד א ק ט י ש ע, דה. אזעלכע, וואָס שטרעבן זײַן באלערעוודיק, וואָס טראָגן אין זיך א מוסערהאסקל, ווײַזן די מײַלעס אָדער כעסרוינעס פון דעם אָדער יענעם פאקט, דערשײַנונג. דער מין אפּאָריזם איז פונקט ווי אפּאָריזמען פעסטשטעלונגען אמערסטן פארשפּרייט אין דער אפּאָריסטישער שאפונג. מע קאָן זאָגן, אז די

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד", 1961, נומ. 2, ז. 99.

דידאַקטיק איז די מוטער פון אַפאָריסטיק. דער מוסערהאַסקל איז געווען קימאַט דער ערשטער מאַלבעש, אין וועלכן עס האָט זיך געהילט דער אוראַלטער אַפאָריזם.

„פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס", — זאָגט טעוויע אין „גרויסן געווינס".

„וואָס צו, איז איבעריק" („מײַן ערשטער ראָמאַן").

„ווער עס וויל יויצע זײַן פאַר אַלעמען, דער איז ניט יויצע פאַר קיינעם" („אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס").

די צאָל פון דעם מין אַפאָריזמען קאָן מען פאַרלענגערן, נאָר די געבראַכטע בײַשפּילן גיבן א גענויע פאָרשטעלונג וועגן שאָלעם־אַלייכעמס דידאַקטישער אַפאָריסטיק.

פאַראַן בא שאָלעם־אַלייכעמען א גרופּע אַפאָריזמען, וואָס האָבן א פילאָסאָפישן אינהאַלט, דה. זיי דריקן אויס אַן אַבסטראַקטן געדאַנק, א פאַראַלגעמיינערונג. טעוויע דער מילכיקער זאָגט:

„דאָס צווײַגעלע, וואָס האָט זיך איין מאָל אָפּגעריסן פון בוים, מוז פאַרטריקנט ווערן" („לעך־לעכאַ").

א טיפער פילאָסאָפישער געדאַנק איז באַהאַלטן אין אַפאָריזם:

„דער ערגסטער אָנהייב איז בעסער פונעם שענסטן סאָף" („שיר־האַשירים").

אין א שאַרפן און קאַטעגאָרישן אַפאָריזם לייגט שאָלעם־אַלייכעם אַרײַן זײַן אָנטשיידענע באַציִונג צו מענאַכעם־מענדלען דעם לופטמענטש:

„אַלץ, וואָס איז געבויט אַף לופט און אַף ווינט, מוז סאַפקאַלסאַף פאַלן" („האַקדאָמע צו דער 2־טער אויסגאַבע פון „מענאַכעם־מענדל").

די פילאָסאָפיע פון מענאַכעם־מענדלען איז לופט און ווינט. דער גורל פון קליינשטעטלדיקער פאַרמיטלערײַ איז אויסוועגלאָזיקײַט און פאַרניכטונג. אין קלאַם פון קאַפּיטאַליזם איז דאָס אומפאַרמײַדלעך. שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און אויסגעדריקט עס אין א בילדערישער, אַפאָריסטישער פאָרם.

א גרויסע צאָל אַפאָריזמען שטעלן מיט זיך פאָר מוסטערן פון לעבנס־כאָכמע, וועלכע שטאַמט פון לעבנס־דערפאַרונג, לעבנס־געניטקײַט. אייניקע אילויסטראַציעס:

„פון מילכיקס און פליישיקס אין איין אויוון קאָן קיין גוטס ניט ארויס" („דאָס טעפּל").

„א קניפּ אין באַק — די פאַרב זאָל שטיין" („אַן אייצע").

„א טאַנץ גייט ניט פאַרן עסן".

גרופּירנדיק שאָלעם־אַלייכעמס אַפאָריזמען לויטן אינהאַלט, קאָנען מיר, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרבײַגיין א גרופּע אַפאָריזמען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר א גרונטטייל פון שאָלעם־אַלייכעמס אַפאָריסטיק. דאָס זײַנען הומאָריסטישע אַפאָריזמען, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, איראָניזמען און פּאַראַדאָקסן.

עס איז פאַראַן, ווי באַוווסט, צוויי וואָרצלען, צוויי קוואַלן פון הומאָר: הומאָר פון רייד און הומאָר פון סיטואַציע. דער ערשטער אַנטפּלעקט די מאַנגלען פונעם פּערסאָנאַזש, זײַנע כעסרוינעס (גרויסע אָדער קליינע) אין שײַן פון די סאָציאַלע ווידערשפּרוכן. די קאָליזיעס אין דער געזעלשאַפט, אירע סטירעס און געזעצן און דער צוזאַמענשטויס מיטן פּערסאָנאַזש, מיט זײַן וועלט־באַנעם און אַרט ריידן — שאַפט דאָס קאָמישע. מיר לאַכן, הערנדיק, ווי דער פּערסאָנאַזש רעאַגירט אַפן „ארום". זײַנע ווערטער אַנטפּלעקן נאַיוויקײַט, קורצזיכטיקײַט, אומבאַהאָלפנקײַט, כאַראַקטערלאָזיקײַט, טאַקטלאָזיקײַט און פיל אַנדערע כאַראַקטער־שטריכן. מיר לאַכן, הערנדיק דעם פּערסאָנאַזש.

דער הומאָר פון סיטואַציע איז הומאָר פון פּאָזע, פון צושטאַנד. אויב דער הומאָר פון רייד אַנטפּלעקט דעם אינערלעכן מעהוס פונעם פּערסאָנאַזש, ווײַזט דער הומאָר פון סיטואַציע דעם אויסערלעכן מאַצעוו פונעם פּערסאָנאַזש אינעם געשטאַלט פון דער לעבערלעבער פּאָזע פון דער קאָמישער פיגור.

שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר, ווי ס'איז שוין לאַנג פעסטגעשטעלט, איז מערסטנטייל הומאָר פון וואָרט — אַפילע קאָמיזם פון סיטואַציע באַקומט זיך פון דעם, וויאַזוי דער פּערסאָנאַזש דערציילט, דאָס הייסט ווידעראַמאָל טאַקע הומאָר פון רייד.

פון דער צווייטער זײַט, איז שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר ניט דער הומאָר פונעם קונציקן וויץ. דער לעצטער ברענגט אָפּטמאָל בלויז צו דער אַנעקדאָטישער פּאָזע, אין דער צײַט ווען שאָלעם־אַלייכעמס הומאָר שטאַמט פון זײַן הויךמענטשלעכן און טיף־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די בכינע פון זײַן רעאַליסטיש־קינסטלערישן הומאָר שטעלט שאָלעם־אַלייכעמען אַף איין שטופּע מיט די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור: סערוואַנטעס, סטערן, דיקענס, טעקעריי, טווען, דאָדע, הענרי, גאָגאָל, טשעכאָוו אאַ.

ווי בא א ריי קלאַסיקער הומאָריסטן, ווערט אויך בא שאָלעם־אַלייכעמען די קאָמישע פיגור פאַרוואַנדלט אין א טראַגישער. דאָס טראַנספאָרמירט די סיטואַציע: דער אָפּגענאַר שפּאַס און כויזעק־טרײַבערײַ ווערט פאַרוואַנדלט אין פאַרבאָרגענעם ווייטאַק, אין באַהאַלטענעם טרויער. איינצײַטיק פאַרוואַנדלט שאָלעם־אַלייכעם דאָס קאָמישע אין איראָנישן. און דאָס טראַנספאָרמירט שוין דעם סטיל, דאָס וואָרט. דער הומאָריסטישער אַפאָריזם באַקומט דעם כאַראַקטער פון איראָניזם, פון פּאַראַדאָקס.

שאָלעם־אַלייכעמס הומאָריסטישע אַפאָריזמען זײַנען פאָלקסטימלעך. זיי זײַנען אַלפּי־ראָוו ניט בײַסנדיק, זיי האָבן ניט קיין גיפטיקע קאַוואָנע:

„ווינציקער מיט א וואָרט, מערער מיט א ביסן" („פּאַפּירלעך", VIII).

„ווער עס פאַרשטייט ניט אַפן ווונק, דעם גיט מען מיטן שטעקן" (פּאַפּירלעך", VI).

א וואַריאַנט פון דעם דאָזיקן אַפאָריזם קאָן מען געפינען אין אַן אַנדער אָרט:

„ווער עס שטויסט זיך ניט אַליין, דעם גיט מען אין זײַט אַרײַן" („לאָנדאָן", VI).

„א מענטש, ער זאָל ניט ארויסקוקן אַף א דאַנק, וואָלט ער ניט געזאָגט „צו געזונט", בעשאַס יענער טוט א ניס" („דאָס שאָלעם־אַלייכעם־בוך").

יעדער אַפאָריזם, ווי מיר זעען, ווערט געזאָגט מיט א שמייכל, אין א גוטער שטימונג, אַף יעדן רוט, אַזוי צו זאָגן, די שכינע פון גוטמוטיקײַט און וואַרעמקײַט.

דער געלעכטער האָט צוויי גרונט־פאָרמעס. פאַראַן א געלעכטער פון פרייד, פון כאַווערשער צוגעלאָזנקײַט, פון פאַרגעבנדיקער לוסטיקײַט. די נויטווענדיקײַט אין אַזאַ געלעכטער לעבט אינעם האַרצן פונעם מענטשן, לעבט און ווערט ניט אויסגעלאָשן, קאָלזמאַן דער מענטש לעבט. נאָר ס'איז פאַראַן נאָך איין מין געלעכטער, א געלעכטער פון צאָרן, סאַרקאַזם, א געלעכטער פון ביטערער איראָניע.

דעם ערשטן מין געלעכטער אַנטשפּרעכט דער הומאָריסטישער אַפאָריזם. וועגן דעם איז שוין גערעדט געוואָרן, דעם צווייטן מין אַנטשפּרעכט דער איראָניזם.

בא שאָלעם־אַלייכעמען זײַנען אָבער אויך פאַראַן אַפאָ־

ריזמען, וועלכע האָבן א זײַטיקע קאַוואָנע, א פאַרבאָרגע־
נעם שפּאָט, וועלכע שמייסן און שטעכן און בײַסן. דאָס זײַנען איראָניזמען.

„פאַראַן צווייערליי מינים ליגנערס: א ליגנער, וואָס זאָגט אף שוואַרץ ווײַס און אף זיס — ביטער. און א ליגנער, וואָס זאָגט אף שוואַרץ זווער און אף זיס — אָלטגעבאַקן" („קאַסרילעווקער פּראָגרעס").

דאָס איז שוין ניט קיין גוטמוטיק־הומאָריסטישער אַפאָריזם.

טעוויע דער מילכיקער זאָגט:

„אַז מע עסט כאַזער, זאָל כאָטש רינען איבער דער באָרד".

„ווען דער פּיסק זאָל ליגן אין דער ערד, וואָלט דער קאָפּ געגאַנגען אין גאָלד".

„אַז מ'איז עפּשער רײַך, איז מען געוויס קלוג".

דער לעצטער אַפאָריזם איז איינער פון די אַמערסטן גע־לונגענע. אין א געטאָקטן און געשליפענעם זאַץ האָט שאָ־לעם־אַלייכעם אַרײַנגעלייגט פיל שאַרפן שפּאָט איבער צוויי־פּענעמדיקײַט און צוויוּס. בײַסנדיק איז שאָלעם־אַלייכעמס אַפאָריזם איראָניע איבער אַנטיסעמיטישע „טוער":

„מיר ווייסן, אַז די הינט, וואָס בילן, בײַסן ניט, אָבער די הינט ווייסן דאָס ניט"...

שיינע־שיינדל — די קלוגע און פּראַקטישע פרוי איראָ־ניזירט איבער איר מאַן מענאַכעם־מענדל דעם לופטמענטש:

„קרעפּלעך אין כאַלעם איז ניט קיין קרעפּלעך, נאָר א כאַלעם" („לאָנדאָן").

אין א בריוו צו שרירא שרײַבט שאָלעם־אַלייכעם מיט אַן איראָנישן וויץ:

„קיין האַלבע אַרבעט טאָר מען ניט ניט נאָר א נאַר, א קלוגן אויך ניט ווײַזן".

אַזעלכע איראָנישע וויצן אָדער וויצלעכע איראָניעס גע־פינען מיר גאָר א סאַך:

„אף יענעמס באָרד איז גוט זיך לערנען שערן".

„אַז ס'איז באַשערט זיך בוקן, זאָל מען זיך בוקן צום קאָפּ, ניט צו די פיס" („אָפּגעשלאָגענע הוישײַנעס").

„עס רעטעך, נאָר כראַמקע ניט"...

שאָלעם־אַלייכעם איז געווען דער מײַסטער פונעם פּאַ־ראַדאָקס. ער האָט אים ניט נאָר באַפּוצט לויט דער פאָרם, ער האָט אין אים אַרײַנגעלייגט א באַזונדערן כיינעוודיקן אינהאַלט:

„וואָס צו גוט, טויג אף קאַפּאָרעס" („מע טאָר ניט זײַן קיין גוטער").

שאָלעם־אַלייכעמס שאַרפע פּען גיט אונדז אן אינטערע־סאַנטן צונויפגוס פון א פּאַראַדאָקס מיט אן איראָניזם:

„די נאַטור איז מילד, זי האָט באַשאַפן שיינע קליידער פאַר א מיעס פּאָנעם, א זיסן שמייכל פאַר א ביטערער נעשאָמע און א סאַך געדולד פאַר א יידישן קריטיקער".

שאָלעם־אַלייכעם האָט צונויפגעשטעלט לויטן אַלעפבייס א ריי ווערטער, אויסטײַטשנדיק זיי אף זײַן שטייגער איראָניש אָדער פּאַראַדאָקסאַל. די אויסטײַטשונג איז, נאַ־טירלעך, אויך אַפאָריסטיש.

מיר גיבן אַלס אילוסטראַציע אייניקע אויסצוגן פונעם אַלעפבייס:

„אָדאָם האָרישן — דער איינציקער גליקלעכער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שוויגער.

האָפענונג — א ליגנערן.

האַסקאָמע אף א בוך — אן איידעלער „טשעפּע זיך אָפּ".

כופּע — א לעבעדיקער אַרײַן, א טויטער אַרויס.

ליבע — אן אַרטיקל, וואָס איז אַרויס פון דער מאָדע.

מאַציייווע — א מירמלשטיין, וואָס מע קריצט אף אים שקאָרים.

נאַדן — קאָנטריבוציע.

פעטש — א מעזומענע זאַך.

צייַן — מע לײַדט, ווען מע באַקומט זיי, ווען מע האָט זיי און ווען מע פאַרלירט זיי.

צונג — א געפערלעכער סויגע.

קלוגשאַפט — א זאַך, וואָס יעדערער ווינטשט זיך, ער זאָל דאָס פאַרמאָגן, וואָס יענעם פעלט.

רעכילעס — א נאַטור־טעלעפאָן.

די פאָרם •

די סטרוקטור פונעם אַפאָריזם האָט א קאָלאָסאַלע באַ־דײַטונג. זי שאַפט באַם לייענער א שטימונג. פון דעם, וויאַזוי ס'איז געבויט דער זאַץ, וויאַזוי עס איז פאָרמו־לירט דער הויפּט־געדאַנק, וועלכע ווערטער פונעם אַפאָריזם זײַנען אַקצענטירט, איז אָפּהענגיק דער עפעקט פונעם אַפאָריזם: איבערכאַזערונג, פאַרגלײַכונג, קעגנשטעלונג אאַוו. דה. די אינטאָנירונג פון ווערטער, וואָרטשפּיל, לאַ־קאָנישקײַט און פיל אַנדערע מיטלען, — דאָס אַלץ שפּילט א גרויסע ראָל: עס מאַכט דעם אַפאָריזם איבערצײַגנדיק, וועקט באַם לייענער דעם געדאַנק און די פאַנטאַזיע; דער אַפאָריזם פאַרבלײַבט אף לאַנג אין זײַן זיקאָרן.

שאָלעם־אַלייכעם האָט געשאַפן א מענגע ניואַנסן פונעם גלײַכוואָרט.

אף אייניקע פון אָט די פאָרמען וועלן מיר זיך אָפּשטעלן.

איבערכאַזערונג. אָפּטמאָל שטרײַכט דער מע־כאַבער אונטער זײַן געדאַנק, איבערכאַזערנדיק אים אָדער איבערכאַזערנדיק דעם גאַנצן זאַץ ביכלאַל. דאָס ווערט געטאָן צוליב אינטאָנאַציע. שאָלעם־אַלייכעם האָט געקענט געפינען אינעם אַפאָריזם דאָס סאַמע וויכטיקסטע, דאָס סאַמע נייטיקסטע וואָרט; איבערגעכאַזערט, קריצט זיך דאָס אײַן אין מויעך און פאַרבלײַבט אף לאַנג:

„אַז מע קריכט אַרײַן אין א בלאָטע, קריכט מען ווײַ־טער" („עס פידלט ניט"). די איבערכאַזערונג פונעם וואָרט „קריכט" האָט געמאַכט דעם אַפאָריזם דינאַמיש.

„איך קאָן ניט הייסן יענעם גלייבן דאָרט, וווּ איך גלייב אַליין זייער ווייניק" (א בריוו צו ראַווניצקין); דאָ האָט די איבערכאַזערונג פונעם וואָרט „גלייבן" געמאַכט דעם אַפאָריזם איבערצײַגנדיק און אָפּנהאַרציק.

מיר געפינען באַ שאָלעם־אַלייכעמען דרײַפאַכע איבער־כאַזערונג:

„מע דאַרף שיין שרײַבן, שיין דענקען, שיין שאַפן" (א בריוו צו צ. אָסטראָווסקין). די איבערכאַזערונג גיט צו דעם אַפאָריזם די קאַטעגאָרישקײַט פון אן אַנזאָג.

א דרײַפאַכע איבערכאַזערונג קלינגט אינעם אויסגע־צייכנטן אַפאָריזם:

„אַז גאָט זאָל ליב האָבן א קאַפּצן, וואָלט דער קאַפּצן קיין קאַפּצן ניט געווען" („האָדל").

איבערעכענונג. מיר באַגעגענען באַ שאָלעם־אַלייכעמען ניט נאָר וואָרט־איבערכאַזערונג אָדער איבער־כאַזערונג פון זאַץ. מיר באַגעגענען אויך איבערעכענונג פון געדאַנקען, פון פאַקטן, סיטואַציעס:

„פון יענעמס כורבן ווערט דער געבויט, פון איינעמס מאַפּאָלע ווערט דער צווייטער ניסגאָדל, און פון אײַער אומגליק ווער איך געהאָלפן" („זומערדיקע ראָמאַנען").

דאָ האָבן מיר פאַר זיך דרײַ באַזונדערע געדאַנקען, װעלכע שאַפן אַ פערטן — אַ פאַראַלגעמיינערונג. נאָר דער פאַראַלגעמיינערטער געדאַנק װערט ניט אַרױסגעזאָגט. ער דרינגט אַרױס װי אַן אױספיר. אַן איבעררעכענונג, אין װעלכער דער אױספיר־געדאַנק װערט געגעבן אין אַפאָריזם גופא, געפינען מיר בײַ שײַנע־שײַנדלען:

„אַ קראַנקער װעט געזונט װערן, אַ שיקער װעט זיך אױסניכטערן, אַ שװאַרצער װעט װײַס װערן, און אַ נאַר װעט בלײַבן אַ נאַר“ („אַ בעקאָװעדע פּאַרנאָסע“).

און אָט איז אַן אַפאָריזם — איבעררעכענונג, אין װעלכן דער הומאָר איז געגעבן געװאָרן אין דער פולער מאָס:

„ס'איז פאַראַן דרײַערלײ כאַכאָמים: איין כאָכעם זאָגט אַ כאָכמע און לאַכט אַלײן, דער אַנדערער זאָגט אַ כאָכמע, לאַכן אַנדערע, דער דריטער כאָכעם זאָגט אַ כאָכמע און קיינער לאַכט ניט“ („קאַסרילעװקער פּראָגרעס“).

פרעגיקע אינטאָנאַציע. ניט שטענדיק װערט געגעבן בײַ שאָלעם־אַלײכעמען דער אַפאָריזם אין אַ געװײנלעכער פּאָזיטיװער אָדער דידאַקטיש־אַנזאָגרישער פאָרם. ביכדיי צו אונטערשטרײַכן דעם געדאַנק, ביכדיי צו אָפּשטעלן די אױפמערקזאַמקײַט פונעם לײענער, הילט שאָלעם־אַלײכעם אײַן דעם זאַץ אין אַ פאָרם פון אַ פראַגע, אַנפראַגע אָדער נאָכפראַגע:

„אַ מענטש, אַז ער װעט ניט עסן — פונװאַנען װעט ער לעבן? („מילכיקס“).

„װאָס איז דעם אינדיק פאַר אַ כילעק, צי מע קױלעט אים פורים צו דער סודע אָדער פײסעך צום סײדער?“ („מאָטל פּײסי דעם כאַזנס“).

און אָט זײַנען צװײ אַפאָריזמען אין אַ פרעגנדיקער פאָרם, װעלכע בעטן קיין ענטפער ניט.

„װאָס קומט אַרױס פון אַ גוט פערדל, אַז סע שטײט אין שטאַל?“ („כאַװע“).

„װי קומט אַ ראָװ האַנדלען מיט כאַזײרים?“ („מיליאָנען“).

קעגנשטעלונג. אָפטמאָל צוליב בולעטער מאַכן דעם געדאַנק באַקומט דער אַפאָריזם די פאָרם פון קעגנשטעלונג, פינקטלעכער — פון אַבסטראַקטער קעגנשטעלונג. עס װערן קעגנגעשטעלט צװײ האַנאָכעס, פון װעלכע אײנע איז אַ נעגאַטיװע און די צװײטע אַ פּאָזיטיװע. מערסטנטײל טראָגן בײדע האַנאָכעס ניט קיין קאָנקרעטן כאַראַקטער. בײדע זײַנען אַבסטראַקט, קימאַט סימבאָליש, און אין אַזאַ אַבסטראַקטער פאַראַלגעמיינערטער פאָרם, קעגנגעשטעלטע אײנע דער צװײטער, אַנטהאַלטן זײ אַ באַלערנװדיקן געדאַנק.

„אײדער אַ נײַער שאַרבן, איז גלײַכער אַן אַלטער טאָפּ“ („מיליאָנען“).

„גלײַכער מיט אַ הײמישן גאַנעװ, אײדער מיט אַ פרעמדן ראָװ“ („מיליאָנען“).

„בעסער אַ פּאַטש פון אַ פרײַנט, אײדער אַ קוש פון אַ פײַנט“ („מיליאָנען“).

װי עס איז צו באַמערקן, פאָרמירט זיך אַזאַ טיפּ אַפאָריזם מערסטנטײל מיט עטלעכע גאָר אײנפאַכע װערטער „גלײַכער“, „בעסער“, „אײדער“. און נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך: דער מין אַפאָריזם איז לױט זײַן סטרוקטור און אינטאָנאַציע פאָלקלאָריש.

אױבן האָבן מיר געבראַכט דרײַ בײַשפּילן פון אַבסטראַקטער קעגנשטעלונג. עס איז קעדײַ צו ברענגען נאָך איין אַפאָריזם, װעלכער אילױסטרירט אַ צװײפאַכע קעגנשטעלונג:

„בעסער װיניציק און גוט, אײדער אַ סאַך און װאַסערדיק“.

מיט דעם גלײַכװערטל האָט זיך שאָלעם־אַלײכעם באַנוצט אין זײַן בריװ צו ספּעקטאָרן, רײדנדיק װעגן שרײַבער־מײַסטערשאַפט.

פאַרגלײַכונג. שאָלעם־אַלײכעם אין זײַן אַפאָריסטיק באַנוצט זיך אָפטמאָל מיטן מיטל פון פאַרגלײַכונג:

„דאָס לעבן איז אַ כײדער, װאָס יעדער דאַרף אים דורכגײן („יױסעף“).

מיטן װאָרט „כײדער“ אַסאָציִירן זיך אַ סאַך באַגריפן: דער קאַנטשיק, די קינדער־טרױמען, דער יאָך פון לערנען, קינדערשע דײַגעס, װיצן און פרײד. אַזאַ פאַרגלײַכונג איז זײער בילדעריש, ס'װירקט אױף אונדזערע געפילן.

אָפטמאָל װערט שאָלעם־אַלײכעמס אַפאָריזם געשאַפן װי דאָפּלטע פאַרגלײַכונג:

„אַ מענטש איז שװאַכער פון אַ פליג און שטאַרקער פון אײַזן“ („האָדל“).

די דאָפּלטקײַט איז דאָ ניט קיין פרימיטיװע. זי טראָגט אַן אײגנאַרטיקן פּאַראַדאָקסאַלן כאַראַקטער, װען אײן עלעמענט איז סױסער דעם אַנדערן: „שװאַכער פון אַ פליג“ און אין דער זעלבער צײַט „שטאַרקער פון אײַזן“.

עליפּסיס. אַ סאַך פון שאָלעם־אַלײכעמס אַפאָריזמען האָבן אַ געבױ פון צװײ זאַצן. אין דעם פאַל, אױב עס איז פאַראַן אַ נױטװענדיקײַט צו איבערכאַזערן אינעם צװײטן זאַץ אַ טײל פונעם ערשטן, װערט אָפטמאָל אָט דער טײל פונעם זאַץ אָפּגעװאָרפן:

„ס'איז גאָר ניטאָ די מאַקע אױף דער װעלט, װאָס זאָל זיך ניט פאַרהײלן, און אַזאַ צאָרע, װאָס מע זאָל זי ניט פאַרגעסן“ (כאַװע“).

דאָ װערן אין צװײטן זאַץ אָפּגעװאָרפן די װערטער „ס'איז נישטאָ“ (אַזאַ צאָרע). דאָס װערט געטאָן ניט נאָר צוליבן פאַרקירצן די פּראָזע. עס ציט צו די אױפמערקזאַמקײַט פונעם לײענער, און טאַקע דערפאַר באַנוצט זיך דער שרײַבער מיט אַזאַ פאַרקירצונג, װעלכע שפּילט אַ געװיסע מנעמאָנישע ראָל.

דער עליפּסיס שפּילט אָפטמאָל אױך אַ ראָל פון אַרכיטעקטאָנישער דערגאַנצונג, אַ מין, אַזױ צו זאָגן, פאַרקײַלעכונג פון דער פּראָזע:

„דאָס בעסטע פערד דאַרף האָבן אַ בײַטש, דער קליגסטער מענטש — אַן אײצע“ („טעװיע“).

דער גראַם. די פאָלקסטימלעכקײַט פון שאָלעם־אַלײכעמס גלײַכװערטל זאָגט אים אונטער נאָך אַ מיטל פון שאַפן דעם אַפאָריזם: דעם גראַם — אַ מיטל, װאָס טרעפט זיך זעלטן אין דער אַפאָריסטיק. אין „װען איך בין רױטשילד“ װערט געזאָגט:

„פּאַרנאָסע ברענגט צו קינע, קינע ברענגט צו סינע“.

דער גראַם אינעם געשפּרעך פון די פּערסאָנאַזשן איז אַ באַליבטע פאָרם פון שאָלעם־אַלײכעמס שאַפונג. און עס איז גאַנץ נאַטירלעך, װאָס זי האָט געפונען אַן אָפּשפּיגלונג אין זײַן אַפאָריסטיק. דער גראַם „קינע — סינע“ איז אױף אַזױפיל געפעלן שאָלעם־אַלײכעמען, אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט אים אַ צװײטן מאָל טאַקע אין „װען איך בין רױטשילד“.

„װיבאַלד אױס קלײזײַען, אױס כאַיִל, איז דאָך אױס קינע, אױס סינע“. דאָ איז דער עפעקט פונעם גראַם פאַרשטאַרקט געװאָרן דורך דער איבערכאַזערונג פונעם װאָרט „אױס“.

אינעם „גרױסן געװינס“ געפינען מיר דעם אַפאָריזם אין גראַם:

„אָרעם איז ניט רײַך, קרום איז ניט גלײַך".

שאָלעם־אליכעם פילט אינטויִטיוו, אז א גלײַכווערטל מיט א גראם באקומט מער כיין, אויב צום גראם ווערט צוגעגעבן אן איבערכאזערונג:

„אז עס קומען די מייעס, קומען די דייעס" („טעוויע").

וווּנדערבאר שיין איז אָט דאָס גלײַכווערטל. ס'איז פאָלקסטימלעך, ס'איז קורץ, ס'איז ארכיטעקטאָניש פראָפּאָרציִאָנעל, ס'איז אקוסטיש קלינגענדיק, ס'איז מנעמאָניש.

לאקאָניזמען. פון שטענדיק אָן איז דאָס א קלאל, אז איינע פון די סאמע כאראקטעריסטישע שטריכן פון אפאָריסטיק איז לאקאָנישקײַט — קורץ און שארף. די אלט־גריכישע און רוימישע אפאָריזמען זײַנען אלפּי־ראָוו געווען לאקאָניזמען: דער טערמין אליין קומט ארויס פונעם נאָמען פון דער גריכישער פראָווינץ לאקאָניע (אין ספּארטא), ווּ די רעדנער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער קורצער און שארפער שפּראך. בא שאָלעם־אליכעמען געפינען מיר ניט ווייניק לאקאָניזמען:

„א הארץ פילט א הארץ" („יויסעף").

„וואָס צו, איז איבעריק" („מײַן ערשטער ראָמאן").

דאָס זײַנען אפאָריזמען, וואָס באשטייען בלויז פון פיר ווערטער. מיר געפינען בא שאָלעם־אליכעמען אויך אפאָריזמען פון דרײַ ווערטער:

„געשוויגן איז גערעדט" („מע טאָר ניט זײַן קיין גוטער").

„ערלעך איז שווערלעך" („די פריילעכע קאָמפּאניע").

דער עפעקט פונעם לעצטן אפאָריזם איז ניט נאָר לאקאָנישקײַט, נאָר אויך דער גראם און דער איראָניזם. די דרײַ עפעקטן אינײנעם געגומענע שאפן, ווי מיר זעען, א וווּנדערבאר שיינעם, געטאָקטן, געשליפענעם און אויסדריקלעכן אפאָריזם.

פאָלקלאָר. שאָלעם־אליכעמס פאָלקסטימלעכע שפּראך און זײַן פאָלקסטימלעכער סטיל האָט, נאטירלעך, געפונען אן אָפּשפּיגלונג אין זײַן אפאָריסטיק.

א סאך שאָלעם־אליכעמס גלײַכווערטלעך, ווי מיר האָבן שוין באמערקט, זײַנען לויט דער סטרוקטור, לויטן גאנצן סטיל נעענטער צו שפּריכווערטלעך. באזונדערס איז עס צו באמערקן אין שיינע־שיינדלס בריוו, אין אירע באמערקונגען „ווי זאָגט די מאמע, זאָל לעבן".

און ווײַל טאקע שיינע־שיינדלס בריוו שטעלן מיט זיך פאָר אין פולן זין פון וואָרט א קוואל פון שפּריכווערטלעך, איז קעדײַ צו פאנאנדערקלײַבן זיך אין זיי, קעדיי צו באקומען א פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס איז דאָרט פאָלקלאָר און וואָס געהערט צו שאָלעם־אליכעמס פען.

אלע שיינע־שיינדלס שפּריכווערטער קאָן מען פאנאנדערטיילן אף דרײַ טיילן: שפּריכווערטער אין אייגנטלעכן זינען פון וואָרט; אפאָריזמען, וועלכע זײַנען נאָענט לויטן בוי צו שפּריכווערטער און שטעלן פאָר א מין איבערפראזירונג פון שפּריכווערטער; און אפאָריזמען, וועלכע זײַנען ענלעך צו שפּריכווערטער, נאָר געשאפן האָט זיי שאָלעם־אליכעם.

אָט זײַנען, לעמאָשל, אפאָריזמען, וואָס זײַנען בעעמעס שפּריכווערטער:

„דער גרעסטער ווייטעק איז דער, וואָס מע קאָן אים ניט ארויסריידן" („מיליאָנען").

„אן אָקס האָט א לאנגע צונג און קאָן קיין שופער ניט בלאָזן" („מיליאָנען").

„א שלימאזל פאלט אף גראָז און צעשלאָגט זיך די נאָז" („מיליאָנען").

„פאר א געשלאָגענעם הונט טאָר מען קיין שטעקן ניט ווײַזן" („א בעקאָוועדע פארנאָסע").

„אן אײַנריידעניש איז ערגער פון א קרענק" („פאפירלעך").

„פון אלע מילכיקע מײַכאָלים איז דאָס בעסטע — א שטיקל פלייש" („לאָנדאָן").

„דער וואָרעם ליגט אין כריין און מיינט, אז ס'איז ניטאָ קיין זיסערס" („לאָנדאָן").

„אז מע דערמאָנט זיך אינעם טויט, איז מען ניט זיכער מיטן לעבן" („פאפירלעך").

„כאזער, האָסט געלט? — זײַ מײַן מעכוטן" („פאפירלעך").

דאָ האָבן מיר אויסגערעכנט א ריי שפּריכווערטלעך, וועלכע שאָלעם־אליכעם האָט ארײַנגעטראָגן אין שיינע־שיינדלס בריוו, ניט ענדערנדיק זיי אף א האָר. מיר קאָנען אָבער געפינען אין אירע בריוו אזעלכע אפאָריזמען, וועלכע זײַנען אן איבערפראזירונג פון שפּריכווערטלעך, א מין אייגענע וואריִאציע:

„איטלעכער דערהערט, ווי יענער האָט געגעסן קנאָבל" („מיליאָנען"). אן איבערפראזירונג פונעם שפּריכוואָרט: „ווער עס עסט ניט קיין קנאָבל, דעם שטינקט ניט פונעם מויל".

„וויִאזוי מע בעט זיך, אזוי ליגט מען" („א בעקאָוועדע פארנאָסע"). א וואריִאציע פונעם שפּריכוואָרט „ווי מע בעט זיך, אזוי שלאָפט מען".

„שענק מיר ניט דײַן האָניק און גיב מיר ניט דײַן ביס" („א בעקאָוועדע פארנאָסע"). דאָס איז איבערגעפראזירט פונעם באוווסטן ביבלישן „לא מדבשך ולא מעקצך"[1].

„בעסער א לויט מאזל, איידער א פונט גאָלד" (דאָרט). א וואריִאציע פונעם שפּריכוואָרט: „בעסער מאזל א קווינט, איידער גאָלד א פונט".

„צעבײַס דעם עפל, וועסטו געפינען א וואָרעם" (דאָרט). א וואריִאנט פון דעם שפּריכוואָרט: „וואָס קאָן ארויס פונעם שיינעם עפעלע, אז עס האָט א ווערעמדיק הערצעלע?"

„דאָרט, ווּ צוויי זײַנען אף איין קישן, טאָר זיך דער דריטער ניט מישן" („מיליאָנען"). דאָס איז אויך א וואריִאציע פונעם שפּריכוואָרט: „ווּ צוויי עסן פון איין שיסל, קאָן זיך א דריטער אָנעסן א ביסל".

און אָט זײַנען אפאָריזמען, וועלכע געהערן שאָלעם־אליכעמען, נאָר וועלכע זײַנען אזוי קונציק געמאכט, אז איר וועט קיינמאָל ניט זאָגן, אז דאָס זײַנען ניט קיין שפּריכווערטער:

„אז עס גייט ניט אין העזעק, זוכט זיך עס אָפּ" („בעכיפאָזן").

„ווער עס שטויסט זיך ניט אליין, דעם גיט מען אין זײַט ארײַן" („לאָנדאָן").

„ניט אלע מאָנטיק איז פורים" („מיליאָנען").

„פון אן אָקס קען מען מער ווי אָקסן־פלייש ניט פארלאנגען" („מיליאָנען").

שאָלעם־אליכעמס ליטעראַרישע יערושע איז רײַך און פארשיידנארטיק. אָן א צאָל אפאָריזמען זײַנען, ווי טײַערע בריליאנטן, צעזייט און צעשפּרייט אף דער ראכוועס פון זײַן ליטעראַרישער שאפונג. דאָס זײַנען שיינע קלוגע גלײַכווערטלעך, וועלכע שפּיגלען אָפּ אלע זײַטן פונעם פאָלקס־לעבן. אלץ, מיט וואָס דאָס פאָלק האָט געלעבט, געדענקט, אלץ, וואָס האָט געהאט א שײַכעס צום פאָלק.

---

[1] לוי מעדיוושעך ועלוי מעוקצעך.

בריוו פון שאָלעם־אַלייכעמען[1]

צו אווראָם־בער גאָטלאָבערן

ערשטער בריוו[2]

יעדידי האיאָשיש — מײַן אלטער (גרײַזער) פרײַנט און נאָך און נאָך,
רעב א.־ב. גאָטלאָבער!

איך האָב געהערט, מײַן האר, איך האָב געהערט פון דײַן פײַן, און פון דײַן שווערן שיקזאל האָב איך געהערט. און ס'איז מיר מײַן הארץ פארגאנגען. אזוי גייט עס דעם פאָלקס־שרײַבער, אזוי איז ביכלאל דער גורל פון יעדן שרײַבער בא יעדן פאָלק.

איך האָב אן אלטן כויוו, וואָס איך בין דיר שולדיק, פאר דײַנע אײַנגענעמע זיסע רייד, וואָס זײַנען פאר מיר געווען די בעסטע שפיל אין מײַנע קינדער־יאָרן, בעשאס איך האָב געשפילט א ליבע מיט אונדזער הייליקער שפראך. און דערנאָך האָב איך זי פארלאָזן און פארביטן מיט איר פארמיַעסטער יינגערער שוועסטער (זשארגאָן). ווײַל געבענטשט איז זי און א בראָכע אף איר קאָפּ, און איך האָב זי עמעס ליב געקראָגן, און כ'האָב מיט איר אף שטענדיק א שידעך געמאכט. כאָטש מ'קוקט אף מיר, ווי איך זיץ אפן זיבעטן הימל פון גליק, מיט כויזעק און אומקאָוועד...

די צען רובל, בעט איך אײַך: באקומט! און אין א פּאָר טעג ארום וועל איך אײַך מעכאבעד זײַן מיט מײַן קלײנעם ביכל „צרור פרחים" („צרויר פראָכים", „א בינטל בלומען"), וואָס איך האָב צוזיפגענומען און געמאכט עס ווי א בוקעט און איך וועל עס לייגן אפן טאטנס קייווער — זײַן אָנדענק זאָל זײַן געבענטשט, — וואָס איז געשטאָרבן מיט א פּאָר וואָכן צוריק און נאָך וועלכן איך בין אין גרויסן טרויער.

דײַן קנעכט שאָלעם־אַלייכעם.

פ.ס. פון דײַנע לידער האָב איך ניט געקענט עפּעס אויסקלײַבן. וועגן די סיבעס וועט דיר מיטיילן מײַן פרײַנט ה' ווייסבערג.

זײַ אזוי גוט און שיק נאָך עפּעס צו.

דײַן פרײַנט

דער זעלבער

צווייטער בריוו

אדוני האיאָשיש

ווער נאָך דארף עס אזוי געדענקען, ווי איר?
ווער איז דער מעכאבער אָדער דער איבערזעצער פונעם פאבל:

די מילבן און דער לייב

אין א שיינעם טאָג, איך געדענק ניט ווען,
הערט א מײַסע, וואָס עס קאָן געשען,
האָבן זיך די מילבן מעיאשעוו געווען,
זיי זאָלן שטרײַטן קעגן דעם לייב:

[1] די פובליקאַציע פון די דאָזיקע שאָלעם־אַלייכעם־בריוו, ווי אויך די קאָמענטאַרן צו זיי, האָט צוגעגרייט כאַצקל נאַדעל.

[2] איבערזעצט פון העברעיש.

מילבן, וואנצן און פליגן אלערליי
זיינען אויך גערן צוגעשטאנען צו זיי,
און אלע זיינען מיט א געשריי
ארויסגעקראָכן פון דער שטויב... אאוו.

עס דאַרף זײַן אָדער פונעם ד״ר עטינגער, אָדער פון הער גאָטלאָבער, אָדער פון רייכערסאָן? אויב איר געדענקט עס פּינקטלעך, בעט איך אײַך ת״מי[1] מודיע זײַן מזה עי פּאָסט[2] — ומנחיצת הדבר אקצר ואומר שלום[3].

מוקירן ומכבדו[4] שאָלעם־אַלייכעם.

פּ.ס. ווי באַקום איך ערגעץ אַלע אײַ ע ר ע געדרוקטע ווערק אין זשאַרגאָן?

אַווראָם־בער גאָטלאָבער (1811—1899), צו וועלכן עס זײַנען אַדרעסירט די צוויי בריוו, ווי אויך דאָקטאָר שלוימע עטינגער (1801—1856), וואָס ווערט דערמאָנט אין צווייטן בריוו, — צוויי באַקאַנטע ייִדישע שרײַבער פון פּאַריקן יאָרהונדערט, גרונטלייגער פון דער האַסקאָלע־באַוועגונג אין רוסלאַנד.

ביז איצט איז פּובליקירט געווען בלויז איין בריוו שאָלעם־אַליכעמס צו גאָטלאָבערן (זע שאָלעם־אַלייכעם. אויסגעוויילטע בריוו. מ., 1941, זז. 79—80). טאַקע אין דעם בריוו שרײַבט שאָלעם־אַליכעם: „ווי איך האָב אײַך פיל מאָל געשריבן", דה. אַז ס׳דאַרף זײַן נאָך בריוו. די צוויי בריוו, וועלכע מיר פּובליקירן דאָ, שעפּן, זיכער, ניט אויס שאָלעם־אַליכעמס בריוו־אויסטויש מיט גאָטלאָבערן. דער ערשטער בריוו, אָן א דאַטע, איז געשריבן נאָך זײַן פאָטערס טויט אין 1888 יאָר.

גאָטלאָבערס אומגליק, וואָס האָט אַזוי דערשיטערט שאָלעם־אַליכעמען, איז, ווײַזט אויס, די ידיעה, אַז גאָטלאָבער איז בלינד געוואָרן — ווי אויך גאָטלאָבערס שווערע מאַטעריעלע לאַגע.

דער צווייטער בריוו, געשריבן אָן ערעך אין מײַ 1888, האָט שוין צו טאָן מיט שאָלעם־אַליכעמס ברויזנדער טעטיקייט אַרום זײַן „ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק". טאַקע אינעם זעלבן כוידעש שיקט ער אָן אַנאַלאָגישן בריוו צום שרײַבער אַווראָם־שאָלעם פרידבערג (1838—1902) מיט דער זעלבער אָנפרעגע: „ווער האָט געמאַכט אָדער איבערגעזעצט דאָס פאַבל: „דער לייב און די מילבן"... אויך פרידבערגן בעט ער ענטפערן טייקעף־אומייאַד.

צווי־הירש רייכערסאָן (1857—1892) — איבערזעצער פון קרילאָווס מעשאָלים אין ייִדיש.

י.־י. ווייסבערג — העברעיִש־ייִדישער שרײַבער (1841—1904).

א בריוו צו ס. ראַוויטש[5]

29. 5. 13

פּילגעערטע סאַרא נאַומאָוונאַ!

איך שרײַב אײַך לויטן פאָטערס דיקטירונג. דער פאָפאָ בעט צוגעבן צום בריוו פאָלגנדעס: אין דער ווײַטער־דיקער פאַרזעצונג פונעם ראָמאַן איז פאַראַן, דוכט זיך, ערטער און אפילע גאַנצע קאַפּיטלעך, וועלכע האָבן פאַרן ייִדישן לייענער א באַשטימטן אינטערעס, נאָר פאַרן רוסישן לייענער זײַנען זיי נאַיִוו. אַזוינע ערטער אָדער קאַפּיטלעך וואָלט איך אײַך געבעטן ווי ווײַט מעגלעך קירצן און אפילע ארויסוואַרפן. איך באַדויער, וואָס איך קאָן אײַך ניט אָנווײַזן, וועלכע ערטער דוכטן זיך מיר פאַר איבעריקע פאַר דער איבערזעצונג, ווײַל לייענען דעם ראָמאַן און ניט אַרײַנטראָגן קיין אויסבעסערונגען איז פאַר מיר זינלאָז.

דעריבער פאַרלאָז איך זיך אָף אײַער געשמאַק און טאַקט, און בעט האָבן אין אויג, אַז אײַער איבערזעצונג איז באַשטימט פאַר דעם גרויסן ר ו ס י ש ן פּובליקום.

נאָך פאַרגעסן וועגן אײַער אופמערקזאַמקייט אָף די לעצטע קאַפּיטלעך פונעם ראָמאַן. צי דוכט אײַך ניט, אַז זיי זײַנען אָפּגעהאַקט און אָפּגיך אָנגעשריבן?

די צײַט, ווען איך האָב פאַרענדיקט דאָס ווערק, האָט געפּאָדערט, אַז איך זאָל אומבאַדינגט ענדיקן די דער־ציילונג צו א באַשטימטן מאָמענט. פּילט זיך עס ניט באַם לייענען? אויב יאָ, וועל איך מוזן פאַרפולן דעם בלויז. נאַטירלעך, ניט איצט, נאָר דאַן, ווען איר וועט זיך דערנעענטערן צום סאָף פון אײַער אַרבעט.

[1] ת״מי — טייקעף־אומייאַד.
[2] מודיע זײַן מיר וועגן דעם דורך דער פּאָטשט.
[3] אומינכיצאַס האַדאָוואָר אַקאַציר וועוימאַר שאָלוים — און ווײַל דער איניען איז אַ דרינגענדיקער, שרײַב איך בעקיצער און זאָג אײַך: זײַט געזונט.
[4] מ ו ק י ר ו י א ו מ ע כ א ב ד ו י — מיט שעצונג און מיט אכטונג.
[5] די בריוו צו ס. ראַוויטש, וו. טשערטקאָוו און א. דערמאַן זײַנען איבערזעצט פון רוסיש.

און ביכלאל וואָלט איך אײַך געבעטן טײלן זיך מיט מיר מיט אײַערע געדאַנקען און ספּײקעס, וואָס קומען אויף בא אײַך באם לײענען אָדער בא דער ארבעט.

אָט דאָס איז אַלץ.
אלדאָסגוטס

עמא ראַבינאָוויטש.

דער בריוו איז געשריבן פון שאָלעם־אַלייכעמס טאָכטער עמא (נעמי), געבוירן אין 1888 יאָר — זײַן „הויפּט־סעקרעטאַר", ווי שאָלעם־אַלייכעם פלעגט זי רופן. שאָלעם־אַלייכעם פלעגט אָנקומען צו זײַן „סעקרעטאַרן" בלויז דאַן, ווען ער פלעגט זײַן צוגעשמידט צום בעט...

דער אדרעסאַט — סאַראַ נאַומאָוונאַ ראַוויטש איז די רוסישע איבערזעצערן פון שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס".

א בריוו צו וו. טשערטקאָוון

10. 11. 1904.

פילגעאַכטער וו. טשערטקאָוו!

איך שיק אײַך ארויס איין עקזעמפּליאַר פון אונדזער „זאַמלבוך" (דעם יידישן) און בעט אײַך זייער איבער־געבן דעם הער ראַפּאַפּאָרט אין לאָנדאָן אף אן אָפּרוף, ווײַל איך האָב ניט אין דעם מאָמענט אונטער דער האַנט זײַן אדרעס. צוזאַמען דערמיט גיב איך אײַך צו וויסן, אז צו זײַנערצײַט האָב איך באַקומען אײַער אויסגאַבע פון די „מײַסעלעך", וועלכע איז, פארשטייט זיך, א סאַך שענער, ווי אונדזער רוסיש־יידישע. נו, אַוואַדע, רוסלאַנד איז ניט ענגלאַנד, און וואַרשע איז ניט לאָנדאָן. וועגן דעם, אז איר האָט איבערגעשיקט דאָס בוך, בעט איך מיר געבן צו וויסן. וואָס איז דער גורל פון אײַער אויסגאַבע? איז זי זיך צעגאַנגען, ווי דאָס איז געוווּנטשן געווען פון אונדז אַלעמען? פון פאַריזש האָב איך באַקומען פון עמעצן אין א פאַרמאַכטן קאָנווערט 440 פראַנק, נאָר אָן א וועלכן־ניט־איז בריוו. איז דאָס ניט לויט אײַער פאַראָרדענונג? איך וואַרט אף אײַער ענטפער און בלײַב מיט טי־פער אכטונג

ס. ראַבינאָוויטש

דער אדרעסאַט — וולאַדימיר גריגאָריעוויטש טשערטקאָוו (1854—1936) — באַרימטער פּובליציסט, גרינדער פונעם פאַרלאַג „פּאָסרעדניק", ל. נ. טאָלסטאָיס א נאָענטער פרײַנט און נאָכפאָלגער. דאָ האַנדלט זיך וועגן זאַמלבוך „הילף" לטובת די געליטענע פון פּאָגראָמען, פאַר וועלכן ל. נ. טאָלסטאָי האָט לויט שאָלעם־אַלייכעמס באַקאָשע אָנגעשריבן דרײַ מײַסעלעך. ווי עס איז באַוווּסט, איז א טייל האָנאָראַר פאַר די איבערזעצונגען אף אַנדערע שפּראַכן אויך געווען באַשטימט פאַר דעם צוועק. וועגן דער אויסגאַבע פון די „מײַסעלעך" אף אַנדערע שפּראַכן האָט שאָלעם־אַלייכעם געפירט מיט טשערטקאָוון א בריוו־אויסטויש.

א בריוו צו אָסיף דימאָוון

20. 8. 1910

ה־ן אָסיף דימאָוו

ספּב־ג

פרײַנט מײַנער, ברודער מײַנער, טײַבעלע דימאָוו!

אזא זאַך. איר ווייסט מיסטאָמע, אז איך קרענק און הייל זיך אין פאַרשיידענע אויסלאַנדן, ווינטער אין איטאַ־ליע, זומער אין שוואַרצוואַלד. איז אָט, לייען איך אין די צײַטונגען: „צווישן די פּיעסן, וואָס זײַנען אָנגענומען צום שטעלן אינעם נײַעם דראַמאַטישן טעאַטער, געפינט זיך שאָלעם־אַלייכעמס א פּיעסע „די יידישע פאַמיליע" (?). איבערגעלייענט און בין דערשיטערט געוואָרן. מײַן ווערק „צעזייט און צעשפּרייט" האָט עמעצער אויסגעמעלאָכעס

און געגעבן אַ האַלב אַנטיסעמיטישן נאָמען, אַפֿילו ניט פֿרעגנדיק מיך. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן צום „פֿאַריין פֿון דראַמאַטישע שרײַבער", פֿון וועלכן איך בין אַ מיטגליד, און באַקומען אַזעלכע ידיעות: 1) ווער ס'האָט איבערזעצט — איז אומבאַוווּסט; 2) דער באַלעבאָס פֿונעם טעאַטער איז ה. לעוואַנט. און 3) פֿאַרוואַלטער פֿונעם רעפּערטואַר פֿונעם נײַעם טעאַטער איז אָסיפּ דימאָוו. דער לעצטער פּונקט האָט מיך געמאַכט פֿון טויט לעבעדיק!

סטײַטש, דימאָוו! אונדזער דימאָוו! שאָלעם־אַש — שאַבסע־צוואַ! און נאָך און נאָך, אָבער וואָס זשע ווײַטער? („די ייִדישע פֿאַמיליע" איז אַן אַנטיסעמיטישע פֿאַראַלגעמיינערונג). אין דער איבערזעצונג וואָלט איך אָנגערופֿן די פּיעסע אויפֿן נאָמען פֿונעם הויפּט־העלד: „מייער שאַלאַנט". דערבײַ איז נייטיק, איך זאָל זען די איבערזעצונג און אַרײַנטראָגן די אויסבעסערונגען, פֿאַרקירצונגען און צוגאָבן, וואָס זײַנען אַרײַנגעטראָגן אינעם אָריגינאַל. און נאָך בעסער וואָלט געווען, אויב איך וואָלט צוגעשיקט דעם אָריגינאַל אײַך, אָסיפּ דימאָוון, אינעם נײַעם וואַריאַנט. און איבערזעצן וועט איר. איר וועט איבערזעצן און באַקומען פֿון מיר אַ לײַטישן האָנאָראַר, מיר וועלן די פּיעסע אָפּדרוקן אַזוי. מיר וועלן באַצייכענען: „איבערזעצט אָ. דימאָוו פֿונעם איבערגעאַרבעטן דורכן אַווטאָר לעצטן וואַריאַנט" — בערך אַזוי. טאָמער אָבער וועט די פּיעסע געשטעלט ווערן אַזוי, ווי זי איז איבערזעצט, פֿונעם געדרוקטן עקזעמפּליאַר אונטערן נאָמען „די ייִד. פֿאַמיליע", וועל איך שטאַרבן און אַ געוויסע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט דערפֿאַר וועט פֿאַלן אויף אײַך... דאָס איז מײַן ערשטע טעאַטראַלע זאַך, און איך טרײַב ניט קיין לעצאָנעס.

מײַן גרוס אײַער פֿרוי.

איך וואַרט אויף אַ וואָך אַרום אײַער ענטפֿער.

ש.־אַ ל ײ כ ע ם.

אָסיפּ דימאָוו — דראַמאַטורג און טעאַטראַל, געבוירן אין 1878, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, אין 1959, — האָט איבערזעצט אין רוסיש שאָלעם אַשס דראַמע „גאָט פֿון נקמה" און אַנדערע פּיעסן פֿון ייִדישע שרײַבער. דער אויסדרוק „שאָלעם־אַש — שאַבסע־צוואַ" איז ווײַזט אויס, אַן איראָנישער.

זיבן בריוו צו אַ. דערמאַנען

19. 4. 11

ערשטער בריוו

פֿילגעערטער אבראַם באָריסאָוויטש!

איך אײַל זיך אויסצודריקן אײַך מײַן צופֿרידנקײַט מיט אײַער איבערזעצונג. יאָ, איר וועט זײַן מײַן איבערזעצער. איך שיק אײַך דערבײַ די איבערזעצונג פֿון „ראַסוועט". פֿאַרגלײַכן עס מיט אײַער פּרוּוו איז אַלצײנס, ווי פֿאַרגלײַכן פּאַריז מיט מאָסקווע אָדער מיט בערדיטשעוו.

איך האָב מאַמעש אַגמעס־נעפֿעש פֿון דער איבערזעצונג.

אויף ייִדיש: איבערזעצט — איבערגעפּירט.

זאָל זײַן אַזוי. איך וועל אײַך צושיקן אַלע פֿיר טײלן פֿון דעם קליינעם ראָמאַן, און איר וועט איבערזעצן פֿאַרן „סאָוורעמעניק". איך אײַל זיך, דעריבער ענדיק איך.

ש אָ ל ע ם־אַ ל ײ כ ע ם.

פּ.ס. די איבערזעצונג פֿון „ראַסוועט" שיקט מיר אָפּ צוריק נאָך דעם, ווי איר וועט ענדיקן אײַער איבערזעצונג. לויט מײַן מיינונג, דאַרפֿט איר ניט וואַרטן; איבערזעצט דערווײַל דעם דריטן טייל פֿון דער פּאָעמע, וואָס איז אָנגעמערקט פֿאַרן 3־טן נומער.

צווייטער בריוו

19. 6. 11

פֿילגעערטער אבראַם באָריסאָוויטש!

איך קער אײַך אום מײַן דערציילונג און מײַן לעצטע קאָרעקטור. איך בעט אײַך דורכקוקן נאָכאַמאָל, וואָס מע דאַרף פֿאַריכטן, און די פֿראַגע וועגן דרוקן לאָז איך אויף אײַער אײַנזען, אין אַ זשורנאַל, וווּ איר וועט געפֿינען פֿאַר מער פּאַסיק.

דעם נומער פֿונעם ביכל און האָנאָראַר פֿאַראָרדנט שיקן אויף מײַן אַדרעס. אין אַ באַזונדערער בראָשור אַרויסגעבן די דערציילונג דערלויבט ניט, ווײַל איך בין פֿאַרבונדן מיט אַן אָפּמאַך מיטן פֿאַרלאַג „סאָוורעמעניע פּראָבלעמי"

אַלדאָס בעסטע

ש.־אַ ל ײ כ ע ם.

דריטער בריוו

14. 8. 11

איך האָב ניט קעגן „אוטראַ ראַסיִי״. אָפּשיקן מיר צוריק דאַרף מען ניט. וואָס טוט מען מיט פינוסעס איבערזעצונגען? אין א וואָך ארום וועל איך באַקומען, אָבער שיקן ערגעץ אין א דאָרף זאַכארינאַ — קען איך ניט ריזיקירן. ס׳וועט אויסקומען, הייסט עס, וואַרטן ביז אָנהייב סענטיאַבער. און וואַרטן קאָן מען ניט. עס וועלן ניט לאָזן „פּראָבלעמי״ — שלעכט. וואָס טוט מען?

ש.־אַ ל ייכ ע ם.

פערטער בריוו

6 .9 .11

אַך, ווי פאַרדראָסיק! איצט דאַרף איך שרײַבן מײַנע ביידע פאַרלעגער וועגן דעם, אַז איר האָט געביטן אײַער אַדרעס. און אויך פינוסעס קסאַוויאַד (מ.־מענדל) וועל איך שוין אַרויסשיקן אײַך אין סימפעראָפּאָל, סטראַכירט. שרײַבט אָן אַהין, אַז מ׳זאָל פאַר אײַך פאַרהיטן דעם קסאַוויאַד, ווײַל דער מאַנוסקריפּט איז אָן אַ קאָפּיע.

אײַ ע ר ש.־אַ ל ייכ ע ם

פינפטער בריוו

24. 9. 11

ליבער אבראם באָריסאָוויטש!

איך מיין, אַז אײַך וועט זײַן אָנגענעם צו וויסן, אַז מײַן פאַרלאַג איז געבליבן צופרידן פון אײַער רעדאַקציע. איך שיק אײַך אײַער קאַרטל, וועלכע איר וועט מיר אומקערן. איך גלייב, אַז איר האָט שוין פאַרענדיקט מ. מענדל[ען].

שרײַבט. אַלדאָסגוטס

ש.־אַ ל ייכ ע ם

פּ.ס. געלייענט דעם ערשטן טייל אײַערן „גרייט[ע] טעג״[1]. דערווײַל קאָן איך בלויז זאָגן: זייער אָריגינעל. איך וואַרט אַף דער פאָרזעצונג. לשנה טובה תכתבו ותחתמו!

גם אתם![2]

זעקסטער בריוו

19. 3. 1912

אײַער קאַרטל פונעם 12 דעקאַבער פאָריקן יאָר, וואָס איר האָט געשיקט גאָר קיין נערווי און ס׳איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון איינער א מאַדאַם ראַבינאָוויטש, איז אַלפּי־נעס איצט אין מײַנע הענט (שוין אינגיכן א יאָר, ווי איך וווין אין איטאַליע). מיט אײַער רעדאַקציע פון די ערשטע אַרבעטן, איבערהויפּט מיטן VII ב., בין איך געבליבן אומצופרידן. איר האָט דורכגעלאָזט אויסערגעוויינלעכע זשאַרגאָניזמען און ניט־רוסישע אויסדרוקן, וואָס וווּנדערט מיך זייער. ווײַזט אויס, דאָס דורכקוקן איז געווען זייער א בעכיפּאָזנדיקס. אין איצטיקן מאָמענט איז בא מיר פאַראַן דער VIII ב. (כאָטש ניט אינגאַנצן, נאָר א העלפט), און איך ווייס ניט ניט אײַער איצטיקן אַדרעס, ניט אײַער ווילן מער אופמערקזאַם דורכצוקוקן און פאַריכטן דעם קסאַוויאַד.

מיט אַכטונג

ש.־אַ ל ייכ ע ם

---

[1] ווײַזט אויס, אַז דערמאַן האָט דאַן פּובליקירט אין א פּראָווינציעלער אויסגאַבע א גרעסערע דערציילונג „גרייטע טעג״. אין א בוך־פאָרם איז זי קיינמאָל ניט דערשינען. אַגעוו, מער האָט דערמאַן קיין פּראָזע ניט געשריבן.

[2] לעשאַנאַ טויוואַ טיקאַסייווו וועטיכאַסיימו. גאַם אַטעם — טראַדיציאָנעלער נײַיאָר־ווּנטש.

זיבעטער בריוו

[אָן א דאַטע. בעערעך אַפּרעל—מײַ 1912].

סימפעראָפּאָל

גנעדיקער הער אַבראַם באָריסאָוויטש!

א רייד איז געגאַנגען וועגן VI ב., און צוליב מײַן נאַכלעסיקײַט האָט זיך באַקומען א טאָעס. אַזויאַרום איז ניטאָ וואָס צו באַמרויקן ניט זשאַבאָטינסקין, ניט אַנ־סקין. נאָר איך בין שולדיק ניט אין דעם, נאָר מיט דעם, וואָס איך האָב אײַך באַשולדיקט אין אומופמערקזאַמקײַט, דאַן ווען מ׳האָט אײַך געדאַרפט פאַרוואַרפן מילדקײַט צום איבערזעצער. איך האָב ניט אונטערן האַנט דעם VI ב. (מ.־מענדל) און קאָן ניט אָנווײַזן אויף א גאַנצער ריי בלויזן; עס זײַנען דערלאָזט געוואָרן ניט־רוסישע ווערטער. און דאָס באַשטעטיקט אײַער מילדקײַט. איך געדענק נאָר איין אויסדרוק: באַ זיי ווערט געזאָגט: ער האָט זיך צעהעצקעט, צעלאָזט. דער איבערזעצער האָט געמאַכט: «он расскакался». איר האָט געלאָזט אַזוי. און געדאַרפט האָט מען: «разошелся» (אַזוי דוכט מיר). אַזויאַרום האָב איך גערעדט וועגן א בוך, וואָס איר האָט איבערגעקוקט און דעריבער בין איך ניט אינגאַנצן קיין מעשוגענער? נאָר אויב אין אײַלעניש האָב איך א וואָרף געטאָן א ניט־פּאַסיקן אויסדרוק און מיט דעם אײַך באַליידיקט, באַדויער איך אופריכטיק וועגן דעם און בעט מיר מויכל זײַן. איר אַרבעט 10 יאָר, און איך אינגיכן 30 יאָר; וואָלט איר געהערט, וואָסערע פאַרוואָרפן מײַנע רעדאַקטאָרן־פאַרלעגער דערלויבן זיך אַמאָל בענעגייע מיר! אויף אײַער אָרט, דה. באַ אײַער טעמפּעראַמענט, וואָלט איך באַדאַרפט אָדער אַרויסרופן זיי אויף א דועל, אָדער זיך אופהענגען. נאָכאַמאָל בעט איך מיר מויכל זײַן.

ש.־אַלײכעם

פּ. ס. וואָס איז מיט מײַן „דריידל“? מע בעט עס באַ מיר איבערזעצן. ביטע, שיקט צו.

וועגן די זיבן בריוו צו אַבראַם דערמאַנען

אויב ביז איצט האָט די שאָלעם־אַלײכעם־פאָרשונג זיך פאַרנומען מיט דער טעמע „שאָלעם־אַלײכעם און זײַן איבערזעצער“ בלויז אויפן סמאַך פון זײַן בריוו־אויסטויש מיט יודאַ פינוסן, קאָן שוין איצט די טעמע פאַרברייטערט ווערן. אפילו אָן די בריוו צו דערמאַנען וואָלט מען שוין אויך געקאָנט פאָרשן די טעמע ברייטער. ווײַל כוץ פינוסן האָבן שאָלעם־אַלײכעמען איבערזעצט ש. אַנ־סקי, אַנדריי סאָבאָל, סאַראַ ראַוויטש, א. מאַרקאָוו (דער איבערזעצער פון „סטעמפּעניו“), ע. פאַרכאָמאָווסקי, מ. אָסטראָווסקי אאַ.

די בריוו אָבער צו דערמאַנען האָבן א באַזונדערע באַדײַטונג. קוידעםקאָל דערוויסן מיר זיך, אַז צו פינוסן (פון וועמען שאָלעם־אַלײכעם האָט געהאַלטן שטאַרק) האָט ער געהאַלטן אַן „אונטערערדישן“ רעדאַקטאָר: דערמאַנען — פאַר פינוסעס איבערזעצונגען. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די בריוו באַשטעטיקן ווידער, וויאַזוי שאָלעם־אַלײכעם האָט געזאָרגט, אַז די איבערזעצונגען פון זײַנע ווערק אין רוסיש, פאַרן רוסישן לייענער, זאָלן זײַן וואָס שענער און וואָס בעסער.

אינטערעסאַנט איז די מײַסע מיט דער איבערזעצונג פון זײַן „שיר־השירים“ אין רוסיש־ייִדישן זשורנאַל „ראַסוועט“.

און נומער 14—15 1911 איז פובליקירט געוואָרן שאָלעם־אַלײכעמס „שיר־השירים“. די איבערזעצונג האָט שאָלעם־אַלײכעמען פאַרשאַפט גרויס אַגמעס־נעפעש. ער איז דערצאָרנט. ער בעט דערמאַנען, ער זאָל עס אָפּסנײַ איבערזעצן. דערבײַ שיקט ער אים אָן אויסשניט פונעם זשורנאַל מיט זײַנע האַנט־אויסבעסערונגען. צום גליק, האָט זיך עס פאַרהיט צוזאַמען מיט די בריוו. שאָלעם־אַלײכעמען געפעלן ניט אין טעקסט: папа, мама. ער מעקט עס אויס און שרײַבט צו: отец, мать. אָנשטאָט что Бузе следует мазлтов בעסערט ער אויס אויף поздравить. די ווערטער после шовуос מעקט ער אויס און שרײַבט צו после праздника. אין דער פּראַזע: А он все пристает: рассказы-вай, рассказывай מעקט אויס שאָלעם־אַלײכעם די צוויי ווערטער: все пристает. דאָס וואָרט сейдер בעסערט ער אויס אויף до вечерней трапезы.

שאָלעם־אַלײכעם וויל ניט אַרײַנפירן העברעיזמען אין דער רוסישער שפּראַך. באַם איבערזעצער: старым Бет Гамикдошом. שאָלעם־אַלײכעם מעקט עס אויס און שרײַבט צו: старым храмом. אָבער אײנצײַטיק פאַריכט ער אַזאַ זאַץ: Ну, здравствуй же! אויף Ну, шолом-алейхем.

אָט די אויסבעסערונגען שאָלעם־אַלײכעמס פאַרדינען א ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג.

א פּאָר ווערטער וועגן דערמאַנען. אַבראַם באָריסאָוויטש דערמאַן (1880—1952) — א סאָוועטישער קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער, האָט פאַרעפנטלעכט אַרבעטן וועגן טשעכאָוון און קאָראָלענקאָן, ווי אויך וועגן רוסישע סאָוועטישע שרײַבער. אין די סאָוועטישע יאָרן פובליקירט רעצענזיעס און אַרטיקלען אויך וועגן שאָלעם־אַלײכעמען.

דרײַ ווייניק באַוווּסטע בריוו פון שאָלעם־אַלייכעמען

דער באַוווּסטער ייִדישער געלערנטער ד״ר יאַקאָוו שאַצקי (1893—1956) האָט אַמאָל מיט רעכט געשריבן בײַ זײַנער אַ פּובליקאַציע פון פּערעצעס ניט־צונויפגענומענע בריוו:

„איך האַלט, אַז עס איז ניט נייטיק צו פאַרטיידיקן דעם פּרינציפּ פון איבערדרוקן בריוו, וואָס זײַנען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע ערטער און מעמיילע ניט יעדערן צוטריטלעך“ („ייִוואָ־בלעטער“, ווילנע, 1937, באַנד 12, ז. 146).

דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן בענעגייע שאָלעם־אַלייכעמס בריוו. צי ווייסט ווער־ניט־איז פונעם ברייטן לייענער, צי קאָן עמעצער פון אונדזער דאָר געדענקען שאָלעם־אַלייכעמס אַ בריוו, וואָס איז פּובליקירט געווען מיט 50 יאָר צוריק אין אַ רוסיש־ייִדישן זשורנאַל? אָדער, מעגלעך, אַז בלויז יעכידים געדענקען אַ צווייטן בריוו, וואָס איז געדרוקט געווען מיט אַ 30—35 יאָר צוריק אין אַ וואַרשעווער אויסגאַבע, אאַוו.

אַזוי־אַרום איז דער פּרינציפּ פון צונויפנעמען אַ בינטל בריוו און איבערדרוקן זיי געוויס באַרעכטיקט.

אַ בריוו צו מאָריס מייערן

קאָפּענהאַגען, 22 סעפּטעמבער [1915]

ליבער פרײַנט מאָריס מייער!

איך שרײַב אײַך שוין גאָר פון בעט. איך בין קראַנק געוואָרן פאַר צאָרעס און, דאַכט זיך, גאַנץ ערנסט. אויב נישט צו ערנסט. איצט וועל איך זיך פון דעם מאַלעכהאַמאָוועסעס הענט, דאַכט זיך, ניט אַרויסדרייען גלאַט.

דאָס הייסט, איך מיין, אַז איך געזעגן זיך מיט דער וועלט. אַר־וואַ, אין אַזאַ צײַט צו שטאַרבן! דאָס טוט אַ שוויטע. נאָר וואָס קאָן איך מאַכן? זיך מיִעס אַרײַנגעכאַפּט! אַז דעם דײַטש האָט זיך פאַרוואָלט אײַננעמען די גאַנצע וועלט, בין איך שולדיק. כאַ־כאַ! ווי אַ מענטש, וואָס קלערט פון יענער־וועלט און שמועסט מיט פּראָפעסאָרן וועגן אָפּעראַציעס, און אין האַרצן פיל איך, אַז דער טויט איז ניט ווײַט, ווילט זיך מיר זײַן אַ נאַר, דאָס הייסט געוויִעס זאָגן.

צי דער דײַטש וועט אײַננעמען די גאַנצע וועלט, צי ניין — נאָר זי, די וועלט, מיין איך, שטייט בײַ איבערגעבויט ווערן. אַ נײַע וועלט וועט זײַן, נײַע האָריזאָנטן זעען זיך אַרויס. מעדינעס וועלן כאָרעוו ווערן — מעדינעלעך וועלן געבויט ווערן. פעלקער וועלן צעריסן ווערן — און פעלקערלעך וועלן גענעזן ווערן. אונטער אַלע פעלקער וועט אויך אונדזער ייִדיש פאָלק געניסן דעם זכוס — אַ נײַע צײַט וועט קומען אַף אונדזער פאָלק ייִסראָעל, אַ מין מאָשיעכס צײַטן. אַ סאַך נעכאָמע, אַ סאַך נאַכעס, אַ סאַך טײַנעג און קאָוועד וועלן זיי דערלעבן, נאָך פיל צאָרעס. „נחמו נחמו עמי“[1] — וועלן אונדזערע איצטיקע פּראָפעטלעך זינגען. די ציִעניסטן וועלן זינגען זייער ליד — און ווו וועל איך דעמלט זײַן?.. איך ווייס דען אפילע, צי די דאָזיקע צײַלן וועלן אָנקומען צו אײַך? אַז זיי וועלן אָנקומען צו אײַך — לאָזט זיי אָפּדרוקן — און דאָס בלאַט שיקט מיר צו איינס אהער. איינס אין דער שווייץ. עס וועט זיך אַמאָל ענדיקן די וועלט־קאַטאַסטראָפע — לאָזן די קינדער לייענען, אויב איך וועל שוין דעמלט ניט זײַן. און אויב איך אַליין, איז דאָך אוואַדע גוט. עמעס, די וועלט וועט מיט מײַן אַוועקגיין ניט פאַרלירן גאָרניט, — איך וועל אָבער פאַרלירן אַזוי פיל. סאַמע בײַם דער מאָשיִעך, דער אַזוי לאַנג דערוואַרטעטער מאָשיִעך, די ריכטיקע ייִדישע פרײַהײַטן דאַרפן אָנקומען, וועל איך ניט זײַן, מײַנע אויגן וועלן ניט זען דעם באַפרײַטן ייִדן. נו, זאָלן כאָטש דערלעבן עס מײַנע קינדער!

נאָך אַ זאַך טוט מיר באַנק: מײַן אויטאָביִאָגראַפיע האָב איך ניט פאַרענדיקט און וועל שוין, דאַכט זיך, ניט פאַרענדיקן, כאָטש איך שרײַב צוביסלעך. און וועגן די דאָזיקע מעהומע־טעג פון דער מילכאָמע שרײַב איך אויך, אַזוי ווי איר האָט מיך געבעטן, און איך וועל אײַך עס צושיקן, שטיקלעכווײַז, בלעטלעכווײַז — דרוקט זיי. אַהיים אין רוסלאַנד קאָן מען ניט שיקן. קיין אַמעריקע איז אויך שווער. דרוקט איר כאָטש. נאָר זשאַלעוועט ניט צו שיקן אַהערצו די נומערן פון אײַער צײַטונג. איך האָב שוין לאַנג ניט געזען אַ ייִדיש וואָרט, כוץ וואָס מע שיקט מיר אויסשניטלעך מיט מײַנע אַרטיקלען. אַ שטיקל טרייסט כאָטש, וואָס מײַן גאַנצע פאַמיליע איז דאָ מיט מיר. אין ווייסט איר, פרײַנט, וואָס מײַן קראַנקײַט איז? איך גיי אויס פון דאָרשט. איך טרינק וואַסער — דער יאַם איז זוינציק. דאַנקען גאָט, איך בין באַוואָרנט, אַז כאָטש כ׳בין אַ פרעמדער אין לאַנד, פאַרוואָרפן, מיט אַ צאָלרײַכער פאַמיליע און אָן שום מיטלען צום לעבן (וואָרעם אין דער היים בין איך אינגאַנצן רויִנירט), פונדעסטוועגן וועל איך פון הונגער ניט שטאַרבן — פון דאָרשט!

גאָם זו לעטויווע! מע זאָל ניט זאָגן: שאָלעם־אַלייכעם איז געשטאָרבן פון הונגער. פע! פון דאָרשט איז שענער, ס׳איז אָריגינעל. פון הונגער שטאַרבן אַ סאַך ייִדן, פון דאָרשט — נאָר איין שאָלעם־אַלייכעם. מאַלאָדיעץ!

דאָ איז געווען אָן אָוונט יענע וואָך — צוגונסטן פון אָרעמע עמיגראַנטן פון דער וועלט־מילכאָמע, געווײַנלעך, מיט מײַן אָנטייל, און עס זײַנען געקומען אַלע ייִדן פון דענעמאַרק! אַלע אַרבעטער. עס האָט געמאַכט אַ ביסל

---

[1] נ א כ מ ו, נ א כ מ ו, א מ י — ווער געטרייסט, מײַן פאָלק.

געלט אויך, און איצט מאכן זיי דאָ א קיך פאר אַרעמעלײַט. איך האָב געלייענט, דער אוילעם האָט געלאכט, ווי געוויינלעך, נאָר קיינעם איז אף די גערדאנקען ניט ארופגעקומען, אז דער סאמע אָרעמסטער און אומגליקלעכסטער און פארוואָגלטסטער אימיגראנט — דאָס בין איך.

איך וועל אײַך שרײַבן, לויט אײַער פארלאנג, פון צײַט צו צײַט. לאָז אײַער בלאט זײַן דאָס איינציקע, ווו איך וועל זיך קאָנען דורכשמועסן מיט מײַנע ליבע ייִדן. אמעריקע איז פארשלאָסן, רוסלאנד איז כּוישעך וועאפלע — לאָז כאָטש בא אײַך איבערבלײַבן לעזיקאָרן א פאָר ווערטער פון אײַער פרײַנט דעם אייביקן נאווענאדניק

ש אָ ל ע ם ־ א ל י י כ ע ם.

דער בריוו צו מאָריס מייערן פאָדערט ניט קיין גרויסע פיירושים. ער איליוסטרירט נאָכאמאָל שאָלעם־אלייכעמס כּוש פאר פאָליטישע און געזעלשאפטלעכע פראָבלעמען. שאָלעם־אלייכעם זעט און פילט, אז א נײַע וועלט קומט מיט נײַע האָריזאָנטן פאר דער מענטשהײַט ביכלאָל און פאר ייִדן ביפראט. ניט געקוקט אף זײַן קרענק און אף דער שווערער מאטעריעלער לאגע, בלײַבט שאָלעם־אלייכעם דער שטענדיק פריילעך־לוסטיקער הומאָריסט. ער וויצלט זיך אפילע איבער זײַן שווערער נירן־קרענק... פון די בריוו דערויסן מיר זיך אויך, ווי עס האָט אים באנק געטאָן, וואָס דער „שיר־האשירים“ פון זײַן שאפונג — „פונעם יאריד“ — קאָן בלײַבן ניט פארענדיקט.

דער בריוו אין ייִדיש, צו מאָריס מייערן, דעם רעדאקטאָר פון דער לאָנדאָנער ייִדישער טעגלעכער צײַטונג „די צײַט“, איז פובליקירט אין ניו־יאָרקער זשורנאל „ייִדישע קולטור“, 1964, נומ. 5 (מײַ), ז. 18.

צו ווס. טשאגאָוועץ[1]

28. 3. 14

פארלאָזנדיק דעם פרעכטיקן נערווי, גיט מאעסטראָ שאָלעם־אלייכעם, דער אווטאָר פון „א זעקס־און־זעכציק“, לעקאָוועד זײַנע גוטעפרײַנט, רעדאקטאָרן און אבאָנעמענטן פון „קיִעווס[קאיא] מיסל“ א ייִדישן געזעגענונגס־קאמער־מיטיק אינעם אָרטיקן ייִדישן רעסטאָראן מימאָזא (אין דער פאלם־אלייע) מאָנטיק דעם 30 מארט איינס אזייגער באטאָג.

אויב אף דעם וועט קומען די באוויליקונג פון די אויבנדערמאָנטע גוטעפרײַנט, ווײַל דעם מיטיק דארף מען באשטעלן מיט צוויי טעג פריִער— 14.3.28.

די מעניו פונעם ייִד[ישן] געז[עגענונגס]־מיטיק:

רוסישער בראנפן. געהאק[טע] הערינג.

לעבער (אף שמאלץ) מיט ציבעלעס און רעטעך.

ריבא—פיש און געפילטער קארפ מיט פעפער. היגערשע יויך מיט לאָקשן. א געפרעגלט ענטל מיט א הייפטל קנאָבל. קארטאָפל, מערן. אן עפל־קוגל פון לאָקשן. שטרודל מיט ראָזינקעס. צימעס פון שוואַרצע פלוימען וועט זײַן א הייסער. ווײַן. קאָניאק. דעסערט פון פרוכטן און א זעקס־און־זעכציק אין פיר הענט. שאָלעם־אלייכעם.

דער אדרעסאט ווסעוואָלאָד טשאגאָוועץ, א באוווסטער רוסישער זשורנאליסט, א מיטארבעטער פון דער קיִעווער ליבעראלער צײַטונג „קיִעווסקאיא מיסל“, שאָלעם־אלייכעמס א לאנגיאָריקער גוטערפרײַנט. ווסעוואָלאָד טשאגאָוועץ איז געווען אן אקטיווער מיטארבעטער פון דער סאָוועטישער פרעסע אין אוקראַיִנע. פובליקירט אינטערעסאנטע זיכרוינעס וועגן שאָלעם־אלייכעמען.

טאקע אין איינע פון טשאגאָוועצס זיכרוינעס־פובליקאציעס איז געגעבן א פאָטאָ פון אָט דעם לעצאָנעס־בריוול...

---

[1] איבערזעצט פון רוסיש.

ביבליאָגראַפיע

אבע פינקעלשטיין

ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער אין די יאָרן 1964—1955

פאר די לעצטע צען יאָר (1955—1964) זײַנען אין סאָוועטנפארבאנד דערשינען 291 ביכער פון 98 ייִדישע שרײַבער מיט א טיראזש פון העכער 26 מיליאָן עקזעמפליארן. זיי זײַנען ארויסגעגעבן געוואָרן אף 15 שפּראכן פון די סאָוועטישע פעלקער און אף עטלעכע אויסלענדישע שפּראכן.

מיר ברענגען דאָ א פולע ביבליאָגראפישע רעשימע פון די ביכער לויט די אָנגאבן פון דער אלפארבאנדישער ביכער־פּאלאטע.

די רעשימע איז געגעבן לויטן סיידער פונעם ייִדישן אלעפבייס. אויב דאָס בוך איז דערשינען ניט אין רוסיש, ווערט אין קלאמערן אָנגעוויזן די שפּראך, אף וועלכער דאָס בוך איז ארויס. אויב דער איבערזעצער איז ניט אָנגעוויזן, באטײַט עס, אז דאָס בוך איז איבערגעזעצט דורך א קאָלעקטיוו אווטאָרן. די געקירצטע ווערטער לייענען זיך אזוי: מ. — מאָסקווע; ז. — זײַטן; ט. — טיראזש; עקז. — עקזעמפּליארן; איל. — איליוסטרירט (איליוסטראציעס); צייכ. — צייכענונג (צייכענונגען); ב. — באנד; פּ־ג — פארלאג; (אָ. ט.) — טיראזש ניט אָנגעוויזן.

1. א ז ו י ל ע ב ן מ י ר. זאמלונג פון דאָקומענטאלע נאָוועלן, פארצייכענונגען, רעפּאָרטאזשן. אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע פון ארן ווערגעליס. קינסטלער — ג. קראווצאָוו. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״ — „סאָוועטיש היימלאנד״, 1964, 486 ז., ט. 15 000 עקז. (ייִדיש). אינהאלט: פּאָרוואָרט; אלעקסאנדער גובניצקי: אייגענע מענטשן; טעוויע גען: אין ביראָבידזשאן (רײַזע־נאָטיצן); אווראָם גאָנטאר: א געוויינלעכע מישפּאָכע; שמועל גאָרדאָן: צעלינא; שירע גאָרשמאן: קומט, ווען די טולפּאנען בליִען; יעכיִעל שרײַבמאן: מײַן יונגער פּראָספּעקט; יויסעף קערלער: אוראלער מאָזאיִק; מאָטל סאקציִער: דער ייִכעס־בוים; הערשל פּאָליאנקער: א גאסט פון אויסרײַסעניש; כאיִם מעלאמוד: לייב ווילשאנסקי, זײַנע זין און טעכטער. — באם בריגאדיר; אירינע ראדונסקע: א נעסיִע צום „עק וועלט״; אויזער האָלדעס: ארבעט איז א טאלאנט; יעכיִעל פאליקמאן: זיי זײַנען פון וויטעבסק; שלוימע ראבינאָוויטש: נײַע שטריכן; מייער יעלין: א פּארצייכענונג וועגן א דירעקטאָר; מאָטל גרוביאן: אין וועג; הירש פּלאסקאָוו: אונדזער אלעמענס טרוים; ז. ווענדראָף: יוגנט — אונדזער אויצער; ארן ווערגעליס: צוואנציק טעג אין אמעריקע; קורצע ביִאָגראפישע יעדיִעס וועגן די אווטאָרן.

2. א ל ט מ א ן מ ו י ש ע. וואָרצלען. דערציילונגען. פון ייִדיש — א. ליובאָמירסקי. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1959. 132 ז., ט. 30 000 עקז.

3. א ל ט מ א ן פּ י י ס י. אויסגעוויילטע ווערק. פון ייִדיש — ע. רײַצין. קיִעוו, „ראדיאנסקי פּיסמעניק״, 1957. 304 ז., ט. 14 000 עקז.

4. א ק ס ע ל ר אָ ד ז ע ל י ק. פּרימאָרגן־שײַן. לידער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1963. 123 ז., ט. 7 500 עקז.

5. א ר אָ נ ס ק י מ ו י ש ע. אויסגעוויילטע ווערק [פּראָזע]. פון ייִדיש — יע. פּארכאָמאָווסקאיא. קיִעוו, „דערזשליטווידאוו״, 1958. 407 ז., ט. 10 000 עקז. (אוקראיִניש).

6. אָ ל ע ו ו ס ק י ב ו ז י. אָשערל און זײַנע פרײַנט. דערציילונגען. פאר קינדער. פון ייִדיש — ל. יודקעוויטש. צייכ. — י. קאבאנאָוו. מ., דעטגיז, 1956. 158 ז., ט. 30 000 עקז.

7. — אין קלאָרן פרימאָרגן. לידער און דערציילונגען. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1960. 103 ז., ט. 3000 עקז.

8. אָ ש ע ר אָ ו ו י ט ש ה י ר ש. מײַן גוטער קליאָן. לידער און פּאָעמעס. פון ייִדיש — א. טארקאָווסקי. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1962. 105 ז., ט. 5000 עקז.

9. — דער האָניק פון ויסן. געוויילטע לידער. איל. — לידע און לעאָן גלינסקי. ווילניוס, „וואגא״, 1964. 163 ז., ט. 6000 עקז. (ליטוויש).

10. ב א ל י א ס נ ע ר י ו ו ע. יוגנט מײַנע. לידער און א פּאָעמע. קיִעוו, „ראדיאנסקי פּיסמעניק״, 1961. 106 ז., ט. 2000 עקז. (אוקראיִניש).

11. — שניי און שטילקײַט. לידער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1961. 69 ז., ט. 1500 עקז.

12. ב אָ ר י ס אָ ו ו א י ס א ק. אין א מאזלדיקער שאָ. לידער און פּאָעמעס. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1962. 151 ז., ט. 8400 עקז.

13. ב ו כ ב י נ ד ע ר י ו י ס ע ף. דער לעצטער שניי. לידער. פון ייִדיש — ד. בראָדסקי. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1964. 56 ז., ט. 6000 עקז.

14. ב ו י מ װ אָ ל ר אָ כ ל. די בלאָווע הענטשקע. מײַסעס פאר קליינע קינדער. איל. — וו. לאָסין. מ., דעטגיז, 1955. 17 ז., ט. 100 000 עקז.

ד אָ ס ז ע ל ב ע: 15) מ., פּ־ג פון ליטעראטור אף אויסלענדישע שפּראכן, 1957. 20 ז., ט. 60 000 עקז. (הינדי); 16) מ., פּ־ג פון ליטעראטור אף אויסלענדישע שפּראכן, 1957. 17 ז., ט. 50 000 עקז. (ענגליש); 17) מ., פּ־ג פון ליטעראטור אף אויסלענדישע שפּראכן, 1957. 18 ז., ט. 60 000 עקז. (בענגאליש); 18) באקו, „דעטיוניזדאט״, 1957. 16 ז., ט. 20 000 עקז. (אזערבײַדזשאניש); 19) מ., דעטגיז, 1959. 16 ז., ט. 300 000 עקז.;

20) מ., פ־ג פון ליטעראטור אף אויסלענדישע שפראכן, 1960. 16 ז., ט. 20 000 עקז. (שפאניש); 21) מ., דעטגיז, 1963. 16 ז., ט. 1 350 000 עקז.

22. — די געשטרייפטע גאנדז. מײַסעס פאר קליינע קינדער. צייכ. — מ. לעמקול. מ., דעטגיז, 1957. 16 ז., ט. 200 000 עקז.

דאָס זעלבע: 23) ריגע, „לאטגאָסיזדאט“, 1959. 16 ז., ט. 30 000 עקז. (לעטיש); 24) מ., דעטגיז, 1961. 16 ז., ט. 150 000 עקז.

25. — איך העלף דער מאמען. פאר קליינע קינדער. צייכ. ס. בעיאלקאָווסקאיא. מ., „דעטסקי מיר“, 1958. 10 ז., ט. 150 000 עקז.

26. — זון און ווינט. לידער פאר קליינע קינדער. איל. ד. כײַקין. מ., דעטגיז, 1958. 16 ז., ט. 225 000 עקז.

27. — לידער. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1958. 223 ז., ט. 5000 עקז.

28. — פשיק! פאר קליינע קינדער. צייכ. — ס. בעיאלקאָווסקאיא. מ., „דעטסקי מיר“, 1959. 10 ז., ט. 125 000 עקז.

29. — כאנוקאס־האבאיִס. פאר קליינע קינדער. צייכ. — ע. קאָוואלדיג. מ., „דעטסקי מיר“, 1961. 10 ז., ט. 150 000 עקז.

30. — א סאך טשיקאווע זאכן. פאר קליינע קינדער. צייכ. — מ. סאלטיקאָוו. מ., „דעטסקי מיר“, 1961. 10 ז., ט. 150 000 עקז.

31. — פארשיידענע מײַסעלעך. פאר קינדער. איל. — יע. מאָנין. מ., „דעטסקי מיר“, 1962. 29 ז., ט. 115 000 עקז.

32. — בערעלעס ביכל. פאר קליינע קינדער. איל. — וו. פיאָדאָראָוו. מ., „דעטסקי מיר“, 1962. 12 ז., ט. 150 000 עקז.

33. — מײַסעס פאר דערוואקסענע. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1963. 173 ז., ט. 30 000 עקז.

34. — די גרעסטע מאטאָנע. דערציילונגען פאר קליינע קינדער. צייכ. — א. פאכאָמאָוו. מ., דעטגיז, 1963. 21 ז., ט. 350 000 עקז.

35. בוימוואָל ראָכל און טעלעסין זיאמע. דאָס קעמעלע מיט צוויי הויקערלעך. דערציילונג פאר קליינע קינדער. איל. — וו. מעדוועדיעוו. מ., „דעטסקי מיר“, 1959. 22 ז., ט. 100 000 עקז.

36. בערגעלסאָן דאָוויד. אויסגעוויילטע ווערק. דערציילונגען. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1957. 432 ז., ט. 30 000 עקז.

37־38. — באם דניעפער. ראָמאן. אין 2 בענדער. מ., גאָסליטיזדאט, 1960.

ב. 1. פון יִדיש — ב. כ. טשערניאק. 423 ז., ט. 75 000 עקז.

ב. 2. פון יִדיש — מ. מ. באמדאס און צ. ל. בערגעלסאָן. רעדאקציע און נאָכוואָרט — עמ. קאזאקעוויטש. 471 ז., ט. 75 000 עקז.

39. — אויסגעוויילטע ווערק. דערציילונגען. פאָרוואָרט — ה. רעמעניק. גראַוויורן — ג. קראַוצאָוו. מ., גאָסליטיזדאט, 1961. 764 ז., ט. 30 000 עקז. (יִדיש).

40. בערעגאָווסקי מ. יִדישע פאָלקסלידער מיט נאָטן (רוסיש און יִדיש). מ., „סאָוועטסקי קאָמפאָזיטאָר“, 1962. 250 ז., ט. 1550 עקז.

41. גאָדינער שמועל. דערציילונגען. פון יִדיש — מ. טייף. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1961. 294 ז., ט. 30 000 עקז.

42. גאָלדענבערג שימען. זוניקע סאָנאטע. אויסגעוויילטע דערציילונגען. פאָרוואָרט — מ. טאלאלאיעווסקי. קיִעוו, „ראדיאנסקי פיסמעניק“, 1958. 282 ז., ט. 14 000 עקז. (אוקראיִניש).

43. גאָלדשטיין מוישע. בירָאָבידזשאנער אפן אמור. פון יִדיש — מ. א. שאמבאדאל. פאָרוואָרט — ארן ווערגעלים. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1958. 201 ז., ט. 30 000 עקז.

44. גאָנטאר אווראָם. זילבערנע פעדעם. לידער. איל. — ר. א. סינעלניקאָוו. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1957. 187 ז., ט. 5000 עקז.

45. — די שטאָט פון טרוימען. לידער. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1963. 114 ז., ט. 7000 עקז.

46. גאָרדאָן עליע. דערציילונגען. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1957. 471 ז., ט. 30 000 עקז.

47. — דרײַ ברידער. דערציילונגען. נאָכוואָרט — וו. וואסילעווסקי. מ., גאָסליטיזדאט, 1962. 463 ז., ט. 30 000 עקז.

48. גאָרדאָן שמועל. אין וועג. דערציילונגען און פארצייכענונגען. פון יִדיש — מ. א. שאמבאדאל. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1957. 262 ז., ט. 30 000 עקז.

49. גאָרשמאן שירע. דער דריטער דאָר. נאָוועלן און דערציילונגען. פון יִדיש — ס. ראָדאָוו. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1963. 212 ז., ט. 30 000 עקז.

50. גובניצקי אלעקסאנדער. שאָפערן (מײַן יִכעס). דערציילונגען. פון יִדיש — מ. א. שאמבאדאל. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1959. 199 ז., ט. 30 000 עקז.

51. גורשטיין ארן. אויסגעוויילטע ארטיקלען. פאָרוואָרט — וו. וו. זשדאנאָוו. צונויפגעשטעלט — י. סערעבריאני. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1959. 256 ז., ט. 5000 עקז.

52. גען טעוויע. באשיידענע מענטשן. דערציילונגען. פון יִדיש — דער אווטאָר. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1962. 342 ז., ט. 30 000 עקז.

53. גרוביאן מאָטל. איך האָב דיך גערופן, לעבן. לידער. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1958. 199 ז., ט. 5000 עקז.

54. — קוואלן. לידער. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1962. 116 ז., ט. 6500 עקז.

55. דאָבין הירש. דערציילונגען. פון יִדיש — יא. סלאָנים. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1956. 247 ז., ט. 30 000 עקז.

56. דאָברושין יעכעזקל. ליטעראריש־קריטישע ארטיקלען. צונויפגעשטעלט — ע. פאלקאָוויטש. פון יִדיש — א. בעלאָוו. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1964. 267 ז., ט. 3000 עקז.

57. דאָלגאָפאָלסקי צאָדעק. בא די ברעגן פון סילווע. דערציילונגען. מינסק, מעלוכע־פ־ג פון ווססר, 1955. 152 ז., ט. 10 000 עקז.

58. — קאיאָר (פונעם אמאָל). דערציילונגען פאר מיטעלע און עלטערע קינדער. איל. — ג. קליקושין. מינסק, מעלוכע־פ־ג פון ווססר, 1957. 109 ז., ט. 10 000 עקז.

59. — פינף בלומען־בלעטעלעך. דערציילונגען. מינסק, מעלוכע־פ־ג פון ווססר, 1959. 240 ז., ט. 10 000 עקז.

60. דרוקער אירמע. קלעזמער. ראָמאן. פון יִדיש — י. גורעוויטש און יאנקעוו לעווין. איל. — ס. ס. ווערכאָווסקי און ד. נ. לעאָן. מ., „סאָוועטסקי פיסאטעל“, 1964. 283 ז., ט. 30 000 עקז.

61. דריז שיקע. דער פרייליכער בעקער. לידער און מײַסעס (פאר קינדער פון מיטעלן עלטער). פון יִדיש — ט. ספענדיאראָוו. פאָרוואָרט — ל. קאסיל. צייכ. — מ. צייטלין. מ., דעטגיז, 1959. 128 ז., ט. 35 000 עקז.

62. דאָס זעלבע. פון ייִדיש — ק. קאָנדער. קעשענעוו, „קארטיא מאָלדאָוועניאַסקע“, 1962. 32 ז., ט. 4000 עקז. (מאָלדאווייש).

63. — א טרונק וואסער. לידער (פאר קליינע קינדער). איל. — נ. צייטלין. מ., דעטגיז, 1960. 9(7) ז., ט. 300 000 עקז.

64. דאָס זעלבע. פון ייִדיש — ט. ספּענדיִאַראָוו. צייכ. — א. סאוו־טשענקאָ און ק. קארפּאָוו. מ., „דעט־סקי מיר“, 1960. 10 ז., ט. 100 000 עקז.

65. — אין די זומער־היצן. לידער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1961. 92 ז., ט. 2500 עקז.

66. — דעם קיניגס צעפּעלע. לי־דער. א מייַסע (פאר קליינע קינדער). פון ייִדיש — ט. ספּענדיִאַראָוו. איל. — ו. מינאיעוו. מ., „דעטסקי מיר“, 1961. 15 ז., ט. 110 000 עקז.

67. — דער פּיקהאָלץ. לידער פאר קינדער. פון ייִדיש — ט. ספּענדיִאַ־ראָוו, איל. — ג. קארלאָוו. מ., „דעט־סקי מיר“, 1962. 16 ז., ט. 200 000 עקז.

68. — דאָס נייַגעריקע ייִנגל. לידער פאר קינדער. פון ייִדיש — ר. סאפּא. צייכ. — נ. צייטלין. מ., דעטגיז, 1963. 18 ז., ט. 310 000 עקז.

69. — די גרינע שנייַדערס. לידער פאר קינדער. פאָרוואָרט — מיכאיִל סוועטלאָוו. צייכ. — נ. צייטלין. מ., דעטגיז, 1963. 96 ז., ט. 35 000 עקז.

70. — ווער בין איך? לידער פאר קינדער. פון ייִדיש — ט. ספּענדיִא־ראָוו. צייכ. — וו. לאזארעווסקאיא. מ., „דעטסקי מיר“, 1963. 12 ז., ט. 200 000 עקז.

71. — פארוואָס האָט א האָן קורצע פליודערן. לידער פאר קינדער. פון ייִדיש — מ. זאמאכאָווסקאיא. צייכ. — ו. אנדריִעוויטש. מ., „דעטסקי מיר“, 1963. 12 ז., ט. 200 000 עקז.

72. — נייַס אין א קניפּל. לידער. א מייַסע. פון ייִדיש — ט. ספּענדיִאראָוו. צייכ. — נ. צייטלין. מ., „דעטסקאיא ליטעראטורא“, 1964. 20 ז., ט. 310 000 עקז.

73. האלקין שמועל. לידער. באלאדעס. דראמען. אונטער דער רע־דאקציע פון מ. ס. פּעטראָוויך. מ., גאָסליטיזדאט, 1958. 543 ז., ט. 20 000 עקז.

74. — לידער. מ., גאָסליטיזדאט, 1962. 295 ז., ט. 5000 עקז.

75. — לידער פון די לעצטע יאָרן. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1962. 215 ז., ט. 7800 עקז.

76. הארצמאן מאָטל. לידער. אריַינפיר — פּ. אוסענקאָ. קיִעוו, „ראדיאנסקי פּיסמעניק“, 1955. 128 ז., ט. 4500 עקז. (אוקראַיִניש).

77. האָפּשטיין דאָוויד. אויס־געוויילטע לידער. אריַינפיר — מאק־סים רילסקי. צונויפשטעלער — פּ. האָפּשטיין־ביבערמאן, ש. כאַלאַדענקאָ און וו. עלינג. מ., „סאָוועטסקי פּיסא־טעל“, 1958. 390 ז., ט. 5000 עקז.

78. — לידער. נאָכוואָרט — מאק־סים רילסקי. צונויפשטעלער — פּ. האָפּשטיין־ביבערמאן און ש. כאַלאַ־דענקאָ. מ., גאָסליטיזדאט, 1961. 319 ז., ט. 7500 עקז.

79. העלמאָנד שמועל און דיִאמאנט הירש. לידער. פאָר־וערטער — סטעפּאן אָליַיניק און א. קאצנעלסאָן. קיִעוו, „ראדיאנסקי פּיסמעניק“, 1959. 182 ז., ט. 2000 עקז. (אוקראַיִניש).

80. העלמאָנד שמועל. די גליִונג. לידער. פון ייִדיש — וו. סי־קאָרסקי. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1963. 74 ז., ט. 7000 עקז.

81. וואָלקענשטיין דאָוויד. זון־אויפגאנג. ראָמאן. בוך איינס. פון ייִדיש — א. נוסינאָוו. מ., „סאָוועט־סקי פּיסאַטעל“, 1960. 259 ז., ט. 30 000 עקז.

82. ווייַנערמאן כאָנע. פּו־נעם ריינעם הארצן. לידער. אָדעס, געגנטלעכער ביכער־פ״ג, 1958. 116 ז., ט. 3000 עקז. (אוקראַיִניש).

83. — איך ליב און גלייב. לידער. אָדעס, געגנטלעכער ביכער־פ״ג, 1962. 127 ז., ט. 2400 עקז. (אוקראַיִניש).

84. — פרילינג־געזאנגען. לידער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1962. 119 ז., ט. 5000 עקז.

85. ווענדראָף ז. דערציילונגען וועגן דעם אמאָל. פון ייִדיש און נאָכ־וואָרט — ריווקע רובין. איל. —פּ. פּאָליעשטשוק. מ., „סאָוועטסקי פּיסא־טעל“, 1957. 274 ז., ט. 30 000 עקז.

86. — טעג און יאָרן. דערציילונ־גען. איל. — פּ. פּאָליעשטשוק. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1962. 383 ז., ט. 30 000 עקז.

87.ווערגעליס ארן. דאָרשט. לידער און פּאָעמעס. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1956. 120 ז., ט. 5000 עקז.

88. — די צווייטע באגעגעניש. לי־דער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1961. 151 ז., ט. 2500 עקז.

89. זאבארע נאטאן. דער טאטעס, ראָמאן. פון ייִדיש — א. ליו־באָמירסקי. איל. — וו. כאָדאָראָווסקי. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1961. 282 ז., ט. 30 000 עקז.

90. זילבערמאן כאיִם. און אופשטאנד אונטער דער ערד. דערציי־לונגען. פון ייִדיש — אי. פּ. קודריאוו־צעווא. איל. — יע. יע. לאנסערע. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1962. 312 ז., ט. 30 000 עקז.

91. טאלאלאיעווסקי מאָטל. לידער. קיִעוו, „ראדיאנסקי פּיסמע־ניק“, 1956. 121 ז., ט. 2000 עקז. (אוקראַיִניש).

92. — פּיעסן. קיִעוו, „ראדיאנסקי פּיסמעניק“, 1958, 266 ז., ט. 3000 עקז. (אוקראַיִניש).

93. — א מאמעס הארץ (א מייַסע אין 3 אקטן). איבערז. — ל. ווישע־סלאווסקי. מ., „וואָאפּ“, 1958 (אָ. ט.).

94. דאָס זעלבע. קיִעוו „דערזשליטווידאוו“, 1962. 60 ז., ט. 3000 עקז. (אוקראַיִניש).

95. — ווערע. פּיעסע אין 3 אקטן. הויפּט־פארוואלטונג פון טעאטערן און מוזיקאלישע אנשטאלטן באם קולטור־מיניסטעריִום פון אוססר, 1961. (אָ. ט. אוקראַיִניש).

96. — עמעס און שעקער. א מייַסע אין 3 אקטן מיט א פּראָלאָג. מ., „וואָאפּ“, 1962 (אָ. ט.).

97. — זוניקער הארבסט. לידער. פון ייִדיש — אלעקסאנדער אויסלענ־דער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1964. 88 ז., ט. 6000 עקז.

98. טייטלבוים דאָרע. די באלאדע וועגן ליטל־ראָק. פון ייִדיש — י. גורעוויטש און יו. ניימאן. מ., פּ״ג פון ליטעראטור אף אויסלענדישע שפּראכן, 1960. 38 ז. (אָ. ט.).

99. טייף מוישע. אויסגע־וויילטע לידער. מ., „סאָוועטסקי פּי־סאַטעל“, 1958. 155 ז., ט. 5000 עקז.

100. — דער טקיִעס־קאָף. לידער און פּאָעמעס. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1964. 106 ז., ט. 10 000 עקז.

101. טעלעסין זיאמע. לע־בעדיקע וואָרצלען. לידער און פּאָע־מעס. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1957. 190 ז., ט. 5000 עקז.

102. — דעם זיידנס קוטשמע. לי־דער פאר קליינע קינדער. צייכ. — סאפּאָכין. מ., „דעטסקי מיר“, 1958. 10 ז., ט. 400 000 עקז.

103. דאָס זעלבע. איל. — י. קאבאקאָוו. מ., דעטגיז, 1959. 62 ז., ט. 35 000 עקז.

104. — פליוך־פליוך. לידער פאר קליינע קינדער. צייכ. — נ. בערענד־האָף. מ., „דעטסקאיא ליטעראטורא“, 1964. 21 ז., ט. 150 000 עקז.

105. יודלסאָן ארן. באגריסונג. לידער און א פּאָעמע. מינסק, מעלוכע־פ״ג פון ווסער, 1961. 60 ז., ט. 2000 עקז. (ווײַסרוסיש).

106. יידישע אוטאָנאָמע געגנט. זאמלונג. בירא־בידזשאַן. כאַבאַראָווסק, ביכער־פ״ג, 1960. 163 ז., ט. 3000 עקז. (יידיש).

107. כאַריק איזי. לידער און פּאָעמעס. רעדאקציע און פּאַרוואָרט — ארן ווערגעליס. צונויפגעשטעלט — ז. מאטלינא־כאַריק. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1958. 287 ז., ט. 5000 עקז.

108. — אויסגעוויילטע ווערק. לידער. פּאַרוואָרט — ה. בעריאַזקין. צונויפשטעלער: ד. מאטלינא־כאַריק און ה. בעריאַזקין. מינסק, מעלוכע־פ״ג פון ווסער, 1958. 182 ז., ט. 4000 עקז. (ווײַסרוסיש).

109. כאַלאַדענקאָ שיפרע. דער נאָענטסטער מענטש. לידער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1960. 103 ז., ט. 2000 עקז.

110. כאַראַל דווירע. די מורעשקע. לידער. פאר קליינע קינדער. איל. — ל. זוסמאַן. מ., דעטגיז, 1956. 16 ז., ט. 300 000 עקז.

111. דאָס זעלבע: מ., „דעטסקאיא ליטעראַטורא״, 1964. 21 ז., ט. 300 000 עקז.

112. — די בלאַנדינקע. לידער פאר קליינע קינדער. צייכ. — א. קאַלייניקאָוו. מ., דעטגיז, 1958. 18 ז., ט. 225 000 עקז. דאָס זעלבע: (113) מ., דעטגיז, 1959. 18 ז., ט. 110 000 עקז. (114) מ., דעטגיז, 1960. 17 ז., ט. 300 000 עקז.

115. — אין וואַלד. לידער פאר קליינע קינדער. פון יידיש — ק. ראווינסקאיא. צייכ. — וו. דאַמאַגאַצקי. מ., „דעטסקי מיר״, 1958, 12 ז., ט. 200 000 עקז.

116. — דער אוטאָמאָביל. לידער פאר קליינע קינדער. פון יידיש — ט. ספּענדיאַראָוו. צייכ. — וו. קראַסנאָווסקי. מ., „דעטסקי מיר״, 1961. 12 ז., ט. 200 000 עקז.

117. כײַקין דווירע. דאָס לעבן גייט. לידער. קיִעוו, „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק״, 1962. 138 ז., ט. 8000 עקז. (אוקראַיִניש).

118. — טרײַהײַט. לידער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1964. 74 ז., ט. 8000 עקז.

119. לידער פון יידישע פּאָעטן. זאמלונג. מ., „פּראַוודא״, 1964. 32 ז., ט. 103 000 עקז. (ביבליאָטעק „אָגאָניאָק״, נומ. 38). פּאַרוואָרט — א. ווערגעליס. אין דער זאמלונג גייען אַרײַן לידער פון: מאָטל גרוביאַן, איסאַק באַריסאָוו, שיפרע כאַלאַדענקאָ, ארן ווערגעליס, יאַנקעוו שטערנבערג, מוישע טייף, אווראָם גאָנטאַר, זיאמע טעלעסין, שיקע דריז, ראָכל בוימוואָל, מענדל ליפּשיץ, יוסעף קערלער, מאָטל שטורמאַן און דאָוויד בראָמבערג.

120. לוריע נאָטע. דער סטעפּ רופט. ראָמאַן. פון יידיש — לוריע־גריבאָווא און ריווקע רובין (איבערגעאַרבעטע אופלאגע). מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1958. 374 ז., ט. 30 000 עקז.

121. לוריע נויעך. וואַלד־שטילקײַט (די געשיכטע פון איינעם א יִשעוו). דערציילונג. פון יידיש — דער אווטאָר. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1957. 316 ז., ט. 15 000 עקז.

122. — וואַלד־שטילקײַט. אויסגעוויילטע דערציילונגען. פון יידיש — דער אווטאָר. נאָכוואָרט — וו. סמירנאָווא. צונויפגעשטעלט — יע. גאַראַדעצקאיא־לוריע. מ., גאָסליטיזדאַט, 1961. 455 ז., ט. 75 000 עקז.

123. — עלטער אף איין נאכט. פון יידיש — דער אווטאָר. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1963. 304 ז., ט. 30 000 עקז.

124. לויצקער כאַיִם. שאַלעם־אלייכעם (מאטעריאַלן צו א לעקציע). קיִעוו, אוקראַיִנישע געזעלשאַפט פאר פאַרשפּרייטן פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע קענטעניש (סעריע 14, נומ 4), 1959. 32 ז., ט. 14 600 עקז. (אוקראַיִניש).

125. ליפשיץ מענדל. פון קוואַל. לידער. פון יידיש — א. קליאַנאָוו. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1957. 143 ז., ט. 5000 עקז.

126. — דאָס געזאַנג וועגן דער מישפּאָכע באַרס. פּאָעמע. פון יידיש — יו. שאַוערין. מ., „מאָלאָדאיא גוואַרדיאַ״, 1962. 54 ז., ט. 3000 עקז.

127. — אָפּן דעם פונעם הימל. לידער פאר קינדער. פון יידיש — ר. מאראַן. מ., דעטגיז, 1963. 77 ז., ט. 35 000 עקז.

128. לעווי מישע. פּאַרטיזאַנישע וועגן. דערציילונגען. פון יידיש — י. גורעוויטש. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1958, 271 ז., ט. 30 000 עקז.

129. לעווין כאָנע. דאָס אייניקל טאַראַסיק. א מײַסע פאר קליינע קינדער. צייכ. — יע. ציווירקאָ. קיִעוו, „דיטווידאַוו״, 1957. 22 ז., ט. 150 000 עקז.

130. — דאָס קאַטשקעלע. מײַסעלעך פאר קליינע קינדער. צייכ. — ג. טאַיראָוו. קיִעוו, „דיטווידאַוו״, 1958. 94 ז., ט. 150 000 עקז. (אוקראַיִניש).

131. — א וואונדערלעכער בריוו. דערציילונג פאר קינדער. פון יידיש — נ. זאַבילאַ. צייכ. — א. וואַסיליעוו. קיִעוו, „דיטווידאַוו״, 1960. 42 ז., ט. 65 000 עקז. (אוקראַיִניש).

132. — לידער. פון יידיש — מ. פּריגאַראַ. קיִעוו, „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק״, 1961. 70 ז., ט. 3000 עקז. (אוקראַיִניש).

133. — דער ערשטער רעגן. לידער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1963. 71 ז., ט. 4000 עקז.

134. מאַלטינסקי כאַיִם. האַרטנעקיקײַט. לידער. טאַשקענט, גאָסליטיזדאַט פון דער אוזבעקישער ססר. 1960. 40 ז., ט. 3000 עקז.

135. — מײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך. לידער פאר קינדער. איל. — וו. קאַנדער. מינסק, מעלוכע־פ״ג פון ווסער, 1962. 79 ז., ט. 8000 עקז. (ווײַסרוסיש).

136. — צוזאַמען מיט די זין. לידער און א פּאָעמע. מינסק, מעלוכע־פ״ג פון ווסער, 1963. 179 ז., ט. 2000 עקז. (ווײַסרוסיש).

137. מאַלטינסקי כאַיִם. און רעלעס הירש. איינאַקטערס (פּיעסן). פון יידיש — מ. סטרעלצאָוו. מינסק, „בעלאַרוס״, 1964. 30 ז., ט. 5000 עקז. (ווײַסרוסיש).

138. מאַרקיש פּערעץ. אויסגעוויילטע ווערק. לידער און פּאָעמעס. פּאַרוואָרט — ב. לאַווראַניאָוו. צונויפגעשטעלט — ע. לאַזעבניקאָווא־מאַרקיש און ארן ווערגעליס. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1957. 416 ז., ט. 10 000 עקז.

139—140. — אויסגעוויילטע ווערק אין 2 בענדער. פּאַרוואָרט — ה. רעמעניק. צונויפגעשטעלט — ע. לאַזעבניקאָווא־מאַרקיש און ארן ווערגעליס. מ., גאָסליטיזדאַט, 1960.

ב. 1. לידער. 383 ז., ט. 20 000 עקז.;

ב. 2. פּאָעמעס. 319 ז., ט. 20 000 עקז.

141. מילער בוזי. אונטערן רעגנבויגן. דערציילונגען. פון יידיש — מ. א. שאַמבאַדאַל. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1959. 164 ז., ט. 15 000 עקז.

142. מעלאַמוד כאַיִם. וואַסילי אַרבוזאָוו און זײַנע פרײַנט. פאַרצייכענונג. סטאַניסלאַוו, געגנטלעכער ביכער־ און צײַטונגס־פ״ג, 1960. 32 ז., ט. 3000 עקז. (אוקראַיִניש).

143. — גליבאַטשאַק. ראָמאַן. קיִעוו, „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“, 1962. 403 ז., ט. 15 000 עקז. (אוקראַיִניש).

144. — ערד. ראָמאַן. פון יִדיש — דער אַווטאָר. צייכ. — וו. אי. לעווינסאָן. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1963. 355 ז., ט. 30 000 עקז.

145. מענדעלע מוכר־ספרים. מאסאָעס בינימין השלישי; פישקע דער קרומער; מה שמייכעם? אַריינפיר — ה. רעמעניק. אַנמערקונגען און דערקלערונגען — א. פרומקין. צונויפגעשטעלט — ל. יודקעוויטש. געמעלן — מ. גאָרשמאַן. הילע, טעקסט־צייכענונגען — ג. קראַווצאָוו. מ., גאָסליטיזדאַט, 1959. 423 ז., ט. 30 000 עקז. (יִדיש).

146. — דאָס קליינע מענטשעלע; מאסאָעס בינימין השלישי; פישקע דער קרומער. פון יִדיש: דאָס קליינע מענטשעלע — י. גורעוויטש; מאסאָעס בינימין השלישי און פישקע דער קרומער — מ. א. שאַמבאַדאַל. אַריינפיר — וו. סוועטלאַנאָוו. צייכ. — מ. גאָרשמאַן. מ., גאָסליטיזדאַט, 1961. 518 ז., ט. 100 000 עקז.

147. סיטאַ פּייוול. דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן. דערציילונגען. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1958. 251 ז., ט. 30 000 עקז.

148. סערעבריאַני ייִסראָעל. שאָלעם־אַלייכעם און פאָלקס־שאַפונג. פון יִדיש — ר. מילער־בודניצקאַיאַ. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1959. 216 ז., ט. 8000 עקז.

149. פּאָליאַנקער הערשל. א הארץ איז ניט פון שטיין. דערציילונגען. צייכ. — א. דעוויאַנין. קיִעוו, „מאָלאָד“, 1957. 184 ז., ט. 27 500 עקז.

150. — דער גאָלדענער טאָל. ראָמאַן. קיִעוו, „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“, 1958. 393 ז., ט. 25 000 עקז.

151. — שמײַע גאַזלען. דערציילונג. פון יִדיש — מ. א. שאַמבאַדאַל. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1960. 224 ז., ט. 30 000 עקז.

152. — אויספּרוּוו פון איבערגעגעבנקייט. דערציילונג. קיִעוו, „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“, 1961. 391 ז., ט. 30 000 עקז.

153. — דער פריילעכער פּאַסאַזשיר. דערציילונגען און הומאָרעסקעס. קיִעוו „דערזשליטווידאַוו“, 1962. 255 ז., ט. 30 000 עקז.

154. — דער סאָד פון אַריכאַס־יאָמים. ראָמאַן. איל. — ל. ב. קאַפּלאַן און ג. יאַ. איגנאַטיעוו. קיִעוו, „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“, 1963. 492 ז., ט. 30 000 עקז.

155. פּינטשעווסקי מוישע. צוויי מײַסעס. לידער פאַר קליינע קינדער. פון יִדיש — י. ניעכאָדא. צייכ. — ל. סקליוטאָווסקי. קיִעוו, „דיטווידאַוו“, 1959. 36 ז., ט. 58 000 עקז. (אוקראַיִניש).

156. — דער קליינער שטאָרך (דרײַסיק פּעלצן). מײַסעס פאַר קליינע קינדער. צייכ. — י. קעשא־פּראָסקוריאַקאָווא. מ., דעטגיז, 1959. 63 ז., ט. 20 000 עקז.

157. — דווינע. לידער און פּאָעמעס. נאָכוואָרט — מ. רודענקאָ. צונויפגעשטעלט — ב. ל. פּינטשעווסקאַיאַ. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1960. 142 ז., ט. 3000 עקז.

158. — א ליבגעזאַנג דעם לעבן. לידער. אַריינפיר — ס. קריזשאַנאָווסקי. קיִעוו, „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“, 1960. 121 ז., ט. 1500 עקז. (אוקראַיִניש).

159. פּלאַטנער אײַזיק. דאָס שענסטע אינעם לעבן. לידער. מינסק, מעלוכע־פּ־ג פון ווסםר, 1957. 86 ז., ט. 4000 עקז. (ווײַסרוסיש).

160. — מײַן גאָרטן. לידער און מײַסעס פאַר קליינע קינדער. צייכ. — מ. בעלסקי. מינסק, מעלוכע־פּ־ג פון ווסםר, 1958. 44 ז., ט. 6000 עקז. (ווײַסרוסיש).

161. — א פלאַמיק הארץ. דערציילונגען פאַר קינדער. צייכ. — ב. זאַבאָראָוו. מינסק, מעלוכע־פּ־ג פון ווסםר, 1960. 69 ז., ט. 7000 עקז. (ווײַסרוסיש).

162. — דער האָן און דער לאָקאָמאָטיוו. לידער פאַר קינדער. צייכ. — אי. סודאַקאָוו. מ., דעטגיז, 1961. 47 ז., ט. 20 000 עקז.

163. — דאָס שענסטע אינעם לעבן. לידער און פּאָעמע „שוועסטער“. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1961. 104 ז., ט. 4500 עקז.

164. — די פריילעכע נאָדל. לידער פאַר קינדער. צייכ. — אי. איסקרינסקאַיאַ. מינסק, מעלוכע־פּ־ג פון ווסםר, 1961. 48 ז., ט. 6950 עקז. (ווײַסרוסיש).

165. — א האַרציקע מאַטאַנע. לידער. מינסק, מעלוכע־פּ־ג פון ווסםר, 1962. 110 ז., ט. 2000 עקז. (ווײַסרוסיש).

166. — א קלייט פון שפּילוואַרג. לידער פאַר קינדער. פון יִדיש — א. וואָלסקי און פּ. מאַקאַל. צייכ. — יע. לאָס און ג. יאַקובעני. מינסק, מעלוכע־פּ־ג פון ווסםר, 1963. 16 ז., ט. 32 000 עקז. (ווײַסרוסיש).

167. פּערסאָוו שמועל. אויסגעוויילטע ווערק. פון יִדיש — מ. שאַמבאַדאַל. פאָרוואָרט — ס. גאָלובאָוו. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1957. 399 ז., ט. 30 000 עקז.

168. — פאַרצייכענונגען וועגן העלדן. מ., „וואָיענידזאַט“, 1959. 104 ז. (אָ. ט.).

169. פּערעץ ייִצכאָק־לייבוש. אין קעלער־שטוב. דערציילונגען. אַריינפיר און צונויפשטעלער — ריווקע רובין. אַנמערקונגען און דערקלערונגען — א. פרומקין. קינסטלער — מ. גאָרשמאַן. מ., גאָסליטיזדאַט, 1959. 439 ז., ט. 30 000 עקז. (יִדיש).

170. — אויסגעוויילטע ווערק. פאָרוואָרט — ריווקע רובין. איל. — מ. גאָרשמאַן. צונויפשטעלער — א. גאָנטאַר און ר. רובין. מ., גאָסליטיזדאַט, 1962. 463 ז., ט. 95 000 עקז.

171. פּאַליקמאַן יעכיִעל. דער שטורעמווינט איבער טישײַשע. דערציילונגען. קיִעוו, „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“, 1957. 246 ז., ט. 15 000 עקז.

172. — די פאַרורטיילטע נעמען געווער. ראָמאַן. פון יִדיש — יאַ. סלאָנים. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1959. 535 ז., ט. 30 000 עקז.

173. דאָס זעלבע: קיִעוו, „דערזשליטווידאַוו“, 1962. 468 ז., ט. 35 000 עקז. (אוקראַיִניש).

174. — דער ביטערער יאָדער. דערציילונגען. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1964. 343 ז., ט. 15 000 עקז.

175. פּינינבערג עזראָ. אויסגעוויילטע ווערק. לידער און פּאָעמעס. אַריינפיר — ס. ליפּקין. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1957. 223 ז., ט. 5000 עקז.

176. פּינקעל אורי. שאָלעם־אַלייכעם. קריטיש־ביִאָגראַפישער עטיוד. פון יִדיש און באַרבעט — וויטאַלי וואָלסקי. מינסק, מעלוכע־פּ־ג פון ווסםר, 1958. 150 ז., ט. 5000 עקז. (ווײַסרוסיש).

177. פּעפּער איציק. אויסגעוויילטע לידער. רעדאַקציע און אַריינפיר — פּ. אַנטאָקאָלסקי. צונויפשטעלער — ר. קאַליש־פּעפּער און אַרן ווערגעליס. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1957. 393 ז., ט. 5000 עקז.

178. — פרײַנטשאַפט. לידער און מײַסעס פאַר קינדער. צייכ. — וו. לאַזאַרעווסקאַיאַ. צונויפשטעלער — ר. ב. קאַליש־פּעפּער און א. יו. גאָנ־

טאַר. מ., דעטגיז, 1958. 80 ז., ט. 20 000 עקז.

179. — לידער און פּאָעמעס. צונויפגעשטעלט — ר. קאַליש־פּעפּער, א. ווערגעליס און א. גאָנטאַר. מ., גאָסליטיזדאַט, 1958. 319 ז., ט. 10 000 עקז.

180. קאַהאַן אַווראָם. אויסגעוויילטע דערציילונגען. קיִעוו, „דערזשליטווידאַוו“, 1958. 192 ז., ט. 10 000 עקז. (אוקראַיִניש).

181. — די באַנײַטע איקאָנע. הומאָרעסקעס. צייכ. — יא. לעוויטש. קיִעוו, „דערזשליטווידאַוו“, 1958. 15 ז., ט. 65 000 עקז. (אוקראַיִניש).

182. — שאָלעם־אַלייכעם. ראָמאַן. פון ייִדיש — דער אויטאָר און יע. קאַהאַן. אַרײַנפיר — א. אי. בעלעצקי. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1961. 394 ז., ט. 30 000 עקז.

183. דאָס זעלבע: פון ייִדיש — ד. גרינקאָ. קיִעוו, „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“, 1963. 355 ז., ט. 15 000 עקז. (אוקראַיִניש).

184. קאַהאַן עליע. פריש היי. דערציילונגען. פון ייִדיש — א. גאָנטאַר און וו. האָפּשטיין. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1963. 155 ז., ט. 30 000 עקז.

185. קאַמענעצקי הירש. אויסגעוויילטע לידער. צונויפגעשטעלט — א. פּלאַטנער. מינסק, מעלוכע־פ״ג פון ווססר, 1960. 84 ז., ט. 3000 עקז. (ווײַסרוסיש).

186. קאַצאָוויטש לייזער. דער רויטער פאַקעל. דערציילונג פאַר קינדער. צייכ. — יע. גאַנקין. מינסק, מעלוכע־פ״ג פון ווססר, 1957. 88 ז., ט. 10 000 עקז.

187. קאָטליאַר יוסעף. מײַן לופטבאַלאָן. לידער און מײַסעס פאַר קינדער. צייכ. — וו. ווינאָקור. מ., דעטגיז, 1958. 78 ז., ט. 20 000 עקז.

188. — שטילע געזאַנגען. לידער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1961. 136 ז., ט. 3500 עקז.

189. — אונדזער כוטאָר פאָרט אַריבער. לידער פאַר קינדער. פון ייִדיש — יע. אַקסעלראָד. צייכ. — יע. גאַליי. מ., דעטגיז, 1963. 17 ז., ט. 310 000 עקז.

190. קאָמפּאַנייעץ זינאָווי. פינף לידער פון ייִדישע סאָוועטישע דיכטער (פאַר זינגען אין דער באַגלייטונג פון פאָרטעפּיאַנע). מ., „מוזגיז“, 1960. 18 ז., ט. 2000 עקז.

191. — ייִדישע פאָלקסלידער מיט נאָטן (באַאַרבעט פאַר זינגען אין דער באַגלייטונג פון פאָרטעפּיאַנע). איבערז. — מ. לאַפּיראָוו. מ., „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר“, 1961. 32 ז., ט. 2000 עקז.

192. צוויי ייִדישע פאָלקסלידער (פאַר זינגען אין דער באַגלייטונג פון פאָרטעפּיאַנע). איבערז. — יא. טשאַרנאָמאָרסקי. מ., „מוזגיז“, 1957. 5 ז., ט. 1200 עקז.

193. קאָסאָי הירש. אין שאָטנס פון די הימלקראַצערס. דערציילונגען. וויניצע, געגנטלעכער ביכער־ און צײַטונגס־פ״ג, 1961. 126 ז., ט. 8000 עקז. (אוקראַיִניש).

194. קולבאַק מוישע. זעלמעניאַנער. ראָמאַן. פון ייִדיש — וו. וואָלסקי. מינסק. מעלוכע־פ״ג פון ווססר, 1960. 213 ז., ט. 5000 עקז. (ווײַסרוסיש).

195. דאָס זעלבע. פון ייִדיש — ר. בוימוואָל, נאָכוואָרט — ש. האַלקין. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1960. 272 ז., ט. 30 000 עקז.

196. קושניראָוו אַרן. אויסגעוויילטע ווערק. לידער און פּאָעמעס. נאָכוואָרט — א. ווערגעליס. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1956. 180 ז., ט. 5000 עקז.

197. — לידער. פאָרוואָרט — ס. נאַראָווטשאַטאָוו. מ., „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראַטורא“, 1964. 167 ז., ט. 10 000 עקז.

198. קוויטקאָ לייב. דאָס פּידעלע. לידער פאַר קליינע קינדער. איל. — מ. אוספּענסקאַיאַ. מ., דעטגיז, 1956. 13 ז., ט. 500 000 עקז.

דאָס זעלבע: 199) מ., דעטגיז, 1957. 13 ז., ט. 500 000 עקז.; 200) מ., דעטגיז, 1958. 16 ז., ט. 1 500 000 עקז.; 201) פון רוסיש — א. ראָשקאַ. קעשענעוו, „קאַרטיאַ מאָלדאָוועניאַסקע“, 1959. 16 ז., ט. 8000 עקז. (מאָלדאַוויש); 202) איבערזעצער — ג. אַמירי. צייכ. — וו. קליויעוו. אופא, „באַשקניגאָיזדאַט“, 1961. 41 ז., ט. 5000 עקז. (באַשקיריש); 203) מ., דעטגיז, 1963. 16 ז., ט. 1 500 000 עקז.

204. — דאָס געזאַנג פון מײַן געמיט. אויסגעוויילטע לידער. אַרײַנפיר — וו. סמירנאָוואַ. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1956. 348 ז., ט. 20 000 עקז.

205. — צו מײַנע פרײַנט. לידער פאַר קינדער. פאָרוואָרט — ר. פרײַערמאַן. צייכ. — וו. קאָנאַשעוויטש. מ., דעטגיז, 1957. 240 ז., ט. 100 000 עקז.

206. דאָס זעלבע. מ., דעטגיז, 1960. 303 ז., ט. 100 000 עקז.

207. — כ'וועל אַליין. לידער פאַר קינדער. פון ייִדיש — יע. בלאַגינינאַ און אַנד. צייכ. — א. איטקין. צונויפשטעלער — ב. ס. קוויטקאָ. מ., דעטגיז, 1957. 64 ז., ט. 35 000 עקז.

208. — דאָס פערדעלע. לידער פאַר קליינע קינדער. איל. — ד. כײַקין. מ., דעטגיז, 1957. 13 ז., ט. 500 000 עקז.

דאָס זעלבע: 209) מ., דעטגיז, 1962. 16 ז., ט. 1 350 000 עקז.; 210) מ., „דעטסקאַיאַ ליטעראַטורא“, 1964. 16 ז., ט. 1 500 000 עקז.

211. — כ'האָב אַ סאָד. לידער פאַר קליינע קינדער. איל. — א. אוראַמענקאָ. קיִעוו, „דיטווידאַוו“, 1958. 23 ז., ט. 100 000 עקז. (אוקראַיִניש).

212. — פון בעמבע קיין דרעמבע. לידער פאַר קליינע קינדער. צייכ. — וו. קיפּאַריסאָוו. מ., „דעטסקי מיר“, 1958. 12 ז., ט. 100 000 עקז.

213. — ליאַם און פּעטריק. דערציילונג. פון ייִדיש — יא. טײַץ און ל. יודקעוויטש. נאָכוואָרט — וו. סמירנאָוואַ. איל. — מ. גאָרשמאַן. מ., גאָסליטיזדאַט, 1958. 286 ז., ט. 30 000 עקז.

214. — אַנאַ וואַנאַ בריגאַדיר. לידער פאַר קליינע קינדער. צייכ. — ד. כײַקין. מ., דעטגיז, 1959. 13 ז., ט. 300 000 עקז.

215. — צוגאַסט. לידער פאַר קליינע קינדער. צייכ. — וו. קאָנאַשעוויטש. מ., דעטגיז, 1962. 64 ז., ט. 100 000 עקז.

216. — די הוידעלקע. לידער פאַר קליינע קינדער. פון ייִדיש — יע. בלאַגינינאַ. צייכ. — וו. קאָנאַשעוויטש. מ., דעטגיז, 1962. 12 ז., ט. 300 000 עקז.

217. דאָס זעלבע. מ., דעטגיז, 1964. 12 ז., ט. 300 000 עקז.

218. — וועגן פערד און וועגן זיך. לידער פאַר קינדער. איבערז. — וו. נאָרענץ, צייכ. — פּ. מאַלאַיאַן. יערעוואַן, „אײַפּעטראַט“, 1963. 37 ז., ט. 20 000 עקז. (אַרמעניש).

219. — לידער. אַרײַנפיר — קאָרניי טשוקאָווסקי. צונויפשטעלער — ב. ס. קוויטקאָ. מ., „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראַטורא“, 1964. 263 ז., ט. 20 000 עקז.

220. קיפּניס איציק. דאָס מיידעלע לאַנאַ. דערציילונג פאַר קינדער. פון ייִדיש — וו. ווילקאָוואַ. צייכ. — מ. גאָרשמאַן. מ., דעטגיז, 1960. 32 ז., ט. 90 000 עקז.

221. דאָס זעלבע. פון רוסיש — ב. אומאַרי. צייכ. — וו. וואַטאַגין.

דושאַנבע, אוטשפּעדגיז פון דער טאַד־
זשיקישער סםר, 1961. 38 ז., ט. 3000
עקז. (טאַדזשיקיש).

222. — אַ קעצעלע, וואָס האָט
פאַרגעסן, ווי מע דאַרף בעטן עסן. פון
מייַסעס פאַר קינדער. פון יידיש —
ר. בוימוואַל. צייכ. — וו. סוטאיעוו.
מ., דעטגיז, 1963. 18 ז., ט. 350 000
עקז.

דאָס זעלבע: 223) מ., „פּראַוו־
דאַ“, 1964, 24 ז. ט. 1 000 000 עקז.
224) מ., „פּראַוודאַ“, 1964, 24 ז.,
ט. 750 000 עקז.

225. קערלער יוסעף. מייַן
טאַטנס ווייַנגאָרטן. לידער. מ., „סאָ־
וועטסקי פּיסאַטעל“, 1957. 132 ז.,
ט. 3000 עקז.

226. ראַבין יוסעף. דער־
ציילונגען. פון יידיש — ס. ראַדאָוו.
מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1956.
378 ז., ט. 30 000 עקז.

227. — באַם ניעמאַן. דערציילונ־
גען. צייכ. — ג. פאָקאָוו. מ., „סאָ־
וועטסקי פּיסאַטעל“, 1961. 424 ז., ט.
30 000 עקז.

228. ראַזומני מאַרק. דאָס
האַרץ זאָל ניט ווי טאָן. נאָוועלעטן.
פון יידיש — אי. שולקינאַ. ריגע. מע־
לוכע־פ־ג פון לעטלאַנד, 1963. 151
ז., ט. 15 000 עקז.

229. ראָלניק מאשע. איך מוז
דערציילן (וועגן די אַכזאָריעסן פון
די דייַטשישע אָקופּאַנטן אין ווילניוס
אין פּעריאָד פון דער גרויסער פּאַ־
טריאָטישער מילכאָמע). ווילניוס,
גאָספּאָליטנאַוטשיזדאַט, 1963. 155 ז.,
ט. 8000 עקז. (ליטוויש).

230. ראָסין שמועל. אויסגע־
וויילטע ווערק. לידער. פּאַרוואָרט —
אַרן קושניראָוו. מ., „סאָוועטסקי פּי־
סאַטעל“, 1958. 133 ז., ט. 5000 עקז.

231. רובין ריווקע. שאָלעם־
אַלייכעם. (1859—1916). קורצער
עטיוד. מ., מאָסקווער מעלוכישע פּיל־
האַרמאָניע, 1957. 8 ז., ט. 1000 עקז.

232. רויטמאַן שלוימע.
ליכט און שאָטן. לידער און פּאָעמעס.
מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1964.
134 ז., ט. 7000 עקז.

233. רעלעס הירש. נאָטיצן
פון מייַן קאָלעגע. דערציילונגען.
מינסק, מעלוכע־פ־ג פון ווסםר, 1960.
167 ז., ט. 6000 עקז. (ווייַסרוסיש).

234. — די בערעזע באַם פענצטער.
לידער. פון יידיש — ג. באָראַדולין.
מינסק, מעלוכע־פ־ג פון ווסםר, 1961.
67 ז., ט. 1855 עקז. (ווייַסרוסיש).

235. — פרייַנט און באַקאַנטע. דער־
ציילונגען. מינסק, מעלוכע־פ־ג פון
ווסםר, 1963. 128 ז., ט. 15 000 עקז.

236. רעמעניק הערש. שאָ־
לעם־אַלייכעם. קריטיש־ביאָגראַפישער
עטיוד. מ., גאָסליטיזדאַט, 1963. 204
ז., ט. 10 000 עקז.

237. שאַפּיראָ פ. ל. איוריט־
רוסיש ווערטערבוך. באַ 28 טויזנט
ווערטער. אונטער דער רעדאַקציע פון
ב. מ. גראַנדע, מיט אַ קורצן גראַמאַ־
טישן עטיוד פון איוריט (אווטאָר
ב. מ. גראַנדע). מ., מעלוכע־פ־ג פון
ווערטערביכער („גיס“), 1963. 766
ז., ט. 25 000 עקז.

238. שאָלעם־אַלייכעם. מאָטל
פּייסי דעם כאַזנס. דערציילונג. פון
יידיש — ל. גאָלדבערג. איל. —
וו. לאָסין. מ., דעטגיז, 1954. 100 ז.,
ט. 30 000 עקז.

דאָס זעלבע: 239) מ., דעטגיז,
1957, 111 ז., ט. 50 000 עקז.;
240) פון יידיש — וו. ברוכיס. קע־
שענעוו, „שקאַלאַ סאָוועטיקע“, 1958.
324 ז., ט. 5000 עקז. (מאָלדאַוויש);
241) איבערז. — מ. באַראַנאָוואַ.
צייכ. — ג. טשיגאַנאָוו. טאַשקענט,
גאָסליטיזדאַט פון דער אוזבעקישער
סםר, 1959. 82 ז., ט. 30 000 עקז.
(אוזבעקיש); 242) איבערזעצער —
י. אַבראַמאָוו. צייכ. — יע. ווישנע־
פּאָלסקי. דושאַנבע, מעלוכע־פ־ג פון
דער טאַדזשיקישער סםר, 1959. 119
ז., ט. 3000 עקז. (טאַדזשיקיש);
243) איבערזעצער — אַ. סאַדיק. באַ־
קו, דעטיוניזדאַט, 1961. 110 ז., ט.
15 000 עקז. (אַזערבייַדזשאַניש);
244) פאַרוואָרט — וו. פינק. איבער־
זעצער — מ. ד. טעמידאָוו. אשכאַבאַד,
טורקמענגאָסיזדאַט, 1961, 114 ז., ט.
10 000 עקז. (טורקמעניש).

245. — דערציילונגען. פון יידיש —
אַ. נוסינאָוו. מ., „פּראַוודאַ“, 1956.
48 ז., ט. 150 000 עקז.

246. — דער פאַרקישעפטער שנייַ־
דער. דערציילונגען. פאַרוואָרט —
מ. בעלענקי. איל. — מ. אַקסעלראָד.
מ., גאָסליטיזדאַט, 1956. 110 ז., ט.
225 000 עקז.

דאָס זעלבע: 247) פון רו־
סיש — ב. איסאַאַקס. מ., פ־ג פון
ליטעראַטור אויף אויסלענדישע שפּראַכן,
1958. 171 ז. (אָ. ט.) (ענגליש);
248) איבערזעצער — אַ. עריַיס און
כ. וועניע. מ., פ־ג פון ליטעראַטור
אויף אויסלענדישע שפּראַכן, 1959.
177 ז., ט. 4450 עקז. (שפּאַניש).

249. — מייַסעס פאַר קינדער. פאַר־
וואָרט — וו. פינק. צונויפשטעלער —
ריווקע רובין. צייכ. — וו. לאָסין. מ.,
דעטגיז, 1956. 176 ז., ט. 100 000
עקז.

250. — דאָס גרויסע געווינס. קאָ־
מעדיע אין 4 אַקטן. איבערזעצונג און
סצענישע רעדאַקציע — וו. אַרדאָוו
און עפראַים לויטער. מ., „וואָאַפּ“,
1956. (אָ. ט.).

251. — פונעם יאַריד. דערציילונ־
גען. אַרייַנפיר — ריווקע רובין.
איל. — נאַטאַן אַלטמאַן. מ., גאָס־
ליטיזדאַט, 1957. 691 ז., ט. 165 000
עקז.

252. — דאָס מעסערל. דערציילונג.
פון יידיש — יע. טוראַש. איל. —
וו. לאָסין. קיִעוו, „דיטווידאַוו“, 1958.
34 ז., ט. 115 000 עקז. (אוקראַיניש).

253. — דערציילונגען. פאַר־
וואָרט — ריווקע רובין. איל. —
מ. גאַרשמאַן. צונויפגעשטעלט —
מ. בעלענקי. מ. גאָסליטיזדאַט, 1959.
245 ז., ט. 300 000 עקז.

254. — אויסגעוויילטע ווערק. צו־
נויפגעשטעלט — אַרן ווערגעליס.
איל. — מ. גאַרשמאַן. אָנמערקונגען
און דערקלערונגען — אַ. פרומקין.
פאַרטרעט, געצייכנט פון מ. גאַרש־
מאַן. מ., גאָסליטיזדאַט, 1959. 375
ז., ט. 30 000 עקז. (יידיש).

255. — אויסגעוויילטע ווערק. פון
יידיש — ע. רייַצין. איל. —
ל. ב. קאַפּלאַן. קיִעוו, „דערזשליט־
ווידאַוו“, 1959. 553 ז., ט. 22 000
עקז. (אוקראַיניש).

256. דאָס זעלבע. איבערז. און
אַרייַנפיר — אי. קורגישווילי, איל. —
אַ. גאַרעלאַדזע. טביליסי, „סאַבטשאָ־
טאַ סאַקאַרטוועלאָ“, 1961. 299 ז.,
ט. 10 000 עקז. (גרוזיניש).

257. — אין אויסלאַנד און אין
דער היים. דערציילונגען. פון יידיש —
אַ. בעלאָוו און פ. קאָבזאַרעווסקי.
צייכ. — י. סעמיאָנאָוו. מ., „פּראַוו־
דאַ“, 1959. 63 ז., ט. 215 000 עקז.

258. — דרייַ אַלמאָנעס און אַנד.
דערציילונגען. פון יידיש — ד. אָור־
באַס. ווילניוס, גאָסליטיזדאַט פון דער
ליטווישער סםר, 1959. 309 ז., ט.
8000 עקז. (ליטוויש).

259—264. — געזאַמלטע ווערק אין
6 בענדער (צום 100־יאָריקן געבורטס־
טאָג. 1859—1959). רעדאַגירט —
רעדקאָלעגיע. קריטיש־ביאָגראַפישער
עטיוד — ריווקע רובין. מ., גאָסליט־
יזדאַט, 1959—1961. ט. 225 000 עקז.

ב. 1. ראָמאַנען: סטעמפּעניו; יאָסע־
לע סאָלאָוויי. דערציילונגען: מענאַ־
כעם־מענדל; טעוויע דער מילכיקער.
1959, 640 ז.

ב. 2. בלאַנדזנדע שטערן. ראָמאַן. פון ייִדיש — יא. סלאָנים. אַנמערקונגען און דערקלערונגען — א. פרומקין. 608 ז.

ב. 3. מאָטל פּייסי דעם כאַזנס; פּונעם יאַריד. 1960. 623 ז.

ב. 4. די פריילעכע קאָמפּאַניע; קאַסרילעווקע; נייַ־קאַסרילעווקע. 1960. 674 ז.

ב. 5. דערציילונגען; אייַזנבאַן־געשיכטעס; מאַנאָלאָגן. 1961. 783 ז.

ב. 6. ראָמאַנען און דערציילונגען. 1961. 808 ז.

265. — שיר־השירים. איבערז. — אַ. סאַנאַיאַן. איל. — נאַטאַן אַלטמאַן. יערעוואַן, „אייַפּעטראַט“, 1959. 132 ז., ט. 10 000 עקז. (אַרמעניש).

266. — א זעקס־און־זעכציק און אנד. דערציילונגען. פון ייִדיש — א. טאַמאַרקין. טאַלין, צייַטונג־ און זשורנאַלן־פ״ג 1959. 59 ז. ט. 20 000 עקז. (עסטאָניש).

267. — בלאָנדזנדע שטערן. ראָמאַן. פון ייִדיש — יא. סלאָנים. אַנמערקונגען און דערקלערונגען — א. פרומקין. מינסק, מעלוכע־פ״ג פון ווססר, 1960. 608 ז., ט. 150 000 עקז.

ד אָ ס ז ע ל ב ע: 268) דושאַנבע, טאַדזשיקגאָסיזדאַט, 1960. 578 ז., ט. 5000 עקז.; 269) דושאַנבע, טאַדזשיקגאָסיזדאַט, 1961. 578 ז., ט. 25 000 עקז.; 270) נאָכוואָרט — ג. בראָוומאַן. מ., גאָסליטיזדאַט, 1962. 559 ז., ט. 100 000 עקז.; 271) דושאַנבע, טאַדזשיקגאָסיזדאַט, 1962. 578 ז., ט. 20 000 עקז.; 272) פון ייִדיש — י. יאַקיר און ב. ראַבאַי. קעשענעוו, „קאַרטיא מאָלדאָווענიאַסקע“, 1962. 623 ז., ט. 3000 עקז. (מאָלדאַוויש); 273) איבערזעצונג און אַנמערקונגען — ע. רייַצין, לידער איבערז. פון ייִדיש — נ. טערעשטשענקאַ. קיִעוו „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“, 1963. 466 ז., ט. 15 000 עקז. (אוקראַיִניש).

274. — דער זייגער און אנדערע דערציילונגען. טאַשקענט, מעלוכע־פ״ג פון דער אוזבעקישער ססר, 1961. 38 ז., ט. 15 000 עקז. (אוזבעקיש).

275. — דאָס דריידל און אנדערע דערציילונגען. איבערזעצער — ר. נאַגיִעוו. באַקו, „דעטיוניזדאַט“, 1962. 110 ז., ט. 15 000 עקז. (אַזערבייַדזשאַניש).

276. — טעוויע דער מילכיקער. פון ייִדיש — מ. א. שאַמבאַדאַל. אַנמערקונגען — מ. בעלענקי. איל. — מ. גאַרשמאַן. מ., גאָסליטיזדאַט, 1963. 198 ז., ט. 100 000 עקז.

277. — דערציילונגען. נאָכוואָרט — ריווקע רובין. איבערזעצער — אַ. סאַנאַגיאַן. יערעוואַן, „אייַפּעטראַט“, 1964. 403 ז., ט. 15 000 עקז. (אַרמעניש).

278. — אויסגעקליבענע (טרוימער). צונויפגעשטעלט און נאָכוואָרט — וו. גיישין. מ., פּאָליטיזדאַט, 1964. 63 ז., ט. 150 000 עקז.

279. ש וו א ר צ מ א ן אַ ש ע ר. לידער. רעדאַקציע און פאָרוואָרט — אַרן ווערגעלים. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1960. 86 ז., ט. 3000 עקז.

280. — אַלע לידער און בריוו. רעדאַקציע און אַרייַנפיר — אַרן ווערגעלים. הילע און צייכ. — ג. קראַווצאָוו. מ., גאָסליטיזדאַט, 1961. 155 ז., ט. 10 000 עקז. (ייִדיש).

281. ש וו ע ד י ק ה ע נ ע ך. ליריק. לידער. צונויפשטעלער און אַרייַנפיר — ה. בעריאָזקין. מינסק, מעלוכע־פ״ג פון ווססר, 1962. 62 ז., ט. 2000 עקז. (ווייַסרוסיש).

282. ש ט ו ר מ א ן מ אָ ט ל. ליבע און מי. לידער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1957. 118 ז., ט. 5000 עקז.

283. ש ט ײ נ ב א ר ג ע ל י ִ ע ז ע ר. מעשאָלים. פון ייִדיש — ע. דאָריאַן. קעשענעוו, „שקאָלא סאָוועטיקע“, 1958. 112 ז., ט. 3000 עקז. (מאָלדאַוויש).

284. ש ט ע ר נ ב ע ר ג י א נ ק ע װ. לידער. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1959. 204 ז., ט. 5000 עקז.

285. ש ר ײַ ב מ א ן י ע כ י ִ ע ל. אונדזער גאַס. דערציילונגען פאַר קינדער. צייכ. — ל. גריגאָראַשטשענקאָ. קעשענעוו, „שקאָלא סאָוועטיקע“, 1955. 62 ז., ט. 10 000 עקז. (מאָלדאַוויש).

286. — דערציילונגען. איל. — וו. קאָוואַל. קעשענעוו. „שקאָלא סאָוועטיקע“, 1957. 134 ז., ט. 10 000 עקז. (מאָלדאַוויש).

ד אָ ס ז ע ל ב ע: 287) קעשענעוו, „קאַרטיא מאָלדאָווענიאַסקע“, 1959. 41 ז., ט. 3000 עקז.; 288) פון ייִדיש — מ. באַכראַך. מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“, 1962. 269 ז. ט. 30 000 עקז.

289. — זין. דערציילונגען. צייכ. — ע. סימאַקאָוו. קעשענעוו, „קאַרטיא מאָלדאָווענიאַסקע“, 1960. 106 ז., ט. 8000 עקז.

290. — אין א זומער־טאָג. דערציילונגען. איל. — יא. מערעגאַ און יא. אווערבוך. קעשענעוו, „קאַרטיא מאָלדאָווענიאַסקע“, 1962. 31 ז., ט. 5500 עקז. (מאָלדאַוויש).

291. — אַלע טעג פון וואָך. דערציילונגען. קעשענעוו, „קאַרטיא מאָלדאָווענიאַסקע“, 1963. 279 ז., ט. 15 000 עקז.

מיט דער מאָס פון גערעכטיקײַט

און אָט האָט זיך פאַרענדיקט נאָך איין געריכט־פּראָצעס איבער א בינטל פאַשיסטישע מערדער, דער געריכט איבער די הענקער פון רעזעקנע.

ער איז געווען אָן עפנטלעכער, דער פּראָצעס. ער איז פאָרגעקומען אין ריגע, אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן פון שטאָט — אין קולטור־פּאַלאַץ פונעם ראַדיאָ־זאַוואָד „וועף". טויזנטער מענטשן זײַנען בײַגעווען אף די געריכט־זיצונגען, הונדערטער טויזנטער האָבן נאָכגעשפּירט נאָכן פּראָצעס דורך ראַדיאָ, דורך טעלעוויזיע, און זיי האָבן ווידער איבערגעלעבט די טראַגעדיע פון לעטלאַנד, די שוידערלעכע טראַגעדיע פון א רעפּובליק, וואָס איז אין סאַמע אָנהייב פון דער מילכאָמע אַרונטערגעפאַלן אונטערן יאָך פון דער היטלערישער אָקופּאַציע.

א רעזשים פון בלוטיקן טעראָר האָבן דאָ אומעטום אײַנגעשטעלט די פאַשיסטישע ראָצכים. זיי און זייערע מיטהעלפער — די פאַרעטער פונעם לעטישן פאָלק, וואָס זײַנען אַוועק דינען צו די אָקופּאַנטן, האָבן אָן ראַכמאָנעס אומגעבראַכט אומשולדיקע מענטשן — זקיינים, פרויען, קינדער.

אפילע איין גרויליקע ציפער, א ציפער, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן אפן פּראָצעס, גיט א פאָרשטעלונג וועגן דעם אומגעהייער אכזאָריעסדיקן כאַראַקטער פון אויסראָטן די פרידלעכע באַפעלקערונג. אין רעזעקנער (רעזשיצער) ראַיאָן האָבן ביז דער מילכאָמע געלעבט אומגעפער הונדערט פופציק טויזנט מענטשן. מער ווי פופצן טויזנט פון זיי, דערין צוויי טויזנט קינדער, האָבן די פאַשיסטן פאַרטיליקט. און דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין רעזעקנע, איז ניט געווען קיין אויסנאַם. איבער גאַנץ לעטלאַנד האָבן זיך געגאָסן טײַכן בלוט. אָט פאַרוואָס די גאַנצע רעפּובליק האָט אַזוי אופמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָכן פּראָצעס אין ריגע.

זעקס מערדער זײַנען געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט. איינער פון זיי — אייכעליס האָט אַזוי אויסגענומען בא די אָקופּאַנטן, אז זיי האָבן אים געמאַכט פאַרן שעף פונעם רעזעקנער קרײַז, ער איז אויך געווען דער שעף פון דער קרײַז־פּאָליציי. מײַקאָווסקיס און פונטוליס זײַנען געווען שעפן פון פּאָליציי־באַצירקן. יעדערער פון די דרײַ אף זײַן אָרט איז געווען א קליינער היטלער און קימאַט אָן אומבאַגרענעצטער הערשער. אָט דער „דרײַלינג" האָט דירעקט אָרגאַניזירט די מאַסן־מאָרדן פון פּאָליטישע אַרעסטירטע, די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און די פאַרלענדונג פון די ציגײַנער אין רעזעקנער קרײַז. פאַר טרײַ דינען דער דײַטשיש־פאַשיסטישער מאַכט זײַנען אַלע דרײַ באַלוינט געוואָרן מיט היטלער־אָרדענס.

די באַשולדיקטע באַסאַנקאָוויטש און קראַסאָווסקיס האָבן געטאָן דאָס סאַמע נידערטרעכטיקע — זיי האָבן מיט די אייגענע הענט געטייט די מענטשן, וועלכע די אָקופּאַנטן האָבן פאַרורטיילט. דער זעקסטער באַשולדיקטער — ווײַטשוק איז געווען אָן אופזעער אין דער רעזעקנער טורמע, דערנאָך א שעף פון אירן א פיליאַל. ער איז באַגאַנגען שווערע פאַרברעכנס.

קימאַט הונדערט פערציק איידעס זײַנען דורכגעגאַנגען פאַרן געריכט. צום איניען איז בײַגעלייגט א גרויסע צאָל דאָקומענטן. די שולד פון די אָנגעקלאָגטע איז פולשטענדיק און אומבאַשטרײַטבאַר דערוויזן געוואָרן. איינער פון זייערע שווערסטע פאַרברעכנס איז די פאַרטיליקונג פונעם דאָרף אַודריני און זײַנע אײַנוווינער. אָט ווי דאָס איז פאָרגעקומען.

...דאָס לעטישע פאָלק האָט ניט געוואָלט שאָלעם מאַכן מיט דער הערשאַפט פון די היטלערישע בעסטיעס. די אָקופּאַנטן האָבן געבושעוועט, געטייט און געהאַרגעט. און דאָך האָבן אַלץ נײַע און נײַע קעמפער זיך געשטעלט קעגן זיי. אינעם דאָרף אַודריני, ווי אין א סאַך אַנדערע דערפער פון לעטלאַנד, איז אַנטשטאַנען א קליינער פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד. אין דעקאַבער 1941, ווען דער פראָנט איז אַוועק אף הונדערטער קילאָמעטער ווײַטער פון רעזעקנע, קימאַט אונטער סאַמע מאָסקווע, ווען עס האָט זיך שוין געקאָנט אויסדוכטן, אז אָט־אָט וועט דאָס היטלערישע דײַטשלאַנד געווינען די מילכאָמע, זײַנען עטלעכע פּאַשעטע לעטישע פויערים אין א קליין דערפל, א הײַפעלע פון זעקס מענטשן, אַרויס אין באַוואָפנטן קאַמף קעגן די רויבער.

ס'האָט אַזוי פּאַסירט, אז א פּאָליציי־פּאַטרול האָט באַמערקט די פּאַרטיזאַנער, און אין דער שלאַכט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן די פּאַטריאָטן דערהאַרגעט א פּאָליציי. אייכעליס און מײַקאָווסקיס האָבן באַשטימט נעקאָמע נעמען דערפאַר. זיי האָבן באַקומען די סאַנקציע פון דער אָקופּאַציע־מאַכט צו פאַרניכטן דאָס דאָרף אַודריני מיט אַלע זײַנע אײַנוווינער. באַנאַכט איז אפן דאָרף אָנגעפאַלן א פּאָליציי־אָטריאַד. די פרויען, די קינדער און זקיינים האָט מען אַוועקגעפירט אין נאָענטן וואַלד און דאָרטן דערשאָסן. דרײַסיק מענער האָט מען געבראַכט קיין רעזעקנע און אין א זונטיק־טאָג אפן מאַרק־פּלאַץ עפנטלעך געטייט.

פון דעמלט אָן איז דער נאָמען אַודריני, ווי לידיצע, ווי אָראַדור, א סימבאָל פון העראָישן קאַמף קעגן פאַשיזם.

ס'איז ניט מעגלעך איבערצורעכענען אַלע שוידערלעכע פאַרברעכנס פון די זעקס מערדער. אַכט שאָ האָט געדויערט דאָס לייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט. א גרויל גייט דורך איבערן לײַב. א פופצניאָריק ייִנגל האָבן די הענקער דערמאָרדעט דערפאַר, וואָס ער איז געווען א פּיאָנער־אָנפירער אין א שול, א שול־לערער און זײַנע פיצלעך קינדער האָבן זיי דערשאָסן בלויז דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען א ייִדישע מישפּאָכע.

אין רעזעקנע און אין קרײַז האָבן פאַר דער מילכאָמע געלעבט העכער פינף טויזנט ייִדן. ביז נאָיאַבער 1941 איז די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג אומגעבראַכט געוואָרן. אפן פּראָצעס האָט מען דעמאָנסטרירט א דאָקומענט, וועלכן עס האָט צונויפגעשטעלט די רעזעקנער קרײַז־פּאָליציי. אין אים איז פאַרפיקסירט, אז דער צווייטער פּאָליציי־באַצירק, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט מײַקאָווסקיס, האָט דערמאָרדעט 126 ייִדן, דער פערטער פּאָליציי־באַצירק, ווו פונטוליס איז געווען דער שעף, — 713 ייִדן. פונטוליס האָט, אויסער דעם, נאָך אָנגעפירט מיט א ספּעציעלער מאָרד־קאָמאַנדע, וועלכע איז אַרומגעפאָרן איבערן רעזעקנער קרײַז

און אָרגאַניזירט מאַסן־שכיטעס. די קאָמאַנדע האָט פאַרניכטעט די ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין די שטעטלעך סילמאַלאַ, ריִעבּיני, מאַלטאַ און אַנדערע. אַ פּראָפעסיִאָנעלער, קאַלטבלוטיקער מערדער, אַ סאַדיסט לויט דער נאַטור, וועמען ס׳האָט גאָרנישט ניט אויסגעמאַכט צו שיסן אין אַ זויגקינד און אין אַן אַלטן מאַן, — אָט אַזאַ איז ער געווען, אָט דער היטלערישער לאַקיי העראַלד פונטוליס. ער האָט נאָך דערצו ליב געהאַט פאַרן מאָרד איזדעקעווען זיך איבער זײַנע קאָרבּאָנעס. „וואָס ציטערסטו אַזוי? באַלד וועט דיר זײַן הייס“, — האָט פונטוליס געשריִען צו אַ דאָקטער, אַף וועלכן די פּאָליצײַען האָבן זיך שוין געצילט פון די ביקסן. אין די דאָזיקע מאָרד־אַקציעס האָט אויך אָנטיילגענומען אייכעליס.

זעקס זײַנען זיי געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט. צום באַדויערן אָבער, האָבן דרײַ ערטער געפּוסטעוועט. אייכעליסן, פונטוליסן און מײַקאָווסקיסן האָט מען געמישפּעט הינטער די אויגן. און ניט ווײַל מע האָט זיי ניט געקאָנט געפינען אָדער מע ווייסט ניט, וווּ זיי וווינען. עס האָט זיך אײַנגעגעבן פעסטשטעלן, אַז אייכעליס וווינט איצט אין מײַרעוו־דײַטשלאַנד. אָט איז זײַן אַדרעס: קאַרלסרוע, נייררייט־אַם־וואַלד, 5, באַם קלאַמוועג. מײַקאָווסקיס האָט געפונען אַ מאָקעם־מיקלעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אָט איז זײַן אַדרעס: ניו־יאָרק, מינעאָלאַ, גרענטסטריט, 232. פונטוליס האָט אָנגעשפּאַרט אין קאַנאַדע. זײַן אַדרעס: אָנטאַריִאָ, ווילאָוודייל, אַלפרעד־עוועניו, 98.

פאַראַיאָרן זומער האָט די סאָוועטישע רעגירונג געשיקט ספּעציעלע נאָטעס די רעגירונגען פון דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק, פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון קאַנאַדע. אונדזער רעגירונג האָט געפאָדערט, אַז אייכעליס, מײַקאָווסקיס און פונטוליס זאָלן איבערגעגעבן ווערן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. ווי באַוווּסט, זײַנען פאַראַן צווישנפעלקערלעכע אָפּמאַכן, אין העסקעם מיט וועלכע די קריגספאַרברעכער דאַרפן געשטעלט ווערן צום געריכט אין יענעם לאַנד, וווּ זיי זײַנען באַגאַנגען זייערע פאַרברעכנס. נאָר די מײַרעוו־מעלוכעס האָבן די פאָדערונג פון דער סאָוועטישער רעגירונג ניט באַפרידיקט. און ניט ווילנדיק קומט אויפן זינען אַ געדאַנק: צי ניט דערפאַר גייט אום באָלעסלאַוו מײַקאָווסקיס פראַנק־און־פרײַ איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, ווײַל עמעץ־ווער אין פּשאַ האַלט, אַז איצט איז די אויסראָטונג פון דער פרידלעכער באַפעלקערונג שוין קיין פאַרברעכן ניט? אייכעליס און מײַקאָווסקיס האָבן „בעסאַכאַקל“ פּאַרטיליקט איין „פּאַרטיזאַניש דאָרף“, ווי עס ווערט אָנגערופן אין די אָפיציעלע היטלערישע דאָקומענטן אַאודריני. ניט דאָס זעלבע דען, נאָר אין פיל גרעסערע מאַסשטאַבן, טוען די אַמעריקאַנער מיליטאַריסטן אין וויעטנאַם? צי ניט זיי פאַרניכטן מערדעריש מיט באָמבעס, נאַפּאַלם און גיפט־גאַזן די באַפעלקערונג אין צאָפן און אין דאָרעם־וויעטנאַם?

די געריכט־קאָלעגיע פונעם אויבער־געריכט פון דער לעטישער סאָוועטישער סאָציִאַליסטישער רעפּובליק האָט פאַרמישפּעט אַלבערט אייכעליסן, באָלעסלאַוו מײַקאָווסקיסן, העראַלד פונטוליסן, יאָזעף באַסאַנקאָוויטשן און יאַניס קראַסאָווסקיסן צו טויט־שטראָף: צעשיסן. פּיאָטער ווײַטשוק איז פאַרמישפּעט צו פופצן יאָר טפיסע אין אַ קאָלאָניע פון שטרענגן רעזשים.

דער פּראָצעס אין ריגע איז נאָך איין וואָרענונג פאַר אַלע די, וואָס טרוימען גיין אין די וועגן פון די היטלעריסטן. ער האָט נאָכאַמאָל דערמאָנט, אַז פאַר די קריגספאַרברעכער, וועמעס הענט ס׳זײַנען באַפלעקט מיט בלוט פון טויזנטער מענטשן, קאָן און טאָר ניט זײַן — ניט קיין גנאָד און ניט קיין מעכילע. זיי דאַרפן באַשטראָפט ווערן מיט דער פולער מאָס פון גערעכטיקײַט, שטרענג לויטן געזעץ.

ריגע. יורי דמיטריִעוו, זשורנאַליסט

ייִדיש מ. ש־ן

כראָניק

אונדזערע לייענער אינפאָרמירן

מ. גענצלער (אָדעס): ניט לאַנג צוריק זײַנען אין אָדעס דורכגעגאַנגען גאַסטראָלן פון דער פאַרדינסטפולער אַרטיסטן פון אוקראַיִנע סידי טאַל (צוזאַמען מיט יאַ. גאָלדמאַן און ר. מיסטיסלאַווסקאַיאַ האָט זי אויפגעפירט דעם ספּעקטאַקל „שטענדיק מיט אײַך“) און פון דער באַקאַנטער זינגערן נעכאַמע ליפּשיצײַטע.

די קאָנצערטן האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

ל. ליאַדער (קירגיזיִע): אין פרונזע איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דער טעאַטראַליזירטער אַנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פון אַנע גוזיק, וואָס האָט אויפגעפירט דעם ספּעקטאַקל „בלאָנדזשנדע שטערן“.

י. שלאַפמאַן (טשערנאָוויץ): דאָ האָבן זייער אויסגענומען די קאָנצערטן פון נעכאַמע ליפּשיצײַטע, וועלכע איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַנײַטער פּראָגראַם.

אַ. איטקעס (מאָסקווע): לעצטנס איז אין קאָנצערט־זאַל פונעם האָטעל „סאָוועטסקאַיאַ“ אויפגעטראָטן דער טעאַטער־אַנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פונעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט בינאָמין שוואַרצער, וועלכער האָט מיט דערפאָלג באַוויזן דעם ספּעקטאַקל „200 000“ לויט שאָלעם־אַליינעמען.

אויסלענדישע פּראָגרעסיווע ייִדישע צײַטונגען וועגן פּערעץ מאַרקיש און לייב קוויטקאָ

די פּראָגרעסיווע ייִדישע פּרעסע אין אויסלאַנד האָט ברייט אָפּגעמערקט דעם 70־טן געבורטסטאָג פון פּערעץ מאַרקיש און דעם 75־טן געבורטסטאָג פון לייב קוויטקאָ. די צײַטונגען „נײַע פּרעסע“, „פאָלקס־שטימע“, „פרײַ ייִסראָעל“, „מאָרגן־פרײַהײַט“, „אונדזער פרײַנט“, „אונדזער לעבן“, „וואָכנבלאַט“ האָבן געווידמעט אַרטיקלען און ספּעציִעלע ליטעראַרישע זײַטן דעם לעבן און דער שאַפונג פון די צוויי גרויסע סאָוועטישע ייִדישע דיכטער.

די צײַטונגען האָבן אויך געדרוקט גענויע באַריכטן וועגן די אָנדענק־אָוונטן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין מאָסקווע, פּאַריז, וואַרשע, טעל־אַוויוו.

קאָנצערטן פון זאַרא דאָלוכאַנאָוואַ אין ייִסראָעל

די באַרימטע סאָוועטישע זינגערן זאַראַ דאָלוכאַנאָוואַ איז אין דעקאַבער אויפגעטראָטן, אין דער באַגלייטונג פונעם פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער פון ייִסראָעל, מיט קאָנצערטן אין טעל־אַוויוו, ירושאָלאַיִם און בעייר־שעווע.

ז. דאָלוכאַנאָוואַ איז אין אַלע קאָנצערט־זאַלן באַגלייט געוואָרן מיט רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

כראָניק

יִדישער סאָוועטישער זשורנאַליסט אין יִשׂראל

פון יִשׂראל האָט זיך אומגעקערט דער יִדישער סאָוועטישער זשורנאַליסט, מיטאַרבעטער פון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי" שלוימע ראַבינאָוויטש. בײַם זײַן רײַזע האָט ער זיך באַקאַנט מיטן לעבן אין לאַנד, באַזוכט אַ ריי געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, בײַגעווען אויף באַגעגענישן און אָוונטן. ש. ראַבינאָוויטש איז אויפגענומען געוואָרן דורך די רעדאַקטאָרן פון „קאָל־האָאָם" און „פרײַ יִשׂראל".

נײַע קונסט־ווערק וועגן פּרעצן און שלום־עליכמען

דער באַוווּסטער יִדישער קינסטלער זינאָווי טאָלקאַטשאָוו, וואָס וווינט אין קיִעוו, האָט געשאַפן צוויי נײַע סעריעס צייכענונגען צו די טעמעס י.־ל. פּרעץ און שלום־עליכעם.

אייניקע פון ז. טאָלקאַטשאָווס שאַפונגען וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין אונדזער זשורנאַל.

אַ בראָשור וועגן ביראָבידזשאַן

אין כאַבאַראָווסקער ביכער־פאַרלאַג איז דערשינען אַ נײַע בראָשור „די יִדישע אויטאָנאָמע געגנט". דאָס איז אַ זאַמלונג אַרטיקלען וועגן דער עקאָנאָמיק און קולטור פון ביראָבידזשאַן.

ג. פרידמאַן דערציילט אין זײַן אַרטיקל וועגן דער געשיכטע און דער אַנטוויקלונג פון דער געגנט. „עס בליט די ערד די בײַאַמורער", „פון קוסטאַרישע אַרטעלן ביז מאַשינבוי־זאַוואָדן" — אַזוי הייסן די אַרטיקלען פון ג. מיצעל און ד. שאַווער.

דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" נ. קאָרטשמינסקי שרײַבט וועגן דער טרײַער מי פון די מענטשן אין דער יִדישער אויטאָנאָמער געגנט. דעם וווּקס פון דער קולטור אין ביראָבידזשאַן האָט געווידמעט זײַן אַרטיקל דער זשורנאַליסט יע. קאָרסונסקי.

די בראָשור איז אילוסטרירט מיט בילדער פון דער שטאָט ביראָבידזשאַן און פון אַנדערע יִשובֿים פון דער געגנט.

דער מאַרקיש־יוביליי אין מאָסקווע

די פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר צוזאַמען מיט דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן דעם 8 דעקאַבער דורכגעפירט אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז אַ מאַסן־אָוונט, געווידמעט דעם 70־טן געבורטסטאָג פון פּרעץ מאַרקיש. אין זאַל זײַנען געווען העכער טויזנט מענטשן — לייענער, יִדישע און רוסישע שרײַבער, איבערזעצער פון מאַרקישעס ווערק אאַ.

דעם אָוונט האָט געעפנט דער דיכטער סערגיי נאַראָווטשאַטאָוו. מיט רעדעס און זיכרוינעס וועגן פּרעץ מאַרקישן זײַנען אַרויסגעטראָטן אַרן ווערגעליס, יעווגעני סורקאָוו, די דיכטער־איבערזעצער ש. ליפּקין און אַ. טאַרקאָווסקי, מאַרקישעס זין שימען און דאָוויד אאַ. איליאַ ערענבורג, וואָס האָט צוליב זײַן קראַנקײַט ניט געקאָנט בײַזײַן אויפן אָוונט, האָט צוגעשיקט אַ בריוו, וועלכן עס האָט פאָרגעלייענט דער דיכטער וו. לעוויק. דער אַרטיסט עמאַנויל קאַמינקאַ האָט געלייענט אַן אויסצוג פון מאַרקישעס ראָמאַן „טראָט פון דורות" (דער אויסצוג איז ערשט דעם יוביליי פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער מאָסקווער וואָכן־צײַטונג „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיִאַ"). מאַרקישעס לידער האָבן געלייענט די דיכטער יאַנקעוו שטערנבערג, אַווראָם גאָנטאַר, הירש אָשעראָוויטש, מאָטל גרוביאַן.

דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קינסטלערישער פּראָגראַם, צונויפגעשטעלט פון מאַרקישעס ווערק. אין איר האָבן זיך באַטייליקט די דראַמאַטישע אַקטריסע עסל קאָוונסקאַיאַ און די זינגער דינע פּאָטאַפּאָווסקאַיאַ און יאַן קראָסאָוו, וועלכע האָבן אויסגעפילט פּ. מאַרקישעס לידער אויף דער מוזיק פון אָ. ליכטענשטיין, ש. סענדעריי און ג. ברוק. עס איז דעמאָנסטרירט געוואָרן אַ קינאָ־כראָניק, אין וועלכער עס איז באַוויזן פּרעץ מאַרקישעס אַרויסטרעטונג מילכאָמע־צײַט אויפן אַנטיפאַשיסטישן מיטינג פון די פאָרשטייער פון יִדישן פאָלק אין מאָסקווע.

אַ פּרעסע־קאָנפערענץ פון דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד"

די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט דעם 11 דעקאַבער צונויפגערופן אין צענטראַלן זשורנאַליסטן־הויז אַ פּרעסע־קאָנפערענץ פון סאָוועטישע און אויסלענדישע זשורנאַליסטן, אויף וועלכער דער הויפּט־רעדאַקטאָר אַרן ווערגעליס האָט אינפאָרמירט וועגן דער אַרבעט פונעם זשורנאַל און וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אויף די פראַגן פון די קאָרעספּאָנדענטן פון „אַסאָשיִעיטעד־פּרעס", „קאָל־האָאָם", „טאַסס", פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי" און אַנד. זײַנען געגעבן געוואָרן אויסשעפּנדיקע ענטפֿערס.

פאָטאָ — וו. סאָבאָלעוו

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאלענדאר

דעם 2 יאַנוואַר 1966 איז געוואָרן 80 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן מוישע־לייב האַלפּערן.

מ.־ל. האַלפּערן איז געבוירן אין זלאָטשעוו (מיזרעך־גאַליציע). אין 1908 איז ער אריבערגעפאָרן אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אמעריקע, וו ער איז געווען פאַרנומען אַלס אַרבעטער בא פאַרשיידענע באַלעבאַטים. איינציַיטיק הייבט ער אָן צו דרוקן

לידער אין ייִדישע דעמאָקראַטישע אויסגאַבעס. אַן אָנגעזעענער פאָרשטייער פון די „יונגע", האָט מ.־ל. האַלפּערן זיך באַטייליקט אין די זאַמלביכער „ליטעראַטור" און „שריפטן". צוזאַמען מיט זײַן פרײַנט מוישע נאַדיר האָט ער אַרויסגעגעבן דעם זאַמלבוך „פון מענטש צו מענטש" (1915), צוזאַמען מיט מענאַכעמען — דעם זאַמלבוך „איסט בראָדוויי" (1916) און צוזאַמען מיט ב. גראַבאַרדן און ז. ווײַנפּערן — די מאַנאַטשריפט „אָטעם" (1923). מ.־ל. האַלפּערן איז געווען אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער צײַטונג „פרײַהײַט". זײַן ערשטער זאַמלבוך לידער „אין ניו־יאָרק" (פאַרלאַג „ווינקל", 1919) האָט אים אויפגעשטעלט אין צענטער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און האָט געבראַכט אים אַלגעמיינע אָנערקענונג. זײַן בוך „די גאָלדענע פּאַווע" (1924) האָט אים באַרימט געמאַכט אַלס דיכטער מיט אַ מעכטיקן טאַלאַנט.

מוישע־לייב האַלפּערנס שאַפונג איז פול מיט צאָרן און פּראָטעסט קעגן דער צוויַעסדיקער, דעגענערירטער „ציוויליזאַציע" פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. אין זײַנע לידער איז אַף אַ טראַגישן אויפן אויסגעדריקט די עלנט און די איינזאַמקײַט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקײַט אין דער וועלט, וו עס הערשט די מאַכט פון קאַפּיטאַל. אין זײַנע ווערק הערט זיך די שטים פונעם אָרבעטס־מענטש, זײַן גאַרן נאָך אַ בעסער לעבן.

מוישע־לייב האַלפּערן איז איינער פון די גרעסטע פאָרם־נאָוואַטאָרס אין דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג. ער איז אי אַ ליריקער, אי אַ סאַטיריקער. אָפט קומט ער אָן אויך צום דיכטערישן פּאַמפלעט און גראָטעסק. זײַן פּאָעטישע שפּראַך איז פאָלקסטימלעך, „גראָבלעך"־האַמויניש און צוזאַמען דערמיט — לײַדנשאַפטלעך־ראָמאַנטיש, זײַנע דיכטערישע בילדער און האַרבע פילאָסאָפישע פאַראַלגעמיינערונגען זײַנען נײַ לויט זייער פאָרם און אויפטרייסלענדיק לויט זייער אידייִישן טאָך. דאָס אַלץ גיט אַ סמאַך צו רעכענען מ.־ל. האַלפּערן פאַר איינעם פון די סאַמע אָנגעזעענסטע שעפער פון דער ייִדישער דיכטונג.

מוישע־לייב האַלפּערן איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1932.

הילעל אַלעקסאַנדראָוו — איינער פון די אָנגעזעענע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור־פאָרשער און היסטאָריקער — איז אַלט געוואָרן 75 יאָר.

הילעל אַלעקסאַנדראָוו איז געבוירן געוואָרן אין 1890 אין באָברויסק (ווײַסרוסלאַנד).

אין 1912 האָט הילעל אַלעקסאַנדראָוו געענדיקט די העכסטע קורסן פאַר מיזרעך־וויסנשאַפטן אין פּעטערבורג, און אין 1914 — דעם פּעטראָגראַדער אוניווערסיטעט. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט ער געלייענט לעקציעס פון געשיכטע אין

די ייִדישע שולן פון באָברויסק, אין ייִדישן פּעדאַגאָגישן טעכניקום אין מינסק און אין מעלוכע־אוניווערסיטעט פון ווײַסרוסלאַנד. ער האָט אויך אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין ייִדישן סעקטאָר פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. מער ווי צען יאָר האָט ה. אַלעקסאַנדראָוו זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן די געשיכטע און דעם מאַצעוו פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד און ליטע. דער דאָזיקער טעמע האָט ער געווידמעט אַ היפּשע צאָל אַרבעטן.

אין 1934 איז הילעל אַלעקסאַנדראָוו געווען אײַנגעלאַדן אין אינסטיטוט פאַר געשיכטע פון דער אַלפאַרבאַנדישער אַקאַדעמיע אין לענינגראַד אַלס וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר.

די לעצטע יאָרן אַרבעט ה. אַלעקסאַנדראָוו אַלס לעקטאָר און דאָצענט אַפן מיזרעך־פאַקולטעט פון לענינגראַדער אוניווערסיטעט. ער פירט אָן מיטן קורס „ייִדישע געשיכטע אין אוראַלטע צײַטן און אין מיטלאַלטער". איינציַיטיק פאָרשט ער די רײַכע ייִדישע אַרכיוון אין אינסטיטוט פון די פעלקער פון אַזיע. פאַר דער „היסטאָרישער ענציקלאָפּעדיע" האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע אַרטיקלען וועגן ייִדישער געשיכטע („מאַלכוס יעהודע", „מאַלכוס ייִסראָעל" אאַ.). ער פאָרשט די טקופע פון באַר־קאָכבאַ און האָט פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דער ראָל פון ראַבי אַקיווע אין דעם אויפשטאַנד פון די יאָרן 132—135.

צום 100־טן געבורטסטאָג פון ראָמען ראָלאַן

קינסטלער — ע. יאראָוו

לויטן באשלוס פונעם אלוועלטלעכן שאָלעם־ראַט ווערט האיאָר אָפּגעמערקט דער הונדערטסטער געבורטסטאָג פונעם גרויסן פראנצויזישן שרייַבער ראָמען ראָלאַן, איינעם פון די באדייַטנדיקסטע רעאליסטן פון דער ליטעראַטור פון XX יאָרהונדערט.

ראָמען ראָלאַן איז געווען א פרייַנט און פארערער פון דער רוסישער ליטעראַטור, באזונדערס פון ל. נ. טאָל־סטאָי, וועלכער האָט באווירקט זייַן שאַפונג. דער גרויסער פראנצויזישער שרייַבער איז געווען נאָענט צו מאַק־סים גאָרקין. ער האָט באגריסט די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און איז ביזן סאָף פון זייַן לעבן געבליבן א פרייַנט פונעם ראַטנפארבאנד און פונעם סאָוועטישן פאָלק.

דעם סאָוועטישן לייענער זייַנען באקאנט ראָמען ראָלאַנס ווערק „זשאַן קריסטאָף“, „די פארקישעפטע נע־שאָמע“, „קאָלא ברעניאָן“, „ראָבעספיער“, „דאָס לעבן פון בעטהאָווען“, „דאָס לעבן פון מיקעלאנדזשעלאָ“, „דאָס לעבן פון טאָלסטאָיען“ א. אנד.



ווינטער־שאָטנס.

אן איינוווינער פון אנדאַלוזיע.

פרענק קוירק איז א געבוירענער פון זשיטאָמיר. קיין אמעריקע האָט ער עמיגרירט אין 1910. אין 1945 איז ער געוואָרן א מיטגליד פון דער אמעריקאנער קונסט־אקאדעמיע.

אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט פון די פאריי־ניקטע שטאַטן איז קוירק גוט באַקאַנט אלס אקטיווער בויער פון „איקוף" און פון זײַנע קונסט־סעקציעס.

אָט וואָס עס שרײַבט וועגן פרענק קוירקן נאַכמען מײַזיל:

די קונסט פון פרענק קוירק „...איז טיף מענטשלעך און מיט א שאַרפן סאָציאַלן אינהאַלט... אין די לעצטע יאָרן, ווען מאָלערײַ האָט זיך שטאַרק געוואַקלט און געלאָזט זיך בלאָנדזשען איבער אבסטראַקטע פאָרמאַליסטישע אָדער סטאַם אַזוי אויסגעקליגלטע פאַרב־ און פאָרם־שפּילערײַען, איז פרענק קוירק געגאַנגען זײַן וועג פון רעאַלן און רעאַליסטישן זען און אָפּנעמען מענטשן און געגנשטאַנדן".

פרענק קוירק איז געשטאָרבן אין 1964 אין עלטער פון 75 יאָר.

מיר ברענגען דאָ צחיי ווערק פון דעם קינסטלער.

קינסטלער ס. גערשאָוו

„לייַט א ביסל טינט...“ איליוסטראציע צו שאָלעם־אליינעמס „מאָטל פייסי דעם כאזנס“.

נאטורמאָרט.

מע הייסט זיך אויסטאָן

(פון דער סעריע „אין די פאשיסטישע טויט־לאַגערן“)

לייענט און פֿאַרשפּרייט „סאָוועטיש היימלאַנד"

עס ווערט פֿאַרגעזעצט די אַבאָנירונג אויפֿן ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אויפֿן 1966 יאָר.

אונדזער זשורנאַל

דערשײַנט 12 מאָל אַ יאָר.

אַבאָנעמענט־פּרײַז:

אויף אַ יאָר — 6 רובל.

אויף 6 חדשים — 3 רובל.

פּרײַז פֿון איין נומער — 50 קאָפּ.

די אַבאָנירונג אויף „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט אָנגענומען אין באַגרענעצונגען אין אַלע אָפּטיילונגען פֿון „סאָיוזפּעטשאַט", אין די פּאָסט־אָפּטיילונגען און בײַ די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטער אין די אונטערנעמונגען און אַנשטאַלטן.

פֿאַרגעסט ניט באַצײַטנס אויסשרײַבן דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания шестой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, М. Тейф, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.
Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отделы прозы и поэзии — Б 8-49-42; отдел критики — Б 3-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер и А. Токер
Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 16/XII 1965 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 10(13,70). Бум. л. 5+2 вклейки. Уч.-изд. л. 16,21. Цена 50 коп. Заказ 916.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома Государственного Комитета Совета Министров СССР по печати. Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

34
2 ЗАЧАТЬЕВСКИЙ ПЕР.
Д.2 КОР.7 КВ.68
СКЛЯРСКОМУ
1.6 СР ЕВР

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 1

1966

В НОМЕРЕ:

Ш. Шкаровский. Одесса. (Роман).

Произведения наших друзей. Стихи И. Гольдберга, Э. Ример, Р. Минцес (Аргентина).

Стихи А. Гонтаря, М. Грубиана, В. Данько.

Ш. Горшман. Недалеко от стройки. (Рассказ).

ТРИБУНА ЖИЗНИ

Г. Полянкер. В пути.

ЛИТЕРАТУРА И ИСКУССТВО

Г. Ременик. Творчество Нотэ Лурье. (К 60-летию со дня рождения).

Неопубликованные письма Шолом-Алейхема. Комментарии Х. Наделя.

А. Финкельштейн. Произведения еврейских советских писателей, изданные в 1955—1964 гг.

Листая журналы и газеты.

This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation